אסיפה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ספריה עצמית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TO

מרדכי עטינגער

ר א מ א ן

פון ה. געלבוים

פארלאג גראהאר־סטאראלסקי ניו יארק, 1926

Copyright by
H. Gelbaum, 1926

ספריה עממית בטורנטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
TORONTO

טרייענגל דרוקעריי, 112 פערטע עוועניו, ניו יארק, נ. י.

יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

מרדכי עטינגער

1

ווי נאָר דער וואַנטזייגער האָט אויסגעשלאָגן אַכט, די מענטשלאַך אינעווייניק האָבן אָפּגעזונגען און אָפּגעשפּילט דאָס שוין צום טויזנטסטן מאָל געשפּילטע און געזונגענע, אַזוי איז דעמאָלט דער פרוי עטינגער געוואָרן גרינגער אויפ'ן האַרצן — דער טאָג איז שוין פאַרגאַנגען, נאָך אַ מינוט צי נאָך אַ מינוט און עס וועט באַלד אַריינקומען איר מאַן און זי וועט באַלד קענען זען מיט אירע אייגענע אויגן ווי אַזוי ער קוקט היינט אויס — עס האָט איר בלויז געגעבן נאָך אַמאָל אַ קליינעם קלאַפּ אין האַרצן, ווען ער איז טאַקי אַריינגעקומען.

און מיט זיין אַריינקומען האָט זיך טאַקי באַלד, איבער דער שטוב דורכגעטראָגן אַ שטילער רויש. כאָטש קיינער האָט גאָר נישט ניט געזאָגט און קיינער האָט גאָר נישט ניט געטאָן, האָבן זיך אָבער פון זיך אַליין אָנגעהויבן באַוועגן די שווערע גאַרדינען, וואָס זענען געהאַנגען איבער די פענסטער, און די שטילע שווערבאַהאַנגענדיגקייט, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט צעפּאַרעטער לופט, האָט לויז אָנגעהויבן אַרומצושוועבן און זיך אויפהויבן אַרויף צו דער סטעליע צו, דער שמאָלער, לאַנגער קאָרידאָר האָט שווער און ווייטמוטיק אָנגעהויבן צו קרעכצן — עס האָט זיך געדוכט ווי דער גאַנצער לאַנגער חלל איז געוואָרן אָנגעפילט מיט דעם מאַן — מרדכי עטינגער.

— נעם אַראָפּ מיין מאַנטל עמאַ! — האָט ער אַ ווייטאַק־דיקער, מיט פאַרביסענע ליפּן, ווי פון צווישן די ציין, גביר'יש אַרויסגעזווינגן — גיב מיר די יאַרמולקע, גיס אָן די וואַנע.

און ער איז געבליבן אַזוי שטיין. די הענט צושפּרייט, מיט דער נאָז האָט ער שווער געבלאָזן, האַלב אַראָפּגעשלעפּט דעם מאַנטל פון די פּלייצעס האָט ער געוואַרט אַז די דינסט זאָל צונעמען דעם בגד.

אָבער זיינע רייד זיינען געווען לחלוטין איבריקע. די וואַנע איז שוין געווען פון פריער אָן אָנגעגאָסענע, און נאָך אַ סך פריער, איידער זיין אָנקומען, האָט זיך שוין איבער דער שטוב ארומגעטראָגן זיין אָנקומענדיקער אָטעם. דער גרויסער וואַנט־זייגער האָט דאָך שוין געקלונגען, און אפשר לכבוד אים גע־קלונגען, עמא מיט אַלעם צוגעגרייט, איז שוין געזעסן פּוסט און פּאַס אויף דעם ווייסן בענקל, וואָס אין קיך און פון זיך צו־שפּרייט אַן אומרואיקע ערוואַרטונג. גאָפּל און מעסער האָבן געקלונגען אַרויס פון עסצימער. די צודעקלאַך איבער די אַלומנע טעפּ אין קיך, האָבן זיך געהויבן פון דער זודיקער פּאַרע און געקלאַפּט מיט דריבנע נערוועזע קלעפּ, און איבער דער גאַנצער שטוב האָט זיך שוין געטראָגן דער געווירצטער ריח פון געשמאַ־קע מאכלים — עס איז געווען אינגאַנצן איבעריק זיינע רעד, ווען ער האָט נאָך אַמאָל ווידערהאָלט — „זאָל די וואַנע זיין אַ הייסע, עמא — אַ זודיקע“.

מען האָט אים אָבער אין דעם אַלעמען ניט געקענט באַ־שולדיקן. זיין פאַרקרימט פּנים איז איצט געווען אינגאַנצן שפּיציק; טיפע קנייטשן אָנגעשטאָפּטע מיט ווייטאָק האָבן זיך איינגעשניטען אַרום זיין מויל. זיין נאָז איז געווען אויס־געצויגן, ווי אַ שנאָבל און בלאַס אויפ׳ן סאַמע שפּיץ. מען האָט אויף אַן אמת׳ן פאַר זיך געזען אַ חולה מסוכן, און מרדכי עטינגער מיינט שוין דעמאָלט אַז אַט איז געקומען די מינוט פון פּעקלען זיך — ער הויבט זיך אָן גרייטן צום פּעקלען זיך. ער איילט זיך. צען מאָל אין אַ מינוט ווידערהאָלט ער די זעלבינע רעד. ער טוט זיך אויס און ער טוט זיך צוריק אָן. ווי אַן אָקס, וואָס דערשמעקט בלוט אַזוי הויבט ער אָן אַ פאַרצווייפלטערשלאָ־גענער אַרומשפּאַנען אַהער און אַהין. שנעל, ווי אַ בליץ טוט אים אַ קלאַפּ אין האַרצן זיין טיפבאַהאַלטענער חטא — ווען וועט ער אָפּוואַשן זיינע זינד? מיט וואָס וועט ער אָפּוואַשן זיינע זינד? טאָמער וועט ער שוין, די נאַכט שטאַרבן?

און עס באַפאַלט אים אַן אימה. איילנדיק טוט ער תשובה. אויף אויסנווייניק און אין אומאָרדנונג זאָגט ער פאַרשידענע פּסוקים און קאַפּיטלאַך פון אַלערליי תפילות. ער קאָרטשעט זיך אינגאַנצן איין, פון די צוויי אַקסלען וואַקסן אויס צוויי

הויכע האַרבן, צווישן וועלכע עס זיצט אַ גרויסער שפּיציקבאַ־יאַרמולקטער קאָפּ, און אָן זיין איינגענעם באַוואוסטזיין שרייט ער שוין סיי ווי סיי אויף דער דינסט:

— זע די וואַנע זאָל זיין אַ הייסע עמאַ. מאַקע אַ שטאַרק זודיקע.

מרדכי עטינגער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק. ער האָט געהאַט אַ רעליגיעזע נאַטור, און איז געווען אַן אָבער־גלויבישער מענטש. אַ מענטש אַ זיכערער און ניט זיכערער.

ווען ער פלעגט, מיט'ן באַגינען, אויפשטיין, און שטיל, האַלב־נאַקעט זיך אַרומשאַרן איבער די ווייך־וואַרעמע טעפּיכער, האָט דעמאָלט פון זיינע אויגן אַרויסגעשיינט אַ פריידיקע שיין. פון זיין מח האָבן זיך אין דער לופט אַרויס צושפּרייט שאַרפע טראַכטונגען. גאַר אָן אַנשטרענגונג האָבן זיך פון זיין מח אויסגעשיילט אַלערליי וויטזעענדיקע פּלענער, און אין דער לופטן, מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער געקענט לעזן אַלערליי ציפערן. ער האָט די ציפערן גע'חיבור'ט, זיי גע'כפל'ט און צום סוף צעבראָכן אויפ'ן קלענסטן תשבורת, און ער האָט שוין אַזוי אַ פּאַרטיק אויסגעטראַכטער, געקענט זען אין דער לופטן זיין גאַנצן מסחר. אַלערליי סאָרטן וואָל — ענגלישע און שפּאַנישע און זיד־אַמעריקאַנישע, זיינען געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. ער האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן געזען אַזוי פיל באַלן פון דעם סאָרט, און אַזוי פיל פון דעם סאָרט און דערנאָך האָט ער געגעבן אין דער לופטן אַ פּאַך מיט דער האַנט, וואָס האָט געמיינט אַ פּאַס, ווי מען ציט אונטער אַ חשבון — און ער האָט שוין אין זיין קלאָרקייט געוואוסט, וואָס ווייטער צו טאָן.

אָבער אין מיטן פון אַזאַ מין קלאָרן טראַכטן, האָבן זיך ערגיץ אין זיין מח פּלוצלינג געעפנט קליינע פאַרמאַכטע קע־מערלאַך, אָנגעשטאָפּטע מיט ביינאַכטיקער טונקלקייט, וואָס האָבן צעשפּרייט שרעק איבער זיין לייב. און דעמאָלט פלעגט ער שוין ווערן איינגעקאָרטשעט פון ווייטאָק. זיין האַרץ הויבט אין אים אָן צו קלאַפּן פון עפּעס אַ פאַרהוילטן אָנקום, ווי אויף ווייכן גומי, וואָס שפּרינגט אָפּ פון דער ערד, אַזוי ווערט דעמאָלט

זיין טראַט לופטיק פליענדיק און אין איין און דער זעלבער צייט טראַכט ער שוין אַלערליי געדאַנקען.

— פאַרוואָס זאָל זיין טאָכטער אסתר ניט חתונה האָבן מיט'ן אייניקל פון דעם באַוואוסטן גוטן אידן? — קומט אים אַן אַ געדאַנק אויפ'ן זינען — צי אפשר וואָלט מען געקענט אויסגעפינען אַ מיטל אַז אויף די קריזשעס פון פערד און פון קי זאָלן וואַקסן וואָל? אין מיטן העלן טאָג האָט זיך אים איינמאָל געחלום'ט אַ חלום, אַז די הויז אין וועלכער עס געפינט זיך זיין ווייב עטעל, האָט זיך אַנגעצונדן פון אַלע פיר זייטן. דער ווינט האָט אונטערגעטראָגן זיין געוואָרענע גרינג־קייט. זיינע אויגן זענען געוואָרן רויט און זענען געקראָכן פון די לעכער. ער האָט געזען פלאַמען זיך ציען פון די פענסטער אַרויס. ווי אַ צעווילדעטע חיה אין אַ פאַרשלאָסענער שטייג איז זיין ווייב אַרומגעלאָפן אין דער ברענענדיקער שטוב. ער האָט זיך געלאָזט לויפן צו דער הויז, אָבער אינמיטן האָט אים איבערגעהאַקט דעם וועג אַ גרויס פליסנדיק וואַסער. ווען ער האָט אַראָפגעוואָרפן זיינע שיך האָט זיך דאָס וואַסער אויפ־געהויבן העכער, ווען ער האָט דערנאָך פאַרקאַטשעט די הויזן, ביזקל די קני האָט זיך דאָס וואַסער אויפגעהויבן נאָך הע־כער, — דאָס וואַסער האָט זיך אויפגעהויבן ביז'ן האַלדז, ער איז שיעור ניט דערטרונקען געוואָרן.

אויך האָט זיך איינמאָל געטראָפן אַז ער איז געשטאַנען ביי זיך אין שאַפּ און עס איז אַריינגעקומען אשר ראָזענצווייג. דער איד איז געווען אַ גרויסער סוחר. עטינגער האָט מיט אים געהאַנדלט פאַר יאָרן לאַנג. טאַקי דעם זעלבן אינדערפרי האָט אים מרדכי עטינגער אַרויסגעשיקט אַ טראַנספּאָרט מיט ענגלישע „מאַהיירס“, און ער האָט זיך געפרייט מיט'ן גרויסן רווח דעם פרימאָרגנדיקן — ערשט עס עפנט זיך טיר, און עס קומט אַריין אשר ראָזענצווייג, זיין פנים איז אויסגעשמירט אין בלאָטע, אין בלאָטע איז איינגעקאָלטנט די באָרד, דער רעכטער אויער איז ביי אים אויף צוויי דינע העלפטן צעשפּאָלטן און אויסגעבויגן, ווי בלעטער פון דיקן פּאַפּיר, אשר ראָזענצווייג האָט אויסגעשטרעקט אַ דאַרע פּאַראַליזירטע האַנט — שענקט

מיר א נדבה — האָט ער געזאָגט. מרדכי עטינגער האָט זיך צעוויינט — ווי אַ מענטש קען דאָס איבער נאַכט בדלות ווערן.

אין אַזעלכע אַ טעג צי נעכט, פלעגט מרדכי עטינגער אינ־גאַנצן איינשרומפּן. די הויט פון זיין פּנים איז געוואָרן ווי צוקאָרבטע קאָרע. ער פלעגט דעמאָלט לערנען אַלערליי נישט־קלאָרע ספרים, געזוכט רמזים, מנדר געווען אַלערליי נדרים און אויסמיידן דעם ציפער דרייצן. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם דאַזיקן ציפער, און ער פלעגט זיך אַליין אויף אַלערליי אופנים אויספּרוּוון. ער האָט למשל איצט, מיט זיין קאַפּוויטאַק, זיך אויף אַזאַ מין אופן אויסגעפּרוּווט: אויב ער וועט זיצן אין וואַנע ביז צען מינוט איז עס אַ גוטער סימן אויב שפּעטער ווי צען מינוט, איז עס אַ שלעכטער סימן, און ער האָט זיך שוין — ווי אויף צו להכעיס שפּילנדיק זיך מיט זיין אייגענעם שיקזאַל, אָרומגעטראָגן מיט'ן זייגער אין האַנט, געציילט די מינוטן און ווייל אין גרויס שרעק, האָט ער שוין דווקא אויף זיין דינסט ניט געשריען, פאַרקערט — גע־דולדיק געוואַרט — ער האָט געוואָלט אי זו, אי זיך אויס־פּרוּוון.

נאָר מער ווי צען מינוט האָט ער אַזוי ניט געקענט איבער־טראָגן. אַ כוואַליע קאַלטער שווייס האָט זיך געגעבן אַ צוגאָס איבער זיין וואַרעמער הויט, און האָט מיט איינגעשפּאַרטקייט געשטויסן די היץ וואָס איז געקומען פון זיין לייב. ער האָט אָנגעהויבן ברעכן די פינגער

— נו שוין עמאַ, זעסט דאָך ווי עס ווערט מיר צעשאָסן דער קאָפּ.

און אין אַ מינוט אַרום:

— עמאַ!

און נאָך אַ סעקונדע — ער איז שוין געווען אין גאַנצן פאַרצווייפלט. אַ רעזיגנירטער. פאַר די זייגערדיקע ווייזערס זיך געשראָקן. ער האָט בגנבה אַרונטערגעלייגט זיין קעשענע זייגער אונטער אַ דעקל פון אַ צוקער־פּושקע.

— פּליעז עמאַ.

עס איז שוין אָבער געווען אַלעס פאַרפאַלן. דאָס וואַסער איז געווען אָפּגעקילט. עמאַ האָט צוויי מאָל מיט נרוים דרך

ארץ און שטיל, ווי עס פאסט פאר א באלעבאטיש דינסטמיידל, געראפן — דאס וואסער ווערט קאלט — אבער מרדכי עטינגער האט זי ניט געהערט, און איצט האט שוין עמא געמוזט עפענען דעם פארשטאפער כדי דאס וואסער איבערצובייטן.

מרדכי עטינגער האט אין דעם געזען א סימן פון אומגליק. פון אונטער זיינע נעגל האט געבלאזן שרעק, פון זיינע נאז־לעכער א דינער ווינט, ער האט אזש פארקרימט דאס מויל. און איבערן שטוב האט זיך צעלייגט א שטילע אנשטרענגונג — פון דאס ניי האט געזשומעט גיסנדיק וואסער פון דעם אפענעם קראן. מען האט אין חדרים אנגעצונדן ליכט און זיי צוריק אויסגעלאשן. עמא האט געשוועבט — א שטילער שאטן איבער די גרויסע חדרים. זי האט ארויסגענומען א האנטוך, און זיך אין מיטן דערמאנט אז האנטוכער האט זי אנגעגרייט צוויי — א טערקישן און א פשוט'ן — אויף אייביק וועל איך שוין טאקי בלייבן אזוי זיצן — האט זי אנגעהויבן טראכטן אין פאר־צווייפלונג — ביז'ן גרויען צאפ אריין. אז א מענטש געדענקט ניט פון דאנען אהין. אין ווינקל פון קיך האט זי זיך פאר־טשעפעט און איז אומגעפאלן — זי האט דריי מאל אויס־געשפיגן.

— סיי ווי, — טראכט מרדכי עטינגער, — איז שוין מיין קוויטל אן אנגעצייכנטס — איז וואס זשע דארף מען זיך דעמאלט איילן? האט ער שוין טאקי ארומגעשפאנט א ווארטנ־דיקער איבער זיינע גראמע חדרים און געמיטלאך באטראכט דאס מעבל זיינס. דאס מעבל איז געווען פון אמת'ער מאהאגאני — אימפארטירטע שטיקער. איין צימער האט אזוי פאראדנע ארייגנעפירט אין דעם צווייטן צימער, און אט איז ער שוין אין מוזיק־זאל. מיט א שוואכער האנט האט ער ארויסגענומען דאס טיכעלע פון קעשענע און דערמיט אפגעשטויבט די פיאנא, אין ווינקל ביים פענסטער איז געווען אריינגעשלאגן א קליין טשוועקל האט ער עס פארזיכטיק ארויסגענומען און ארויסגע־ווארפן דורכן פענסטער. פאר איין סעקונדע, פאר איין אויגנבליק האט ער א טראכט געטאן פון זיין מסחר.

— א גאנצן וואגאן מיט וואל האט ער היינט ארויסגעשיקט

קיין אויסלאנד. אינווייניק אין די פּעק איז געווען גענוג וואַ־סער אַריינגעגאָסן.

— דאַנקען גאָט, — טראַכט ער, — גאָט וועט אים אויך ווייטער ניט פאַרלאָזן. עס וועט מקוים ווערן די ברכה פון זיין טאַטן — זיין טאַטע האָט אים געבענטשט, ווי יעקב — יוסף׳ן — „איך ווינטש דיר זאָלסט ביי אַלעמען נושא חן זיין". מרדכי עטינגער איז ביי אַלעמען נושא חן. ביי די מענטשן מיט וועמען ער האַנדלט, אין זיין שול, אין די בענק — מרדכי עטינגער האָט אַ נאָמען אין די בענק. ער האָט פּאַוואָליע אַראָפּגעשלעפּט דעם ראָק, דאָס זיידענע אויבערהעמד, אַ היימישער איז ער געבליבן שטיין, מיט׳ן בויך דעם גרויסן פאָרדעקט ביז אַ העלפט מיט גרוי געשטרייפטע הויזן. אַ פאַרשעמטער האָט ער צו־ריק געבראַכט דעם גאָלדענעם זייגער מיט׳ן אידיש אויסגעקריצטן מאָנאָגראַם, און אים אַריינגעלייגט אין דער קליינער פייער קאַסע; און פאַרזיכטיק פאַרמאַכט דאָס קליינע דעקל.

אַן עברה, אַן עברה, — האָט ער געטראַכט — מען וואָלט געווען געקענט מער וואַסער אַריינגיסן — עס איז ריינע וואַל געווען.

ווען ער האָט זיך נאָך אַמאָל אָנגעגענט מיט דער דינסטס בליקן, האָט ער אַ ציטער געטאָן — עס איז שוין געווען אפשר אַ האַלבע שעה זייט זי פאַרעט זיך דאָרטן — אָבער וואָס איז שוין איצט דער חילוק — די זון גייט אַלע טאָג אויף אין מזרח זייט. אַלע פרימאָרגן זינגען פויגלען. עס איז דאָ אַ סדר אין דער וועלט — און ווען די גאַנצע וועלט, וואָלט אפילו אין איין טאָג אונטער־געגאַנגען, איז אויך גוט אזוי.

עס איז טאַקי גוט אזוי. אין דער הייסער וואַנע, מיט׳ן זודיקן וואַסער האָט עטינגער׳ן ביסלאַכווייז דער קאָפּווייטאָק אָפּגע־לאָזן און ער האָט דערנאָך אזוי לאַנג געלייגט הייסע קאָמפּרעסן אויפ׳ן קאָפּ און צום שטערן, ביז די ווייטאָק איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. עס האָבן זיך ביסלאַכווייז אויסגעגליכן די קנייטשן פון זיין פּנים, דאָס פאַרקרימטע מויל האָט זיך אויך אויסגעגליכן, און עפּעס פליענדיקס האָט אנגעהויבן פלאַטערן אין זיין מוח — אָט טראַכט ער פון סדר העולם, און אָט

טראכט ער פון זיינע קינדער, און אַט טראַכט ער שוין פון זיין מסחר. און ווען מרדכי עטינגער האָט זיצנדיק אין וואַנע אָנגעהויבן טראַכטן פון מסחר, האָט ער אינסטינקטיוו פון דאָרטן אַרויסגענומען אַ נאַסע האַנט, פון דער האַנט האָבן אַראָפּגע־קאַפּעט טראָפּנס צוריק אין וואַנע אַריין, און מיט אַ נאַסן פינגער האָט ער אָנגעהויבן רעכענען אויף דער פאַרשוויצטער שויב פון דעם קליינעם פענסטערל. ער האָט מיט'ן פינגער אָנגעשריבן — 40 און אין גערעכנט געטראַכט — ביי אשר ראָזענ־צווייג'ן. נאָך אַ מאָל — 40 — און שוין אין גערעכנט גע־טראַכט — ביי שטיינבערג'ן. — 120 — און געטראַכט — דאָס וועט מען צענויפקלייבן אין שאַפּ — ער האָט אונטערגע־צויגן — 200 — און באַשלאָסן צענויפצושטעלן אַ נייעם טראַנס־פּאָרט !

מרדכי עטינגער'ן טוט שוין ניט וויי דער קאָפּ. איצט זינגט שוין אין אים אַ געלע פרייד. אין די ווינקלען מויל קיצלט אים, ער מוז לאַכן. אַלע סעקונדעס מוז ער לאַכן. און ער איז אַזוי אַ פריילאַכער אַריינגעקומען אין לעזעצימער.

ער האָט ניט געלייענט און גאָר נישט ניט געטראַכט. אים איז בלויז געווען ליכטיק אין די אויגן, און ער האָט אַזוי געשפּאַנט און איז געזעסן און ווידער אַרום געשפּאַנט, גדלות'דיק, צעשפּרייט, און אַפילו, ווען אַלע קנעפּלאַך פון דעם מאָרגן־ראָק זענען געווען צושפּיליעטע — האָט עס נאָך מער באַוויזן די ברייט־צעשפּרייטע גבור'שקייט זיינע — אַזאַ ברייטער, הויכער באַלעבאָס, מיט אַ לייב, פון וועלכן עס זעצט אַ פּאַרע. ער האָט פון אַ שאַפּע אַרויסגענומען אַ פלאַש מיט בראַנפן, אָנגעגאָסן אַ העלפט פון אַ זילבערנעם בעכער, געמאַכט אַ ברכה און אויסגעטרונקען.

מרדכי עטינגער איז שוין ביים טיש געזעסן אַן אויסגע־פּוצטער. ביי זיין זייט איז געזעסן זיין ווייב עטעל. אין מיטענדערוואָך — אָבער עס איז אין דעם צימער און איבער דעם טיש געלעגן צולייגט אַ שבת'דיקע אויפגעראַמטקייט. עס האָט געבלאַנקט דאָס טישטאָך, עס האָט זיך געמיניעט אין זילבער־בלוי דאָס עסצייג. זיין ספּעציעל געמאַכטער הויז־ראָק איז געווען פון שוואַרצן ווייכן בראַקאַט, אויפ'ן קאָפּ, הויך איבער'ן שטערן

איז געלעגן די זיידענע, אכט עקיקע יארמאלקע, און זיין בערדל איז געווען פראנצויזיש צוגעשניצט.

ווען ער האט ביים טיש גענומען נאך א ביסל בראנפן, איז אים אויפ'ן הארצן נאך פרייליכער געווארן. דער קאפ א לייכט־צומישטער האט זיך תפילה'דיק געשאקלט. פון זיין הארץ האט זיך צעשפרייט א ברייטע ליבע — עטעל — האט ער געזאגט — איך האב ליב דעם גאט פון אונזערע אבות.

עטל האט זיך אזש אונטערגעהויבן פון איר זיץ, זי האט צו אים צוגערוקט דעם גרויסן פאלימוסיק מיט דער געקאכטער הון, האט ארומגעשיילט דאס פלייש פון די ביינער, זי וואלט אפילו דאס פלייש אים אין מויל אריינגעלייגט.

— זיץ, זיץ, — האט ער זי פאר דער האנט געשטופט.

— בעסער עס דאס — האט זי געזאגט.

— זאל זיין דאס — האט ער געענטפערט.

— א הארטע הון, — האט זי געזאגט.

— וואס איז דער חילוק — האט ער געענטפערט — עס איז געווען א גרויסע שפע היינט.

— דאנקען גאט, — האט זי געזאגט.

— מארגן שיק איך ווידער.

מרדכי עטינגער האט זיך דערמאנט און געפרעגט:

— כ'געדענק נאר ניט — האסטו גענומען אביסל בראנפן?

זי האט ניט גענומען קיין ביסל בראנפן. און זי וויל ניט קיין בראנפן, עס איז איר גוט אזוי אויך — זאל ער נאר זען און אכטונג געבן אויפ'ן געזונט.

— ווי אזוי קען דען, און נאך וואס דארף דען א מענטש אכטונג געבן אויף זיין געזונט, ווען גאט איז אליין א גוטער אכטונג־געבער? אכטונג געבן דארף א מענטש בלויז אויף זיינע מעשים, אויף זיין רצון — א מענטש דארף אלע טאג לויטערן און רייניקן זיין נשמה — פון די זינד דארף זיך בלויז א מענטש ריינוואשן.

עטעל האט געשוויגן. זי האט געלויכטן אין איר היימיש־קייט, זי האט זיך אינגאנצן אויפגעלייזט אין דער ליכטיקייט פון איר מאן. מיט איר ניט אמעריקאניזירט פנים, מיט דער הויכער פריזור, מיט'ן דינעם, שווארצן קלייד, און מיט אירע

טרויעריקע, אי גלאנציקע אי ניט־גלאנציקע אויגן האָט זי צו־
נעגעבן צו דעם טיש אַ אידישן חן — מרדכי עטינגער האָט טאַקי
געמוזט איבער איר ציטערן — איינער האָט זיך נאָר געזאָרגט פאַר'ן
צווייטן, איינער האָט נאָר געררוקט דעם טעלער צום צווייטן —
עס דו, און עס דו, נעם דאָס און נעם דאָס — עטעל האָט מיט
אַלע אירע מיטלען געוואָלט אַפּווענדן איר מאַנ'ס בליק פון די
איבעריק געגרייטע טעלער. די טעלער זיינען גלאַנציק טרויעריק
געשטאַנען ווי אבלים און געוואַרט פאַר די קינדער. די קינדער
זיינען ניט געווען. מרדכי עטינגער האָט זיך שטיל געבייזערט
— צי קענען זיי דען ניט אָפּוואַרטן מיט'ן אוועקלויפן ביז דער
טאַטע וועט אַהיים קומען?

— זאָג מיר עטעל, מען קען גאָר קיינמאָל מיט זיי ביי איין
טיש ניט עסן?

עטעל ווייס ניט וואָס צו ענטפערן. זי טראַכט זיך —
ער איז אודאי גערעכט. אָבער עס טוט איר ווי דאָס האַרץ.
זי ווייסט אַז קינדער זיינען אַנדערש, — מיט אַ שטיל, כמעט
בעטנדיק קול זאָגט זי:

— איז וואָס ווילסטו, אַז קינדער זאָלן דיר זיצן און וואַרטן
ביזקל האַלבער נאַכט?

מען עסט שוין די זופּ. מיט אַ שמעקנדיקער פאַרע איז
פאַרצויגן דער ברעג טעלער. אַלע מאָל דאַרף עטינגער אָפּ־
ווישן די באָרד. ער דרייט דאָס גלאָט אויסגעפּרעסטע סערוועטל
אַרום אַ פינגער און ווישט דערמיט זיינע וואָנצן. ער איז
שוין זאַט און גוטמוטיק און רעדט אינגאַנצן אַן ווייטאָק.

— ביזט אַ אידענע, אַ אידענע — דו מיינסט אַז מיר אַליין
איז עס נוגע. דו מיינסט אַז פון מיינעטוועגן לויף איך אַרום.
אַז ווען איך בין רק פאַרנומען איז עס צוליב מיר; קיין מענטש טוט
ניט קיין זאַך בלויז צוליב אים אַליין. אינעווייניק אין זיין
האַרצן ליגט אַ באַהאַלטענער צוועק, וואָס יעדער מענטש טוט
בלינדערהייט אויספּאָלגן. פון אויבן איז יעדן אָנגעצייכנט זיין
שליחות — איך מרדכי עטינגער דאַרף שיקן וואָל קיין אויס־
לאַנד, איך מרדכי עטינגער דאַרף ברענגען וואָל פון אויסלאַנד.

מרדכי עטינגער'ס טאַטע פלעגט שבת ביים טיש זאָגן תורה,
ער האָט ליב געהאַט צו רעדן און דערציילן די וואונדער פון דער

תורה, זיין מאמע און אלע קינדער ביים טיש, פלעגן זיצן און הערן דעם טאטנס וואונדער מעשיות — מרדכי עטינגער האט אויך ליב געהאט ביים טיש צו דערציילן מעשיות. ער האט נאכ־געזאגט גאנצע פסוקים פון אלערליי ספרים. ער האט דערציילט מעשיות, טאגיקע פאסירונגען, ער האט איצט א צעפלאמטער, און נאך אביסל בראנפן — אן אויפגעלעגטער גערעדט און גערעדט — דו קענסט זיך גאר ניט פארשטעלן אזא זאך, אז א מענטש טראגט אין זיך א גלויבן. אז א מענטש ווארט בלויז אויף דער מינוט, ווען ער וועט קענען זיין ווארט, זיין אמת'־דיק ווארט ארויסזאגן. פארשטייסטו ניט אז יעדן מענטשנס לעבן מוז האבן א ציל? און אויב איינער פירט א מלוכה, איינער — שיפן איבער ימ'ען, האב איך מיר אויך מיין שליחות? עס איז דא עטעל א כונה אין מיין האנדלען — א זין האט מיין לעבן, פונקט ווי עס האט א זין דאס וואקסן פון דעם נידריקן גראז — מיט מיין ערציען קינדער אזוי ווי איך וויל, דערפיל איך א היילינע שליחות. אידישע קינדער טארן ניט פארגעסן אין זייער גאט. וואס בלייבט איבער דעם אידישן קינד, ווען עס גייט אוועק פון זיין גאט? אבער ווארום האב איך ניט קיין כוח מיינע רייד אריינצוגיסן אין זייערע הערצער אזוי, אז זיי זאלן מוזן לעבן אזוי ווי איך וויל! איך זע דאך שוין אז עס איז מער ניט ווי רעדן, רעדן, רעדן, וואס דערגרייכן ניט קיינעמס אויערן. —

ריידנדיק האט זיך מרדכי עטינגער אלץ מער אויפגערעגט, זיין פנים האט זיך גערויטלט, ער האט אפגערוקט פון זיך דעם טעלער מיט דעם לעפל, אנגעהויבן אפשארן די ברעקלאך פון טיש און פון אן אויפגעהויבענער האנט דורך די פינגער געזיפט די ברעקלאך צוריק אין טעלער אריין.

— מיינע קינדער, — האט ער געזאגט, — מוזן זיין אזוי ווי איך וויל, אזוי ווי עס פאסט פאר מיין שטאם, מיינע קינ־דער — איך דארף זיי ניט, אויב זיי גייען אין פרעמדע וועגן, שוין איצט זע איך, ווי זיי ווייכן פון מיר, דערווייטערן זיך פון מיר, שעמען זיך מיט מיר.

— ווארום וואכן פון מיר מיינע קינדער?

אין אמת'ן האבן פון אים די קינדער ניט געוויכט, פאר־

קערט, ער האָט זיי ליב געהאַט און זיי האָבן אים ליב געהאַט. מרדכי עטינגער האָט זיך געזאָרגט פאַר זייער קלענסטער קליי־ניגקייט, און די קינדער זיינען אַלע געוועזן פאַרזאָרגט פון זיין שוואַכן געזונט. אַהיים קומענדיק שפּעט אין אָוונט, פלעגן די קינדער יעדער באַזונדער נאָך אין קאָרידאָר אַראָפּשלעפּן די שיך כדי זיי זאָלן קענען שטילע אין זייערע צימערן אַריינגיין. בעקי, כאָטש נאָך יונג אין יאָרן, האָט זי כסדר, כמעט אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין עצה'ן זיך מיט דער מאַמען, וואָס צו טאָן, כדי מען זאָל דעם טאַטן אַרויסשלעפּן, כאָטש אויף אַ שטיקעל צייט פון דעם שאַפּ אַרויס. אָבער אין מרדכי עטינגער'ן האָט זיך טאָג נאָך טאָג געשטאַרקט זיין פאַרצווייפלונג, קאָכעדיק בלוט האָט געפּייניקט זיין האַרץ. אים האָט אָנגעהויבן פאַרפאַלגן אַ ווערעמדיקע נאָגעניש — טאָמער וועט ער די קינדער פיינט האָבן? און פונקט, ווי אַ וואָרים וואָלט זיך באַזעצט אין זיין האַרצן אַזוי האָט אים שטענדיק, אַהיים קומענדיק, אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די שרעק איבער זיינע קינדער און אויסהוסטנדיק די כריפּלע הייזעריקייט פון דעם האַלדז האָט ער גערעדט און גערעדט.

— איך ווייס, — האָט ער געזאָגט, — די מחיצה וואָס דאָס לאַנד שאַפט צווישן עלטערן און קינדער. און נאָך טיפער איז דער ריס אין אַ הויז פון מיין שטאַנד. — אין דער אָרימער הויז זיינען קינדער נעענטער צו די עלטערן, דער מאַן איז נעענ־טער צו זיין ווייב, דער ברודער צו זיין שוועסטער, דער פּחד פאַר'ן מאָרגנדיקן טאָג דערנעענטערט מענטשן, פילט אַן זייערע הערצער מיט ליבע. אָבער ביי מיר — ביי מיר איז דייוון זיכער מיט'ן מאָרגנדיקן טאָג. דאָס געפיל פון ליבע פעלט איינ־גאַנצן אין זיין האַרצן, אַלעם מעסט ער מיט דער ווערט פון דעם דאָלער — דער ווערט פון דאָלער וועבט איין אין זיין בלוט די גרויסע חוצפּה וואָס האָט שוין גאָר קיין שיעור נישט. נעכטן זאָגט ער מיר — טאַטע — יאָ איז אַ לאַנד פון פּראַקטישע מענטשן, סענטימענטן און פיינע געפילן דאַרף אַ מענטש אוועק־לעגן אויף דער פּאָליצע — פאַר הונדערט דאָלער אַ וואָך ביזטו מיין טאַטע און מיין באַלעבאָס, אויב נישט קען איך קריגן אַן אַנדער שטעלע.

— וואָס מיינסטו אַן אַנדער שטעלע — זאָג איך — דו דינגסט זיך גאָר מיט מיר? דו וועסט גיין ערגעץ אַרבעטן?
— יאָ, — זאָגט ער רואיק, — אַט דאָס איז אַמעריקאַ. אויב דו וועסט ניט צאָלן דעם פּרייז גיי איך ערגעץ אַנדערש.
— דעם פּרייז, דעם פּרייז, — נאָט אייך מיין בלוט און באַקומט דעם פּרייז — מיין העכטן פּרייז — מיין העכטן פּרייז...
מיט אַ שווערן געמיט האָט מען שוין פאַרענדיגט דעם מאָלצייט. מרדכי עטינגער האָט טרויעריק פאַרויכערט אַ סיגאַר, און אַ טרויעריקער איז ער אַריין אין לעזצימער. ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר און ניט געוואוסט, וואָס ער לערנט. ווען ער איז אין אַ ווײַלע אַרום צוריקגעקומען אין עסצימער, האָט ער שוין דאָרטן געטראָפן דעם טיש אויפ׳סניי אַ געגרייטן, דאָס מאָל מיט טיי און איינגעמאַכטס און אַלערליי געבעקסן. אַרום טיש זענען געזעסן אַ פּאָר שכנים און באַקאַנטע. מרדכי עטינגער איז זיי אַלעמען מיט אַ שאָקל פון קאָפּ לײַכט פאַרבײַגעגאַנגען, ער איז אַרײַנגעגאַנגען צו דייוו׳ן אין צימער, אָנגעשריבן פאַר אים אַ צעטעלע מיט אָנווייזונגען פאַר׳ן מאָרגנדיקן טאָג אַרבעט — מאָרגן גאַנץ פרי — האָט ער געשריבן — וועלן מיר פּאַקן ביי ראָזענצווייגן, דערנאָך וועסטו גיין צו שטיינבערגן, און איידער ער האָט נאָך אַרויסגעלעגט דעם בלײַשטיפט פון האַנט האָט ער שוין חרטה געהאַט אויפ׳ן אָנגעשריבענעם. — אויב מען וועט קומען צו ראָזענצווייגן אַזוי פרי, וועט דער איד באַקומען פליי אין דער נאָז. ער וועט, ווי זיין טבע איז, אָנהויבן קוועטשן די וואָל אין האַנט און זיפצן — גלויבט מיר רב מרדכי איך האָב מיר אָפּגעשלאָגן די פיס ביז איך האָב צענויפגעשלעפּט אַט די „מאַהיירס". ניין — האָט מרדכי עטינגער צו זיך געזאָגט. ער האָט אויסגעמעקט דעם נאָמען ראָזענצווייג און אויף זיין אָרט אָנגעשריבן שטיינבאַרג, און אויפ׳ן אָרט פון שטיינבאַרג האָט ער אָנגעשריבן ראָזענצווייג. ער האָט אַזוי פאַראַרדנע אוועקגעלעגט דאָס צעטעלע אויפ׳ן טיש, אַזוי אַז דייוו זאָל עס קענען זען, און ווען ער איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל פון טיר האָט ער צוריקגעבליקט און באַטראַכט דאָס פרעמד בחור׳שע צימער — ביליקע בילדער זיינען געווען צוהאַנגען איבער די ווענט, אָרימע ריחות פון אַלערליי שמיראַכצן האָבן זיך פון דאָרטן גע־

טראָגן, אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַן אויסשטאַט פון פאַרשי־
דענע גימנאַסטיק שטיק. מרדכי עטינגער האָט מיט קוים צו־
עפּנטע ליפּן, שטיל, ווי פאַר זיך אַליין געזאָגט:

— הייסט עס אַז דער קנופּ פון דורות ווערט מיט מיר צע־
ריסן! וועט זיך עס טאַקי מיט מיר ענדיקן?

2

דער קנופּ פון דורות, וועט זיך מיט מרדכי עטינגער'ן
נאָך ניט ענדיקן — פּונקט ווי אַלע טאָג איז ער אויף מאָרגן
אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, און פּונקט ווי אַלע טאָג האָט ער
זעקס אַ זייגער צו דער מינוט זיך אויפגעכאַפּט — ער האָט שוין
אַזוי געלעבט פון יאָרן לאַנג. אַ שפּריציקע ענערגיע האָט פון
אַלע זיינע אברים געפּלאָסן, אפילו אין שלאָף איז ער געווען וואַ־
כיק, שטענדיק האָט אין אים געברויזט אַ ים מיט געפילן. אַט
איז ער דאַכט זיך פאַרצווייפלט דערשלאָגן, יאוש בלאָזט פון
זיינע אויגן און אים דוכט זיך אַז דער הימל ליגט אויף דער
ערד, און אין זיין שוואַכקייט גיט ער זיך אויפ'ן מאָמענט אונ־
טער — אָבער עס איז בלויז אויפ'ן מאָמענט, בלויז אויף דער
שעה, אין אַ שעה אָדער צוויי איז שוין זיין קאָפּ הויך פאַריסן,
ער ווייסט שוין דעמאָלט זיין אייגענעם ווערט, ער מעסט שוין
זיינע אייגענע כוחות, זאָל נאָר קומען דער טאָג — זאָל נאָר
קומען די שעה — זיין שעה — קיינער דאַרף אים ניט וועקן
אין פרימאָרגן — ער דאַרף ניט קוקן אויפ'ן זייגער אין פרימאָרגן,
פּונקט ווי אַן אומזעעבאַרער, ווי עמיצער מיט אַ האַנטלאַזער
האַנט וואָלט אים איבער דער פּלייצע אַ טאָרע געטאָן — רב מרדכי
אויפשטיין — און שוין שטייט ער אַ וואַכיקער, מיט אַ פּאָר אָנ־
געגרייטע קלאָרע אויגן, האַלב נאַקעט שפּאַנט ער דערנאָך אַרום
און שקראַבעט מיט די שטעקשיך איבער די גראַמע חדרים,
מיט אַלע צען פינגער צעשפּרייט איבער אַ געקאַכט גלאָז וואַסער
זופּט ער הויך אויף אַ קול פון דעם גלאָז, און טראַכט און טראַכט:

— עס וועט זיך ניט ענדיקן מיט אים דער קנופּ פון דורות.
— ער האָט אין עטעל'ן אריינגעגאָסן בלוט פון זיין בלוט און מאַרך
פון זיין מאַרך — עס איז געבוירן געוואָרן צוערשט אסתר און

דערנאָך דייוו און דערנאָך בעקי — אסתר און דייוו און בעקי זיינען בלוט פון זיין בלוט, א ליבּ פון זיין ליבּ — זיין אייגן ליבּ קומט אַרויס פון א דורות׳דיקן יחוס — זיין ווייבּ׳ס ליבּ האָט ער באַפרוכפּערט מיט זיין דורות׳דיקן יחוס — קיין אַנדער שטאָם האָט זיך מיט איר ניט באַהעפט — קיין אַנדער שטאָם קען פון איר ניט אַרויסקומען — עס איז דער מאַן וואָס באַשאַפט די דורות — ווייבּער זיינען בלויז די טרעגער פון דעם מענלאַכן זוים — מיין זוים — מיין יחוס — מרדכי עטינגער האָט אין באַגייסטערונג שטיל אויפגעעפנט די טיר פון דייוו׳ס צימער. דייוו אין טיף אויסגעשניטענע אונטערוועש האָט אַנטפּלעקט זיין נאַקעט ליבּ. די ברוסט איז געווען שיטער באַוואַקסן און הויך אונטערשפּאַרנדיק דאָס דינע העמד האָט זיך די ברוסט רעגלמעסיק געהויבן אַרויף און אַראָפּ. זיינע הענט זענען געווען ווייסע, מוסקולדיקע, מיט האַרטע קישעלאַך אַריבּער די עלענבויגנס ווי מיט אונטערגעלעגטע שטיינער אונטער דער הויט, זיין קאָפּ איז געווען א גרויסער, מיט א הויכן שטערן, מיט געדיכטע טונקלברוינע האָר, און א צאַרט ווייסע הויט האָט באַצויגן די אַטלעטיש אויסגעפורעמטע באַקן. מרדכי עטינגער האָט א סעקונדע אָדער צוויי געקוקט אויף אָט דעם נייעם מין דור — אויף דעם געמיש פון באַלעבאַטישער צאַרטקייט מיט אַטלעטישער גבורה. א געפיל פון פרייד און מאָרגנדיקער פרישקייט האָט אַרומגענומען זיין האַרץ. פונקט ווי שטענדיק האָט ער גלייך געהאַט א פול מויל מיט ווערטער, וואָס ער האָט ערגעץ געלייענט צי ערגעץ געהערט און איז געווען גרייט די ווערטער צו רעדן. ער האָט די ווערטער טאַקי גערעדט. מיט שטיל מורמלענדיקע ליפּן האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט:

— דער כוח פון אונזער פאָלק האָט שוין א סך נסיונות ביינגעשטאַנען. און אַלע צייטן און צווישן אַלע פעלקער האָט מען אונז שטענדיק גע׳רודפ׳ט, אָבער שטענדיק זיינען מיר אַרויסגעקומען פון אַלע רדיפות געלייטערטע, הייליגע — יעדער אומגליק האָט אונז אויפגעהויבן־נעענטער צו גאָט — אונזער לעבן איז א פעסטונג — אַלע ביז איצטיקע דורות האָבן באַפעסטיקט אונזער פעסטונג — איך האָב באַפעסטיקט — דו וועסט באַפעסטיקן — דו מיין זון וועסט באַפעסטיקן די פעסטונג —

מיין ליבער מיין קדיש, דו וועסט אויך פונקט ווי איך, באפעסטיקן די אידישע פעסטונג — מיט דיין חכמה מיט דיין הארץ.

ער האָט שטיל צוריק פארמאכט די טיר. ער האָט א שטי־מונגספאַל־געהויבענער זיך ווידער ארמגעדרייט איבער די צי־מערן. שפעטער האָט ער געהערט, ווי דייוו איז אויפגעשטאַנען, אָפּגעגעסן און אוועקגעגאַנגען. דערנאָך איז ער אזוי געגאַנגען פון צימער צו צימער און געוועקט בעקי׳ן און אסתר׳ן און זיין ווייב עטעל׳ן. אויף׳ן הארצן איז אים געווען פריילאך, סוף כל סוף איז ער דאָך דער באַלעבאָס, ער — דער פירער, און אַלעס וועט דאָך זיין אזוי ווי ער וויל. ער האָט אָפּגעגעסן א גביר׳יש לייכטן פרישטיק, פארויכערט א סיגאר, א פיר־פינף האָט ער אריינגע־לעגט אין וועסט קעשענע און ער איז אזא פריילאך־מוטיקער ארויס אין גאס.

אין גאס איז שוין געווען דעמאָלט שטיל. דער געוויינלאכער מאָרגן טומל, וואָס איז צעלייגט איבער דער ברייטער סעקאָנד עוועניו איז שוין געווען פאריבער. די מענטשן־שטראָמען, וואָס גיסן זיך אריין פון אַלע זייטיקע גאסן דורך דער סעקאָנד עוועניו אוועק ווייטער אין די שעפּער אריין זענען שוין געווען פאר־שוואונדן, די גאָס איז געווען ברייט און גראָם און פול מיט זון־ליכט. שפאצירנדיק פאָרן ארויף און אראָפּ אָטאָמאָבילן. גאסנקערער אָנגעטאָן אין ווייסן, גיבן צו ליכט צו די ברייטע טראָטוארן. אויף יעדן ווינקל זיינען נעשטאַנען די פּאָליסלייט און שפּילנדיק געדרייט מיט די „קלאָבס“. מרדכי עטינגער איז געגאַנגען פּאַמעלאך, מיט גדלות נערויכערט דעם גראָבן סיגאר, זיין פנים האָט געשיינט, ער האָט באטראכט די קראָמען מיט די גלאַנצנדיקע שויפענסטער. באטראכט זיינע שיך צי זיי גלאַנצן. געקלאַפּט מיט׳ן שטעקן איבער׳ן הארטן ברוק און זיך ווי צו־געהערט צום ווידערקול, וואָס איז פון דעם הארטן באָדן ארויס־געקומען. און פירנדיק לאַנגזאַם זיין האַנט איבער׳ן צוגעשניצטן בערדל, האָט ער פּאַמעלאך, מיט אַן אינערלאכן ריטם אונטערגע־באָמקעט א שטילן ניגון — אתי יצרתי — גרויסער באשעפער — דו אַלמעכטיקער.

אַלעס אין אים איז געווען זינגענדיק. מיט ווירדיקער שטיל־קייט. מיט געמאָסטענע שפאַן — פריער אויף׳ן אָפּצאָס, דערנאָך

אויפ'ן גאַנצן ברייט־מענערשן פּוס, אַזוי מיט געציילטע טריט. און פּונקט אַזוי האָט ער געציילט זיינע געדאַנקען, און פּונקט אַזוי האָט ער געציילט זיינע פּעדלדיקע טענער — ער איז דעמאָלט געווען אַ טייל פון אַ סימפּאָניע — אַ פּינטל פון אַ געמעל — מרדכי עטינגער איז געווען אַ טייל פון עפּעס אַ גרויסן וואונדער, וואָס נים ער, און ניט קיינער האָט עס געקאָנט אָנרופן מיט אַ נאָמען.

ער האָט שטיל, רעליגיעז געמורמלט די ווערטער:

— דו באַשאַפער — דו האָסט באַשאַפן — — — — ער האָט געוואָלט נאָך אַ סך זאָכן זאָגן — אַ גרויסן לויבגעזאַנג זינגען, ווייל ער האָט געפילט, ווי אין זיין האַרצן גייט אויף אַ זון — ווייל ער האָט געפילט זיין אייגן ווערען — אָט ערשט, ניט לאַנג צוריק איז ער דאָך געווען דער אָרימער יונגערמאַן. מיט אַ קאָפּ פול זאָרג פון דאגות פּרנסה. ער קען אפילו אויף די פינגער אויסרעכענען די יאָרן פון הצלחה — ער געדענקט אַפילו, ווען ער האָט פּאַרדינט אַזוי פיל און ווען אַזוי פיל. ער געדענקט ווען ער האָט אַרויסגעשיקט דעם ערשטן גרויסן טראַנספּאָרט און געמאַכט דעם ערשטן גרויסן רווח. איצט איז ביי מרדכי עטינגער'ן שוין אַ גרויסער שאָפּ. פול אָנגעלעגט מיט פּעק וואָל. אַלערליי וואָל. פון ענגלאַנד און פון אַרגענטינע און פון שפּאַניע. אַ פולער שאָפּ מיט אַרבעטער איז איצט ביי מרדכי עטינגער'ן. אַלערליי לשונות בייטן זיך דאָרטן, און אַלערליי פּנים'ער מיניען זיך דאָרטן ביים גלאַנץ שיין פון דער עלעקטרישער ליכט. מרדכי עטינ־גער ווייס וויפיל יעדער אַרבעטער אַרבעט אויס, און וויפיל ער פאַרדינט אין יעדן אַרבעטער, ער ווייסט אַפילו וויפיל ער וועט פאַרדינען אין אַ יאָר אַרום. אויב ער איז אין דער היים דאָס, וואָס ער איז — איז ער אָבער אין שאָפּ אַ שטרענג אויסגע־רעכנטער געשעפטסמאַן. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געמאַכט קיין טעות. ער דאַנקט גאָט דערפאַר, פאַר יעדן טראָט זיינעם דאַנקט ער גאָט. יעדן חודש שיקט ער אַזוי פיל און אַזוי פיל וואָכנגעלט אהיים אין דעם קליינעם שטעטל — ער ווייסט אַז גאָט וועט אים דאָס אַלעס אומקערן — מיט פּראָצענט אומקערן.

אַזוי אַ טראַכטנדיק איז ער געגאַנגען אַראָפּ גאַס. ער איז פאַרבייגעגאַנגען די פּערטע גאַס און די דריטע און די צווייטע.

און ווען ער איז אריינגעקומען אויף קריסטי סטריט, וועלכע איז אן איינגעשרומפענע פארטזעצונג פון דער ברייטער עווענױ, איז ער פלוצלינג אליין אויך געווארן עטוואס שמעלער. די הויכע מויערן וואס זיינען געווען נאענט צענויפגערוקט איינע צו דער אנדערער, האבן אים אריינגענומען און איינגעוויקלט אין זייער טונקלקייט. ער האט זיך פלוצלים פארלוירן אין דעם געדרענג פון די מאסן, א פושקארט האט אנגערירט זיין מאנטל און אים איינגעריכט אין מעל. צוויי איטאליענער האבן געשריען אויף א פרעמד לשון און זיך געווארפן איינער אויפ'ן צווייטן מיט פארמאכטע פויסטן. ער איז געווארן עטוואס צוטומלט, און ער האט זיך פארנומען מיט א זייטיקער גאס וואס האט געפירט צו דער באוערי צו. נאר דא איז דער טומל געווען נאך גרעסער. ארויף און אראפ אויף פיר פאר צולייגטע רעלסן זיינען געלאפן טראמווייען, אויף בײדע זייטן זיינען געפלויגן אטאמאבילן, איבער'ן קאפ האט זיך געריסן מיט א רעווען פון א ווילדן מאנסטער דער „על", דער „על" האט זיך געדוכט, וועט זיך איבערברעכן פון זיין אייגענעם גרויליקן קרעכצן, ליידיקע וועגענער מיט שווערע פערד האבן, ווי שאסן פון מאשין־ביקסן אפגעהילכט איבער'ן שפיציק־שטיינערדיקן ברוק און עס האט זיך געדוכט, ווי פון אונטער די רעדער הויבט זיך דאס קול פון עמיצן א לעבעדיק באגראבענעם. און צו דעם ריטם פון דעם אלעמען האט זיך מיטאמאל, פון זיך אליין, צעוויקלט זיין גאנג, דאס בלוט האט אין אים אנגעהויבן האסטיק צו קלאפן, ער האט איינגענורעט דעם קאפ צווישן די אקסלען, איז געבליבן שטיין ביים ברעג ראג, געקוקט מיט צושראקענע אויגן אויף אלץ־יאגנדיקן און מורא געהאט צו מאכן א טריט. נאר באלד האט ער איינגעבויגן דעם קאפ און געגעבן א לויף אריבער דעם וועג.

נאר איצט האט ער שוין, ווי פון עמיצן געיאגט, ברייט געשפאנט מיט די פיס. א מענטש ווערט פארלוירן אין דעם געדרענג פון דאון־טאון — אין דער לופט און אין אלעמענס הערצער שפרינגט ארום אזא לאנג־פיסיקער און א לאנג־הענטיקער און דרייט געשווינט אזא גרויסן ראד — אז עס שווינדלט אזש פאר די אויגן, מענטשן ווערן פארכאפט פון א ווירבלדיקן גע־ווימל. — מרדכי עטינגער איז אויך געווארן פארכאפט פון

דעם געווימעל. ער איז געוואָרן אומגעדולדיק. ער האָט שוין אויפ'ן אָרט געוואָלט וויסן, וואָס עס הערט זיך ביי אים אין שאָפּ. די פּאָר קוואַרטאַלן צום שאָפּ זיינען פאַר אים געווען אַ ווייטער מהלך, ער איז אריין אין אַ טעלעפאָן שטיבל, קיין געדולד געהאַט צו וואַרטן אויף אַן ענטפער, האָט ער אויפגעהאַנגען דאָס רערל און איז ווייטער געלאָפן. ער איז שוין אַזוי אַ צעטראָגענער געלאָפן און געאַרבעט מיט די הענט און מיט די עלענבויגנס, און כמעט, ווי דורכגעבראָכן דעם וועג צווישן דעם געדיכטן עולם.

— מעקער — קלעקער — עמיצער האָט אים נאָכגעשריען — צי עמיצער האָט עס אין דער פראָנט פון אים געשריען — אָבער ער האָט קלאָר מיטאַמאָל דערהערט אָפּגעריסענע ווערטער — פלעקער — פלאַקסן — צוגעפליעסקעט — ער איז געוואָרן אריינגעצויגן אין אַ ווירבל פון „קוּף'ן". עס האָבן זיך געצויגן לאַנגע שורות מיט קנאַקעדיקע ווערטער. ביז'ן שאָפּ אריין האָבן אים שוין פאַרפאָלגט אויסטערלישע קלאַנגען — קליאַפּ — קליאַפּ — קלעצער, — קוליען זיך — קוליען זיך —

כדי ער זאָל זיך באַפרייען פון דער היץ, וואָס האָט זיין לייב באַשלאָגן האָט ער צושפּיליעט זיין ראָק און מיט צוויי פליגלדיקע פּאָלעס איז ער אריינגעלאָפן אין שאָפּ אריין.

— נו, נו, שוין איינגעפּאַקט? די „טראַקס" באַשטעלט? ביי ראָזענצווייגן געווען? דייוו האָסט באַשטעלט די „טראַקס?"

ער האָט זיך האַסטיג אריינגעשאַרט אין די ווינקלען. אָט שטייט ער שוין ביי אַן אָפענעם פּאַק. אַננעמענדיק אַ פולע זשמעניע מיט וואָל, פּרואווט ער פאַרמאַכן די האַנט און עפּעס פון דאָרטן אַרויסקוועטשן. מיט אַמאָל ווערן זיינע אויגן פאַר־צויגן, עס גיט זיך אַ צעגיס אַ שיטערע רויטקייט איבער די לאַנגע באַקן — קום נאָר אַהער דו פויער איינער — שלעפּט ער דעם זון זיינעם ביי דעם אַרבל — דו זשלאָבעץ, וויפל דאַרף מען צו דיר רעדן וויפיל, דו מיינסט אַז צוליב מיר לויף איך אַרום אַ! צוליב מיר מיינסטו אַ! וויפיל* וואָסער האָסטו אריינגעגאָסן?

און באַלד האָט ער שוין ווידער געשריען:

— גיי, גיי, זע צו די טראַקס זיינען שוין דאָ — גיי!

און אזוי שנעל ווי דייוו איז אפגעגאנגען האט ער אויפגעעפנט א שפריצער מיט וואסער, זיינע אויגן זיינען געווארן איילנדיקע, ער האט מיט איינמאל געקוקט איבער דעם גאנצן שאפ, אלץ האט זיך אים געדוכט ארבעט זיך לאנגזאם — אויך דאס וואסער פון דעם שפריצער גיסט זיך ניט שנעל, און ער האט נאך מער אפגעדרייט דעם קראן, ער האט אויף שנעל אנגעהויבן ארומלויפן איבער'ן שאפ, ער איז צוגעלאפן צו די קלייבער און איז צוגעלאפן צו די פעקער; און ווען ער האט שוין ניט געהאט וואוהין מער צו לויפן, האט ער אנגעכאפט דייוו'ן און אים אריינגעשלעפט אין אפיס.

— פארשטיי מיך, פארשטיי מיך — האט ער געזאגט — ווען איך זאג דיר מוסר איז עס די רעד פון א טאטן צו א זון. איך בין עלטער, איך האב שוין דיינע יארן איבערגעלעבט, איך וויים ווי לייכט עס איז פאר א יונגן מאן זיך אויסצוגליטשן, און דערפאר ווארן איך דיך.

— אבער דו דארפסט דאך פארשטיין טאטע אז איך קען ניט זיין דאס, וואס דו ביזט?

— איך וויל ניט זאלסט זיין דאס וואס איך בין. איך וויל אבער אויך ניט דו זאלסט זיין דאס וואס דו ביזט. וואס הייסט דו דינגסט זיך מיט מיר? איז עס דען ניט אינגאנצן דיינס? וועל איך עס דען מיט מיר אין קבר מיטנעמען? איך בין שוין א מענטש אין די יארן, אויף דיר דארף שוין איצט ליגן די גאנצע פאראנטווארטלאכקייט. דו ווייסט אליין אז קענסט דיר נעמען וואס דו ווילסט און וויפיל דו ווילסט, און אז קיינער קוקט דיר ניט נאך. אבער ווען דו דינגסט זיך מיט מיר — — —

מירדכי עטינגער האט אויף אים געקוקט מיט א פאר טרויעריקע אויגן, פון די אויגן האט שוין ארויסגעשיינט א פייערל פון האפנונג.

— נו גיי שוין, — האט ער געזאגט, — עס איז שוין באלד ניין אזייגער. עס איז שוין באלד דער טאג פאריבער! ניי, גיי!

דייוו איז שטיל ארויסגעגאנגען און מרדכי עטינגער איז אליין פארבליבן אין זיין פריוואטן צימער.

דאָרטן האָט מרדכי עטינגער אין דער שטיל אויפגעעפנט די פייער קאַסע. פאַר אַ מינוט אָדער צוויי איז ער אַזוי גע־שטאַנען האַלב איינגעבויגן איבער דער אָפענער קאַסע, מורמלענ־דיק מיט זיינע ליפּן, גלייך ער זאָל זאָגן אַ תפילה, דערנאָך איז ער אויף די שפּיץ פינגער אָפּגעטראָטן, פאַרשלאָסן אונטער זיך די טיר, צוריקגעגאַנגען און אַרויסגענומען אַ פּאַק מיט פּאַפּירן און וועקסלען.

זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו גלאַנצן. ער האָט כסדר גערעדט צו זיך אַליין. מיט יעדן וועקסל, וואָס ער האָט גע־נומען אין האַנט איז פאַר אים אויטגעוואַקסן דאָס לעבעדיקע געשטאַלט פון דעם מענטשן, וואָס האָט אים דאָס וועקסל גע־געבן. אַלע מאָל האָט ער אָפּגעשפּיליעט די שפּילקעס פון די בויגנס פּאַפּיר און זיי צוריק צוגעשפּיליעט. ער האָט צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ אין צופרידנקייט צו זיין אייגענער פירונג און צו זיך אַליין געזאָגט — גוט אַזוי — אַ מענטש דאַרף האָבן אַ מעטאָ־דע — אַ מענטש דאַרף פירן אַ חשבון — אַ מענטש דאַרף וויסן, וואו ער איז אין דער וועלט. מרדכי עטינגער האָט גע־וואוסט, אַז ווען ער זאָל וועלן זיך אינגאַנצן צוריקציען פון געשעפט און פאַרלעבן זיינע צען אָדער פופצן טויזנט אַ יאָר וועט ער אויך קענען. אים האָט אַזש געקיצלט אין די אויגן. אַלע מאָל האָט ער געמוזט רייבן זיינע אויגן. עטינגער האָט שוין אפשר צום הונדערטסטן מאָל אויפ'ס ניי אָנגעהויבן לעזן די פּאַפּירן.

— דעם פינפאונצוואַנציקסטן טויזנט דאָלער. דעם אַכט־אונצוואַנציקסטן פופצנהונדערט דאָלער. דעם דרייסיקסטן טויזנט דאָלער — ער איז צעטומלט געוואָרן. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַן עין הרע און ער האָט פאַרהאַקט זיינע ליפּן.

פאַרזיכטיק און שטיל האָט ער צוריק פאַרמאַכט די קאַסע. עטלאַכע מאָל איבערגעדרייט און געפּרואווט דעם שלאָס. ווען ער איז צוריק אַריינגעקומען אין שאַפּ האָט זיך שוין דאָרטן גע'רעש'ט דער טעגלאַכער טומל. דאָרט זיינען שוין געשטאַנען און געוואַרט פאַר אים אַ גאַנצע עדה מיט אידן. יעדער האָט זיך געשטופּט אים — גוט מאָרגן — צו זאָגן, און יעדער האָט

געוואָלט אַז זיין „גוט־מאָרגן“ זאָל פּיין קלינגען, האָט יעדער עפּעס אַ חכמה'לע צוגעלעגט.

— גוט מאָרגן מיסטער עטינגער! — האָט איינער געזאָגט — נאָך אַלץ מיט אייער קאָפּ ווייטאָק! די בעסטע זאַך איז נעמען אַ גוט ביסל שנאָפּס.

אַ צווייטער האָט געזאָגט:

— גוט מאָרגן רב מרדכי עטינגער! איך האָב געהערט זאָגן אַז וואָל ווערט שטייגן צום הימל צו.

מרדכי עטינגער האָט אַלעמען, אי נאָענט אי פרעמדע, צוגענומען. ער האָט געשמייכלט און געשאָקלט מיט'ן קאָפּ און דערלאַנגענדיק בלויז די שפּיצן פון זיינע פינגער, האָט ער געזאָגט:

— זאָל נאָר גאָט געבן ישועות אויף אידן — וואָל ווערט שוין ממילא שטייגן.

— וואָס שטייט איר עפּעס אָן אַ זייט רב משה? — קומט אַהער! נעמט אַ סיגאַר! — ער האָט אין ווינקל דערזען שטיין איינעם אַליין פאַר זיך, רב משה'ן. און אַז מרדכי עטינגער האָט אים אַליין צוגערופן, איז משה צוגעקומען, גענומען אַ סיגאַר און מיט אַ שטיל קול געזאָגט:

— דאָס וועקסל מיינס . . . איר ווייסט דאָך . . . עס געפאַלט דעם אַכטאַונצוואַנציקסטן, וואָלט איך אייך וועלן אָפּבעטן. די צייטן זענען שלעכטע און . . .

מרדכי עטינגער איז געוואָרן בלאַס. אין איין סעקונדע האָט ער שוין גלייך באַשטימט וואָס צו טאָן — ער וועט אים ניט לאָזן רעדן — פאַר וואָס זאָל ער אים לאָזן אומזיסט פּלאַפּלען? אַט איז דאָך שוין עלף אַ זייגער!! און ער איז מיטאַמאָל געוואָרן הויך און שטייף, אויף זיינע הענט האָבן זיך אָנגעצויגן די אָדערן — ער האָט אָנגעהויבן שרייען:

— ניין, ניין, עס האָט מיט מיר גאָר ניט צו טאָן. אייער וועקסל ליגט אין די בענק. גייט זייט מוחל אין די בענק.

— אָבער איר פאַרשטייט דאָך מיסטער עטינגער . . .

— איך האָב גאָרניט וואָס צו פאַרשטיין. אַז עס האָט איצט מיט מיר גאָר ניט צו טאָן . . . עס ליגט אין די בענק . . .

ער האָט זיך בליץ שנעל אַרויסגערדרייט פון דעם אידן און זיך אַריינגעדרייט צווישן די טישן. איצט האָט ער זיך שוין

געטשעפּעט צו די אַרבעטער, און שוין ווידער געשריען אויף דייוו׳ן. ער האָט צום סוף זיך צעשריען אויך אויפ׳ן קול — אַ גאַנצע שעה האָב איך געוואַרט אויף דיר! ביז צוועלף מוזן די וועקסלען זיין אין די בענק! דו ווערסט מיך אומגליקלאַך מאַכן. מיינע יאָרן וועט איר מיר מקצר זיין — איר זעט איך בין אַ קראַנקער מענטש — וואָס ווילט איר פון מיר? — ער איז צוריק צו צו רב משה׳ן — אַ קראַנקער מענטש בין איך — אָט רייסט מיר שוין ווידער דער קאָפּ! וואָס האָט איר זיך פאַר־לעגט אויף מיר!

ער האָט כמעט אַלעמען אַרויסגעשטופּט.

איז שוין יענער אַוועקגעגאַנגען. דייוו איז שנעל מיט די וועקסלען אַוועקגעלאָפן אין די בענק. איצט איז שוין מרדכי עטינגערס פּנים ווידער געווען אַ געוויינלאַכס. ער האָט אַריינ־געקוקט אין די פּעק. איילנדיק, איילנדיק, האָט ער אַלעמען געאיילט. ער האָט געהויבן די פּעק, געטאַפּט די וואָל, ביי זיך אין הארצן האָט ער זיך געטראַכט — וואָס הייסט עפּעס אַנדערש? ער וועט זיך לאָזן ביי דער נאָז פירן? אַ שיינער תכלית וואָלט פון אים געוואָרן ווען ער לאָזט זיך פון יעדן פאַר דער נאָז פירן. עס האָט אים טאַקי אָנגעהויבן בייסן פאַר דער נאָז, האָט ער מיט׳ן אָנצייג־פינגער געריבן די נאָז אַהער און אַהין, און אין מיטן דערינען איז ער נעלם געוואָרן.

ווען ער האָט זיך שפּעטער צוריק אומגעקערט אין שאַפּ אַריין איז שוין דאָרטן קיינער ניט געווען. עס איז בלויז אָנ־געגאַנגען דער געוויינלאַכער שאַפּ טומל. פּעק מיט זעק האָבן זיך געקאַטשעט און געוואָרפן פון איין אָרט צום צווייטן. מען האָט שוין איצט געהאַט פאַרענדיקט דאָס איבערבויען פון דעם צווייטן העלפט שאַפּ, וואָס ער האָט נאָך פאַראַיאָרן צוגעקויפט. און דאָרט איז שוין אַלעס געווען נאָר היינטמאָדיש איינגעשטעלט. צוויי הויב־מאַשינען, אימפּאָרטירטע אַזש פון סיינט־לואיס, זיינען גע־שטאַנען גרייט איינצושלינגען יעדן זאַק, וואָס איז נאָר צו זיי אין די לאָפּעס אַריינגעפאַלן. עס האָבן נאָך געפעלט אָטאָמאַטי־שע „סאָרטירער“ און „פּאַק־מאַשינען“ — אָבער האָט נאָך צייט — רוים האָט מען אויך ניט אויפגעבויט אין איין טאָג. מרדכי

עטינגער אליין וויים דאָס אויך. ער וויים אפילו אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע מאַשינען, וואָס טיילן אָפּ קאָלירן, און מאַשינען וואָס דערקענען בעסער ווי דער געניטסטער מאַן, וואָס עס איז ענגלישע וואָל און וואָס עס זיינען אַרגענטינער וואָל. אָבער מרדכי עטינגער מוז זיך נאָך דערווייל באַנוגענען מיט מענערשע הענט. נישט קשה, מיט אַ גוטער סיסטעם קען מען נאָך אַזוי אויך איבערקערן אַ וועלט. ווער עס איז נאָר אַריינגעקומען אין דעם ווינקל פון די סאָרטירער האָט עס געקענט זען. שטילע און שוואַרצע זיינען געשטאַנען די מענער ביי שמאָלע לאַנגע טישן און געקליבן די וואָל, זייערע פינגער זיינען, ווי אָטאָמאַטישע שטעקעלאַך פון אַן אָנגעשטעלטער מאַשין, רעגלמעסיק און פלינק געלאָפן איבער די גלאַטע טישן, דער אויפגעשניטענער זאַק, מיט די צוויי שטייף־איינגעבונדענע אויערן, פון אינעווייניק מיט ווייסער וואָל, האָט אויסגעזען ווי אַ געקוילעטע חיה, וועמעס בויך מען האָט אויפגעשניטן און מען טרייבערט איצט זיינע געדערים. מיט גלייכע און אויסגעקרומטע פינגער האָבן זיך די מענער גע־גריבלט אין דעם אויפגעשניטענעם זאַק, עס האָט זיך געדוכט, ווי זיי אַליין זיינען נייגעריק צו וויסן וואָס זיי וועלן פון דעם זאַק אַרויסקריגן. איבער דער גאַנצער לענג פון שאַפּ זיינען גע־שטאַנען אויסגעשטעלט די שמאָלע לאַנגע זעק, מיט די לאַנגע אויערן, און האָבן אויסגעזען ווי האָזן. עטינגער האָט מיט זיין געניט אויג אַ בליק געטאָן איבער די טישן. ער האָט באַמערקט, ווי אַ מאַן מישט צענויף די פיינע שפּאַנישע „מערינאָ“, וואָס האָט אין זיך גלאַנץ און זאַפט און דינעם געוועב, מיט שטיקער וואָל, וואָס קומען פון זיד אַמעריקאַ. ער האָט אַזש אַ ציטער געטאָן:

— צי ווייסטו וואָס שפּאַנישע „מערינאָ“ איז? — האָט ער געשריען — צי ווייסטו וואָס ענגלישע וואָל איז? ווי נעמסטו זיך אונטער זיין אַ קלייבער, ווען דו ווייסט ניט וואָס וואָל איז?

ער האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס שטיק וואָל, און עס אַ שליידער געטאָן צו דער ערד.

— אויב דו ווילסט ביי מיר זיין אַ קלייבער, דאַרפסטו וויסן

יעדעס ברעקל פון וואָל — גיי אַ היים און לערן זיך אויס די מלאכה.

און ער האָט זיך אַליין אוועקגעשטעלט ביים טיש, אַראָפּ־געוואָרפן דעם ראָק, פאַרקאַטשעט די אַרבל און אָנגעהויבן צו קלייבן.

— זעסט! זעסט ווי אַזוי מען קלייבט!

אין אמת'ן אָבער האָט מרדכי עטינגער אַליין ניט געוואוסט ווי אַזוי מען קלייבט. ער איז קיינמאָל ניט געשטאַנען ביים טיש, זיינע פינגער זיינען געווען ווייסע און שטייפע, און האָבן זיך קוים גערירט איבער דעם גלאַטן טיש, נאָר וואָס שווערער עס איז אים אָנגעקומען די אַרבעט אַלץ העכער האָט ער גע־שריען, און ער האָט צום סוף אָנגעהויבן רעדן ריידה, פון וועלכע ער האָט ניט געהאַט קיין שום באַגריף. — אָט דאָס, זעסטו! איז די שפּאַנישע „מערינא“, — האָט ער געזאָגט, — זע ווי לאַנג דער פאָדים איז. אָן אַכט צאָל די לענג. ווען זאָלסט נעמען אַ קעמל און עס אויסקעמען וועסטו עס אויסציען ביז צען צאָל. נאָך אין זעכצנטן יאָרהונדערט האָט שוין די וועלט גע־קלונגען מיט דער וואָל. שפּאַניע האָט דערפאַר באַהערשט די גאַנצע וועלט. שפּאַניע — שפּאַניע — ער האָט אין מיטן די רייד צוריק אָנגעטאָן דעם ראָק, מיט די פינגער האָט ער צע־קאָמט די באָרד, האָט אַרויסגענומען פון וועסט קעשענע אַ סיגאַר און דערלאַנגט דעם אַרבעטער.

— באַהאַלט אים — האָט ער געזאָגט — רויכער ניט אין שאָפּ, עס קאָן נאָך חלילה ווערן אַ פייער.

ער איז שוין ווידער געשטאַנען ביי זיך אין אָפיס, עס איז געווען צוועלף אַ זייגער, און עס האָט געקלונגען אַ גלאָק. די אַרבעטער זיינען אַלע אַרויסגעגאַנגען. מרדכי עטינגער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, דורך אַ שפּאַרונג האָט ער דורכגע־קוקט און אַלעמען מיט זיינע בליקן נאָכבאַגלייט. ווען אַלע זיינען שוין געווען אוועקגעגאַנגען איז ער צוריק אַריין אין שאָפּ אַריין, ער האָט געמיטלאַך אַרומגעשפּאַנט איבער'ן שאָפּ, איז צוגעגאַנגען צו יעדן טיש, אַריינגעקוקט אין די טישקעסטלאַך, אויפגעהויבן די אויסגעטאָענע פאַרטוכער און איבערגעטאַפּט די קעשענעס, דערנאָך האָט ער אויפגעעפנט דעם שפּריצער און

נעלאָזט לויפן וואַסער איבער דער ווייסער וואַל — איבער'ן שאָפּ האָט זיך אויפגעהויבן אַ דינער ווייסער שטויב.

3

שפּעט נאָכמיטאָג איז מרדכי עטינגער, ווי אַלע טאָג אַרויס־געגאַנגען אין גאַס אַרויס. קיין מסחור טוט מען שוין דעמאָלט ניט, די גרויסע קאַנטאָרן און די בענק זיינען שוין פאַרשלאָסן, אויף די אַרבעטער גיט דייוו אַכטונג, גייט ער דעמאָלט אַרויס אין גאַס, ערשטנס זיך אַביסל דורכלופטערן, צווייטנס הערט מען אַ אידיש וואָרט און דריטנס מאַכט זיך טאַקי אין גאַס גאַנץ אָפט אַ מציאה.

איז ער שוין פאַרגאַנגען ביז אַרויף בראָדוויי אין דעם ווינקל פרינץ סטריט, דאָרט וואו עס קומען זיך צענויף די סוחרים פון וואָל און פון זייד. די הויכע בראָדווייער מויערן מיט די טויזנ־טער פענסטער שפּיגלען זיך אין זייער בלוי אַנטקעגן דער נאָכ־מיטאָג זון. פון די גרויסע באַשויבנטע קראָמען שרייען אַרויס אַלערליי סחורות. שטרויענע היט און ווינטערדיקע העמדער און זיידענע זאָקן שטופּן זיך און שרייען אַריבער די סאָלדאַטסקע קעסעלאַך און שווערע שיך און גלאַנציקע גאַרטלען.

עס איז נאָך אַ שטיק אין זומער, אָבער די פענסטער זיינען שוין אַלע אויסגעפּוצט אין ווינטערדיקע מאַנטלען. שווערע אונ־טערוועש ליגן אָנגעלעגט גאַנצע בערג. ווער וועט זיך אָנטאָן אין אַזוי פיל ווינטערדיקע העמדער? יואו וועט בראָדוויי אהיןטאָן אָט די אַלע סחורות? שווערע וועגענער און „טראָקס" אָנגעלאָדן ביז אונטערן הימל קומען און וואַרפן אָן פולע טראָטואַרן מיט קאַסטנס און מיט פעסער. שוין אין מיטן גאַס רייסט מען די סחורה פון די פּעק אַרויס. מען איילט זיך. אַלע יאָגן מיט אַ טוויילשן אימפּעט. וואוהין יאָגט מען זיך מיט דעם טייוולשן אימפּעט? וואָס פליען אַזוי שנעל די אָטאָמאָבילן אַרויף און אַראָפּ בראָדוויי? — „קאַם אָן", „קאַם אָן" — דער פּאָליסמאַן אַליין טרייבט אונטער דעם לאַנגזאַמען פאָרער — וואָס שלאָפסטו וואָס, — שרייט ער. אָט איז שוין מרדכי עטינגער ביי דער „פוירסט נעשיאָנעל באַנק". דאָרט ליגט אַ חלק פון זיין געלד. הער, דו,

פאַרבײַגײיער! װער זאָגט אַז מרדכי עטינגער האָט ניט קיין חלק אין דעם לאַנד? דו גיב נאָר אַ קוק, ווי ער דרייט, אָט דאָ, אין מיטן בראָדוויי, די זילבערנע גאַלקע פֿון זיין שטעקן אין האַנט! דו ווייסט וויפֿיל עס ליגט זיינס אין אָט דער באַנק? אין דעם טומל פֿון בראָדוויי פֿילט זיך שוין מרדכי עטינגער, ווי אַן אייגענער. ניט נאָר ער, אַלע סוחרים פֿון וואָל און פֿון זייד, פֿון ציגל און פֿון זאַמד און פֿון גאָלד או פֿון זילבער, אַלע, אַלע האָבן זיי דאָ, אין סאַמע מיטן רויש פֿון דער גרויסער שטאָט פֿאַרנומען אַ גאַנצן קוואַרטאַל. קומען זיך אַהין אַלע נאָכמיטאָג צענויף, נעמען צו דעם גאַנצן טראָטואַר, באַזעצן אַלע קאַפעס און פֿירן דאָרטן געשעפֿטן. מרדכי עטינגער, גלייך ווי ער וואָלט אויף דער ערד געבוירן געוואָרן, פֿילט ער זיך היימיש מיטן קלינגען פֿון דעם טראַמוויי, מיטן הילכן פֿון זיין שטעקן איבער׳ן היימישן באָדן, מיט די ווייסע אויגן פֿון דעם ניגער אויפֿ׳ן ראָג, וואָס פֿינקלען אויף יעדעס מאָל ווען ער גייט דאָרטן פֿאַרביי.

זאָל אים עמיצער אַ פֿרעג טאָן — רב מרדכי! איז דאָס דאָס לאַנד פֿון דעם אידישן פֿאָלק? וואָלט ער גלייך געענטפֿערט — אוודאי איז דאָס דאָס לאַנד פֿון דעם אידישן פֿאָלק — פֿון דאַנען אַרויס וועט קומען די ישועה — וועט ער שפּעטער צוגעבן. און אויב אפֿילו עס ווערט אים אין מיטן שווער און ער באַדענקט זיך פֿון זיינע קינדער, ווי זיי דערווייטערן זיך פֿון אים און פֿאַרפֿרעמדן זיך פֿון זיין הויז איז עס דאָך בלויז זיינע גייסטיקע ליידן. די פֿאַרמאַכטע קעמערלאַך מיט די אָנגעשטאָפּ־טע ביינאַכטיקע טונקלקייטן, וואָס דערווייל האָבן זיי נאָך ניט אויף אים קיין גרויסע שליטה. דערווייל פֿילט מרדכי עיטנגער דאָס פֿיזיש־שטאַרקע אין אים, ער ווייסט אַז ער איז אַ גרויסער סוחר מיט אַ געשעפֿט אויפֿ׳ן ווינקל בראָדוויי און ליספּענאַרד סטריט, מיט׳ן ברייט־מאַנסבילשן שפּאַן, מיט׳ן קאָרעקט צוגע־שניטן בערדל, מיט׳ן באַוואוסטזיין אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער בירגער, אַ בירגער פֿון דער גרעסטער שטאָט אין דער וועלט, פֿון דעם רייכסטן לאַנד אין דער וועלט. הערה, דו! — מרדכי עטינגער האָט פֿאַרבײַגײיענדיק רייקער און הענעמאַנס אַפּטייק, זיך דער־מאָנט אַז עס טוט אים ווייי דער קאָפּ. און איצט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אַז עס טוט אים וויי דער קאָפּ, האָט זיך דער ווייי־

טאָק צעשפּרייט פון איין שלייף ביז צו דער אנדערער — איבערן גאַנצן שטערן, און דאָרטן ווי עס הויבן אים אָן אויבצוקריכן די האָר. ער האָט געוואָלט אוועקלייגן די קאַלטע האַנט אויף'ן מיטן הייסן קאָפּ, אָבער ער האָט ניט געקענט אויסרעכענען, ווי אַזוי דאָס צו טאָן, ער וועט דאָך דאַרפן אַראָפּנעמען דעם הוט, איבערן בייטן דעם שטעקן פון דער רעכטער אין דער לינקער האַנט אַריין; איז מיט וועלכער האַנט וועט ער צוהאַלטן דעם קאָפּ? האָט ער אַזוי געלאָזט שלאָגן די היץ אין דעם הוט אַריין, אַרויסגענומען פון דער וועסטקעשענע אַ קליין פּודעלע מיט גלאַנציקע פּילן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי קליינע פּאַסאַליעס, זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פון גאַנג, מיט גרויס כונה אַרויפגעלעגט אויף'ן צונג אַ פּיל, און שוין דערנאָך, מיט נאָך אַ גרעסערער כונה ווידער אָנגעהויבן טראַכטן:

— וועמעס איז, נאָך אַלעמען, דאָס גליק אויף דער וועלט? וואָס גייען אים אָן די קינדער? צי איז עס ניט צו ערשט דער יחיד, וואָס נעמט אויף, אַלע אַרומיקייטן? און אויב עס איז דער יחיד, דער, וואָס נעמט צוערשט אויף אַלע אַרומיקייטן, איז עס ניט זיין אייגן ליבּ, וואָס איז אים אַמנאַענטסטן? און אויב עס איז זיין אייגן ליבּ טו, וואָס דאַרף איך טאָן פאַר מיין אייגן ליבּ? פייניקן עס, צי דערפרייען? ווי וועל איך קענען מיינע זינד מכפּר זיין, אויב איך וועל מיין ליבּ פייניקן?

— מרדכי עטינגער האָט כסדר געטראַכט, ווי אַזוי זיינע אַמאָליקע זינד אָפּצוּוואַשן. ער האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן טראַכטן פון אַ פּלאַן וואָס ער האָט אין זיין קאָפּ אויסגעלעגט. אַ גרויסן, גראַנדיאָזן פּלאַן. זיין האַרץ האָט שוין אין אים געציטערט. ער איז דעמאָלט געווען פּונקט ווי אַ קינסטלער וועמען עס באַפאַלט אַ גרויסער איינפאַל. זיינע אויגן האָבן שוין ניט געזען דאָס רעאַלע, דער רויש פון דער טומלדיקער גאַס האָט איז זיינע אויערן געקלונגען ווי רוישנדיק וואַסער, אים האָט זיך געדוכט, אַז עס ציט אַ גרויסע שיף, אָנגעפּאַקט מיט אויסטערלישע האָפענונגען, מיט פייערדיקע ערוואַרטונגען — ער האָט שוין מורא געהאַט זיין מויל צו עפענען — מיט אַ אָפן מויל קען נאָך זיין וואָרט טמא ווערן....

— איך בין נאָך ניט ראוי דערצו, נאָך ניט ראוי, מיינע

כוחות צו שוואך, מיין פארמעגן צו קליין — ער האט אזוי גע־מורמלט, און זיך געהאלטן פארן קאפ, און אריינגעלעגט א צווייטע פיל אין מויל אריין. אויף א ווינקל גאס האט ער באגעגנט אשר ראזענצווייגן. ביידע אידן האבן אפילו א ווארט ניט ארויסגע־רעט פון זייער מסחור. ביידע האבן זיי אנגעהויבן רעדן און זיך פילפל'ען איבער אלערליי וויכטיקע און ניט וויכטיקע ענינים. זיי האבן אנגעהויבן רעדן פונם איירישן קאנדידאט, וואס איז אינ'ם דיסטריקט ערווײלט געווארן.

— ס'איז א חרפה און א שאנדע — האט געזאגט אשר ראזענצווייג — אז אין אונזער "דיסטריקט„ זאל אזוינס טרעפן. וואס הייסט מע'ט צווינגען זונטאג האלטן פארשלאסן די שעפער! כ'האב אבער געזאגט, אז מיר זאלן ארויסשטעלן אונזער אייגע־נעם קאנדידאט, ניט אן איירישן חזיר.

— געזאגט, געזאגט, — האט עטינגער געמורמלט — אבי מען זאגט, ווען עס קומט עפעס צו טאן, טוט קיינער גאר ניט.

— נו, כאפסטו דאך שוין ווידער אריבער די מאס, מרדכי — האט ווייטער געזאגט אשר ראזענצווייג — דו פארגעסט אז מיר זיינען נאך פונדעסטוועגן ניט אזא כח אז אלעס זאלן מיר קענען טאן.

— טו צו וואס די רייד

— כ'מיין ס'רעדט זיך אזוי, איך גלויב ווען מיר זאלן זיך פאראייניגן —

מרדכי עטינגער האט גאר נישט געהאט קיין חשק זיך אריינצולאזן אין די דאזיקע וווכוחים מיט אשר ראזענצווייגן. עס איז ביי אים געווען שוין א לאנג אפגעמאכטע מיינונג וועגן דעם און וועגן יענעם. ער האט געגלויבט און ליב געהאט דאס לאנד אין וועלכן ער האט געוואוינט, און עס איז שוין ביי אים ניט געווען וועגן וואס צו רעדן דערפון. ביי אים איז עס געווען א פאקט. — דא זענען מיר ביי זיך אין דער היים — דא, און די געזעצן פון דעם לאנד זענען מיר גלייכע פונקט ווי אלע אנדערע מענטשן, און עס איז נישטא פון וואס צו רעדן, און טאמער האסטו איין עולה. טו גיי און טו דאס, וואס יעדער אנדערער מענטש וואלט געטאן, ווען מען באגייט קעגן אים אן עולה.

ער האָט אומגעדולדיק געזאָגט: — טו וואָס מען דאַרף און רעד ניט אַזויפיל.

— טו וואָס מען באַדאַרף — האָט ראַזענצווייג איבערגע־רעדט, — עס רעדט זיך אַזוי, טו, מיט וועמען וועסטו טאָן?

— וואָס הייסט מיט וועמען? מיט די זעלבע, מיט וועמען אַלע אַנדערע וועלן טאָן. צווייטנס אויב מען דאַרף האַלטן זונטיק פאַרשלאָסן די שעפּער, וועלן מיר האַלטן פאַרשלאָסן. און פון מיין זייט זע איך גאָר ניט קיין עוֹלה.

די גאַנצע רייד איז זיי ביידן שוין מער ניט אָנגעגאַנגען. ביידע האָבן זיי געוואוסט און געפּיפּלט די זיכערקייט פון אונטער זייערע טריט. עס איז שוין געווען ניט מער, ווי רייד, וואָס עס רעדן צוויי מענטשן, ווען זיי גייען אַרום ליידיקע איבער דער גאַס. ווען עס האָט זיי שוין מער ניט גערעגט דער פריערדיקער שמועס האָט אשר ראַזענצווייג פונקט אַזוי אָנגעהויבן רעדן פון דער אסיפה, וואָס זייער חברה "עטרת יעקב„ רופט.

— געוויס, זיכער, — האָט ער שוין ווידעראַמאָל געזאָגט — שבת צו נאַכט וועלן מיר האָבן אַן אסיפה.

עטינגער האָט געשאָקלט מיט'ן קאָפּ.

— אוודאי, אוודאי, — האָט ראַזענצווייג ווייטער גערעדט, — מען מוז זען עס זאָל אַ גרויסער מיטינג זיין. גאָר אַ גרויסער מיטינג מוז עס זיין. אַז אַ ביזנעס אויג, אונזר חברה קען שיינע טויזנטער שאַפן. ווי דענקסטו מרדכי, ניט אַזוי?

מרדכי עטינגער האָט גאָר נישט ניט גערענקט. ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט זיך געטראַכט אַלערליי טראַכ־טונגען. האָט אשר ראַזענצווייג, גלייך ווי ער וואָלט באַקומען אַ תשובה אויף זיין פראַגע, סיי ווי גערעדט.

— די אַלטע היים דערמאָנט די שפּאַנישע אינקוויזיציע. נאָך ערגער פון דער אינקוויזיציע. דעמאָלט איז כאָטש געווען דער ווילדער מיטלאַלטער, איז כאָטש געווען אַ טרייסט, אָבער איצט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט? ווייי איז מיר, איצט, אין אַ צייט פון דער ציוויליזאַציע זאָל אַזוינס זיך פּאַסירן. דענקסטו ניט אַזוי מרדכי?

מרדכי עטינגער האָט ווידער גאָר ניט געענטפערט, איצט האָט ער שוין געטראַכט פון זיין מסחר. אים האָט אויסגעפעלט אַ

געוויסער מין צו זיין מאַרגנדיקן טראַנספּאָרט. ער האָט געזוכט דעם מין. ער האָט אין זיין האַרצן געטראַכט — אויבן פון דאַ־נען ביז צום ווינקל גאַס וועט זיין פּופּציק טריט, אָדער מער, וועט אים גאָט העלפן אין זיין שליחות. און ער האָט פאַרשלאָסן זיינע ליפּן, און ער האָט געציילט זיינע טריט, און ער האָט געבעטן גאָט עס זאָל זיין נאָך מער, ווי פופציק טריט.

עס איז געווען מער ווי פופציק טריט. אפשר זעכציק צי זיבעציק טריט איז געווען. ווער האָט דען געקענט איבערציילן אַלע שפּאַן, וואָס מרדכי עטינגער האָט געמאַכט. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט, אַן אינעווייניקסטע פרייד האָט אַרומגענומען זיין לייב. עס זיינען שוין אָנגעקומען נאָך מענטשן און נאָך מענטשן. עס האָבן זיך אויסגעפורמט רעדלאַך. מיט וואַזשנע גרויסשטאָטי־שע סוחרים, מיט גלאַנציקע, אילוסטרירענע שוואַרצע רעק, מיט שוואַרצע האַרטע היט, מיט גראָבע שטעקנס, מיט אויסגעפּילטע קיילעכדיקע פּנים'ער. העכער און העכער האָבן זיך געטראָגן די קולות. דעם רויש פון דער הילכיקער בראַדרווייַ האָט מען פאַרשריגן מיט אידישע גלייכווערטלאַך און מיט קלוגע משלים. הענט האָבן געדריקט הענט, קעפּ האָבן זיך געשאָקלט איינגע־האַלטענע און פרייליכע. אַלערליי קעפּ האָבן זיך געשאָקלט. מרדכי עטינגער האָט כסדר געדריקט הענט — „האַלאָ און האַ־לאָ" — .האָט איר „מאָהיירס" און האָט איר „אַלפּאַקאַס"? און וואָס איז דער פּרייז? — און ווען וועט מען שיקן?" און מען האָט אָנגעהויבן שלעפּן פון די קעשענעס סעמפּלען פון אַלערליי סחורות, שטיקלאַך וואָל און פאַרנייטע אויערן האָבן זיך גע־גליטשט פון האַנט צו האַנט, מיט ווייסע פינגער און מיט קלוגע אויגן האָט מען באַטאַפּט די סחורה — מרדכי עטינגער האָט שוין געפונען וואָס ער דאַרף — נאָך מער ווי ער דאַרף — דער מאַרק איז פאַרוואָרפן מיט דעם מין — ער איז שוין צוריקגע־האַלטן — ער דאַרף עס שוין ניט — וואָס דאַרף ער „מאָהיירס" און „אַלפּאַקאַס"? איינזאַלצן וועט ער עס? ווער ברויכט עס דען? סתם אריינלייגן געלט אין שמאַטעס? גאַרניט, פאַר דעם מקח זאָל זיך וואַלגערן אונטער'ן טיש. ער איז אָפּגע־גאַנגען פון דעם רעדל, אינמיטן רעדן אָפּגעגאַנגען, פּונקט דעמאָלט, ווען פון זיינע ליפּן זיינען נאָך געפאַלן קאַלטע זייטיקע

ווערטער — איינזאַלצן וועל איך עס, ווער דאַרף דען די שמאַ־
טעם...
און די רעדלאַך האָבן זיך פאַרמערט, זיינען געוואָרן אַלץ
לעבעדיקער און גרעסער, זייערע באַוועגונגען אַלץ האַסטיקער,
זייערע פּנים׳ער באַלעבטער. יעדע ווײַלע האָט זיך פון איין
רעדל צום צווייטן אַרים געטאָן אַ מענטש, זיין פּנים איז געווען
צעפלאַמט, זיין קאָפּ באַרוישט, ווי אין עפּיס אַ הייליקער שליחות,
אַזוי האָט דער מענטש אָנגעכאַפּט אַ צווייטן מענטשן ביים
לאַץ, מיט אַ סלינע איבער די ליפּן האָט ער צום צווייטן ליידנ־
שאַפטלאַך גערעדט, געשלעפּט פון זיינע קעשענעס שטיקער וואַל
און שטיקער „פּייבער“, סודות׳פול געפּינטלט מיט די פאַרלאָפענע
אויגן און מיט אַ הייזעריק קול האָט ער צום סוף אויסגעשריען:
— איר זעט עפּעס אַן אַנטיקל!
מרדכי עטינגער האָט גענומען דאָס ביסל סחורה, אין זיין
האַנט אַריין. ער האָט עס געריבן איבער זיין אַרבל, געלעקט
מיט דער צונג, געוואוינגן אין דער האַנט. די וואָל איז געווען
אַ לאַנגע, אַן אכט צאַליקע, אמת ענגלישע וואָל, פּונקט אַזאַ,
ווי ער דאַרף האָבן. אָבער ער האָט גלייכגילטיק, ווי איינער,
וואָס וויל פון עמיצן פּטור ווערן געזאָגט:
— איז פאַר דעם פּרייז קענט איר עס אַריינשיקן.
— ניין, ניין, — האָט יענער אַ צעפלאַמטער געשריען
— רב מרדכי וועט געבן נאָך אַ סענט אויפ׳ן פונט.
— רב מרדכי זאָגט, אַז פאַר דעם מקח קענט איר עס
אַריינשיקן.
און ווען עטינגער איז שוין געווען פאַרשלונגען אין די
קולות און טומל פון אַ צווייטן רעדל, האָט אים יענער נאָכגע־
שריען:
— ווען אַריינשיקן?
מרדכי עטינגער האָט זיך צוריק אַרויסגעקנוילט פון דעם
פּלאָנטער מיט מענטשן. ער האָט נאָך אַמאָל אָנגעהויבן טאַפּן
און גלעטן די וואָל
— און ווי וועט זיין, — זאָגט ער, — איך זאָל עס נאָך
היינט איינגאַנצן צונעמען? און ווי וועט זיין, ווען איך זאָל
באַצאָלן מזומן. טאַקי איינגאַנצן היינט באַצאָלן, און מזומן!?

ביים יונגנמאַן זיינען שיעור ניט אַרויס די אויגן פון קאָפּ, עס האָט אים באַשלאָגן אַ היץ, ער האָט זיך אַזש פאַרסלי־ניעט:

— וואָס הייסט מזומן? איך מיין... איך מיין.. שפילט דען ביי רב מרדכי'ן אַ ראַליע מזומן!

— איז וויל איך טאַקי מיט נאָך אַ סענט ביליקער.

— סטייטש, וואָס הייסט! רב מרדכי! איר ווילט מיך באַראַבעווען? ווי איז דאָס געהערט געוואָרן! סטייטש, וואָס הייסט!

מרדכי עטינגער איז שוין געווען אַוועקגעגאַנגען. דער יונגערמאַן איז אים שוין אומזיסט נאָכגעלאָפן. אודאי האָט ער עס צוגענומען מיט נאָך אַ סענט ביליקער, און עס איז געווען דער מין, וואָס ער האָט באַדאַרפט, און ער האָט געהאַט שוין אַ נייעם טראַנספּאָרט — מרדכי עטינגער דאַרף יעדן טאָג שיקן אַ נייעם טראַנספּאָרט — ער דאַרף קויפן ביליק — מרדכי עטינגער האָט שוין אָנגעהויבן שיקן וואָל דירעקט צו דער „אַמעריקען וואָולען קאָמפּאַניע" — ער איז שוין געווען פאַרשלונגען אין אַ נייעם רעדל.

— און „פייבער" קויפט איר גאָר היינט ניט? רב מרדכי מעג שפּעקולירן און איינעמען עטליכע באַלן „פייבער"!

און מענטשן האָבן זיך פאַרמערט. דער טומל איז גע־וואַקסן, ביזן אונטערן הימל האָבן זיך געריסן זייערע קולות. פונקט ווי געצנדינער ביי זייער גאָטעסדינסט, ווילד און משוגע פון ברענענדיקן התלהבות, אַזוי האָט איצט ביי די סוחרים ווילד און משוגע זייער דורשט צום מסחר געברענט. הונדערטער פעק מיט וואָל און שפּאַנישע „מערינאָ" האָבן זיך אין זייערע הענט געביטן. סמנים אַלערליי, און צייכנס פון הענט און פון פינגער האָבן זיך געהויבן אין דער לופטן. עס איז צוגעפאַלן דער אוונט, בראָדוויי האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן אין אַ העלישן פייער פון מיליאָנען ליכטלאַך. עס האָט זיך געדוכט, ווי עמי־צער האָט אָנגעהויבן וואַרפן אוצרות אַריין אין די טויזנטער פענסטער אַריין, און ביז שפּעט אין דעם אוונט האָבן זיך נאָך אין דער טונקעלער לופט געצויגן הענט אין דעם גאָלדענעם פייער אַריין.

דאָס גאָלדענע פּייער פון דער רווישנדיקער בראָדוויי האָט אַזוי נאָכבאַגלייט עטינגערן ביזקל אין זיין שטוב אַריין.

דער וואָגאָן וואָל, וואָס ער האָט ערשט געקויפט ביים צעפּלאַמטן יונגנמאַן, איז געווען אַ גרויסע מציאה. ער האָט אים אויסגעפּעלט צום טעגלאַכן טראַנספּאָרט. ער האָט באַשיינ־פערלאַך געזען גאָט׳ס האַנט אין דעם גליק, וואָס לויפט אים נאָך. ער איז געווען באַרוישט. ווי מיט אַלטן ווייַן איז געווען אָנגעגאָסן זיין קאָפּ. ער האָט שוין געציילט, און אין דער לופטן גע׳חשבנ׳ט און גע׳חיבור׳ט און גע׳כפל׳ט ווי אַזוי ער וועט דעם וואַגאָן סחורה צוטיילן, וואוהין ער וועט אים שיקן, וויפל ער וועט פאַרדינען. גלאַט אַזוי, אין דער אָפענער לופט אַריין האָט ער געלאַכט. ער האָט געלאַכט פון אַ מאַן, וואָס איז געשטאַנען אַ שטיל פאַרטראַכטער און געוואַרט אויף אַ טראַמוויי. ער האָט געלאַכט פון אַ טרעגער, וואָס האָט מיט דער פּלייצע אונטערגעשטופּט אַ שווערן קאַסטן אַרויף אַ וואָגן, מיט אַן אינע־ווייניקסטער פרייד, אַזאַ ברייט צולייגטע איבער זיין גאַנצן בוזעם האָט ער געלאַכט. גייענדיק אַזוי מיט אַשר ראָעזנצווייג׳ן ביז אַרויף ספּרינג סטריט האָבן זיי זיך דאָרטן צוטיילט. מרדכי עטינגער איז ווייטער אַליין געגאַנגען אַרויף בראָדוויי.

די גאַס איז איצט געווען טונקל און שטיל. דער מאָגיקער טומל איז שוין געלעגן פאַרשלאָסן אונטער די שווערע טירן. פון די שוואַרץ־גלאַנציקע פענסטער האָט אַרויסגעקוקט אַן איינגעהאַלטענער אימפּעט, ווי מיט אָנגעכמורעטע ברעמען — האָט זיך געדוכט עטינגערן — קוקט אַרויס אָט די פאַרבאַ־האַלטענע קראַפט און זאָגט אים — זאָל זיך נאָר דער טאָג שטעלן — איר וועט זען ווי מיר וועלן מיט אונזער גבורה אויף דער שטיינערדיקער גאַס זיך אַרויפוואַרפן — איר וועט זען אונזער כח.

עטינגער האָט קלאָר געהערט אָט די דאָזיקע בראָדווייאישע רייד. ער האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, ווי אונטער אַ שווערער משא געפאַלענע זיינען געוואָרן זיינע געדאַנקען. ער האָט פאַר זיינע אויגן געזען אַ ריזיקן מאָנסטער וואָס וויל זיך אויף אים אַרויפוואַרפן מיט זיין מיליאָן פּודיקער שווערקייט — מרדכי עטינגע האָט געציטערט פאַר זיין איינענעם

טראַט, זיין קאָפּ האָט ניט געקענט פאַרנעמען זיין ברייט צע־וואַקסן זיך. ער האָט געהאַט אַ געפיל אַז זיינע הענט זיינען שוין צעשפּרייטע איבער גאָר דער וועלט, ווייטער פון דעם פּונקט, ווי זיינע הענט גרייכן הויבט זיך שוין אָן אַן אַפּגרונט, זיין קאָפּ האָט אים געשווינדלט — טאָמער פאַלט ער אריין אין דעם אַפּגרונט! ווארום האָט ער ניט לעבן זיך איינעם אַ שטאַרקן, אַזאַ גרויסן, וועמען ער זאָל אים בשלום דעם וועג אַריבערפירן? זיין הארץ איז אין אים פאַרגאַנגען אין געבעט. — גאָט פאַרנעם מיין געבעט! — דו קענסט דאָך אונטערשיקן אַ מלאך אין גע־שטאַלט פון אַ מענטשן! איך דאַרף אַ בעל יועץ! — עס האָבן מיטאַמאָל אויפגעבליצט זיינע אויגן, ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, פּונקט ווי איינער, וואָס פאַרמעסט זיך אַנטקעגן איינעם, האָט ער ארויסגעשטופּט זיין ברוסט. — מיר וועלן אייך נאָך מער פאַרהאַמערן — האָט ער פּלוצלינג צו די מויערן אָנגעהויבן רעדן — אונזערע ריגלען וועלן נאָך שווערער זיין, אייער גבורה אין אונזער האַנט איז ווי אַ שפּענדל אין מיטן ים, וואָס פאַר אַ ווערט האָט איר בלינדע כחות אין פאַרגלייך מיט אונזער חכמה? כאַ, כאַ, כאַ, און כאָ, כאַ, כאַ משוגעים וואָס איר זענט!!!

ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיינע רייד. אַ שרעק האָט דורכגענומען זיין לייב, די גאַס איז געווען שמאָל און הויך. ווען ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן איז ער געשטאַנען האַרט נעבן אַ וואַנט. די וואַנט האָט זיך געהויבן הויך און פינסטער, און איז געקראָכן ביז אונטערן הימל. ער האָט פאַרריסן זיין קאָפּ, אים האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען פאַר די אויגן, די צוואַנציק שטאָקיקע געביידע איז געשטאַנען גרויזאַם שטיל און שווער געגרוט אויף דעם האַרטן ברוק — ער האָט מיט־אַמאָל דערהערט די קלעפּ פון זיינע אייגענע טריט, ער האָט זיך איינגעקאָרטשט, זיך פאַרנומען מיט אַ זייטיקער גאַס און איז אַרויס פון בראָדוויי.

ער איז שוין שנעל געלאָפן און געבלאָזן מיט דער נאָז, אינגאַנצן ארומגענומען מיט שרעק, האָט זיך אים געדוכט אַז די נאָלדענע פייערן, און איצט די טויטע שטילקייט יאָגן זיך נאָך אים. ער איז קוים אריינגעלאָפן אין זיין הויז אריין, זיך גע־

ריבן אין דעם שמאָלן קאָרידאָר, מיט זיין גאַנצן ברייטן גוף האָט ער אָנגעפילט כמעט דעם גאַנצן שמאָלן דורכגאַנג — דער גאַנצער לאַנגער חלל איז געוואָרן פאַרנומען מיט דעם מאַן מרדכי עטינגער.

— נעם אַראָפּ מיין מאַנטל עמאַ ! גיב מיר די יאַרמולקע ! גיס אָן די וואַנע !

און ער איז געבליבן אַזוי שטיין. די הענט צושפּרייט מיט די נאָזלעכער האָט ער געבלאָזן, האַלב אַראָפּגעצויגן דעם מאַנטל פון די פּלייצעס האָט ער געוואַרט די דינסט זאָל דעם בגד צונעמען.

אלדד

1

.... עס איז טאַקי צוגעקומען נאָך אַ מענטש צו מרדכי עטינגערס הויזגעזינד. מרדכי עטינגער האָט גאָט געבעטן ער זאָל אים צושיקן עמיצן, וואָס זאָל אים פאַרשטיין — גאָט איז אַ דערבאַרעמדיקער פאָטער — גאָט האָט אים צוגעשיקט אַזאַ מענטשן, וואָס ער האָט געוואָלט — עס איז געקומען — אלדד.

אלדד איז געווען אַ בלאָנדער, מיט אַ שאַרפן קינבאַקן און מיט ליפּן, וואָס זיינען געווען אַמאָל דין און אַמאָל ניט דין. ערשט נעכטן צי היינט איז ער אַרונטער פון שיף, און עס איז אַפילו ניט געווען קיין ברעקל סימן אין וואָס מען האָט געקאָנט דערקענען אַז דאָס איז אַ גרינער. ווייל זיינע קליידער זיינען געווען אין ענגלישן שניט און פון אמת'ע ענגלישע „טוויט". זיין אַקצענט, ווען ער האָט גערעדט ענגליש, איז געווען אַ לאָנדאָנער, שאַרף אַרויסרעדנדיק די ריש'ן, און ווען ער איז אַרונטער פון שיף, איז ער אַליין, ניט וואַרטנדיק פאַר קיינעם, צוגעפאָרן צום פעטער מרדכי עטינגער.

אלדד איז געקומען מיט אַ שיף, אויף וועלכער עס איז געווען צולעגט אַ גרויסער פרייער יום טוב און די גאַנצע צייט פאַרנדיק אויפן ים, האָט זיך אים אַלץ געדוכט, אַז ער האָט עפּיס אַ שייכות מיט דעם אַלעמען, וואָס עס טוט זיך איבערן אַטלאַנטיק — אַרום און אַרום דער שיף שפּאַרן זיך קליינע, ווייסע בערן, פון ווייטן הויבן זיך הויכע, גרין־שוואַרצע בערג — די שיף צעשניידט די קליינע, ווייסע בערן, און די גרין־שוואַרצע בערג — אלדד פרייט זיך דערמיט — אַ געפיל פון שטאָלץ און זיכערקייט נעמט אַרום זיין האַרץ, אים דוכט זיך, אַז אַרומדרייענדיק זיך איבער דעם דעק פון שיף, העלפט ער מיט שניידן דעם ים — העלפט ער מיט פאַרשפּרייטן יום־טוב — אַ ווייסן יום־טוב —

— האט ער טאקי געהאלפן שניידן דעם ים?

אומאויפהערלאך שפארט פון אים א צאפלדיקער אימפעט. אומגעדולדיקע באגעגענישן רייסן זיך פון זיין הארצן. זיינע אויגן גלאנצן און שטרעקן זיך כסדר צו דער אן־סוף׳דיקער ווייט־קייט. ער רוקט אראפ און רוקט ארויף זיין הוט, עס איז פאר אים צו קליין דער שמח אויפ׳ן דעק פון שיף, דאס ערווארטעטע, וואס קלאפט, ווי מיט העמערלאך אין זיין הארצן, שטויסט אים צו פליען אין די נאקעטע רוימען. ער האט ממש געפילט, ווי ער שטופט די שיף... און דערפאר וואס ער האט נאך אליין ניט געוואוסט, וואס אזוינס עס ערווארטעט אים, און וואס אזוינס ער וויל, האט דאס נאך מער פארשארפט זיין אומגעדולדיקייט, און נאך מער פארשטארקט זיינע כחות, מיט וועלכע ער האט געשטופט די שיף, און נאך בולטער ארויסגע־שפארט דעם גערانגל, וואס עס איז אנגעגאנגען אין זיין הארצן.

און זיין גערانגל איז געווען א שווערער. דער גאנצער באגאזש גייסטיגקייט, וואס ער פירט מיט זיך, קען דאך דא אין איין אויגנבליק צערונען ווערן — אלדר האט שוין פון פריער געוואוסט, וואס פאר א לאנד אמעריקע איז, ניט זייער־דיק דא, איז ער געווען דא, און ניט קענענדיק די היגע מענטשן, האט ער אבער געוואוסט אלע זייערע מנהגים און פיראכטצן, און דערפאר האבן אלע מינוט זיך געביטן אלע זיינע פלענער און אלע געדאנקען, און אלע מאל האט זיך עפעס ווי ארויסגעגליטשט פון אונטער די הענט.

אט טראכט ער מיט פרייד פון דער מיסיע, מיט וועלכער ער קומט אין דעם נייעם לאנד — ער וועט בויען א ניי לעבן — ער וועט ארגאניזירן זיינע אייגענע כחות, און ער וועט ארגא־ניזירן די כחות פון די ארומיקע. פרייד שפריצט פון זיינע אויגן, א דין שפארעוודיק שמייכל צועפנט זיינע ליפן און ער איז שוין כמעט, ווי פריילאך, אבער באלד נעמט ארום א צווייפל זיין הארץ, און א שוואכקייט זיין ווילן, און א ניט זיכער־קייט פארלאנגזאמט זיינע טריט, און פונקט ווי א בלינדער, טאפט ער דעם וועג און ציטערט פאר יעדן שפאן, וואס ער מאכט.

נאך אזא אנשטרענגונג זיך, און שפאנענדיק ארויף און

אראָפּ איבערן דעק, האָט שוין אלדד מער ניט וואו צו גיין. ער איז שוין געווען ביים סאמע שפּיץ נאָז, דאָרט וואו עס איז פארצויגן מיט דיקע, שווערע שטריק, און מען קען שוין ווייטער ניט גיין. זעצט ער זיך דעמאָלט אוועק אויף א שטול נעבן דער הויכער פארענטשע, מיט דער לינקער פארמאכטער האנט, שפּארט ער אונטער דעם שארפן קינבאקן, און מיט די ליפּן איצט פארשלאָסענע, זעט מען ערשט, ווי שארף וואכיק ער איז. די אונטערשטע און אויבערשטע ריי ציינער, דריקן איינע אויף די אנדערע און רייבן זיך רעכטס און לינקס שארפנדיק נאָך שארפער זייער שארפקייט. די אויגן — בלוי־גלאַנציקע, זוכן. די אויערן — אנגעשפּיצטע, פארנעמען ווייטע ריידן, און די ברעמען, כאָטש ליכטיקע און כמעט מיידלשע — פארשפּרייטן זיי אָבער איבער'ן מאָגער'ן פּנים א פארבאהאַלטענעם טרויער, און אַלע פארבייגייער איבער דער גרויסער דעק, זעען אז דאָ זיצט א מענטש, וואָס איז איינער אליין, א בלאָנדער.

אלדד'ן קימערט דאָס ניט. זיצנדיק אזוי פאר א שעה אָדער צוויי, ווייסט ער שוין דעמאָלט באשטימט, וואָס ער וויל. דאָס בלאָנדזשענדיק ערוואַרטעטע האָט שוין אנגענומען א באשטימט אלדד'ישן באגריף. ער פילט, ווי פון אים שפּראָצן טיף ווארצל־דיקע כחות. ער ווערט שוין ניט נתפּעל פון דעם נייעם ארום, ער פרייט זיך בלויז דערמיט. און אויב אים וועט אויסקומען צו פארמעסטן די אייגענע כחות מיט די כחות פון די ארומיקע — פרייט ער זיך דערמיט. און אויב עס דאַרף קומען צו א כוח־שפּיל, איז ער יעדע מינוט גרייט דערצו — און אויב דו, נייע וועלט, קענסט מיר גאָר ניט געבן, ווען מיר זען וואָס איך קען דיר געבן — — — —

ער האָט זיך געפרייט און געהאָפּט, און שוין אויפן שיף, נאָך גאָר ניט טוענדיק — א סך געטאָן — ער האָט זיך ווידער אויפ־געשטעלט, און ווידער געשפּאַנט איבער'ן דעק. מיט די צוויי פליענדיקע פּאָלעס רייסט ער זיך דורך דורכ'ן ווינט, ער קעמט אריין די דינצעשפּרייטע פינגער אין די גלאַטע האָר אריין, און מיט א פארקאָטשעטן שטערן, מיטלוואוקסיק, קוקט ער און באטראכט, און נעמט אין זיך אריין די ברייטע אומ־ענדלאַכקייט — ער האָט אזוי, ניט ארבעטנדיק, די גאנצע צייט

אויפן שיף געארבעט, ער האָט נעזאַמלט זיינע כחות, און אַנגע־
גורט די לענדן, און איז שוין געווען אַ גרייט פּאַרטיקער פאַר
דעם נייעם אָנקומענדיקן.

אַזוי אַן אָנגעגורטער, דאָס מויל פאַרשלאָסן, פון דער מומע'ן
אַ ניט ערוואַרטעטער, און דאָס היטל פאַרגעסן ערגיץ אויפ'ן
שיף, איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

אין שטוב איז געוואָרן אַ טומל. יעדער באַזונדער האָט
געשריען:

— אלדד איז דאָ.

און יעדער האָט באַזונדער געשריען:

— אלדד איז געקומען.

און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געוואונדערט:

— ווי, אומגעריכט קומט מען עס אַן קיין אַמעריקע?

פרוי עטינגער איז געווען צוטומלט, זי האָט נאָך קיינמאָל
ניט געהערט אַזאַ נאָמען. און דאָס, וואָס אלדד האָט גלייך ביים
אַריינקומען גערעדט ענגליש, און דאָס וואָס זי האָט שפּעטער אויס־
געפונען אַז ער קען נאָך דייטש און פראַנצויזיש און רוסיש, האָט
זי נאָך מער צוטומלט. און זי האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס
פאַר אַ מין גרינער דאָס איז — ווייל מען האָט ניט באַ־
דאַרפט צו בייטן זיינע קליידער, און מען האָט אים ניט באַ־
דאַרפט צו פירן אין באָד אַריין, און זיין פּנים איז געווען
גלאַט אָפּגעראַזירט און זיינע האָר נידריק צוגעשווירענע.

אלדד איז געווען פרוי עטינגער'ס שוועסטערס אַ זון. ער
האָט זי ניט געקענט און זי האָט אים ניט געקענט. ער איז
אַלט געווען אַכטאונצוואַנציק יאָר, און זי איז שוין געווען דאָ
אין לאַנד אַריבער דרייסיק יאָר. זי האָט געמיינט אַז ער איז
אַ הויכער, מיט קוטשעראַווע שוואַרצע האָר, אַזוי ווי זי האָט
געדענקט דעם עלטערן ברודער זיינעם, חיים'ען, און אלדד איז
גאָר, אַ מיטלוואוקסיקער און זיינע האָר זיינען גלאַטע און אויף
אַרויף פאַרקעמטע.

פרוי עטינגער האָט זיך אויך אָפּגעגאַרט אין זיין אָנקו־
מען. זי האָט געמיינט אַז דאָס וועט אָנקומען אַזאַ גרינער, ווי
אַלע גרינע, וואָס קומען אַהער, (זי האָט געהערט אַז ער קלייבט

זיך קומען, האָט אָבער ניט געוואוסט ווען און וואָס). אַז זי וועט אים דאַרפן פאַרן אַראָפּנעמען פון שיף. איר האַרץ האָט געקלאַפּט. זי האָט מורא געהאַט פאַר די שוועריגקייטן, וואָס מען האָט געוויינטלאַך ביים אַראָפּנעמען גרינע. זי האָט זיך גע־גרייט דערצו. זי האָט געוואָלט מקיים זיין די מצוה, וואָס עס איז מחויב אַ שוועסטער צו איר שוועסטערס קינד. זי האָט גערעדט און צוגעגרייט די קינדער צו זיין אָנקומען, ספּעציעל האָט זי גערעדט מיט אסתר'ן. אסתר איז שוין געווען אַ מיידל אין די יאָרן. ביי פרוי עטינגער'ן טיף אין האַרצן האָט זיך שטיל, ערגיץ אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל, אַריינגעקליבן אַ האַלבער, פאַרשלייערטער געדאַנק — אפשר וועט דאָס זיין אַ שידוך פאַר אסתר'ן. ערשט אלדד איז אַליין, גאָר אומגעריכט, ווי איינער פון אַ לוסטרייזע אָנגעקומען, און ווי אַ היגער אַן איינוואוינער האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר. עטעל האָט ווי געוויינלאַך ניט־עפענענדיק די טיר, צוערשט געפרעגט:

— „הו איז איט“?

— „אָפּען פּליז, איט איז יור נעפיו אלדד“ — זאָגט ער.

זי האָט שיעור ניט גע'חלש'ט פון שרעק. זי האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלן אַזאַ מין זאַך. זי וויינט און פרייט זיך און רעדט מיט טרערן אין די אויגן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנקומען קיין אַמעריקע, וואָס? מען דאַרף אים גאָר ניט פירן איבער די גאַסן? און מען דאַרף אים גאָרניט איינגעבן קיין ביטערזאַלץ? און גלייך עסט ער שוין באַנאַנעס און טומייטאָס?

טיף ביי זיך אין האַרצן האָט זיך פרוי עטינגער דוקא יאָ געפרייט מיט אַזאַ אָנקומען. זי איז געווען שטאָלץ מיט אַזאַ פּלימעניק. דאָס שטיל־פאַרבאָרגענע געפיל ביי איר אין האַרצן האָט זיך איצט נאָך מעהר צעשפּרייט. זי האָט שוין די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין קוקן אויף אסתר'ן, זי אָפּ־מעסטן אין גאַנצן, ווי גרויס זי איז, און מיט צאַרטקייט אין איר קול האָט זי זי גערופן ליבע נעמען, און איר אונטער־געטראָגן יעדן פרימאָרגן ריינע זאָקן אין בעט אַריין, און הייסע קאַווע, און מיט מאַמעשער נחת, האָט זי געקוואָלן פון דער אונ־

טערגעוואקסענער כלה־מויד. אבער ווי אזוי האט זי געקענט כאטש אביסל אראפשלעפן אלדר׳ן צו זיך?

שוין דעם ערשטן טאג האט פרוי עטינגער אויסגעפונען אז אלדר טראגט גראבע לינענע אונטערוועש, דאס אויבער־העמד איז שטייף און אנגעקראכמאליעט. — עס איז ניט באקוועם אזוי — זאגט זי — אמעריקאנער אונטערוועש איז ווייך און טיף אויסגעשניטן, די אויבער־העמדער, זיינען זיידענע דא.

— ווארף אוועק די גרינע שמאטעס — זאגט זי נאכאמאל — אין יוראפ קען מען ניט מאכן קיין ריכטיקן מלבוש — און ביטערזאלץ מוזטו איינעמען!

אלדר האט געמוזט צוגעבן אז ביטערזאלץ דארף ער טרינקען. ער האט פארשטאנען אז אפילו ווען א מענטש קומט פון פראנק־רייך צי פון קאפענהאגען מוז ער אויך איינעמען ביטערזאלץ. ער האט שנעל אראפגעשלונגען דאס ביטערע זאלצוואסער, פון בוזעם קעשענע האט ער ארויסגענומען א זילבערנע טאבאטשניצע, און פארויכערט א פאפיראס, פון א פאר אנגעבלאזענע באקן האט ער מיט גדלות ארויסגעבלאזן, און צולייגט ארום זיך א בלויען, דורכגעזייערטן רויך. און מיט די הענט אריינגעלייגטע אין די הויזן־טאשן איז ער צוגעאנגען צום פענסטער.

די הויז אין וועלכער מרדכי עטינגער האט געוואוינט, איז געווען די העכסטע איבער דער גאנצער סעקאנד עווענין. פון דעם פענסטער אויפן אכטען שטאק האט מען געקענט זען א ברייטן ארומיקן שטח. די הויז איז געווען מיט א פיר שטאק העכער פון אלע ארומיקע הייזער און ווען אלדר האט ארויסגעקוקט דורכן פענסטער האט ער געזען אומצאליקע, אנגעווארפענע מויערן. די מויערן זיינען געווען אן דעכער, און אויב דאס הייסט שוין יא דעכער, זיינען זיי אלע געווען פלאכע, גרויע, ווי עמיצער וואלט אין איילעניש, מורא האבנדיק פאר א רעגן, פארדעקט מיט בריזענטן די ניט פארענדיקטע שטיבער. איין דאך איז געווען הע־כער פון צווייטן. עס איז ניט געווען קיין רעגלמערסיגקייט אין גע־בוי — דריי שטאקיקע, פיר שטאקיקע און פינף שטאקיקע הייזער האבן זיך געשטופט איינע אויף די אנדערע. פון דערווייטנס האט זיך ארויסגעזען די וועסט־סייד, (מרדכי עטינגער׳ס פענסטער זיי־נען ארויסגעקומען צו דער וועסט־סייד) די באורי און גרין סטריט,

און מוירסער סטריט, און די גאַנצע לענג פון דעם נידעריקן טייל בראָדוויי. אין דעם ראַזיקן, ווייטן שטח, האָבן זיך גע־הויבן הויכע מויערן. איבער די מויערן זיינען געשטאַנען הויכע, פעטע פעסער, און הויכע רויטע קוימענס. פון די קוי־מענס ביז אונטער'ן הימל האָט זיך געשלענגלט שוואַרצער און ווייסער און גרויער רויך. קוימענס האָבן געפייפט. עס איז געווען מיטאָק־צייט, און איבער די דעכער זיינען געלעגן צו־לייגט די אַרבעטער. די אַרבעטער פון די פאַרשידענע באַזונ־דערע דעכער האָבן צוזאַמען געשפּילט אין „באָל" און פון איין דאַך צום אַנדערן זיינען געפלויגן קיילעכדיקע, האַרטע פּילקעס. איבער אַלע גאַסיקע קעפּ, און איבער טראַמווייען און אָטאָמאָבילן זיינען געפלויגן די קיילעכדיקע פּילקעס — אַלדד'ן האָט זיך גע־דוכט אַז ער הערט דעם סוויסטש, וואָס די האַרטע פּילקע רייסט דורך אין דער לופטן.

— איז דאָס אַמעריקע?

אַלדד האָט מיט פאַרגאַפטע אויגן, ברייט צעשפּרייטע געקוקט אויף דעם אַלעמען. כאָטש ער איז שוין אויסגעפאָרן אפשר די גאַנצע וועלט — אָבער אַזאַ בילד האָט ער נאָך ניט געזען. דאָס בילד האָט אויף אים געמאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס איבער־נאַטירלאַכעס, עפּעס איבערמענטשלאַכעס. אויף אַ ווײַלע האָט ער זיך פאַרלוירן. ער האָט זיך דערמאָנט אין זאַנגוויל'ס „מעל־טינג־פּאָט" וואו זאַנגוויל פאַרגלייכט אַמעריקא צו אַ שמעלצטאָפּ. אָט דאָס איז עס — האָט ער געטראַכט — אַ שמעלצטאָפּ שוין אין דער לופט. קוקנדיק אויף די ריזיקע געביידן, וואָס זיינען אַריינגעמויערט איינע אין דער צווייטער, זעענדיק, ווי עס שמעלצט זיך צענויף — רויך און נעבל און הימל, און אַלעס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָלירלאָזן גרוי, האָט ער גלייך דערפילט דעם אמת פון דעם וואָרט — אַ שמעלצטאָפּ — אַ שמעלצטאָפּ שוין אין דער לופט

— און די מענטשן? שמעלצן זיי זיך אויך אַזוי צונויף? זיינען אַלע דאָ גרוי... ווי גרוי עס איז די לופט?

אַלדד איז געוואָרן נייגעריק צו זען עמיצן, ער האָט גע־וואָלט לויפן אין גאַס, זען מענטשן ,הערן זייערע רייד.

— וואָס וועלן אים זאָגן די אַמעריקאַנער? זיינען זיי

אזוי שטאָלץ און פּאַריסן, ווי שטאָלץ און פּאַריסן עס זיינען זייערע מויערן? וועט ער, אַ פּרעמדער, זיך דאַרפן טוליען אין עמיצן, ווי עס טוליעט זיך אַ קליינע מויער אין אַ גרויסער מויער? וואָס וועט ווערן פון אים? וועט ער האָבן כוח זיך אַנטקעגן צו שטעלן אַט דעם פּרעמדן גרויסן? דעם שמעלצטאָפּ?

ער איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל־דערשלאָגן. דאָס לאַנג ערוואַרטעטע, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט אויפ׳ן שיף, און נאָך אויף יענער זייט ים, געבלעזלט אין זיין האַרצן, איז ביס־לאַכווייז צערונען געוואָרן. פּאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען עפּיס גיגאַנטיש גרויסעס, און אים געשראָקן. ער האָט געזען אין דער לופטן זיך פּאַכן פּאַרקאַטשעטע גרויסע אָרעמס מיט שטאָלענע מוסקולן. ער האָט אַראָפּגעבליקט פון פענסטער אין גאַס אַרונטער, און נאָך מער ווי פריער, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערפילט קליין און שוואַך און נישטיק. פון דער הויך אויף וועלכער ער איז געשטאַנען, האָבן די מענטשן אויפ׳ן ברוק אויס־געזען, ווי שפּילעכלאַך. ספּעציעל קאָמיש האָבן אויסגעזען די מענער, וועמעס פּיס, איינגעוויקלט אין הויזן, זענען זיך אײַנ־גאַנצן אַרויס ביים גיין. אַלדר׳ן האָט זיך געדוכט אַז דאָס זיינען מיט ספּרוזשינעס אַנגעצויגענע בלעכלאַך, אויסגעמאָלט, ווי מענטשן, וואָס הויבן אָטאָמאַטיש זייערע דראָטן אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, אַזוי לאַנג ביז עמיצן וועט מיאוס ווערן די גאַנצע שפּיל און וועט זיי אָוועקוואַרפן.

ווען ער איז אָפּגעטראָטן פון פענסטער איז אים געוואָרן נאָך שווערער אויפ׳ן האַרצן. דאָס בילד פון גאַס, וואָס ער האָט ערשט געזען האָט אים פאַרפּאַלגט. עס איז שוין אַלעם אין שטוב פאַר אים געווען גרוי. עס האָט אים אויסגעזען פּרעמד דער מומעס גאָלדענער צאָן אין מויל — זי וואָלט נים געהאַט אַזאַ לאַנגן גוידער — האָט ער געטראַכט — ווען ביי איר אין מויל זיצט אַ ווייסער צאָן, די קיך איז צו קליין, און ניט באַלעבאַטיש, און כאָטש אויסגעלעגט מיט אַ ליכטיק־גע־קעסטלטן לינאָלעאום איבער דעם גאַנצן דיל, האָט אָבער די קיך חוצפּה׳דיק געריסן זיינע אויגן, עס איז געווען פּונקט ווי אַן אַלטע פרוי וואָלט זיך אָנגעטאָן אין ליכטיק שרייענדיקע קאָלירן און אָנגעפאַרבט אירע באַקן — עס האָט אים דערנערווירט. דאָס

אלעס. עס איז אים געווען שווער אויפ'ן הארצן. ער איז צוגע־גאנגען צום שפיגל, זיין פנים איז געווען בלאס, די אויגן מיד, אויף די דינע ליפּן האָט זיך איבערגעשנירלט אַ קוים באמערק־בארער דינער שמייכל. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם אָב־שידאוונט, וואָס מען האָט געמאכט אין אמסטערדאם לכבוד זיין אָפּפאָרן, ווי דורך אַ חלום האָט ער געהערט אַלערליי רייד, איין פראזע האָט אים באזונדערס שארף געקלונגען אין די אויערן — „וועלן מיר זען, וואָס עס וועט ווערן פון אונזער באליבטן אלדד'ן אין דעם לאַנד פון דאלערס".

— וועלן מיר טאקי זען — האָט ער געשמייכלט אין שפּיגל אריין — אָט וועלן מיר טאקי זען.

עס איז ניט געווען קיין איינגעשפּארטקייט אין זיין גע־דאנק, און עס איז נאָך ניט געווען קיין פארדרוס, עס איז פאר אים בלויז געווען טשיקאווע — אָט וועלן מיר טאקי זען.

מען איז שוין געזעסן ארום טיש. מרדכי עטניגער איז לכבוד דעם גאסט אהיים געקומען עסן מיטאָג. עס זיינען זיך צענויפגעקומען די קינדער. לויז היימישער פּלאפּלעריי. מען רעדט פון דער היים און מען רעדט פון גרויסן ים. אין שטוב איז גראָם און ליכטיק, און איבער'ן צימער שמעקט דער ריח פון היימיש געקעכץ. עטעל רעדט צו אים היימישע רייד, איר קול איז ווייך און שטיל און זי רופט אים צארטע נעמען. זי דערמאָנט אלדד'ן אָן שוין לאַנג פארגעסענע היימישקייטן. די מומע דערמאָנט אים אָן זיין אייגענער מאמע'ן. אלדד האָט קוים געדענקט די מאמע. אין די אַלע יאָרן פון זיין ארומוואנדערן האָט ער אין אַלעם היימישעם פארגעסן, אלדד ווייס בלויז פון איין זאַך — ער ווייס אַז אויף דער וועלט איז דאָ אַ קלאַס אנטקעגן וועמען עס ווערן גרויסע עולות באגאנגען. אַ קלאַס וועמען ער דארף העלפן, און פאר וועמען ער האָט שוין איינ־מאָל שיעור ניט באצאָלט מיט זיין לעבן. און וואָס גייט אים אָן זיין אייגענע היים! אויף דער וועלט איז אָן איבערקערע־ניש — דער דרוק פון די ארמייען טרויסלט אויף די וועלט — אין ענגלאנד זיצן שוין הונדערט און פופציק דעפּוטאטן אין פּארלאמענט — אין דייטשלאנד האָבן מיר אריינגענומען די

גאנצע ממשלה אין אונזערע הענט — אין בעלגיעז, אין עסטרייך — אין רוסלאנד — אין די קאלטע לענדער האט שוין עמיצער איבערגעהאקט די שלעסער פון די פארזשאווערטע ריגלען. מענטשן מיט שמאטעס פארבונדענע פיס, ציען זיך איבער די פארפרוירענע וועגן, און אין זייערע אויגן שיינט א בלענדענדיק ליכט, ווי ווייס־בלענדנדיק עס איז דער שניי איבער וועלכן זיי טרעטן — מען דארף זיי העלפן — מען דארף זיי העלפן — מען דארף העלפן דעם מאן וואס גייט איינער אליין, א פארשטעלטער, ארום איבער די וועגן פון ווייטן רוסלאנד. דעם מאנ'ס פנים איז ארומגענומען מיט א קראנץ בלאנדע האר, פון אינעווייניק דעם קראנץ, שיינט ארויס א נישטדאאיקע ליכטיגקייט. סימנים פון אלערליי פעלקער זיינען צולייגט איבער זיין פנים — זיינע אויגן זיינען דינע און שמאל־צעשפאלטענע, ווי די אויגן פון א כינעזער, די הויט פון זיין פנים איז ווי די הויט פון א טאטער, זיין שטערן — א הויכער, א ענגליש געלערנטער, און די פינגער פון זיינע הענט זיינען בלייך און דין, ווי די הענט פון אן אידישן תלמוד־חכם.

איינמאל האט ער געזען דעם דאזיקן מאן, און מיליאנען מאל — טאג טעגלאך, האט ער געהערט זיין נאמען. קינדער רעדן פון זיין גרויסקייט. זיינע האר — זאגט מען — זיינען שטייף און שטעכיק, ווי די האר פון א יאזשעק, אויף זיינע פלייצעס טראגט ער אן אלטן מאנטל פון אן אויסגעדינטן סאלדאט. די עפאלעטן זיינען אפגעריסן, די קנעפ צוזאמען מיט שטיקער סחורה זיינען אויסגעריסן. מיט א טארבע אויף די פלייצעס, מיט א שטעקן אין האנט, די פיס געוויקלט אין שמאטעס, גייט ער ארום פון שטאט צו שטאט, און פון דארף צו דארף און רופט צו א ניי לעבן. דער מאן, זאגט מען, האט אזא כח אין זיך, אז וואו נאר ער באווייזט זיך צינדט ער אן א העליש פייער אין די מענטשלאכע הערצער. אט ערשט איז ער איינער אליין ארום איבער די פרעמדע וועגן, און שוין ציען זיך נאך אים אזוינע גרויסע מחנות אז דער וועג איז פאר זיי שמאל. מען קריכט שוין איבער פעלדער און איבער וועלדער, באלד, באלד און דאס גאנצע לאנד וועט פאר זיי זיין ענג און זיי וועלן זיך דארפן צעשפרייטן איבער גאר דער וועלט.

אלדר איז געקומען מיט א שליחות. די אלע היימישקייטן זיינען פאר אים פרעמד, פארגעסענע אמאליגקייטן. שוין יארן און יארן אז ער האט ניט געטראכט דערפון. און ווען די מומע האט מיטאמאל אנגעהויבן דערמאנען איין היימישע פאסירונג נאך דער אנדערער, האט אלדר מיטאמאל אויפגעעפנט מויל און אויערן און מיט אינגלשער זשעדנעקייט זיך צוגעהערט צו יעדן ווארט.

א טרויערר האט מיטאמאל פארצויגן זיין פנים, עס האט פלוצלינג אים אנגעהויבן שרעקן דאס ערוווארטעטע. ער פילט עפעס ברעכט זיך אין אים, עפעס נייס ווערט געבוירן אין אים, אים פארפאלגט דער אימפעט פון דער לופט, וואס ער האט ערשט געפילט שטייענדיק, אין פענסטער. ער האט דער פאר מורא. עמיצער האט אים אווארף געטאן אין די אויגן אריין א בלענדנדיק ליכט — א נייע ברייטע וועלט, און ער ווייסט ניט ווי אזוי צו באנעמען די נייע וועלט.

— וועט ער זיך דא אפשטעלן? וועט ער דא אין דעם נייעם לאנד געפינען זיין רו?

— ווי אזוי וועט ער געפינען זיין רו? וועט עס זיין די ארבעט, וואס וועט אים בארואיקן, צי וועט עס זיין דער מומעס שטילע רייד?

ער האט זיך געאיילט מיט די ביסנס. עס האט זיך געדוכט, ווי ער וויל שוין וויסן, וואס מיט אים וועט זיין. ער האט גערערט מיטן פעטער און ער האט גערעדט מיט דער מומען. ער האט שלעכט אקצענטירט דאס ווארט „סטראבערי" און זיך געמוטשעט עס פארריכטן. בעקי האט פארצויגן דאס מויל און ווי איינגעשלונגען די „דאבליו". אלדר האט עס ניט געקענט נאכמאכן.

— וואס מאכט עס אוים — האט ער אנגעהויבן ארומשפאנען איבער'ן עסצימער — אבי עס איז א גוט מאכל — מיר'ן שוין ווי ניט איז איינשלינגען די „סטראבערי" מיט דער „דאבליו".

עס האבן אנגעהויבן אנקומען אמאליקע חברים, אלטע באקאנטע, מען האט זיך געקושט און געפרייט און געדריקט די הענט — אלדר! — אביגדר!

אין א פאר וואכען ארום, שפעט נאכמיטאק, האט שוין אלדר ארומגעשפאנט איבער די טומלדיקע גאסן פון דער „איסט סייד“.

אז אמאליגער חבר האט אים ארומגעפירט איבער דעם אידישן קווארטאל. הויכע, ענגע, טונקעלע גאסן, האבן זיך געשלאסן איינע אין דער צווייטער. א גרויסע שטיינערדיגקייט איז געווען אויסגעפלאסטערט און צעגאסן איבער יעדן פיצל ערד. עס האט זיך געדוכט אז די הויכע מויערן זיינען ניט געמויערט געווארן פון מענטשלאכע הענט, נאר זיינען אזוי, אין משך פון א סך יארן, ארויסגעוואקסן פון דער שטיינערדיקער ערד ארוים, און מיט יעדן טאג, צי מיט יעדן יאר וואקסן זיי אלץ העכער און העכער. •

ווי הויך וועלן זיין די הייזער אין ניו יארק, אין די צייטן פון אונזערע קינדס קינדער?

אלדר'ן איז דורכגעגאנגען א לייכטער ציטער איבערן לייב — — — ער האט עטוואס איינגעבויגן זיין קאפ, גלייך איבער אים וואלטן געפלויגן קוילן, ארויסגייענדיק פון פעטער'ס הויז איז ער פארשלונגען געווארן אין א ים פון קולות און געדרענג און מענטשלאכע פיס, עפיס האט זיך געדוכט אז ער וועט שוין פון דאנען קיינמאל ניט ארויסקריכן, עס איז פונקט, ווי דאס שטילע וואסער וואס פאלט אריין אין לויפנדיקן שטראם — עס מוז ארייגפאלן אין ים אריין.

אבער פונדעסטוועגן איז ער באלד פארכאפט געווארן פון א גרויסן חידוש. זיין הארץ האט אין אים זינגענדיק אנגע־הויבן צו קלאפן. ווי פון א חלום ארוים, צי ווי געשטאלטן וועל־כע ער האט אמאל ערגיץ באגעגענט, צי ערגיץ געלייענט, האבן אנגעהויבן ארויסשפארן איין באקאנט בילד נאכ'ן צווייטן — אט זיינען גרויסע און פריי צעעפנטע אידישע קראמען, אט איז טאמאשעווסקי'ס טעאטער און קעסלער'ס טעאטער — אלדר האט שוין פון פריער געוואוסט וועגן די דאזיקע אידישע אינסטי־טוציעס — דאס אידישע לעבן פארנעמט דאך שויןביידע קאנ־טינענטן — אין ווארשע צי אין בערלין, אין קאמעניעץ צי אין פאריז, האט ער דאך שוין געוואוסט פון דער אידישער צווייטער

עווענױ, ער האָט געקענט איסט־בראָדוויי, ער האָט שוין פֿון לאַנג געוואוסט װעגן די אַלע זאַכן — אָבער פֿונדעסטװעגן איז ער געװאָרן צעטומלט, פֿון דעם אַרומיקן רױש. קינדער האָבן געשריען. אין מיטן העלן טאָג, אָבער די שילדן פֿון די צװײ־טעאַטערס זײַנען שױן געװען באַלױכטן. פֿאַרשײטע יונגען זײַנען געשטאַנען אױף אַ ראָג און ביסטרע געהיט די דורכגײער, גלײַך װי אַ בײזע חיה װאָס לױערט אױף איר קרבן. אלדד האָט דאָס אַלעס געזען. ער האָט פֿאַרשלאָסן די ליפּן. ער האָט זיך אײַנגאַנצן אײַנגעשלאָסן. עס האָט זיך געדוכט װי ער רעזערװירט אַלע זײַנע כּחות, און פּונקט װי אַן אָנגעצױגן פּײַקל איז ער גרײט יעדע מינוט אַלעס אָפּצושלאָגן. זײַנע אױגן זײַנען געװען ברײט צעעפֿנטע. זײַנע נאָזלעכער אָפּערדיגע. האַלטנדיק די רעכטע האַנט אונטער׳ן אָרעם פֿון זײַן חבר, און צוהערנדיק זיך צו אַלער־לײ ערקלערונגען, האָט ער דערװײַל געקוקט און באַטראַכט און געגרױבערט — ער האָט לײדנשאַפֿטלאַך געגרױבערט, און אַרײַנ־געצױגן אין די לונגען דעם רױך און די לופֿט און דעם טומל — ער האָט באַמערקט דעם נאָמען פֿון „קריסטי" סטריט.

— קריסטי — קריסטוס — ער האָט עפּעס ניט געכאַפּט דעם זינען פֿון דעם װאָרט.

— װאָס איז עס — האָט ער געפֿרעגט — אַ הײליקע גאַס?

— עס איז ניט קײן הײליקע גאַס, און עס איז ניט קײן הײליקער נאָמען. און עס איז בײַ אונדז סתּם ניטאָ קײן הײליג־קײטן. אָט אַ נאָמען. אַ גאַס. דאָ װאױנען פּעדלער און אַרבעטער.

איז דאָס אױך פֿאַר אים געװאָרן טשיקאַװע — װי אַזױ װאױנען דאָ פּעדלער און אַרבעטער?

אַלעס איז פֿאַר אים געװען טשיקאַװע, אַלעס נײַ און פֿאַר־כאַפּנדיק. עס האָט אין אים געשפּילט נײַגער און ערװאַרטונג, ער האָט פֿאַרנומען בילדער, און זײ גלײַך איבערגעלעגט אױף זײַן אײגענעם שטײגער. עס האָט זיך געדוכט, װי ער גײט און קעמפֿט, גײט און סאָרטירט, גײט און טײלט פֿאַנאַנדער — דאָס געפֿעלט אים און דאָס געפֿעלט אים ניט, דאָס אַפּעלירט און דאָס שטױסט אָפּ.

— און וואָס איז דאָס? און וואָס איז יענעם? און די וויליאַמסבורג בריק?

— העי, בחור וואַרט! דו וועסט ערשט זען דעם ריז ניו יאָרק! דו פאַרריים נאָר דעם קאָפּ אַהין רעכטס! — דו זעסט עפּעס אַ מויער!

דער חבר האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט.

— אַנו, פּרוּווּ נאָר איבערציילן די פענסטער אין דעם מויער! דו זעסט עפּעס! איינס, צוויי, צען, צוואַנציק — אַלדר'ן הויבט אָן שווינדלען פאַר די אויגן.

— איז וויפל שטאָק, צום טייוול, האָט עס יענער מויער?

— פרעגט ער.

— וואַרט! דאָס איז נאָך גאָרנית. מיר האָבן נאָך אַ „סינגער בילדינג" און אַ „וואָלוואָרט בילדינג" און אַ „מעטראָ־פּאָליטן בילדינג", און אַזוינע אַ הייזער רעכענען מיר גאָר ניט!

זיין באַגלייטער האָט אָנגעוואָרפן אין דער לופטן אַ צענדליק הויכע מויערן, וואָס האָבן מיט זייערע קריכנדיקע שפּיצן זיך אַריבערגעדראַפּעט איבער די פיר און פינף שטאָקיקע איסט־סיידער הייזער, און האָבן, ווי שומרים, אָנגעלאָדענע מיט שטאָל און אייזן געוואַכט איבער דעם אידישן קוואַרטאַל.

— דו זעסט עפּים אַ ריז?

זיי זיינען אַזוי פאַרגאַנגען ביז צו גרענד סטריט. פון ווינקל איז אַריינגעקראָכן אַ טראַמוויי. די טראַמוויי איז געווען נידריג, און גאָר אומגעריכט ווי אַ טשערעפּאַכע אַריינגעקראָכן. די טראַמוויי האָט פאַרטשעפּעט אַלדר'ס מאַנטל. ער איז געוואָרן צו־טומלט און רויט, און ווערנדיק צום סוף ווייס ווי קרייד האָט ער מיט פאַרוואונדערונג געזאָגט:

— ווי, מען קלינגט דאָ גאָר נישט? איך האָב דאָך גע־קענט אין איין מינוט דער'הרג'עט ווערן!

אָבער אַלדר איז ניט דער'הרג'עט געוואָרן. ער איז שוין געגאַנגען ווייטער אַרונטער מיט גרענד סטריט, דאָרט, וואו זי קומט זיך צענויף מיט קלינטאָן סטריט.

שוין ווידער אַ ביידל מיט אידישע צייטונגען — —

— ווער לעזט אַזויפיל צייטונגען? — פרעגט ער — און וויפיל צוגייט זיך דער „פאָרווערטס" און דער „טאָג" און דער

„מאַרגען זשורנאַל" און דער „טאַגעבלאַט" און ? ? ? וויפּיל טעגליכע צייטונגען האָט איר דאָ אין ניו יאָרק ? און וועכנטלאַכע, און מאָנאַטלאַכע, און פּעריאָדישע, און צייט־שריפטן ?

— אָ, ס'אַרא ברייט פאַרשפּרייט אידיש לעבן דאָ איז !

— פון וואַנען וועט זיך אָנהויבן די אידישע גאולה ?

— פון וואַנען וועט אַרויסוואַקסן דער נייער אידישער דור !

מיט וויפּיל כוחות אלדד האָט זיך ניט אָנגעגורט צו באַגע־גענען דאָס נייע פרעמדע און מיט וויפּיל אייגענעם זאַפּאַס ער איז ניט געווען אָנגעגרייט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם נייעם פרעמדן — האָט ער זיך דאַך פאַרלאָרן אַנטקעגן דעם גיגאַנטיש־גרויסן, וואָס איז איצט פאַר זיינע אויגן געשטאַנען. ער האָט געהערט ווי אין זיינע אויערן האָט געקלונגען עמיצנס אַ ווייט קול — דו מעגסט טאַקי זיין, ווער דו ווילסט, אָבער מיר וועלן דערפון נישט נתפעל — אַנטקעגן דיין חכמה, וועלן מיר אַרויס־שטעלן אונזער אייזערנעם מוסקול, דיין גאַנצן אוצר פון קונסט וועלן מיר מיט איין יאָר שפּאַרעוודיקייט אָפּקויפן. דו קום נאָר אהער און זע ווי יונג אונזערע קעפּ זיינען און ווי פלינק אונזערע פיס, אונזערע בריסט און אָרעמס זיינען געגאָסן פון שטאָל.

אלדד האָט דאָס געפּרובט אָפּווענדן. אין האַרצן ביי זיך האָט ער געפּרובט דערפון חוזק מאַכן, ער האָט געזאָגט צו זיין חבר :

— ווי משונה'דיק ווילד זיי לויפן דאָ אַרום ! ווי משוגענע.

אָבער ער האָט גאָר נישט באַמערקט, ווי ביסלאַכווייז איז זיך אין אים אַלץ מער צעוואַקסן זיין חידוש. זיינע אויגן זיינען פאַרגאַפּטע אַרומגעלאָפן פון איין אָרט צום צווייטן. עס קלינגט דער טראַמוויי, וועגענער, שווער באַלאָדענע, מיט גרויסע שווער־ע פערד, טאָפּטשען און סקריפּען איבער'ן שפּיציגן ברוק. די וועג־גענער ווערן אַריבערגעיאָגט פון שווערע „טראָקס", און די שווערע „טראָקס" ווערן ווידער אַריבערגעיאָגט פון שנעלע גלאַנ־ציקע אָטאָמאָבילן. איינער יאָגט זיך אויף אַ „מאָטאָרסייקל". מיט אַ דריבנעם, ווי פון אַ זאַק אויסגעשאָטענעם קלינגען, פליט פאַרביי אַן אַמבולאַנס. פּלוצים הויבט אָן ציטערן די לופט. איבער דער גאַס צוטראָגט זיך אַ משונה'דיק פייפן. עס קלינ־

געז שווערע גלעקער. עס זיינען אין גאס נישטאָ קיין בוימער — אָבער מען זעט ווי עס האָבן זיך אָנגעצונדן אין העלישן פייער די שפּיצן פון בוימער — רויט־ברענענדיק — דער הימל איז רויט און ברענענדיק. עס צעציט זיך איבער דער טומלדיקער גאַס אַזאַ לאַנגער פּייף, ווי דאָס וואָיען פון אַ סטאַדע משוגענע הינט, דאָס קלינגען קומט נעענטער, דער פּייף גרילצט אין די אויערן, אַלע וועגענער רוקן זיך אָפּ אין אַ זייט, אַטאָמאָבילן שטעלן זיך אָפּ, מענטשן אויפ'ן טראָטואַר שטעלן זיך אָפּ אין מיטן גאַנג, און וואַרטן מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן אויפ'ן אַנקומענדיקן מחבל — עס ברענט אויפ'ן ווינקל אַטאַרני און גרענד סטריט.

שוואַרץ, ווי באַזעצט מיט מוראַזשקעס איז מיטאַמאָל געוואָרן די גאַס. הונדערטער, טויזנטער, גרויסע און קינדער שרייען און שפּרינגען און געוואַלדעווען צעלעגטע איבער דער גאַנצער מיטן גאַס. מען האָט אָפּגעשטעלט די באַוועגונג, פון רערן שטראָמט וואַסער, אַ גאַנצע שטאָט וואָלט מען געקענט פּאַרטרינקען מיט דעם שטראָם וואַסער.

זיין חבר זאָגט:

— האָסטו שוין אַזוינס אַמאָל געזען ?

אַלדר און זיין חבר מוזן שוין אַרויס פון דער גאַס. מען קען שוין דאָ מער קיין טראָט נישט מאַכן. זיי פאַרנעמען זיך אַרונטער מיט קלינטאָן סטריט צו איסט בראָדוויי צו.

אויפ'ן וועג, נאָענט צום טראָטואַר, שטייען צושטעלט פוןביידע זייטן „פּושקאַרטס". די טראָטואַרן זיינען פאַרלייגט מיט גרויסע קאַסטנס און פּעק סחורה, אַזוי אַז די מענטשן מוזן גיין אין מיטן וועג. אַלדר פאַרקרימט מיט דער נאָז — עפּעס איז עס אַ באַליידיקונג פאַר אַ מענטשן צו גיין אין מיטן גאַס. שטענדיג דאַרפסטו זיך היטן פאַר די פאַרנדיקע וועגענער, פאַר די אָטאָמאָבילן און טראַמווייען, יעדער מוז היטן זיין גאַנג, און דערפאַר קוקט דיך קיינער אַפילו נישט אַריין אין די אויגן אַריין, קיינער האָט נישט קיין צייט דיך קיין גוט־מאָרגן צו זאָגן. און ווי־ווען מען דאַרף נאָך פירן אַ דאַמע ? — אין וועלכער זייט וואָלסטו דעמאָלט געגאַנגען !

אַלדר האָט זיך נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער

האט זיך דערפרייט ווען ער האט דערזען א שילד מיט׳ן נאמען: „היברו נעשאנאל ווײן געשעפט“, אין פענסטער פון דער קראם איז געשטאנען אן אמאליקער חבר. דער אמאליקער חבר איז איצט געווען דער פארוואלטער פון דער דאזיקער קראם. אלדר האט אפגעלאזט דעם ארעם פון דעם חבר, מיט וועמען ער איז געגאנגען, און איז א פלינקער אריבער אויף דעם צווייטן טראָטואר. זיינע אויגן האבן אנגעהויבן צו גלאנצן. עס איז געווען פונקט ווי איינער, וואס גייט ארום איבער א וויסטע און דער־זעט מיט אמאל א פרישן קוואל — ער איז מיט איין שפרונג אריין אין קראם אריין.

— אראן!

— אלדר!

זיי האבן זיך ביידע צעקושט, אראן האט געדרוקט אלדר׳ס האנט און אלדר האט געדרוקט אראנ׳ס האנט. דאס פארמאכטע מויל האט זיך פריי צועפנט, פון די ליכטיקע ברעמען האט זיך צעשפרייט א ווייסע ליכטיקייט איבער׳ן מאגערן פנים. דעם לעצטן מאל, ווען די צוויי חברים האבן זיך געזען, איז געווען מיט פיר יאר צוריק ערגעץ אויף א צוזאמענפאר. אלדר איז דעמאלט נאר־וואס איבערגעגאנגען צום „בונד“, אין א גלענ־צנדער רעדע האט ער דעמאלט אונטערגעשטראכן דעם עלעמענט, וואס דער אידישער ארבעטער טראגט אריין אין דעם אלוועלט־לאכן פראלעטאריאט. ער האט אנאליזירט די פסיכאלאגיע פון דעם אידישן ארבעטער, זיין באוואוסטזיין, און זיין אייגנארטיקן קלאסנקאמף. איינע פון די וויכטיקסטע בייטרעגע, וואס אלדר האט צוגעטראגן צום קאמף אויף דער אידישער גאס, איז גע־ווען זיין וואנדערליכע פארשטענדניש פאר היסטארישע געשע־ענישן. ער האט געוואוסט אויף אויסווייניק יעדע קלענסטע פא־סירונג פון דער אידישער און אלגעמיינער געשיכטע. מיט א מערקווירדיקער פלינקייט האט ער קאמבינירט אט די היסטארישע פאסירונגען מיט׳ן פועל־יוצא וואס מוז דערפון ארויסוואקסן. ער איז גלייך דעמאלט אנערקענט געווארן פאר איינעם פון די אנ־געזעענע פירער. אראן האט גלייך קאפיטולירט. אראן איז מיט א נידריק געבויגענעם קאפ צוגעקומען צו אלדר׳ן, אים געדרוקט די האנט, און מיט נאסע ליפן האט ער אים א קוש געטאן.

אלדר האָט ביז היינטיקן טאָג נישט פאַרגעסן יענעם צוזאַ־מענפּאַר. ווען ער האָט דערזען אראַנ׳ען, האָבן זיך אים גע־שטעלט טרערן אין די אויגן. ער איז געשטאַנען מיט פאַרוואונ־דערונג און געקוקט אויף די רייען אויסגעשטעלטע פּעסער מיט ווייַן, אַלע פּעסער זיינען געשטאַנען מיט די קראַנען צו דער פראַנט, אים איז מיט אַמאָל געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין: ווי וואָלט געווען ווען עמיצער גיט מיט אַמאָל אַ דריי אָפּ אַלע קראַנען!

— דו קענסט עס טון, ווען דו ווילסט? — פרעגט ער פלוצים אראַנ׳ען.

— וואָס טאָן?

— איך מיין אָפּדרייען אַלע קראַנען.

ביידע לאַכן. אַלדר גייט צו צו אַ פאַס און דרייט פּאַמעלאַך אָפּ אַביסעלע דעם קראַן, אַ רויט שנירל הויבט זיך לאַנגזאַם אַן שנירלען פון דעם אָפענעם קראַן אַרויס. אַראַן שטעלט אונטער אַ גלאָז.

— איך וועל דיר געבן בעסערן — זאָגט ער.

— ווייסן? — פרעגט אלדר.

—ניין, רויטן — ענטפערט אראַן.

— דו ביזט דער מייסטער — שמייכלט אלדר — טו אַזוי ווי דו פאַרשטייטס.

אַלדר טרינקט אויס אַ גלאָז ווייַן.

— איז וואָס טוסטו, ברודער — פרעגט ער.

— אַט דאָס טו איך, חבר — ענטפערט אראַן.

— פאַרקויפסט ווייַן?

— פאַרקויף ווייַן.

אראַנ׳ס קול ציטערט. באַליידיגונג ליגט צולייגט אויף זיין פּנים. שאַנדע שנירלט זיך דורך זיינע פינגער, ווען ער נעמט צו דאָס ליידיקע גלאָז. פאַר אַ ווייַלע קוקט ער נישט אלדר׳ן גלייך אין די אויגן אַריין. ער פאַרעט זיך ערגעץ אַ פאַרשטופּטער אונטער די פּעסער און פון ווינקל זעט זיך אַרויס אַ שטיק פון זיין איינגעריכטן אַרבל. ער קומט באַלד ווידער צוריק, אָבער שוין מיט אַ קאַלטן גלאַנץ אין זיינע אויגן. מעכאַניש זאָגט ער נאָך אַמאָל:

— פארקויף ווײַן.

אלדר שווייגט. א שטילער טרויער פארציט זײַן פנים. פון דעם גלאָז ווײַן, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, האָבן זיך צו־שפילט רויטע פלעקן איבער זײַנע באַקן. מיט אַמאָל האָט ער באַמערקט דעם שלעכט־געפּאַסטן ראָק אויף אראַנ'ס פּלייצעס, די הויזן זײַנע צוקנייטשטע, א זאַך וואָס האָט אים איינגטלאַך קיינמאָל ניט געקימערט אָבער איצט האָט עס געריסן זײַנע אויגן.

— וואָרום שטייסטו דאָ און פארקויפסט ווײַן ?

אלדר האָט זיך גלייך געכאַפּט אויף דער נאַרישער פראַגע. ער האָט זיך געפילט דערשלאָגן און געוואָלט צוריקכאַפּן די אַרויסגערעדטע רייד — ער האָט אויף גיך זיך אָנגעהויבן נאָכ־פרעגן אויף באַקאַנטע און אַמאָליגע חברים.

אראָן האָט אים גלייך געענטפערט. עס האָט זיך געדוכט, ווי ער וויל מיט דעם דערציילן אַפּוואַשן זײַן אייגענע שאַנדע, און ער האָט שנעל גערעדט : יאַקאָב, — האָט ער געזאָגט, — איז געוואָרן אַן איבערזעצער, און שפּיגעל א „פּובליסיטי“־מאַן — צום וואָרט „עקס־לאַקס“ האָט ער א ים מיט גראַמען, און מײַן שרה איז די גאַנצע צײַט קראַנק. פאַר־א־יאָרן ווינטער איז זי געבליבן ליגן אויף פּאַקן, עפּעס פּונקט ווי א פייער וואָלט פון אירע באַקן אַרויסגעריסן שטיקער פלייש, זי איז אינגאַנצן געשטופּלט, וואָלסט זי נישט דערקענט.

— און אראָן הייסט שוין נישט אראָן — מיסטער בראָמ־בערג רופט מען אים שוין, — ווײַצלט זיך אראָן — ער האָט שוין אָראָפּגענומען די וואָנצן און אין מיטן קאָפּ האָט זיך בײַ אים אויסגעלייגט א קיילאָכדיקער ווײַסער ראָד, מיט די שפּיץ פאַרגעלטע פינגער לעגט ער אַלע מאָל א סיגאַרעטל אין מויל אַרײַן און זײַנע אויגן זײַנע ווי שלעפעריקע — בלויז ביים באַ־געגענען אלדר'ן האָבן די אויגן אויפגעלויכטן, אָבער שטענדיק זײַנען די אויגן שלעפעריקע און מידע און מיט א פייערל פון... קנאה אין זיי.

אַזוי שטעכעדיק רעדט אראָן.

טו וואָרום האָבן בײַ אלדר'ן פּלוצים אָנגעהויבן צו ברענען די

פים? האט עפעס אנגעריבן אויפן ביין נעבן גראבן פינגער? ער וואלט געטרונקען נאך וויין!

— קענסט רעכענען — זאגט ער — איך בין דורשטיק.

— מיין באלעבאס איז א פיינער מאן, — ענטפערט אראן

— ווער עס קומט צו מיר אריין, קען טרינקען וויפיל ער וויל.

ביידע האבן נאכאמאל אויסגעטרונקען צו גלעזער וויין. ביי־דע האבן טרינקענדיק זיך דערמאנט אין שוין לאנג־פארגעסענע זאכן. ווען אלדר האט אויסגעטרונקען דאס צווייטע גלאז וויין, איז אים מיטאמאל געווארן אומעטיק; שווערער און שווערער איז געווארן זיין געמיט. אין דער קראם איז געווען שטיל. דער דרויסנדיקער טומל האט זיך אפגעשלאגן אין דער פארמאכטער טיר. אלדר האט געקוקט אויף אראנ׳ען. ביידנס בליקן האבן זיך שפיציק באגעגנט. דער קוקט אויף דעם און טראכט פון זיך און דער קוקט אויף דעם און טראכט פון זיך. אין אלדר׳ן האט זיך צושפילט אן אינווייניקסטע ווארעמקייט. ערשט איצט האט ער געפילט, ווי די צוויי גלעזער וויין פליסן אין זיינע אדערן און הויבן זיך אלץ העכער און העכער. מיטאמאל האט ער געלאזט ארויסווייזן זיין בארדרוס, אויף די ליפן האט ער געלאזט ארויפקריכן זיין בייזקייט. ער האט ריידנדיק צו אראנען פון דער באוועגונג געזאגט:

— זאל דאס פסולת טאקע אפפאלן — איין ווערעמדיקע שאף קאן פארפעסטן די גאנצע טשערעדע.

אראן האט פארביסן מיט די ליפן.

ביידע שווייגן.

אלדר האט אויסגעשטרעקט די האנט:

— זיי געזונד.

— גוד־ביי.

אלדר מיט זיין חבר זיינען ביידע ארונטער נידריקער, צו איסט בראדוויי צו.

אלדר האט מיט אלע כוחות געוואלט אפשלאגן דעם שלעכטן איינדרוק, וואס די באגעגעניש מיט אראנ׳ען האט אויף אים גע־מאכט. ער האט געקענט ארומנעמען און אנאליזירן זאכן פון אלערליי זייטן, ער האט געוואוסט די ווירקונג פון סביבה און

אומשטענדן אויף מענטשן. ער האָט געוואוסט אַז אפילו לופט און וואַסער און דאָס עסן ווירקט אויף אַ מענטשן, אָבער אַז אַ מענטש זאָל זיך אין אַ משך פון פיר יאָר צייט אַזוי איבערבייטן, האָט ער זיך ניט געקענט פאָרשטעלן.

און עס איז אייגנטלאַך ניט געווען אַראַנ׳ס איבערבייטן זיך, וואָס האָט אויף אים געמאַכט דעם שלעכטן איינדרוק — אַ מענטש קען דאָך מיט זיך טאָן וואָס ער וויל — עס איז געווען אַראַנ׳ס דערשלאָגנקייט, וואָס האָט אים פאַרפּאַלגט. אַלדר האָט געזען אין אַראַנ׳ס בליק עפּעס אַזוינס וואָס האָט געמאַכט ציטערן זיין האַרץ. אַראַנ׳ס אויגן זיינען ווי שלעפעריקע, עס האָט זיך געדוכט, ווי די מידקייט פון איינעם, וואָס איז צוריקגעקומען פון אַ דרייטאָגיקער שלאַכט, ליגט צולייגט איבער זיין פּנים, אין זיין בליק איז געלעגן דערשלאָגנקייט און אַנטוישונג. עמיצער האָט אַרויסגעריסן דעם גלויבן, וואָס איז געלעגן אין אַראַנ׳ס אויגן, דאָס פייכטקייט פון אַרום די שוואַרצאַפּלען, אַרום זיין בלייך מויל איז געלעגן אַ קרומער קנייטש. פול מיט ביטול און איינגעקאַרטשעטער צוקנייטשטקייט האָט דאָס מויל ווי געזאָגט — דו ביסט נאָך טאַקע דער באַוואוסטער אַלדר, איך בין דיך טאַקע מקנא, אָבער מיר׳ן באַלד זען, וואָס פון דיר וועט ווערן — מיר׳ן זיך באַגעגענען איבער־אַ־יאָר — אין נײַנצנזיבעצען — אין נײַנצנצוואַנציק. — פול מיט גאַל האָט געשפּריצט פון זיין שטעכיקער צונג — אַלדר האָט אַזש געציטערט. אַ געפיל פון עקל און פאַרביטערונג האָט אים אַרומגענומען צו דעם נייעם לאַנד. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָ אין דעם לאַנד, ווערט יעדעס מענטשלאַכעס אין דעם מענטשן צופרעסן פון אַזאַ ווערעם. עס זיינען דאָך דאָ ווערים, וואָס האַלטן זיך אויף אין אַ געוויסן קלימאַט און פרעסן אויף געוויסע געוויקסן — אין אַמעריקע איז דאָ אַ וואָרעם, וואָס זויגט אויס דאָס פייכטקייט פון שוואַרצאַפּלען, דאָס גלויביקע פון אויגן, די חכמה פון אַרום מויל — אַלדר האָט זיך אין זיך געקאַרטשעט און זיך געוועהרט אַנטקעגן דעם אַלעמען. ער איז מיט שנעלע טריט געלאָפן אַראָפּ גאַס, ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער אַנטלויפן פון דאַנען, אַנטלויפן פון זיך, ער מיט זיין חבר זיינען שוין געווען אויף איסט בראָדוויי.

זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען די אידישע בוכהענדלער. מיט

גרויסע אפישן זיינען געווען באהאנגען די ווענט און די טירן און די פענסטער. איסט בראדוויי איז געווען איינגעטונקען אין גרויסע פלאקאטן, אפילו אין דער הוילער לופט זיינען געהאנ־גען גרויסע לייווענטענע שילדן מיט אלערליי אויפשריפטן — עס שרייט ארונטער א „מינסקער באל". די ווארשעווער „יאנג־מענס" גיבן א „הוטשו־קוטשו דענס". מעיאר מיטשעל זאגט צו דעם הימלישן גן עדן אויף דער ערד. איבער א הילצערנעם ברוק טאפטשען קאלטענעוואטע שווערע פערד. פון די פענסטער ארויס און איבער די פייער־קאסטנס ליגן צוליי̆גט בעט־געוואנט. דער ריח פון ביליקע רעסטאראנען צולייגט זיך ביז אינמיטן גאס אריין. אט איז דער פארלאג „אידיש" און אט איז דער „ליטערארישער פארלאג". אלדד וויל אהין אריינגיין, אבער עפעס האלט אים צוריק. ביי א שויפענסטער פון א גרויסן בוך־געשעפט איז גע־שטאנען א הויכער, ברייטער, דיקער מאן; דער מאן האט געהאט א גלאט, ווייס פנים, גלייך דארטן וואלטן קיינמאל ניט געוואקסן קיין האר, ווייכע בלויע אויגן, מיט איין ארבל פארקאטשעט ביז אריבער דעם עלנבויגן, זעט זיך ארויס די גאנצע ווייסע, ווייב־לאכע האנט. אונטער דער ענגער קאמעזויל ליגט א ברודיק ווייס העמד. דער מאן איז פארטאן אין אן ארבעט, ער האט שווער געאטעמט, געבלאזן פון די נאזלעכער מיט טראפנס שווייס. עס האט זיך געדוכט אז אט ערשט איז ער געקומען צולויפן פון א ווייטן געיעג און מיט א קלוג ממזר'יש אויגל באקוקט ער אין באטראכט דאס שוין אפגעטאנענע — דער מאן האט נאר־וואס איינגעוויקלט קארל מארקס'עס ביוסט אין א שטיק רויטן טוך, וויל־סאנ'ס בילד האט ער ארומגעשטעקט מיט קליינע אמעריקאנער פאנען, און פון א קופע נאר־וואס דערשינענע ביכער האט ער אויסגעבויט א קליינעם טורעם־שפיץ.

דער מאן איז אזוי א צוכראסקעטער אפגעגאנגען אויף אינ־טערווייילאכץ ביז א העלפט פון טראטואר און מיט גרויס צופרי־דנקייט האט ער באטראכט זיין קראם.

אלדד'ן האט געגעבן א קלאפ אין הארצן, ניט נאר א קלאפ, ער האט געפילט אז אין אים ברעכט זיך איבער דאס הארץ. ווען ער איז צוגעקומען גאר נאענט, האט ער אין דעם דיקן צו־כראסקעטן מאן דערקענט זיין אמאליקן חבר אלעקס. אלעקס

האָט אַמאָל ערגעץ אין אַ שטאָט געוואָרפן אַ באָמבע. פון דע־מאָלט אָן האָט ער אַביסל צונעהונקען, אַלעקס האָט דאָס געזאָלט איבערנעמען די פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי דאָ אין דעם לאַנד.

— וואוהין פירסטו מיך? — האָט ער זיך פּלוצים אָפּגע־רופן צו זיין באַגלייטער, — מיר האָבן דאָך געזאָלט גאָר גיין אין „פאָרווערטס“?

ער האָט שוין מורא געהאַט ווייטער צו גיין. ער האָט זיך ניט געוואָלט באַגעגענען מיט אַלעקס'ן. ער האָט אַנגענומען דעם חבר'ס אָרעם און איז אַריבער דעם וועג. ביידע זיינען זיי שוין געשטאַנען אין דער פראָנט פון דער עדיוקיישאָנאַל עלייענס.

אַ מאַסיווע ברוינע פינף־שטאָקיקע געביידע, מיט ברייטע, שטיינערדיקע, ווי אויף אייביק אַריינגעזעצטע טרעפּ. אַפּ און אויף גייען מענטשן. עס גייען מיידלאַך און קינדער. אויך דאָ זיינען באַהאַנגען די ווענט מיט אַלערליי אַנאָנסן. —

וואָס האָט ער דאָ צו טאָן? וואָס גייען אים אָן די אַלע זאַכן? אַלדר פילט ווי די אַלע ביז איצטיקע באַגעגענישן שטעכן זיין הויט. ער איז מיד און אויסגעשעפּט, ער וויל ערגעץ אַנט־לויפן, אים האָט אַרומגענומען אַ געפיל, אַז ער איז אַ סאָלדאָט ערגעץ אויף אַ שלאַכטפעלד, פון אַלע זייטן פליען קוילן און ער אַליין האָט נישט קיין ביקס מיט וואָס זיך צו שיצן.

— עס איז דאָ גאָר נישטאָ וואָס צו זען, — זאָגט ער, — און דער בנין גייט מיר לחלוטין גאָר נישט אָן, לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען... לאָמיר אַוועקגיין, איך וויל ניט...

— אָ, אָט איז דאָך דער אָפּים פון דער „אידישער אמע־ריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי!“ און דער „פאָרווערטס“!

אים האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן דאָס האַרץ. דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין. עס האָבן אים געציטערט די הענט מיט די פיס. ער האָט עפּעס אָנגעהויבן צו מורמלען אומפאַרשטענדלאַכע ווערטער; ער האָט אַרויסגעוואָרפן דעם סיגאַרעט פון מויל און פאַררוקט דעם הוט אויפ'ן קאָפּ.

ער איז אַ ציטריק־צושטרייטער מיט אַ ברוסט, וואָס האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, אַריין אין „פאָרווערטס“.

א הויכע, צען־שטאָקיקע געביידע, וועלכע שטאַרצט אַרויס מיט א פאַרריסענעם קאָפּ און קוקט אַריבער איבער אַלע נידריקערע מויערן. און דער פראַנט האָבן צוויי הויכע זיילן איינגעמויערט אין גראַניט, אויפגעהאַלטן א ברייטע, אָפענע גאַ־לעריי פון פאַרענט מיט א ברענענדיקן פאַקל. פון א ברייטן ווייסן מאַרמאָר־שטיין, וואָס האָט פאַרנומען א האַלב פון דער דרויסנדיקער אונטערשטער וואַנט, האָבן בולט אַרויסגעשפּאַרט די אויסגעקלאַפּטע פיגורן פון פאַרשידענע אַרבעטער־פירער. אויף שוואַרצן גראַניט זיינען מיט גאָלדענע אותיות געווען אויסגע־קריצט די נעמען פון אַלערליי פרייהייטס־קעמפּער. ווען אַלדד איז אַריין אין דער הויכער געביידע איז א שרעק דורכגעלאָפן זיין לייב. א ציטער פון פרייד, שטאָלצער באַוואוסטזיין, אויס־געמישט מיט עפּעס וואָס איז ווייט און פרעמד און דאָך אייגן, האָט אַרומגענומען זיין האַרץ. ווען ער האָט אָנגענומען דאָס הענטל פון דער שווערער טיר און זיך באַדאַרפט אָנשטרענגען צו עפענען די טיר, האָט ער דערמאָנט מיט אַמאָל דערפילט די שווערקייט און וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן בנין. אַלץ איז מאַסיוו. אַלץ איז וואָגיק. גלאַנציקער ווייסער „טייל" באַדעקט די ווענט און דעם דיל, א שווינדלערישע הויך הויבט זיך ביז צו דער סטעליע — די סטעליע איז הויך און נאָך העכער. אַלדד האָט מיט נייגעריקייט איבעראַל געוואָרפן זיינע אויגן, און איבעראַל, וואו עס איז געפאַלן זיין בליק, איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן. אין דעם גרויסן הויכן פּאַליש האָט געקאָכט ווי אין א קעסלגרוב. אַרום און אַרום א הויכן, קייַ־לאַכדיקן טיש, ווי א קייַלאַכדיקער, אומענדלאָכער שטענדער, זיינען געשטאַנען מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער, און ווי איי־נגענע זיך איבערגעוואָרפן מיט היימישע רייד. איינער האָט גע־שריבן א בריוו, איינער האָט געציילט געלט, איינער אן עלטערער מאַן, אָפּגערוקט אין א זייט ביי א ווינקל, האָט היימיש פאַר־קאַטשעט דעם אַרבל פון דער לינקער האַנט, און קוקנדיק אויף דער גלאַטער האַנט זיך געוואונדערט, וואָס עס ווייטיקט אים דאָרט. צוויי הויכע, גלאַט־געגאָלטע מענער, האָבן היציק זיך גע־

שפּאַרט איבער עפּעס אַז ענין — מען מוז זיי היינט אַרונטערנע־מען — האָט איינער געשריען — אויב מיר קריגן נישט דעם „אָרדער“ פון אָפּיס, וועלן מיר אַליין, אויף אונזער אייגענער איניציאַטיוו דאָס טאָן — מער קען מען עס שוין נישט אַריבער־טראָגן.

ביי דער גאַנצער לייַנג פון דער לאַנגער אָפּגעשלאָסענער וואַנט מיט די אייזערנע גראַטעס, זיינען ביי קליינע האַלב־אָפּענע טירלאַך געשטאַנען לאַנגע רייען מיט מענטשן. אייניקע האָבן אַריינגעגעבן געלט און אייניקע האָבן אַרויסגענומען געלט. מען האָט זיך געפּרעגט עצות. אייניקע זיינען אַוועקגעגאַנגען מיט פריילאַך, לאַכעדיקע פּנים'ער, און אייניקע זיינען אַוועקגעגאַנגען מיט טרויעריק־אומעטיקע פּנים'ער. די גרויסע טיר האָט זיך כסדר אָן אויפהער געעפנט און פאַרמאַכט — די טיר האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרמאַכט — כסדר אָן אויפהער זיינען מענטשן אַריין און אַרויס.

— איז דאָס אונזער אייגענער בנין?

— זיינען מיר שוין אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אויף דעם נייעם פּרעמדן באָדן? — גראַניט און שטאָל, ציגל און מאַרמאָר־שטיין אַוועקגעלייגט אַזוי, אַז קיינער קען אונז שוין פון אָרט נישט רירן?

— עס איז נישט אונזער באַוואוסטזיניקע טעאָריע, וואָס באַשטימט אַ קלאַסן עקזיסטענץ; עס איז דער קלאַסן עקזיסטענץ וואָס רעגולירט אונזער באַוואוסטזיין — אַלדר פילט ווי עס קיצלט אים אונטער דער הויט; זיין בלאַס פּנים האָט זיך גע־רויטלט. ווי אין פיבער האָט ער זיך געגורעט אין זיין מאַנטל, ער האָט נאָכאַמאָל פאַרויכערט אַ סיגאַרעט; ער האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן דאָס אומאַנגענעמע מיט אַראַנ'עו און מיט אַלעקס'ן. גרויסע, ברענענדיקע פּאַקעלן לויכטן פאַר די אויגן. ער וויל זיך נישט אויפהויבן מיט'ן עלעווייטאַר, ער וויל גיין מיט די טרעפּ, ער וויל אַליין זען, דעם ערשטן שטאָק, דעם צווייטן, דעם דריטן, דעם פערטן — הע, וויפל אָפּיסעס עס זיינען דאָ אָנגעשטופּט! אָפּטיילונגען פון פאַרשידענע פאַרבאַנדען, יוניאָנס, אַרבעטער קלובן זיינען אָנגעפּיקעוועט אויף יעדן שטאָק. קליין, געדיכט, ענג, שפּאַרעוודיק איז יעדער ווינקל

— אזא גרויסע באַוועגונג — און בלויז איין מויער — מען דאַרף שפּאַרן פּלאַץ — מען דאַרף שפּאַרן דאָס ווינקל — אַ בינשטאָק — אַ קעסלגרוב — שרייבמאַשינען קלאַפּן. גרויסע רעדער פון פּרעסמאַשינען האָבן אַן אויפהער זיך געדרייט און געקלאַפּט און אַטאָמאַטיש אַרויסגעוואָרפן בלעטער מיט שוואַרצע גלאַנציקע אותיות, ווי פריש איבערגעקערטע שוואַרצע ערד. אַלץ איז אַזוי צאַפּלדיק פריש. האַרטע שטיינערדיקע דילן. לאַנגע שמאַלע פענסטער. אַ ים מיט מענטשן גייען און קומען. זייערע רייד און קולות זיינען פרייע. אָפענע־אַרויסגעזאָגטע. קיינער היט זיך פאַר קיינעם נישט. עס דוכט זיך אויס, אַז דאָס איז דער אַנטרינונגס־פּלאַץ פאַר אַלע פאַרוואָגלטע. אַלע קומען זיי אַהער כדי איינער זאָל דעם צווייטן טרויסטן. כדי איינער זאָל פאַר׳ן צווייטן פריי און אומפאַרשעמט אויסריידן זיין הארץ. אלדד׳ן האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט דאָרטן קולות פון רעוואָלט. מע־נער פאַרוואַקסענע, מיט אַרערדיקע הענט, האָבן צעפּלאָמטע גע־וואָרפן מיט היציקע רייד; מיידלאַך מיט גלאַט פאַרקעמטע קעפּ, אין אָרעמע קליידער, האָבן געשימפּפט זייערע בעלי־בתים. אַלער־ליי לשונות — אידישע און ענגלישע, איטאַליענישע און רוסישע שלאָגן זיך אָפּ אין די ווענט פון דער צעז־שטאָקיקער געביידע. די ווענט זיינען שוין גלאַט און גלאַנציק פון דעם שטענדיקן רייבן זיך אין זיי. ווען די ווענט זאָלן נאָר קענען דערציילן וואָס זייערע אויערן האָבן זיך שוין אָנגעהערט — אַרבעטער קריצן מיט די ציין אויף זייערע באַלעבאַטים׳ס עולות; אַ ברודער קריגט זיך מיט אַ ברודער; אָט לויפט איינער מיט אַן אַר־טיקל פון דער קעגנערישער פּאַרטיי — הינדענבורג זינגט אויף דער גאַנצער ליניע — אין ענגלאַנד האָט מען געוואונען אַ נייעם קוואַרטאַל — אַ בלייכע פרוי קומט זיך באַקלאָגן אויף איר שווערער מערכה — שוין אַכצן חדשים זינט איר מאַן איז אַנט־לאָפן, און זי ווייסט ניט וואו ער איז אַהינגעקומען — אַזוי ווי אין וואַסער אַריין.

— אפשר קענט איר אויסגעפינען מיין ברודער? שוין צוואַנציק יאָר פון אים נישט געהערט — ער הייסט בעריל, גע־וואוינט אין פּאַלטאַווע — אפשר רופט מען אים שוין איצט בעני

צי בענדזשאמין, צי בערנארד, איך בעט אייך, געפינט אים. — און וואס הערט מען נישט אין דער גרויסער געביידע?

אלדד'ן גייט דורך א ציטער איבערן לייב. ער זעט דא פערדים, וועלכע ציען זיך אוועק איבער'ן גאנצן לאנד, וועלכע ציען זיך אוועק איבער דער גאנצער וועלט — איבער דער אידישער וועלט. דא איז דער קנופ; פון דאנען לויפן אלערליי באַפעלן, אלערליי חכמה'ס.

— העי! מיט וואס זיינען מיר דען הינטערשטעליק אנטקעגן אלע אנדערע פעלקער? דו גיב נאר אהער די מעגלאכקייטן, דעם ווילן, דעם גלויבן, אט איז א גרויסע אידישע אינסטיטוציע! א קלאסנבאוואוסטער אידישער ארבעטער, מעכטיקע פּראָדוצירנדע כּוחות! העי! און העי!

ער האט זיך אזוי פאוואליע געהויבן אלץ העכער און העכער. אין זיין מוח האבן זיך צעלייגט פליגלדיקע פלענער; ער איז שוין געווען אינגאנצן ארומגעכאפּט פון דעם טומלדיקן ארום און ער איז שוין אליין געווען איינער פון דעם טומלדיקן ארום. אים האט בלויז געוואונדערט פאר וואס די אלע מענטשן, וואס קומען אלץ אנטקעגן, קוקן זיך אפילו ניט אום אויף אים. אלעמענס אנטקעגן־קומענדיקע פּנים'ער זיינען פרעמד און פארנומענע, איילנדיק שפרינגען זיי איבער צוויי טרעפּ מיט איין מאל. ער האט געוואלט צו עמיצן זאגן — גוט־טאג — אבער ער האט קיינעמס בליק נישט געקענט כאפּן, ער איז אזוי פארגאנגען ביזן ניינטן שטאק.

אויף דעם דאזיקן שטאק איז געווען שטיל און קיל און טונקל. איבער'ן גאנצן גרויסן שטאק זיינען געווען צושטעלט שווערע ליכטיק־ברוינע שרייבטישן. פּאַרוויַיז, א טיש קעגן א טיש, זיינען זיי צום סוף געווען איינגעשלאסן ווי א שלאסמעם. ביי די טישן זיינען געזעסן אלערליי מענטשן, איינער מיט א גרינעם דאשעק אראפּגעלאזט פון דעם שטערן ביז אראפּ צו די אויגן צו. אייניקע זיינען שטיל געזעסן איינגעבויגן איבער בויגנס פּאַפּיר, און אייניקע האבן זיך יעדע ווײלע געהויבן פון די ביינקלאך. איינער לאכט צו זיך אליין, קוקנדיק אויף זיין אנגעשריבענעס, און איינער הויבט זיך אלע מאל פון זיין שטול; זיינע האר זייַנען צופּאטלט, פאררוקט ביז איבער'ן שטערן, און לויפנדיק אזוי

אהין און אהער אין דער איינגעשלאָסענער שלאָסמעס, מאַכט ער דעם איינדרוק פון א ווילדער חיה אין א פאַרשלאָסענער שטייג. דער דאַזיקער מאַן שטעלט זיך פלוצים אָפּ אין מיטן לויפן, גיט א קלאַפּ מיט דער האַנט איבער׳ן שטערן און לויפט צוריק צו זיין טיש. איינער שטייט מיט די קני אויפ׳ן ביינקל, זיין קערפּער איז אריבערגעוואָרפן איבער׳ן גרויסן טיש, ער שפּילט זיך מיט׳ן טינטער, קוקט אויף די ארומיקע, און עס דוכט זיך ווי ער טראַכט און קלייבט אויס וועמען פון די ארומיקע ער זאָל וואָרפן דעם טינטער. אין באַזונדערע אָפּגעשלאָסענע צימערן זיצן מענטשן, אַלע מיט פליכטוואַטע קעפּ, און זיי זיצן גאָר נישט — זיי גייען זיך אַזוי פּוסט־און־פּאַס ארום איבער די פאַרמאַכטע אָפּגעשלאָסענע חדרים׳לאַך און קלינגען מיט׳ן קליינגעלט, וואָס אין די הויזן טאַשן.

אלדד האָט זיך צוערשט פאַרלוירן:

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געפרעגט — א פאַבריק? וואָס זיצן דאָ אַזוי פיל מענטשן ? מען קען דאָך אַזוי די וועלט... נאָר איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט ארויסצוריידן א וואָרט, האָבן זיך א פּאָר הענט צו אים א לאָז געטאָן און פון זייערע אָפענע מיילער האָט ארויסגעשאָסן א הילכיקער אויסגעשריי :

— אלדד ! אלדד ! אָט איז אלדד!

פון אַלע זייטן זיינען צוגעקומען מענטשן. מען האָט נאָך אַמאָל געדריקט די הענט. פראַגן און פרייד האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן. אים האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. מיט א צטריק קול האָט ער געענטפערט אויף די פראַגן. ווען דער „פאַרווערטס“־פאָטאָגראַפער האָט אים פאָטאָגראַפירט, איז ער געווען בלאַס און מיד און נידערגעשלאָגן, און ווען ער איז צום סוף אליין געבליבן אין דעם רעדאַקטאָר׳ס אָפּגעצוימטן חדר׳ל, זיינען אויף זיינע הענט און אויפ׳ן שטערן געשטאַנען גרויסע טראָפּנס שווייס.

אנטקעגן איבער אלדד׳ן, אין א טיפן שטול, אונטערגעלייגט מיט א קישעלע, איז געזעסן דער רעדאַקטאָר. פון דעם שטול אַראָפּ האָט דער רעדאַקטאָר אויסגעזען א סך גרעסער, ווי ער איז אין אמת׳ן געווען. זיין ברייטער אויבערשטער קערפּער איז גע־

ווען אַריבערגעוואָרפן, העט־ווייט אַריבער׳ן טיש, זיין קאָפּ איז געווען באַוואַקסן מיט געדיכטע, שטייפע, עטוואָס גרויע האָר, און די האָר זיינען שפּיציק געשטאַנען אויף אַרויף ווי ביי אַ לייב ; די נאָז איז ביי אים געווען אַ דיקע און אַ ליידנשאַפט־לאַכע, מיט אַ פּאָר היים־אַטמעדיקע נאָזלעכער, פון וועלכע עס האָט די גאַנצע צייט געבלאָזן אַ ים מיט ענערגיע.

דעם רעדאַקטאָר׳ס פּנים איז געווען אָנגעכמורעט. איין ווינקל שטערן איז געווען טיפער פון דעם צווייטן, און פון דאָרטן האָט אַראָפּגעבליצט אַראָפּ דעם פּנים אַ שטיק ווייסקייט, וואָס האָט כסדר געקעמפט מיט׳ן אָנגעכמורעטן פּנים. יעדעס מאָל, וואָס דאָס פּנים איז געוואָרן אומרואיק און נאָך מער אָנגעכמורעט, האָט דאָס שטיק ווייסקייט פון דעם רעכטן ווינקל־שטערן אַ בליץ אַראָפּ געטאָן און פאַרשפּרייט איבער׳ן פּנים אַ ווייסע מילד־קייט.

פאַר אַ לאַנגער צייט איז נאָך אויף אַלדר׳ס שטערן געשטאַנען די טראָפּנס שוויס. ער האָט אַלע מאָל אָפּגעווישט מיט׳ן נאָזטיכל דעם שטערן און די הענט, אָבער ביסלאַכווייז האָט ער זיך באַרויקט, זיך איינגעזעצט איג׳ם שטול, פאַררוי־כערט אַ סיגאַר, וואָס דער רעדאַקטאָר האָט אים אונטערגערוקט, און עס האָט זיך צעוויקלט אַ שטילער געמיטלאַכער שמועס.

אַלדד האָט דערציילט פון דעם לעבן אויף יענער זייט ים. דער רעדאַקטאָר האָט מיט אַן אָפן מויל געשלונגען זיינע ווער־טער. מען האָט זיך צורעדט פון מענטשן, וואָס ביידע קענען... דאָס אָנגעכמורעטע שטרייִנגע פּנים איז געוואָרן אַלץ מילדער און מילדער ; דער רעדאַקטאָר האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָ־נען אין אַמאָליקע בילדער, פאַר זיינע אויגן איז איצט געשטאַ־נען אַ לעבעדיקע זיין געבורטס־שטאָט, די חברים מיט וועלכע האָט צוזאַמען געאַרבעט.

— אָבער דאָס וואָס עס האָט געטויגט דאָרט, טויג נישט — האָט ער פּלוצים געזאָגט, — מעטאָדן, וואָס זיינען צי־ן צו אַ פּרימיטיוו אָפּגעשטאַנענע לאַנד, זיינען לחלוטין אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט אין אַ לאַנד פון מאָדערנער טעכ־ניק.

דער רעדאַקטאָר האָט געהאַט די וואונדערבאַרע אייגנשאַפט

פון אָריענטאַציע, פון אויפנעמען נייע אומשטענדן, פון קאָמ־בינירן דאָס אַמאַליקע רוסיש־אידעאַלע מיט׳ן היינטיקן אַמערי־קאַניש־פּראַקטישן.

— דו דאַרפסט קומען, — האָט ער געזאָגט, — צום היגן אַרבעטער מיט זיין אייגענער שפּראַך. זאָגט ער „פּאָטייטאָס“, — זאָג דו ניט „קאַרטאָפעל“, — פאַרדריי אים ניט קיין קאָפּ מיט קיין העכערע ענינים, ווייל ער וועט ווערן אַזוי צוטומלט, אַז ער וועט ניט וויסן וואָס דו רעדסט צו אים. די מאָס פון בילדונג דאַרף ניט זיין, וויפיל ער קען, נאָר אויף וויפיל ער איז מסוגל אויפצונעמען אונזער לערע. נים קיין אָריגינעלע טיפע געדאַנקען דאַרפן מיר אים געבן, מיר דאַרפן פּאָפּולער מאַכן דאָס שוין געזאָגטע.

פּאָפּולער מאַכן איז ביי אים געווען זיין ליבלינגס־אידייע — יעדע זאַך קען מען לערנען דעם אַרבעטער אויף אַ גרינגן פּאָפּולערן אופן. — מיר האָבן איינגעפירט ביי אונז אין „פּאַרוועַרטס“ אַ „קאַ־לעדזש פיידזש“, מיר גיבן דאָרט אַלערליי וויסנשאַפטן — אַס־טראָנאָמיע און באָטאַניק, פיזיק און כעמיע, ביאָלאָגיע און פי־לאָלאָגיע, און אַזוי, אַז אַפילו אַ קינד קען עס פאַרשטיין. מיין גאַנצע צייטונג איז אַ שטיק בעלעטריסטיק, מיינע נאָענטסטע מענטשן זיינען די, מיט אַ בעלעטריסטישן טאַלאַנט.

אלדר האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. עס איז פאַר אים געווען ניי און אינטערעסאַנט די פרעמדע רייד. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו יעדן וואָרט, און ערגעץ טיף אין אים האָט פּלוצים אויפגעוואַכט אַ ליד פון זיינעם אַ חבר — — ער האָט אין דערזעלבער צייט הערנדיק ריידן דעם רעדאַקטאָר אויך געהערט דאָס ליד פון זיין חבר.

„אַ דאַנק אייך, גוטע מענטשן,
פאַר טיי און פרישן ברויט,
מיין פערד צום פאָרן ווייטער
אַן איינגעשפּאַנטער שטייט.

איך האָב געזען אייך איינמאָל
און וועל נישט זען שוין מער ;

מיין ווענ איז ווייט,
וועל קיינמאָל ניט קומען מער אַהער".

דאָס ליד האָט אים פאַרפּאַלגט. ער האָט עס אָן ווערטער אַרויסגעזונגען פון זיין אינווייניקייט אַרויס. עס איז געווען כמעט ווי אַ שטילע נבואה, וואָס וועט אַמאָל, היינט צי מאָרגן מקוים ווערן, — ער האָט געהערט דעם רעדאַקטאָר ריידן, ער האָט געהערט דאָס אויפגעוואַכטע אין אים, ער האָט זיך אין האַרצן געפילט טיף באַליידיגט פון אַזאַ מין אויפּאַסן פון זאַכן.

— עס זיינען אפשר טאַקע צוגעפּאַסט אייערע מעטאָדן צום נייעם לאַנד, און עס איז זיכער אַז אייער כונה איז אַ גוטע, — האָט אַלדר צום סוף געזאָגט, — אָבער איר זייט אין גרונט פאַלש.

דער רעדאַקטאָר האָט פאַריסן דעם קאָפּ און אַרויסגע־שפּאַרט די ברוסט:

— וואָס מיינט איר?

— די צוטיילונג פון קלאַסן אין אַ געזעלשאַפט איז אַ געזעץ, — האָט אַלדר לאַנגזאַם און מיט יראת־הכבוד גערעדט, — און דער געזעץ איז אַזוי לאָגיש, ווי עס איז לאָגיש די צו־טיילונג פון חיות און פלאַנצן אין קלאַסן, און אויב דאָס איז אַזוי, פאַרשטיי איך ניט, וואָס איר דאַרפט אַזוי הכנעה'דיק און מיט אַזוי פיל אונטערטעניקייט קומען צו אים. ער, דער קלאַס, איז דאָס, וואָס ער איז, אַנדערש קען ער נישט זיין, און אויב איר וועט זיך נאָר אָביסל אַנשטריינגען, וועט ער קומען צו אייך און זאָגן „קאַרטאָפעל" אַנשטאָט „פּאַטייטאָס".

— דאָס זיינען אַבסטראַקטע רייד, — האָט דער רעדאַקטאָר שנעל גערעדט, — מיר האָבן שוין געהערט די חכמות, דאָס זיינען טעאָרעטישע אמת'ן, אָבער אין דער פּראַקטיקע איז עס נישט אַזוי. פּראַקטיש הערט אייך דער אַרבעטער ווי דעם פאַר־אַ־יאָריקן שניי, אויב איר וועט אים ניט אַרויסשלעפּן פון דער בלאָטע, וועט ער דאָרט פאַרפוילט ווערן, און צוקומען צו אים קענט איר בלויז מיט אַ צוקערקיכל, פּונקט ווי מען פאַרנאַרט אַ חיה.

אַלדר איז רויט געוואָרן.

— איז דאָס אייער באַגריף? האָט איר אויף אַן אמת אַזאַ באַציאונג צו דעם מענטשן, פאַר וועמען איר האָט אוועקגעגעבן אייער גאַנץ לעבן?

אים איז געוואָרן שווער אויפ'ן האַרצן. ער האָט אַרויסגע־קוקט דורכ'ן פענסטער און געזען אַ קאָלירלאָזן הימל, דעכער און דעכער, אַלע ווי איין אייל‏עניש איבערגעדעקטע און עפּעס ווי ניט פאַרענדיקטע. ער האָט ביי זיך אין האַרצן געטראַכט

— אַ מענטש וואָס קומט פון זיך אַליין, דורך זיך אַליין, צו אַ געוויסער מדרגה פון בילדונג, קען טאַקי זיין אַ קולטור־רעלער מענטש, אָבער אַזאַ מענטש האָט קיינמאָל נישט געלערנט, ווי אַזוי צו דיסציפּלינירן זיינע עמאָציעס, און אַזאַ מענטש האָט נישט קיין כוח אַריבערצוטראָגן די מינדסטע קריטיק, ווייל עלע־מענטאַרע בילדונג לערנט נישט בלויז אויס דעם געגנשטאַנד וועלכן מען לערנט, נאָר עלעמענטאַרע בילדונג העלפט דיסציפּ־לינירן די געדאַנקען און פאָרמולירן אַ געוויסע מאָס פון טאַקט און טאָלעראַנץ, אַן וועלכער אַ פירער פון אַ באַוועגונג קען זיך ניט באַגיין.

אלדר איז געבליבן אַזוי זיצן אַ דערשלאָגענער. ער האָט געטראַכט פאַר זיך און געקוקט אין פענסטער.

דער רעדאַקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט. שטייענדיק איז ער ניט געווען אַזוי הויך, ווי אלדר'ן האָט זיך געדוכט; שטייענ־דיק האָט מען געזען, אַז דער ראָק, וועלכער איז מן הסתם גע־שניטן די זעלבע לענג ווי פאַר אַלע מענער, איז אויף אים אַ ביסל צו־לאַנג, די שיך אויף זיינע פיס זיינען געווען ברוינע, גלאַנציקע און קליינע, מסתמא אַ זעקסער צי אַ זיבענער שוך — אלדר האָט שוין איצט געקוקט אויף די קליינע ברוינע שיך — ברוינע שיך רייסן אַראָפּ דאָס געוויכטיקייט פון אַן ערנסטן פּנים — אַ מענטש קוקט אַרויף אויפ'ן פּנים און קוקט אַראָפּ אויף די פיס, און טראַכט — עפּעס פעלט ערגעץ, — ער ווייס ניט וואָס, אָבער עפּעס ניט קיין אויסגעהאַלטנקייט בלאָזט שוין פון יענעם פּנים — מען קען שוין עפענען דאָס מויל און זאָגן יענעם אַזוי און אַזוי — אלדר איז געוואָרן מוטיקער. אַ מוטי־קער, מיט קלאָרע אויגן האָט ער שוין געקוקט און געזען, ווי דער רעדאַקטאָר שפּאַנט שנעל, מיט אימפּעטיק־דריבנע טריט אַראָפּ

און אַרויף, זיין קאָפּ געדיכטע האָר איז געדיכט ווי אַ צעוואַק־סענער קוסט, זיינע אויגן גלאַנצן ווי צוויי קליינע שפּיגעלאַך.
דער רעדאַקטאָר האָט עטוואָס שמייכלענדיק געזאָגט:

— אויב אַזוי, זייט איר דאָך אַ מענטש אָן אַ חוש פאַר הומאָר — וואָס איך האָב איינגנטלאַך געמיינט צו זאָגן איז: אַז אַנשטאָט וואַרטן אַ גאַנצן דור, צי צוויי, ביז מיר וועלן דעם קלאַס דערציען, איז שוין אַ סך פּראַקטישער פאַר'ן היינטיקן טאָג אַזאַ מעטאָדע.

אלדד זעט נאָך אַלץ די ברוינע שיך. עפּעס שמייכלט אין אים. עפּעס זיגרייכעס הויבט אָן פינקלען אין זיינע אויגן גלייך ווי דערמיט וואָס ער אַליין טראָגט שוואַרצע שיך, האָט ער זיך אויפגעהויבן אַזוי פיל העכער פון יענעם.

— איך מיין אויך ניט, — האָט ער צוריקגעשמייכלט, — אַז מען דאַרף פאַרלייגן די הענט און זיצן און וואַרטן אַ דור אָדער צוויי ביז מען וועט ערציען אַ נייעם דור. און מיין חוש פאַר הומאָר איז שוין אַזוי' ווייט דערגאַנגען, דאָס איך ווייס, אַז גאָט'ס באַרעמהאַרציקייט איז שוין פאַרשפּרייט אַזוי ווייט, אַז פאַר אונז, איינזאַמע, איז שוין נישטאָ קיין איין סקווער ערד אויף גאָט'ס, מיט זון באַגאָסענער, וועלט. איך ווייס אָבער אויך, אַז אין מיין איינזאַמקייט מוז שטעקן אַ בלום אין לאַץ, און מיינע נעגל דאַרפן זיין מאַנוקירטע, און שניידן ברויט דאַרף מען ניט אין קראַיעס, צוגעשפּאַרט דאָס ברויט מיט דער מעלי־קער זייט צו דער ברוסט, נאָר מיט אַזאַ מאַשין, וואָס ברענגט אַרויס גלייכע און דינע שטיקלאַך. צי קען איך דען נישט זאָגן קיין ליגן? און צי האָב איך דען אַ שלעכטן זכרון צו געדענקען נאָכדעם, ווי איך וועל פון דער לעקציע אַוועקגיין, ווער איך בין און ווער מיין צוהערער איז? אָבער איך וויל אין עצם זיין מאָראַליש. איך וויל קיין זאַך פאַר מזומן נישט קויפן. איך וויל קיינעם נישט אַריינגנאַרן. ווען איך זאָל אַזוי' טראַכטן, און ווען מיין וועג זאָל זיין דער וועג פון אַריינגנאַרן, פון אונטער־קויפן, וואָלט איך דעמאָלט געווען אוממאָראַליש, וואָלט איך דע־מאָלט זיך געשראָקן פאַר מיינע אייגענע רייד, פאַר מיין איי־גענעם שאָטן — קיין איין זיכער וואָרט וואָלט פון מיין מויל נישט געקענט אַרויסקומען, קיין איין אמת'דיק וואָרט — דער

שורש פון אמת איז דעמאלט, ווען דאס ארויסגעזאגטע ווארט איז אן איבערגעלעבטער געפיל, א אינווייניקסטע איבערצייגונג. ווי קענט איר ריידן צום ארבעטער און פון דעם ארבעטער, ווען אלץ וואס איר זאגט איז נישט מער ווי א זייטיק־ בונה'דיק מיטל? מענלאך, אז אייער בונה איז א גוטע, זיכער א גוטע, אבער...

דער רעדאקטאר איז געווארן אינגאנצן אויפגערעגט.

— צי וועט מען אייך אמאל קענען אריינקלאפן אין אייערע פארשטאפטע קעפ, אז ווען א מענטש טרינקט זיך, קענט איר אים דעמאלט נישט אונטערטראגן א בלום אין לאץ, נאר איר דארפט אים צוערשט ארויסשלעפן פון וואסער! וואס דארף מען טאן היינט־צו־טאג, ווען דער ארבעטער האט נישט מיט וואס איבערצוקומען א טאג, לערנען מיט אים גראמאטיק, צי אים ערקלערן, אז ער דארף סטרייקן? און לאזט מיך אייך פרעגן — גלויבט איר טאקי אזוי שטארק אין דעם קיום פון דעם אידישן ארבעטער אלס קלאס פאר זיך אליין? מיר זיינען קאסמאפא־ ליטן. ביי אונז אלעמען איז דאס אידענטום אלס ארגאניזם נאך אלץ א דערשיינונג, וואס פארדינט נישט אונטערגעהאלטן צו ווערן. וואס פאר אן עקזיסטענץ בארעכטיקונג האט דאס אי־ דישע פאלק? די אנדערהאלבן אידישע שולן, וואס זיינען קינסט־ לאך ארויפגעצווינגענע געווארן אויפ'ן פאלק? זיין אייגענע מלוכה? זיין שפראך, וואס גייט מיט יעדן טאג אונטער? ספעציעל דא אין אמעריקע — ווארט נאך פינף יאר, נאך צען אדער צוואנ־ ציק יאר, די טויערן פון אמעריקע וועט מען פארמאכן, דער על־ טערער דור וועט אויסשטארבן, דער אינגערער דור ווייסט שוין איצט נישט וואס עס איז אזוינס אייער אידישקייט. איך, — איך האב א חוש — ביי מיר איז שוין איצט איינגעפירט אז ענגלישע „פיידזש", אין א יאר אדער צוויי וועל איך האבן צוויי, דריי „פיידזשעס", אין צען אדער פופצן יאר וועלן מיר דארפן דרוקן אונזער גאנצן „פארווערטס" אין ענגליש — איך ווייס וואס איך רייד — איך בין דער איינציקער רעדאקטאר מיט א געזונטן חוש, איך רעדאגיר אלע אידישע צייטונגען, אלע טוען מיר נאך.

ביידע זיינען זיי געבליבן שטיל. דער רעדאקטאר האט

פארדרויכערט א סיגאר. ער איז ארויסגעגאנגען און באלד צו־ריקגעקומען. מענטשן מיט פאפירן אין די הענט האבן אנגע־הויבן אריינצוקומען און ארויסגיין. עס האט זיך געדוכט, ווי אפגעטאן איין ארבעט, האט ער זיך איצט גענומען פאר א נייער ארבעט — קיין איין מינוט קען ער נישט זיצן ליידיק. אט קלינגט שוין דער טעלעפאן, און אט האט ער אליין אנגעהויבן רופן אויפ'ן טעלעפאן. זיצנדיק ביים טעלעפאן, צוגעלייגט דאס רערל צום אויער, און ווארטנדיק אויף אן ענטפער, רעדט ער, אזוי ווי שפילנדיק זיך.

— און וואס איז אייער מיסיע?

אלדר שווייגט. איצט האט שוין אלדר קיין מיסיעס ניט. פאר זיינע אויגן שפרייט זיך א נייע וועלט. ער האט שטיל ווי פאר זיך אליין געזאגט:

— אט דאס איז דאך דער חילוק צווישן אונז און אייך, — איר האט פיינט דעם קלאס און איר בוקט זיך צו אים, מיט אלערליי חניפות ווילט איר אים אריינגארן. מיר בוקן זיך צו אים נישט, אבער מיר האבן אים ליב. מיר ווייסן, אז צווישן אידישן און דעם אלוועלטלאכן פראלעטאריאט ליגט א געוואל־דיקע מחיצה, א חוץ קלאסנבאוואוסטזיין דארפן מיר אים אנגע־ערציען אין זיין אידישן באוואוסטזיין. מיר זיינען א טייל פון אים, נישט מיר לאזן זיך צו אים ארונטער, נישט ער דארף זיך צו אונז אויפהויבן. מיר גייען צו צו אים ווי צו א פאקט, וואס עקזיסטירט, ווי צו א דערשיינונג, וואס האט זיך היסטא־ריש אנטוויקלט, אנטוויקלט מיט אלע ניואנסן און כאראקטע־ריסטיקס, וואס נאר דאס אידישע פאלק איז מסוגל צו אנט־וויקלען. ווען אייער אייגענער חבר זונדרעלעוויטש, דער מענטש, וואס איז געווען פונקט דאס, וואס איר זייט איצט, איז געשטא־נען פאר'ן געריכט אינגאנצן אן אסימילירטער, האט ער מיט אמאל דערפילט זיין אידישקייט, און די מאראל, וואס זיין פאלק האט אויף אים ארויפגעלייגט, און ער האט געזאגט: „איך האב זיך ענערגיש אנטקעגנגעשטעלט אז א איד זאל מאכן דעם אטענטאט אויף אלעקסאנדער דעם צווייטן, ווייל איך ווייס די נייגונג פון דער קריסטלאכער וועלט צוצושרייבן צום גאנצן אי־דישן פאלק יעדן פארברעכן, וואס איינער פון זיינע מיטגלי־

דער איז באַגאַנגען". איר זייט נאָך אַפילו היינט־צו־טאָג צו דער מדרגה נישט געקומען — אייער קאָסמאָפּאָליטישקייט נעמט זיך פון אייער פאַרשקלאַפונג, איר זייט קנעכט צו יעדער נאַ־ציאָן — צו דער גאַנצער וועלט; אין רוסלאַנד האָט איר זיך פאַרשקלאַפט צום פויער, אין דייטשלאַנד צום פּראָלעטאַריאַט, דאָ אין אַמעריקע טראַכט איר אויס עפּעס אַזוינס, וואָס עס עקזיסטירט גאָרנישט — אבי עפּעס צו וואָס זיך צו בוקן.

דער רעדאַקטאָר האָט בייז אַנגעהויבן אַרומלויפן איבער'ן צימער. שטופּנדיק אַלעמאָל די פינגער צווישן די האָר, זיינען די האָר געוואָרן צושויבערטע, אַרום זיין מויל האָט געציטערט אַ דינער קנייטש, זיינע נאָזלעכער האָבן געבלאָזן.

— איר זייט משוגע, — האָט ער געשריען, — אין אייער קאָפּ פעלט אַ שרייפל. ווי נעמט איר זיך אַ רעכט צו ריידן אַזוי ווי אַן אויטאָריטעט, ווען איר זייט נאָך גאָר אַ גרינער. ווער נאָך האָט באַוויזן אַרויפצואַרבעטן אַזאַ גרויסע אידישע באַוועגונג? ווייזט מיר נאָך אַ סאָציאַליסטישע צייטונג מיט אַזאַ גרויסער „סירקולייישאַן"? ווען מען זאָל זיך לאָזן פון אייך פאַרפירן, וואָלטן מיר היינט־צו־טאָג געשטאַנען אויף דעם זעלבן אָרט, וואָס צוריק מיט צוואַנציק יאָר — אַ דאַנק אונז האָט איר אַ קלאָוקמאַכער יוניאָן, און אַן אַרבעטער רינג, און אַן אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן און די געווערקשאַפטן! איצט זייט איר אַלע גאַנצע חכמים.

אַלדך האָט שוין מער גאָרנישט געזאָגט. עפּעס האָט ער געהאַט אַ געפיל, ווי עמיצער האָט דעם גאַנצן יום־טוב פון זיין האַרצן אַרויסגעריסן. מיטאַמאָל זיינען צעשוואומען געוואָרן אַלע זיינע חלומות, אַלע זיינע פאַנטאַזיעס זיינען צערינען געוואָרן, אין זיינע אויערן האָבן אַנגעהויבן צו קלאַפּן די גרויסע מאַשי־נען, אַטאַמאַטיש פאַלן בלעטער, די בלעטער זיינען אינגאַנצן פאַרשריבן מיט עמיצנס רייד — וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט דעם דאָזיקן פרעמדן וואָרט? וועט אויך זיין וואָרט ווערן אַזוי צעריבן צווישן די גרויסע רעדער און איינגעשמוצט אין פעטער טינט?

פאַר זיינע אויגן האָבן געשווינדלט הויכע, מאַסיווע מויערן, קאַלטע שטיינערדיקע דילן. ווידער איז אַרויסגעשוואומען אַראָן

און אַלעקס און יאַקאָב און שפּיגעל. דער רעדאַקטאָר איז שוין ווידער אַמאָל געזעסן אין דעם שטול. אלדר'ן האָט מיטאַמאָל אַרומגענומען אַ געפיל, אַז דער מאַן אַנטקעגן איבער איז אַ סימבאָלישע פיגור, אַז דער מאַן איז דער פאַרשטייער פון אַלעם שטאַרקן, ריזיקן, איינגעשפּאַרטן. אים האָט זיך געדוכט, אַז דער מאַן וועגט אפשר טויזנט פונט, נישט אין גוף וועגט ער, און נישט אין דער לענג צי אין דער ברייט האָט אים אלדר געמאָסטן — נאָר עפּעס אַזאַ באַהאַלטענע אינוויינִיקסטע גבורה ליגט אין אים, אַזעלכע בלייע, שטאָלענע אָדערן האָט ער, און בלוט, וואָס וועגט אפשר טויזנט פונט. אלדר'ן האָט זיך געדוכט, אַז עמיצער וויל אים איינשלינגען, אַז באַלד וועט ער דאָ צעריבן ווערן; צווישן דער בראַזגעריי פון שטאָל און אייזן, צווישן דער שווינדלערישער הויך פון די גרויסע מויערן, וועט ער אינגאַנצן פאַרלוירן גיין. אין דעם אונטערקומען פון אַלערליי מענטשן מיט חניפה צוצויגענע מיילער, האָט ער דערפילט זיין אייגענע שפּל'דיקייט. אים איז דאָ מיטאַמאָל געוואָרן ענג, אַ היץ האָט באַשלאָגן זיין לייב. ער האָט זיך געוואָלט וואָס שנעלער פון דאָנען אַרויסכאַפּן. זיין אויף דער פריי, אין מיטן גאַס. אַ פּאָרשוויצטער און אַ פאַרמאַטערטער איז ער אַרויס אין גאַס.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין ווידער געווען פאַרכאַפּט פון שטאַטישן טומל, ער איז געווען ניט ווייט פון דער מאַנהעטן בריק. אינגלאַך מיט נאָך נאַסע ציַיטונגען זיינען אַרומגעלאָפן אין די גאַסן און געשריען מיט יונג־קלינגענדיקע קולות — עקסטראַ! עקסטראַ! פראַנצויזן זיגן ביי דער מאַרן! מענטשן האָבן זיך געשטופּט איבער די ענגע טראָטואַרן. ווידער און אָבער האָט ער געזען דעם ווילדן ווירוואַר פון לויפנדיקע אַטאָמאָבילן, מאָטאָר־סייקלס, אויסגעמישט צוזאַמען מיט קריכנדיקע מענטשן. די מענטשן האָבן זיך געפּלאָנטן און געקייטלט איינער אין דעם צווייטן, און געלעגן ווי ווערים אויסגעלייגט צו אַלערליי מעגלאַכע געפאַרן. אלדר האָט מיטאַמאָל אויך אָנגעהויבן מורא האָבן. יעדע מינוט, האָט זיך אים געדוכט, קען ער ווערן איבערגעפאָרן, פון עמיצן צעקוועטשט.

עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. האַלב טונקל זיינען געווען באַלויכטן די גאַסן. אין דער טונקלער לופט האָט זיך נאָך

בולט׳ער ארויסגעהערט דער גרויס־שטאטישער הו־הא. אלדר׳ן האט זיך מיטאמאל אנגעהויבן מאלן די היימישע גרויסע שטעט. ער האט זיך איבערגעטראגן אין שטילע אלעען. א בייגקעניש האט ארומגענומען זיין הארץ. ווען ער קען זיך ארייגכאפן אין א שטילן היימישן גארטן, זיך אוועקזעצן אויף א באנק און שטיל פאר זיך אליין טראכטן. טראכטן, טראכטן שטיל פאר זיך, אין זיך, אויף דער פריי. דא האט ער זיך מיטאמאל דערפילט ווי א געפענטעטער, ווי עמיצער װאלט מיטאמאל אנגעטאן קייטען אויף זיינע פיס. ער איז אפילו געווען א געפענטעטער אין זיינע געדאנקען. ער האט זיך פאר קיין פאל רואיק נישט גע־קענט באדענקען וואס עס איז מיט אים און וואס ער דארף טאן. אפשר מאכט ער גאר אינגאנצן א טעות? פון וואנען האבן זיך צו אים גענומען אזעלכע שווערע געפילן? עס איז דאך נאכ־אלעמען נישט מער, ווי דער ערשטער איינדרוק, און מען קען דאך גאר נישט וויסן פון ארומגיין א האלבן טאג אין גאס.

וואס נאענטער ער איז צוגעקומען צום פעטער׳ס הויז, אלץ גרינגער איז אים געווארן אויפ׳ן הארצן. מיט׳ן ארייגקומען אין שטוב אריין, איז שוין איבער זיין גאנצן לייב געווען צעשפרייט דאס געפיל פון א מענטשן, וואס כאפט זיך ארויס פון א גרוי־סער סכנה.

4

— אפשר זאל ער אינגאנצן אנטלויפן פון דאנען? אפשר זאל ער אינגאנצן אנהויבן פירן א נײַ לעבן? ווי, למשל, ווען ער ווערט א סוחר? אלדר האט צו זיך אליין געשמייכלט — דעם זיבנאונצוואנציקסטן האט מען אין גרויסן „קלינטאן האל“ אים אפיציעל מקבל פנים געווען, דעם ניינאונצוואנציקסטן איז ער ארויסגעטראטן אין פילאדעלפיע און דעם דרייסיקסטן אין באסטאן, און דעם פינפטן אקטאבער האט באדארפט זיין דער אינטימער באנקעט פון גענאסן און חברים.

עס פארשטייט זיך, אז ער וועט שוין פון דאנען אזוי גיך נישט אנטלויפן, און ער וועט נאך געגוג ענמת נפש האבן ביז ער וועט זיך באשליסן צו ווערן א געשעפטסמאן, און אויב ער וועט סתם דערפון טראכטן...

אין דעם טאג פון דעם פינפטן אקטאבער איז ער געווען

מרה־שחורה׳דיק. די סביבה איז א פרעמדע — פרעמד איז אין יענעם טאג געווען זיין אייגן לייב — א באנקעט פאר א מענטשן איז א חשבון־הנפש פאר יענעם מענטשן — כאטש ער האט שוין אזוי פיל באנקעטן דורכגעמאכט, האט ער אבער געהאט דאס געפיל אז דער היינטיקער טאג איז זיין יום־הדין. אויב די רייד, וואס דער רעדאקטאר האט צו אים גערעדט דעם ערשטן טאג פון זייער באגעגענען זיך, זיינען אמת׳ע דאן האט ער דא גאר־נישט וואס צו טאן — ניט דערפאר, ווייל ער איז באזיגט געווארן אין יענעם ארגומענט, צי ווייל ער האט נישט קיין כוחות זיך אנטקעגן צו שטעלן, נאר דערפאר ווייל עפעס איז אין אים אליין באזיגט געווארן. מיטאמאל האט ער אויפגעעפנט זיינע אויגן און דערזען, אז ער איז עמיצנס א געצייג, יענער עמי־צער איז אויך עמיצנס א געצייג, און אזוי ציט זיך אלעס אוועק ביז אין דער אומענדלאכער איבערוואלקנדיקייט. יא, דער רע־דאקטאר איז אויך נישט מער ווי א געצייג אין עמיצנס האנט — מעגלאך, אין זיינע אייגענע הענט, אבער א געצייג איז ער, און וואלט ער נאר אויף איין מינוט זיך אפגעשטעלט אזוי, ווי איך איצט, און זיך פארטראכט וועגן דעם אלעמען, וואלט ער אפשר אויך פונקט ווי איך געוואלט אנטלויפן.

און עס איז נישט געווען קיין מליצה אלדד׳ס טראכטן און עס איז אויך נישט געווען קיין פאזע, עס איז געווען א חשבון הנפש, ער איז געווען נערוועז, א גאנצן טאג האט זיך געשפילט די זון, וואלקנס זיינען פויל געקראכן איבער׳ן הימל און אט פארשטעלט די זון און אט די זון אפגעדעקט. ער איז א גאנצן טאג געזעסן אין הויז. עס איז אים געווען גוט צו ליגן אזוי אויסגעצויגענער מיט דער פלייצע אויפ׳ן ווייכן דיוואן און טראכטן אלערליי מחשבות.

— דער זין פון מיין לעבן — דער זין פון יעדן מענטשנס לעבן — וואס איז דער זין פון מיין לעבן? וואס בין איך? איך בין רק פארנומען נאר מיט זיך אליין — עמיצער צאפלט זיך אין מיין נעץ, רייסט זיך און וויל זיך ארויסרייסן און ווערט נאך מער פארפלאנטערט — איך אליין רייס זיך פון מיין נעץ און ווער נאך מער פארפלאנטערט — אין א פארפלאנטערטער נעץ איז פארפלאנטערט אראן — איך האב ניט געוואלט היינט

אין דיין הויז קומען, אָבער ווען איך האָב נאָר די טיר פאַרמאַכט, האָסטו מיך גלייך געפאַנגען — לעבערלאַך פאַרפּלאָנטערט ביז איך — שעמעוודיק טו איך אַלץ, וואָס דו הייסט מיר — הייסטו מיר עסן, עס איך: הייסטו מיר זיצן, זיץ איך; איך האָב געוואָלט אָפּטיילן דיין שיין געזיכט פון די אַרומיקע גראָבע ווייבער און דיך צונעמען פון יענער ווייטער הויז, האָסטו זיך מורא מיר אַנצוטרויען — שטרעקסטו אויס צו מיך די הענט, ווייס איך נישט צי דו געזעגנסט זיך מיט מיר, צו דו ווילסט, איך זאָל דיינע הענט קושן. טאָג און נאַכט, נאַכט און מאָרגנס — שטענדיק טראַכט איך נאָר פון דיר, ווי אין חלום גיי איך אום אין מיטן נאַכט, גיי און זוך, גיי און האָף און ווייס נישט, אַז אַן אַנדערער האָט שוין לאַנג מיין פּלאַץ פאַרנומען.

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, ווען אלדד האָט זיך פון דעם דיוואַן אויפגעהויבן, ער האָט באַדאַרפט אויף שנעל בייטן זיינע קליידער. ווען ער איז אַריינגעקומען אין דעם גרויסן זאַל, איז שוין דאָס עסצימער געווען אינגאַנצן געפּאַקט. ביי גע־גרייטע טישן זיינען געזעסן מענטשן און אומגעדולדיק געוואַרט אויף אים. ער איז גלייך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם מורמלענ־דיקן טומל, וואָס איז געשטאַנען אין דער לופטן.

עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די רעדעס. אַלטע, אויסגע־דראָשענע רייד האָבן זיך געשאָטן פון די מיילער. אלדד האָט שטיל געשמועסט מיט מענטשן, וואָס זיינען געזעסן נאָענט נעבן אים. ביי זיין רעכטער האַנט איז געזעסן דער רעדאַקטאָר. אין רעדאַקטאָר'ס פּריוואַטן צימער איז געלעגן אַ פּאַרטיק אויסגעשרי־בענער קאָנטראַקט, וואָס אלדד דאַרף אונטערשרייבן.

— מיר האָבן שוין אַלע פּונקטן אויסגעשריבן, — האָט דער רעדאַקטאָר געזאָגט.

— אַ שיינעם דאַנק, — האָט אלדד געענטפערט.

— מיר ערוואַרטן פאַר זונטיק דעם ערשטן אַרטיקל.

— מיט גאָט'ס הילף וועל איך עס האָבן אין צייט.

עס איז געקומען דעם רעדאַקטאָר'ס ריי צו ריידן. דער רע־דאַקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט און געדריקט אלדד'ס האַנט. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט. דער רעדאַקטאָר האָט לאַנג און שיין גערעדט. זיין גרויסער קאָפּ איז איצט נאָך גרעסער גע־

ווען. זיינע האָר זיינען געשטאַנען רובאָם, ווי שטעכיקע נאָד־לען, און האָבן געגלאַנצט אין זייער שוואַרצן, עטוואָס גרויען גלאַנץ; ער איז געוואָרן היסטעריש. ווען ער האָט געמאָלט די נויט פון דעם אַרבעטער, ווען ער האָט צום סוף געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער האַנט איבער׳ן טיש, אויסשרייענדיק: „איר יונגע מענטשן דאַרפט איצט איבערנעמען די שווערע אַרבעט. וואָס מיר קענען שוין מער נישט טאָן", האָבן די ווענט געציטערט, די עלעקטרישע ליכט האָבן זיך געטוקט און אָנגעהויבן טאַנצן.

אלדד איז געווען גערירט ביז׳ן ביין אַריין. טרערן זיינען געשטאַנען אין זיינע אויגן. ווען ער האָט זיך צום סוף אויפגע־שטעלט ריידן איז ער געווען בלאַס, אַרום זיינע אויגן האָבן גע־ציטערט דינע קנייטשן, אַרום זיין מויל איז געווען צולייגט עפּעס גלח׳ישעס און זיך פּייניגנדיקס. אויסערלאַך איז ער געווען שטיל און בלאַס, אָבער אינווייניק אין זיין האַרצן און אונטער דער הויט איז ער געווען רויט און שטורעמדיק, יעדע מינוט האָט אין אים געקענט דאָס האַרץ פּלאַצן, צו יעדער מי־נוט האָט ער זיך געקענט צעוויינען. ער האָט מיט אַ שטיל ציטערדיק קול אָנגעהויבן ריידן.

ער האָט באַדאַנקט די חברים פאַר׳ן כבוד, ער האָט זיך געשאָקלט לאַנג און מאָנאָטאָנע און עס האָט זיך געדוכט, ווי ער זאָגט אַ תפילה. ער האָט גערעדט שטיל, לאַנגזאַם, וויינענ־דיק, נאָר ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז איז זיין קול געוואָרן קלאָרער, העכער. ער האָט אָנגעהויבן מאָלן בילדער פון זיין אייגענעם לעבן; עס האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט, אַז דאָס וואָס ער רעדט און דאָס וואָס ער זאָגט, איז אַ זייטיקע זאַך, אַז מיט זיין איציטקן צו־שטאַנד האָט עס גאָר נישט צוטאָן. נאָר אָט איז געוואָרן זיין קול נאָך העכער, בּרייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער לענג פון דעם שמאָלן עסצימער האָט זיך צעטראָגן אַ לאַנג, שמאָל, היסטעריש קול. און ווען ער האָט זיך שוין צום סוף אינגאַנצן פאַרלוירן, האָט ער דערמאָנט אָנגעהויבן זאָגן אמת׳ן. ער האָט געלאַכט און חוזק געמאַכט פון אַלעמען, ווערמען ער האָט ביז איצט באַגענגט. ער איז געווען שפּיציק און שטעכיק. מיט זיינע אייגענע קלוגע משלים האָט ער דין באַוויזן ווי ער איז איז עצם

אוממאָראַליש, אָבער שוין דערפאַר אַליין ווידער אַ מאָראַלישער.

— דער מאָראַלישער מענטש — האָט ער געזאָגט, — גע־דענקט אַלץ, שעמט זיך מיט גאָר נישט, און דערפאַר קען ער זיך אַליין אַכטן. אַ מענטש איז דער, וואָס האָט דערגרייכט דאָס קלאָרע באַוואוסטזיין פון זיין אייגענעם איך, און במילא דער־גרייכט ער שוין דעמאָלט דעם באַוואוסטזיין פון יעדן אַנדערן מענטשן. דער עכטער אינדיווידואַליזם איז דער עכטער אוני־ווערסאַליזם — דער עכטער מענטש ליידט מער פון אַלע, ווייל ער ליידט מיט מיט אַלע, און ווען אַ מענטש קומט צו דער מדרגה פון מיטליידן מיט יענעם, דורך זיין אייגענעם קלאָרן באַוואוסט־זיין, קען דעמאָלט דער מענטש נישט ריידן און טאָן דאָס, וואָס איר חברים טוט און רעדט. אונזער רעכט אויפ׳ן לעבן איז נישט אינ׳ם דערקענען אונזער באַרוף, נאָר אינ׳ם באַשאַפן אים. דער שורש פון אמת איז אַ געפיל דאָס יעדע איבערלעבונג, יעדע טאַט, יעדע האַנדלונג בלייבט אין אונז לעבן אויף אייביג. איז ווי קען דער מענטש, וואָס וויל לעבן אמת׳דיק, אַננעמען אייערע ווענן? איך מי זיך נישט צו זיין אָריגינעל, אָדער ווי־ציק, אָבער איך מוז קומען צו הילף מיין אייגענער נשמה — מיין נשמה רייסט זיך פון דאַנען, צום ווייניקסטן איצט רייסט זיך מיין נשמה פון דאַנען.

קיינער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין צוטומלטקייט און קיי־נער האָט מיט גאָר נישט קאָמענטירט זיין רעדע. ווען ער האָט זיך אַ מידער צוריק אָוועקגעזעצט, האָט זיך בלויז צעלייגט אַ שטילקייט איבער׳ן צימער און עס האָבן זיך אַרומגערוקט שטולן. אַלדר׳ן וואָלט קיינמאָל נישט געווען געקומען אפילו אויפ׳ן זי־נען, אַז ער האָט מיט עפּעס פּערזענלאַך אַנגערירט דעם רעדאַק־טאָר, ער האָט עס טאַקי נישט געוואוסט ביז אויף מאָרגן, ווען ער האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע, אַז צוליב טעכנישע אורזאַכן בלייבט זיין אַרבעט אָפּגעלייגט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. ער האָט באמת געהאַט יסורים טאָמער האָט ער מיט וואָס ניט איז פּוגע בכבוד געווען דעם רעדאַקטאָר.

און עס איז ווידער געווען די זעלבע זאַך; וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען צום פּעטער׳ס הויז, אַלץ לייכטער איז אים

געוואָרן אויפ׳ן הארצן, און ווען ער איז אריינגעקומען אין שטוב אריין, איז אים נאָך גרינגער געוואָרן.

אויף מאָרגן איז אלדד איינער אליין, פון גאַנץ פרי אָן, ארומגעגאַנגען איבער די גאַסן. ער האָט געשפּאַנט אַרויף שטאָט, און ווען ער איז מיד געוואָרן, איז ער ארומגעפאָרן מיט דעם אָטאָבוס אויף דער פינפטער עוועניו. ער איז געווען אין סענטראַל פּאַרק, און ער איז געווען אויף ריווערסייד דרייוו. עפּעס אַ אינווייניקסטער כוח האָט אים אַלץ געשטופּט און געשטויסן אַזוי, אַז וואוהין ער איז געקומען, איז ער גלייך צוריק פון דאָרטן אַנטלאָפן. אין זיין מוח איז ארומגעשווימען אַ פּוסט־קייט, וואָס האָט אַלעס ארומגענומען און וואָס האָט אייגנטלאך גאָרנישט ארומגענומען. דערפאַר וואָס ער האָט אַ סך געטראַכט, האָט ער גאָרנישט ניט געטראַכט, אבער אויך דערפאַר, וואָס ער האָט גאָרנישט ניט געזען, האָט ער, פאַרקערט, זייער אַ סך געזען, ווייל עס איז נישט געווען דאָס געוויינלאַכע קוקן מיט אויגן, וואָס זעען דאָס, וואָס אַלע מענטשן זעען. עס איז גע־ווען דאָס זעען פון אויגן, וואָס שפּרינגען אריבער דאָס רעאַלע, וואָס שפּרינגען אריבער דאָס אויסערלאַך זעבאַרע, וואָס מיידן אויס דאָס ממשות׳דיק־געוויינלאַכע — ער האָט געקוקט מיט אויגן, וואָס זעען — אויגן, וואָס זעען דינע פרויען פּיס, אָפּגע־צערטע לאַנגע פּנים׳ער מיט ענגליש אָפּגעגאָלטע וואַנצן, אַ לאַנג־דורות׳דיקן שטאָלצן יחוס איינגעוויקלט אין ענגליש־ברייטע „מע־קינאָם“, וואָס די מענטשן האָבן פון ערגעץ ווייט אהער גע־בראַכט, ער האָט געזען אַ מעכטיקע פּאָליצמאַנישע האַנט, וואָס שטעלט אָפּ, ווי דורך אַ כישוף, אַ גאַנצע שטאָט־באַוועגונג, לויפנ־דיקע אָטאָבוסעס, טראַמווייען, לימוזינען, גלאַנציקן שוואַרצן אָפּ־פּאַלט, פענסטער, שילדן, טרעפּ און שטעגן, פּאַריסענע הויכע מויערן, דעם אָרר פון אייזען, וואָס איז צעשפּרייט איבער דער גאַנ־צער גרויסער שטאָט, איבער דעם גאַנצן גרויסן לאַנד. דער האָרדסאָן פליסט און וואַשט כסדר די ברעגן פון ניו יאָרק און ניו דזשוירזי — ביי די ברעגן פון ניו יאָרק און ניו דזשוירזי וואוינט אפשר די, וואָס מיין הארץ האָט ליב. אלדד איז געווען מיד. ער האָט געבענקט נאָך שטילקייט, נאָך ליבע.

ביי די ברעגן פון ניו יאָרק און ניו דזשוירזי — איז וועלכער מיר זאָל איך אָנקלאַפּן ? וואו איז מיין באַשערט גליק ? — מיט אויגן, וואָס קען אַריבער דאָס אויסערלאַנד זעבאָרע, האָט אלדד געזען די גאַנצע שטאָט, דאָס גאַנץ לאַנד; ער האָט שוין כמעט געקענט דאָס גאַנצע לאַנד — אַ לאַנד פון הויכן און שמאָלן און מעכטיקן, און אימפּעדיקן, וואָס וועט די גאַנצע וועלט פאַרהויכן און פאַרשמאָלן און פאַרמעכטיקן און פאַראימפּעטן.

ער איז צוריקגעקומען אַהיים, ווען אין דרויסן איז שוין געווען פינסטער. איבער דער גאַנצער שטוב איז שוין געלעגן צוליינגט אַ ברייטע העלע ליכטיקייט. מרדכי עטינגער האָט ליב געהאַט אין אָוונט אָנצוצינדן אין אַלע צימערן די עלעקטרישע לאָמפּן. אלדד'ן איז דערפון געוואָרן גרינג אויפ'ן האַרצן — ברייטע ליכט מאַכט לייכט דאָס געמיט — ברייטע ליכט זאָגט אָן אַ מענטשנס ברייטקייט — ברייטע ליכט לעשט אויס אַ מענטשנס זאָרג, פּיס הויבן זיך צום טאַנצן, אויגן צעשפּרייטן זיך ברייטער, פאַרמעסטן זיך מיט דעם אייגענעם ליכט אַנטקעגן יענעם ברייטן ליכט — אלדד האָט מיטאַמאָל באַמערקט דעם טיפּן טעפּיך, וואָס איז געלעגן אויסגעלעגט איבער'ן גרויסן צי־מער, און נאָך אַ צימער.

און אָט איז דאָס שפּילצימער און דער עסצימער און דער לעזצימער. אין די שאַפעס ליגן ביכער, אַלערליי, אויסגעמישטע, גמרות און דער תנ"ך, און טעקס ביכער און ראָמאַנען. ער האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אָראָפּגענומען דעם הוט. אומגעדולדיקע קולות פול מיט ליבע ערוואַרטונגען האָבן געשריען פון אַלע זיי־טען. מיט ליבע און צאַרטקייט אין איר קול האָט די מומע גע־זאָגט:

— אָבי כ'האָב געמיינט דו ביזט ערגיץ פאַרפאַלן געוואָרן. און אין אַ מינוט אַרום:

— וואו ביזטו עס געווען אַ גאַנצן טאָג ? עס קאָן דאָך דאָס האַרץ איבער'חלש'ן, דערוויל קענסטו זיך נאָך אָפּרוען, וועסט נאָך צייט האָבן אַרומצולויפן — עס וועט דיר נאָך גוט מיאוס ווערן דער אַמעריקאַנער „האַרי אַפּ".

זי איז געווען אַ שטילע, גוטע פרוי, פרוי עטינגער. זי האָט גערעדט מיט ברייט צעעפנטע ליפּן. יעדעס וואָרט, וואָס

זי האָט אַרויסגערעדט איז געווען פריי און אָפן און פול מיט ליבע. איר פּנים איז געווען לאַנג און שמאָל און טונקל, מיט צוויי גאָלדענע ציין אין דער סאַמע פאָרנט פון איר מויל. די ציין זיינען נישט גוט אַריינגעשטעלט געוואָרן, ביידע רייען ציין האָבן זיך נישט געקענט צוזאַמענשליסן, זי האָט דערפאַר גערעדט אַביסל אונטערן צונג; מיט ליבשאַפט אין איר קול האָט זי ווייטער געזאָגט:

— וואָס דאַרף איך האָבן די אַלע קונצן, ביי מיר הייסטו נאָך אַלץ שלום, נאָך מיין טאַטן נאָך, אייערע גוים מעגן זיך אויסטראַכטן וואָס זיי ווילן, ביי מיר איז שלום שיין — אַזוי וועל איך דיך טאַקי רופן.

זי האָט ווייטער געוויינט און זיך געפרייט, און דורך טרערן אין די אויגן האָט זי געהייסן עמאַ'ן דערלאַנגען געבעקס און איינגעמאַכטס און טיי.

אלדד איז געווען אַ דערפרייטער, אַ באַפרייטער, און ער האָט מיט אַ אינוויניקסטער פרייד זיך צוגעהערט צו דער מומעס פּלאַפּלעריי, ער האָט זיך נאָך אַמאָל דערמאָנט אין זיין אייגענער מאַמען. אין דער מומעס געשטאַלט האָט ער געזען זיין אייגענע מאַמע. ווי אין אַ חלום האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיין מאַמע האָט געהאַט אַ לענגלאַכן קינבאַקן, אויפ'ן קינבאַקן איז געווען אַ שיטער באַוואַקסענע באָראָדעווקע. זיין מאַמעס פּנים איז געווען אַ צאַרט־טרויעריגס, מיט גלאַטע, שוואַרצע האָר, זי האָט שטענדיק געטראָגן אַ לאַנג טערקיש קלייד, צי אפשר איז עס געווען אַ טערקישע פּאַטשיילע — ער געדיינקט שוין נישט, זיין מאַמע איז שוין לאַנג געשטאָרבן.

— ווי לאַנג אַז די מאַמע איז געשטאָרבן? — פרעגט ער די מומען.

— דיר צו לאַנגע יאָר, וועט ווערן ראש־השנה פינף און צוואַנציק יאָר, דו ביזט דעמאָלט אַלט געווען פּונקט דריי יאָר. —

— דריי יאָר אינגאַנצן? — וואונדערט זיך אלדד — און איך געדיינק זי אַזוי גוט!

— דו געדיינקסט זי אַזוי גוט, קינד מיינס, — זאָגט זי, — עס דוכט זיך דיר בלויז אַז דו געדיינקסט זי, מסתמא גע־

דיינקסטו עפּעס, וואָס האָט זיך דיר איינגעקריצט אין זכרון — איך בין זיכער, אַז דו געדענקסט זי נישט.

— איך זאָג אייך מומע, — זאָגט אלדר, — אַז איך גע־דיינק זי. די מאַמע שטייט מיר ווי אַ לעבעדיקע פאַר די אויגן, איך געדיינק אַפילו אַז זי האָט געהאַט אַ טערקישקלייד.

— זע נאָר, זאָלסטו מיר לעבן — וואונדערט זיך די מו־מע, — ער געדענקט דאָך טאַקי, מיר צו לענגערע יאָר, ווייט אָפּגעשיידט זאָל זי זיין, זי האָט דאָך טאַקי געהאַט אַ טערקיש קלייד, מיט קריינדעלאַך אַרום האַלדז און אויף די אַרבל, גאַנץ סאַטאַנאָוו איז דאָך געגאַנגען כּאַראַאָס, ווען זי פלעגט שבת צום דאַווענען גיין.

— זעט איר שוין, — פרייט ער זיך, — און איך געדיינק אַפילו איר אויסזען; זי שטייט מיר אַ לעבעדיקע פאַר די אויגן. אַזאַ הויכע און דינע, מיט שוואַרצע האָר און אַ לאַנג פּנים, מיט אַ באַראַדעווקע אויפ'ן פּנים.

— גיי שוין גיי, — זאָגט זי און איר פּנים ווערט ערנסט, — דו זעסט, ווי דו געדיינקסט טאַקי ניט, ווי קומט אַ קינד פון צוויי און אַ האַלב יאָר געדענקען אַזאַ מין זאַך. דיין מאַמע איז דאָך געווען אַ נידריקע, אַביסל נידריקער פון דיר, דיר צו לאַנגע יאָר, און אַ בלאָנדע און מיט אַ הויט ווייס ווי מילך.

אלדר'ן האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרצן, ער איז געוואָרן רויט און צוטומלט, ער האָט כּמעט ווי אויסגעשריען:

— מיין מאַמע איז געווען אַ בלאָנדע און אַ נידריקע?

— אוודאי, מיר צו לייגגערע יאָר, איז זי געווען אפשר מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון מיר, איך בין די איינציקע ברונעטע אין דער משפּחה.

אלדר איז נאָך מער צעטומלט געוואָרן. עס איז געווען ווי עמיצער וואָלט עפּעס פון זיין האַרצן אַרויסגעריסן. ער האָט געפילט ווי פון דעם רים טריפט בלוט, גלייך ווי עמיצער וואָלט מיט אַ שווערן שטיק אייזן אים דערלאַנגט איבער'ן קאָפּ און אים פריטשמעליעט.

— ווי? — האָט ער שטיל און מיט אַ אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט, — מיין מאַמע איז געווען אַ

נידריקע און א בלאנדע? די גאנצע צייט ביז איצט האב איך געלעבט אין אזא טעות?

די גאנצע צייט ביז איצט האט אלדד געמיינט, אז זיין מאמע איז געווען א טונקל־הויכע, מיט א דינער שמאלער פיגור, און לאנגע הענט. שטענדיק, ווען ער פלעגט טראכטן פון זיין מאמע'ן, האט ער פאר זיך געזען א פארשלייערט טרויעריק פנים, איינגעוויקלט אין טערקישע קאלירן, מיט א בארדעווקע אויף דער באק, וואס איז אומיסטן באשאפן, כדי עס זאל צוגעבן חן צו איר פנים, פון אירע גרויסע שווארצע ברעמען איז געפאלן א טונקעלער שאטן אריבער'ן פנים. און מיטאמאל האט ער דערהערט, אז זיין מאמע איז גאר געווען א נידריקע און א בלאנדע און אז ער איז פונקט געראטן אין איר. — ווי איז דען מעגלאך אזא זאך? — האט ער מיט זיך אליין געקעמפט, — עס איז אוממעגלאך, די מומע מאכט א טעות! די מומע געדיינקט נישט, די מומע האט פארגעסן! ער האט געהאט א געפיל, ווי היינט איז ביי אים געשטארבן די מאמע.

ביים פעטער אין שטוב האט אלדד געפונען די רו, נאך וועלכער ער האט געבענקט. פאר א לאנגער צייט איז ער נאך ארומ־געגאנגען א צעטומעלטער; ביי אים אין קאפ האבן זיך געלאשן פייערן און עס האט נאך געטשאדעט מיט רויך. וואס גייט אויף פון איבערגעבערענטע האלעוועשקעס; אים האט פארפאלגט דער מאמע'ס טויט. עס האט אים גערופעט און יעדע שטונדע פאר־פאלגט די טעלעגראמע, וואס ער האט באקומען פון רעדאקטאר, אבער ביסלאכווייז איז יעדע זאך צערינען געווארן, און ער האט ביסלאכווייז זיך אלץ מער באפרייט פון דעם אלעמען שווערן, און זיך אנגעהויבן פרייען מיט'ן נייעם ארום.

עס האט אים שטענדיק געפרייט דאס נייע, עס האט אים שטענדיק אימפאנירט דאס נייע. ער האט אפט געביטן די מאכלים. ער האט ליב געהאט דעם קאווקאזער שאשליק, דאס פערדן פלייש אין פראנקרייך, דעם ענגלישן „ביף", און נאך אויף דער שיף האט ער שוין געגעסן „קאליפלאור" און „עג־פלענט" און „סוויטפאטייטאס" און „באנאנעס", געראוויכערט דעם

סיגארעט פון דעם שטאט ווירדזשיניע און פארזוכט דעם טעם פון א שטיק „גאם". ביי דייוו'ן האט ער גענומען די ווייכע „באקסינג גלאווס" און אים שיעור נישט פארפארן אין די אויגן אריין.

— דאט'ס דהי וויי, דאט.ס דהי וויי" — האט בעקי צוגע־געבן חשק.

— דאנט לעט עט דהי פארענערס", — האט אלדר גענטפערט.

— „איי עם נאט לעפינג" — האט בעקי געזאגט.

— „איט הוירטס" — האט אלדר צוריק געזאגט.

דייוו'ס באקן זיינען געווארן רויט. אלדר'ס האר צעשויבערט. אלעמענס פנים'ער האבן געלויכטן. מרדכי עטינגער האט גע־שמייכלט — דארט לערנט מען שוין אויך די מלאכה?

— דארט לערנט מען שוין אויך די מלאכה. — האט אלדר געענטפערט.

אלדר האט גערעדט מיט דייוו'ן פון געשעפט. ער ווייסט, וואס וואל איז. ער האט געזען אויף די סטעפעס פון רוסלאנד די שאף. ער האט געזען ביים ברעג פון דעם דניעסטער וואשן די וואל. ער האט שוין פאר דער קורצער צייט פון זיין דא זיין ביים פעטער אין הויז און אין שאפ געלערנט אלערליי איינצל־הייטן פון דעם דאזיקן מסחר — ער האט שוין פאר אלעמען אין די אויגן אויסגעדרוקט זיין מיינונג וועגן דעם דאזיקן ענין. דעם פעטער איז שטארק געפעלן געווארן די מיינונג, דייוו האט פארקרימט דאס פנים — דער גרינער ווייסט שוין מער ווי ער. עפעס האט דייוו אים אין הארצן נישט געגליכן. בעקי האט מיט אירע צוויי גלאנציקע אויגן אים איינגאנצן אפגעמאסטן. ווען אלדר זאל געוועזן דעם בליק אירן כאפן, וואלט ער אים קיינ־מאל נישט געוועזן פארגעסן. עס איז געלעגן אזוי פיל באַ־וואונדערונג און צוטרוי און דרך ארץ אין דעם דאזיקן בליק. ווי אזוי קומען צו אים אזעלכע רייד? פון וואנען ווייסט ער וועגן וואל? בעקי האט אים צוערשט געפרואווט אפוועגדן, חוזק געמאכט פון זיין הארטן אקצענט, פון די שמאל־שפיציקע איי־ראפייאישע שיך. דייוו האט אנגעמאסטן אלדר'ס גרויסן, שווארצן הוט מיט דער ברייטער קריסע, אויפגעשטעלט דעם קאלנער

פון דעם ראָק און געפּרואווט נאָכמאַכן אלדד׳ס גאַנג. ער האָט נישט געקענט נאָכמאַכן אלדד׳ס גאַנג. בעקי האָט זיך מיט אים גערייצט — דו קענסט נישט נאָכמאַכן ווי ער גייט. זי אַליין האָט אים געפּרואווט נאָכמאַכן. זי האָט צעשפּרייט אירע פיס, ווי אַ סאָלדאַט — אַזוי גייט ער, — האָט זי געזאָגט, — ווי אַ מוש־טירטער.

ווען אלדד איז אין שטוב נישט געווען און ער האָט דערפאַר נישט געקענט ענטפערן אויף זייערע פראַגן, האָבן די קינדער דערמאָלט אויסגעלאַכט אַלע זיינע רייד.

— ווי אַזוי קען ער אַלעמען אויסגלייכן אויף דער וועלט, — האָט דייוו געזאָגט, — אַז איינער איז פּאַרט פּייאיקער פון אַ צווייטן. אַז מיינע „בריינס" זיינען אַזוינע און מעק׳ס (ער האָט געמיינט זייערן אַז ארבעטער) — אַזוינע. און פון אלדד׳ס חברים האָט ער געלאַכט, און פון די גראָבע ביכער, וואָס ער שלעפּט מיט זיך. נאָר קוים האָט זיך נאָר אלדד איבער דער שוועל באַוויזן, אַזוי זיינען אַלע גלייך אַנטשוויגן געוואָרן. בעקי האָט זיך פאַרלוירן און געפּלאָפּלט מיט אַ לויזער צונג. אלדד האָט אויף זיי אַלעמען אַרויפגעצווינגען זיין פּערזענלאַכקייט. אין זיין בלייבער געשטאַלט איז געלעגן דער יחוס פון דורות. אין זיינע פאַרטרוימטע אויגן — דער פּיין פון זיין פאָלק. אלדד קומט אַרויס פון אַ אידישער משפחה — מרדכי עטינגער׳ס טאַ־טע האָט באַדאַרפט אַ סך געלט באַצאָלן, ווען ער האָט געוואָלט נעמען עטעל׳ן פאַר אַ ווייב — און ער האָט באַצאָלט אויך. און די אַלע וואָגלענישן אלדד׳ס? און דאָס זיין פאַרשיקט אין סי־ביר? האָט עס דען נישט צוגעגעבן אַ דינקייט צו זיינע ליפּן און אַ ליכטיקייט צו זיינע האָר? ווען אלדד פלעגט ליגן אין דער קאַמער אין אַ פינסטערער נאַכט, האָט ער דערמאָלט זיך אויס־געלערנט די שפּראַך פון מייז — פון גרויסע ראַטן. ער האָט פאַרשטאַנען דעם קלאַנג פון שליסלען — פרייל־אַכע און בייזע, גוטע און שלעכטע. און זעט ווי ער זיצט ביים טיש! מיט הענט פאַרלייגט איבער די קני, די אויגן גראַד ליניקע, דאַכט זיך ער לאַנגווייליקט זיך, אָבער אין זיין הארצן און אין זיין בלוט ציטערט און רעגט זיך יעדע מינוט אַ נייע רעגונג. מיט פאַר־ביסענע ליפּן גלויבט ער אין זיין ענדלאָכן נצחון, זיין ווילן איז

שוין פארהארטעוועט. אלדר וועט לעבן — אזוי ווי ער וויל.

מרדכי עטינגער האט אים גלייך ליב באקומען. ער האט גלייך דערזען אלדר'ס טיפע פארשטענדניש. מרדכי עטינגער'ס אוונטן זיינען שוין איצט געווען צו קליין. פאר שעה'ן און שעה'ן וואלט ער אזוי מיט אים געזעסן און גערעדט. און ער איז טאקי געזעסן מיט אים שעה'ן לאנג און זיך אלץ דערמאנט היימישע אפגעלעבטע בילדער. ביידע האבן הארציק געלאכט און גע־לאכט.

— און אברהם דער ווייַנשענקער? געדענקסט שבת אונ־טער דער באד? אלע אידן האבן געפונען א פלאץ, נאר נישט ער. שטענדיק איז ער פארקראכן אזש ביז צו וואיטעק'ס סאד, און שטענדיק זיינען אים באפאלן די הינט. ביי מרדכי עטינגער האבן זיך געגאסן טרערן פון די אויגן פון געלעכטער. ער האט זיך אינגאנצן געטרייסלט און איז געווארן רויט. — איך זע אים איצט פאר מיינע אויגן, ווי ער טראגט זיך מיט די הויזן אין די הענט. אין מרדכי עטינגער'ס מוח האבן זיך ארויסגערוקט איינער נאכ'ן צווייטן שוין לאנג פארגעסענע בילדער:

— און פינע באבע ריוועס לעבט נאך? און וואס מאכט מענדעל מרגולית? און הענדעל דער רב? איז ער נאך רב אין סאטאנאוו? און ליפע פאן? א שיינער איד געווען! די אלע אידען, וואס עטינגער האט אנגערופען זיינען שוין פון לאנג אויסגעשטארבן. פאר די דרייסיק יאר, וואס עטינגער איז אין אמעריקע, האט זיך דאס דארטיקע לעבן אינגאנצן אומגעביטן. אלדר האט די אלע אנגערופענע שוין נישט גע־דיינקט. ער האט בלויז געהערט פון זיי און פון העפלאכקייט ווענן בלויז האט ער זיך געפרובט אנשטויסן, ווען עטינגער מיינט.

— אויף וועמען נאך קען מען זיך נאכפרעגן?

אלדר האט אים ארויסגעהאלפן.

—איך וואלט איצט ניט דערקאנט די שטאט. איך אליין, ווען איך בין צוריקגעקומען, האב ניט דערקאנט די שטאט. די גאס צום פאסט האט מען ברוקירט, מען רופט זי שוין מיט א נאמען — „פאטשטאווע“ הייסט זי.

— „פאטשטאווע“, — האט עטינגער געלאכט, — שוין דא,

הייסט עס, א גאס מיט א נאמען. פאר מיין צייט האט מען וועגן אזוינע זאכן נישט געוואוסט. מען האט געוואוסט — צווישן די קראמען, אונטער'ן באד, אויפ'ן מארק.

—אלץ הייסט נעמען — האט אלדר מיטגעלאכט — מיר האבן שוין די „פאטשטאווע“, די „פראסקורעווער“, די „טארגאוואיא“. לעצטנס האט מען שוין אפילו געשמועסט פון א סקווער. איר געדיינקט די חזיר־שטאלן אין מיטן מארק? דארט וויל מען דאס אראפּווארפן די שטאלן און מאכן א סקווער. אויפ'ן קיסר'ס נאמען — „ניקאלאס סקווער“.

ביידע האבן זיך צעלאכט.

— טאקי, טאקי, איך געדיינק טאקי די חזיר־שטעלן, — האט מרדכי עטינגער מיט א פייערל אין די אויגן אויפגעלעבט שוין אן אלט פארגעסן בילד. — ווי א לעבעדיקע שטייט מיר פאר די אויגן נאסטאסיא די חזיר'ניצע. מיט איר פארסמאלצעוועטן פארטוך, מיט די מאנסבילשע שטיוול אויף אירע פּיס און ברייטן אויסגעפאלדעוועטן פעלץ. עס איז מאדנע, — האט ער זיך אוימגעקערט צו זיין ווייב, — ווי אזוי מענטשן לעבן דארט. איך געדיינק איר שטעל, אז א דאך און אז ווענטלאך, אזוי זומער און ווינטער, אין רעגן און אין שניי, דער טייוול ווייסט זיי, ווי זיי טראגן דאס אריבער.

אויפ'ן טיש זיינען געשטאנען שפיגלדיקע גלעזער טיי, ווי בורשטין האט זיך געמיניעט די שטארקע טיי אין דעם שפיגלדיקן גלאז. אויבנאן איז געזעסן מרדכי עטינגער, מיט דער יארמולקע אויפ'ן קאפ, דער כאלאט פון שווארצן בראקאט אויף זיינע פלייצעס.

— אט נעמט מיך גאר אריין אין אייער געשעפט, פעטער, — האט אלדר פלוצים מיט א שמייכל אויף די ליפן געזאגט, — עס איז טשיקאווע, עס מוז זיין אינטערעסאנט דן געשעפט־וועלט.

מרדכי עטיננער שמייכלט.

— ווי אזוי וואלט איך געהאנדלט, — ווערט שוין אלדר גלייך ערנסט, — ווען איך בין א געשעפטסמאן?

ער האט זיך גלייך אליין געענטפערט.

— איך וואלט געהאנדלט ראיעל. איך וואלט קיינעמ'ס

ניט צוגענומען און קיינעם גאר נישט אוועקגעגעבן. א שטריינג קאָנסערוואַטיוו געשעפט וואָלט איך געפירט. אַלץ וואָלט איך ביז צום קלענסטן אויסגערעכנט.

מרדכי עטינגער איז אויך געוואָרן ערנסט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און איז צוגעגאַנגען נאָענט צו אלדד׳ן. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אלדד׳ס פּלייצע און ערנסט געזאָגט:

— זאָרג זיך נישט, מיין פריינט, אַמעריקע איז אַ גוט לאַנד, אַ פריי לאַנד, אַ מענטש האָט דאָ אַלע מעגלאַכקייטן, וועסט עס ליב האָבן.

5

עס האָט אים שוין אַזוי פאַרפאַלגט עמיצענס אַ שוואַרצע האַנט. ער ווייסט ניט וואָס און ער ווייסט ניט ווען. עס גייט אים עמיצער נאָך אין שוואַרצן. וואָרום איז ער פּלוצלים אַרויס געפאָרן פון שטאָט, ווען ער האָט זיך שוין אַזוי לאַנג מיט קיינעם ניט באַגעגנט? —

אלדד איז אויף אַ וואָך צייט אַוועקגעפאָרן פון שטאָט. דורך דער וואָך איז ער געווען אין ברידזשפּאָרט, אין ניו היווען און אין דער שיינער שטאָט האַרטפאָרד. האַרטפאָרד האָט אים דערמאָנט אין אַ היימישער שטאָט. עס איז דאָרט געווען ברייט־באַבוימטע גאַסן, וועראַנדעס, איבערגעוואָרפענע ביז׳ן מיטן גאַס, זיינען געווען פאַרצויגן מיט קריכנדיקן וויינרעב. דער וויינ־ריב איז איצט געווען רויט, די בלעטער קופּערדיק שטייף, מיט אַרויסגעשטאַרצטע געשוואָלענע אָדערן — אָט אַזוי אַפּנדיק, נאַקעט, אַז מען האָט מיט׳ן אויג געקענט זען די שטייפע אָדערן. אלדד האָט זיך מיטאַמאָל דאָ דערפילט פרייער און ברייטער און זיכערער. דער גאָלדענער הערבסט איז געלעגן אין דרויסן. דער הימל איז הויך און בלוי, די לופט איז דורכזיכטיק און שטאַרק, די ביימער רויט און געל און קופּערדיק שטייף טראָגן אין זיך אַן אייגענע זון, וואָס צושפּרייט אַ שטילע האָפ־נונג איבער דער גאַנצער גאַס. אלדד איז געגאַנגען אָנקוקן די הימס פון מאַרק טווין. ביי אַ פאַרלעזונג דעם זעלביקן אָוונט

האט ער קלוג אריינגעפלאכטן דעם געדאנק, אז דער דאזיקער הומאריסט האט אינדירעקט א סך צוגעטראגן צום ליבעראלן דענקען. פונקט ווי יעדער עכטער קינסטלער, האט ער געזאגט, מוז אן זיין אייגענעם באוואוסטזיין אונז העלפן פארשפרייטן אונזער אידעאל. ער האט זיך געפרייט מיט דער שטאט. עס האט באַרואיגט זיין געמיט, ער האט געהאט דאס געפיל פון איינעם, וואס קומט פון א יאריד צוריק אהיים אין זיין אייגענער הויז אריין און טאפט אן מיט די אייגענע הענט דאס ווייב און דאס בעט און דעם אייגענעם לאבן ברויט. ער איז געגאנגען, און איז געווען פארשיכורט פון אינערלאכער רו, ביז ער האט פלוצים זיך באגעגענט מיט זיין אמאליקן חבר צאלקע.

צו דעם דאזיקן חבר זיינעם האט אלדר שטענדיק געהאט א געפיל פון קנאה. צאלקע איז געווען א קליינער און א שמאלער און א דארער. ער האט געהאט קליינע פיס און איז געווען כמעט אינגאנצן אן א בויך. אלע טאג האט ער געמוזט אויסקלאפן אין דעם הויזנגארטל נייע לעכער, כדי ער זאל ניט פארלירן די הויזן. די האר אויפ'ן קאפ זיינען ביי אים געווען שיטער און איינציקווייז אויפגעשטעלטע, ווי איינציקע שטעכיקע שפיזלאך צעווארפן איבער'ן גרויסן, הויכן קאפ. צאלקע האט גערעדט מיט קורצע זאצן, שארף און אפגעהאקט. ווען ער האט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער פלאטפארמע ריידן צו די פארזאמלטע, זיינען זיינע נאכהיינגענדיקע וואנצעס צוערשט געוועז טויט, און טויטע האבן זיי זיך נאכגעבאמבלט נאכ'ן דרייען זיך פון זיין מויל, נאר אט האט ער זיך צעווארעמט אין זיין ריידן, די אויגן האבן אנגעהויבן צו גלאנצן, זיינען געווארן גרין און רויט און שפיציק, און די וואנצן זיינען ביסלאכווייז געווארן אלץ שטייפער און שטעכיקער, באדעקט מיט א ווארעמער ווייסער שוים, און האבן זיך פון זיך אליין מיט'ן אייגענעם כוח געהויבן אלץ העכער און העכער.

ביי אלדר'ן, ווען ער האט גערעדט, האט קיינמאל ניט געקענט רינען קיין ווייסע שוים פון מויל, ווי ביי צאלקע'ן. ער האט געמעגט זיין ווי אויפגערעגט, און אים האט זיך שטענדיק געדוכט, אז צאלקעס גרעסטער וואונדער ליגט אין זיינע וואנצן. אין די יונגע יארן, ווען אלדר האט נאך נישט געהאט קיין

וואַנצן, האָט ער געהאַפּט אויף יענעם טאָג, ווען זיי דאַרפן קומען...
אָבער אלדד האָט געמאַכט אַ טעות: צאַלקען וועט ער קיינמאָל נישט דעריאָגן. דער נעכטיקער אמת איז שוין ביי אים היינט געווען אַ שקר, דער נעכטיקער גאָט איז שוין היינט — אַן אָפּ־גאָט, דאָס וואָס ער האָט ערשט נעכטן געגלויבט, לאַכט ער שוין היינט אויס, לאַכט עס אויס מיט שוים אויף די ליפּן. די שאַרפע „ריש׳ן" שניידן ווי בלוי שטאָל, מיט די קליינע הענט אויפ־געהויבן אין דער לופטן, צונויפגעדריקט אין שטייפע פויסטן, איז ער גרייט יענעם דורס זיין — אַלע האָבן געוואוסט און אלדד האָט געוואוסט, אַז דער מענטש וואַקסט אַ גאון, אַז דער מענטש וועט אַמאָל דערגיין צו איבערמענטשליכעס, צו משוגעת, צו זעלבסטמאָרד אָדער דער טייוול וויים וואָס. ער האָט אַרומ־געשוועבט איבער׳ן לאַנד ווי אַ לעגענדאַרע פיגור — דאָ איבערגעטאָן ווי אַ פּרינץ, מיט אַ ברייטער, לאַנגער פעלערינע און מיט די פענסנע שטייף אַרויפגעזעצט אויף דער דינער נאָז, און דאָ אַנגעטאָן ווי אַ פאַרשטייער פון גראַף פּאָטאָצקי׳ן, וואָס איז געקומען מיט אַ פולן טייסטער באַנקנאָטן אויסצוקויפן די גאַנצע בוריקעס פונ׳ם פּראָסקורעווער קרייז — די גאַנצע שטרע־קע בוריקעס — האָט ער געזאָגט, — וועל איך אָפּקויפן, אַ פּרייז וועל איך צאָלן אַ גוטן. אין אונזער אייגענעם ראַיאָן זיינען די בוריקעס נישט געראָטן, צופרעסן געוואָרן פון אַזאַ רויטן וואָרעם — איך מוז באַציען בוריקעס פון דער אוקראַינע.

און דערווייל האָט ער אַזוי אַ נים־דערקענטער גערעדט אויף פאַרזאַמלונגען, אַנגערעגט און באַגייסטערט טויזנטער מענטשן — אַרויסגעריסן זייער אמת און אין זיי אַריינגעוואָרפן אַ נייעם אמת; מענטשן זיינען געוואָרן צוטומלט, איבער איין וואָרט זיינעם האָט מען וואָכיקע דעבאַטעס געפירט. ווען צאַלקע האָט אויף עמיצן אַנגעשטעלט זיין שפּיציק־שטעכיקן בליק, איז עס געווען ווי דער שפּיציקער האָרן פון אַ ווילדן אָקס. אלדד האָט אים ליב געהאַט, ער האָט פאַר אים מורא געהאַט, אין אלדד׳ס האַרץ האָט שטענדיק געברענט אַ געפיל פון קנאה צו דעם מענטשן; צייטנווייז אַזש אַ שנאה; אלדד האָט אין די יונגע יאָרן געהאַט בלויז איין פאַרלאַנג — זיין דאָס, וואָס צאַלקע איז.
פאַר אַ לאַנגער צייט האָט ער פון אים נישט געהערט. קיי־

נער האָט נישט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען; אַלערליי קלאַנגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן וועגן זיין פאַרשווינדן, און מיט דער צייט איז ער פאַרגעסן געוואָרן. און ווען אַלדד האָט אים איצט צווערשט באַמערקט, איז עס געווען ווי אַ פלאַטער אין דער לופט, וואָס קלאַפּט אַן עפּעס אַן אַמאָליקן בליץ און פאַרשווינדט. פון אַן אַטאַמאַביל, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים ברעג טראָטואַר, איבער'ן וועלכן אַלדד איז געגאַנגען, האָט זיך פאַרביַיגעאיילט אַ שנעל איילנדיק געשטאַלט; דאָס געשטאַלט האָט זיך פונקט אַזוי שנעל אויפגעהויבן אויף די דרויסנדיקע רויטע טרעפּ פון אַ ברייט־צוליגטער מויער. אַלדד'ן האָט פלוצים געגעבן אַ קלאַפּ אין קאָפּ — „צאַלקע", און ווען ער האָט זיך אינסטינקטיוו אומגעקוקט, איז דאָס געשטאַלט געשטאַנען הויך איבער די טרעפּ, דורך די ברילן האָבן די אויגן אויסגעזען ווי גלעזערנע. אויך יענער איז געווען פאַרוואונדערט. עס איז געווען שוין פינסטער אין דרויסן, אוןביידע זיינען געשטאַנען מיט ברייט־צעעפנטע מייַלער און זיך געוואונדערט.

— צאַלקע? — האָט אַלדד נאָך אַ מינוט פון פאַרוואונדערונג און שוויַיגן געפרעגט.

— אַלדד? — האָט יענער צוריקגעפרעגט.

זיי האָבן זיך ביידע דערקענט.

אין דרויסן איז געווען פינסטער. אַלדד איז געווען צוטומלט. אַרויפגייענדיק די טרעפּ, האָט זיך אַלדד'ן געדוכט, אַז ער דאַרף אַרויפגיין אויף נאָך אַ טרעפּ, האָט ער אויפגעהויבן, דעם פוס איז דער לופטן, און אים געגעבן מיט אַזאַ זאַמאַד אַ שטעל אַראָפּ צוריק, אַז אים האָט זיך געדוכט, ער פליט אין אַן אָפּגרונט. און ערשט איצט קוקנדיק אויף אים, האָט ער אים אויפסניי נישט דערקאַנט. זיין קאָפּ איז געווען אינגאַנצן אַ גלאַטער, גלאַט אָפּגעגאָלט זיינען געווען זיינע וואַנצן. ער איז געווען אַ סך דיקער און דערפאַר נאָך קלענער. ביידע האָבן געשוויגן. ווען אַלדד איז צום סוף אַריין אין שטוב אַריין, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער רייכקייט פון דער הויז. פרוי מאַרקס (אַזוי איז געווען צאַלקעס פאַמיליע־נאָמען) האָט אים געפירט פון איין צימער אין צווייטן. אַלדד האָט געזען דאָס הויכע, גרויסע אויפנאַמצימער מיט די צעעפנטע האַלבע ווענט; די ווענט זיינען

געווען אזוי קונציק צעעפנט, אז מען האָט פון דאָרט געקענט ארומנעמען די גאַנצע רייך־אויסגעלייגטע שטוב. האָרטע, שוואַר־צע, אין האָלענדישן סטיל מעבל, זיינען געווען אויסגעשטעלט אַרום די ווענט. שווערע פּאָרטיערן, האַלב פאַריסן, ווי דעקאָל־טירטע פרויען, האָבן האַלב ארויסגעוויזן וואָס עס טוט זיך אין די איבעריקע חדרים. די שווערקייט און דאָס שטילקייט פון די קאָלירן האָבן צושפּרייט אַן איינגעהאַלטענעם שטאָלץ מיט זייער מאַסיווער וואַגיקייט. פון דאָרט האָט זי אים אריינגעפירט אין דעם מוזיק־זאַל. דאָס צימער איז געווען מעבלירט אין אַלט איטאַליענישן סטיל, באַהאַנגען מיט אָריגינעלע בילדער פון מאָ־דערנע מאָלער. אַ גאַנצע קאָלעקציע בילדער פון קלאַסישע מאָלער, וואָס זיינען געקומען פון דער הויז פון די גולד׳ס, זיי־נען געהאַנגען פּונקט איבער די שווערע שאַפעס מיט ביכער. זיין אייגן בילד אין קאָליר, געמאָלן פון דעם באַוואוסטן מאָלער, איז געהאַנגען פּונקט איבער דער טיר, וואָס האָט געפירט אין דעם לופטיק זאַמד־קאָלירטן שלאָפצימער. די דילן זיינען געווען באַדעקט מיט פּערזישע טעפּיכער.

ביים אָוונט־ברויט זיינען געזעסן אַרום טיש, צאַלקע, פרוי מאַרקס, אַלדר און דריי שיינע, בלאָנדע קינדער. מען האָט גע־רעדט שטיל. מען האָט זיך העפלאַך איבערגעגעבן די געריכטן פון איין האַנט אין דער צווייטער. — „פּאַפּאַ דיער“, — האָט געזאָגט איין קינד, — „פּליעז פּעס איט אָווער טו מאַמאַ דיער“. פלעשער רויטער וויין האָבן זיך שטיל געגליטשט איבער׳ן ווייך אונטערגעבעטן טישטוך. ביי דעם האַלב־געעפנטן אריינגאַנג פון לייענצימער איז געשטאַנען אַ טונקל בראָנזענע פיגור פון עפּעס אַ ווילדן גאָט, און שטריינג אריינגעקוקט יעדן אין מויל אריין, גלייך זיין עובדה זאָל זיין צו ציילן אַלעמענס ביסנס. צאַלקע האָט צום סוף דערלאַנגט אַ זילבערן קעסטל מיט שמעקעדיקע האַוואַנע סיגאַרס.

ווען זיי האָבן נאָכהער אַזוי אָפּגעשוויגן אַ שטיק צייט אַרום דעם אָפּגעראַמטן טיש, אויף וועלכן עס איז נאָך געשטאַנען האַלב־ליידיקע גלעזער מיט אַ בלאַס־רויטן אונטערשלאַק, האָט צאַלקע געהייסן אָנשטעלן אויפ׳ן גראַמאָפאָן שומאַנ׳ס „דער ווילדער רייטער“, און אין דעם קעגנאיבערדיקן מוזיק־חדר האָט

א אוועקגעשוועבט אין אַ קײלאַכדיקן ווילדן טאַנץ דאָס עלצטע מײדל זײנס, וועמען מען האָט גערופן מילדרעד.

צום סוף האָט מען גערעדט פון אינטערפּעטיווע טענץ. צאַלקע האָט געזאָגט, אַז אַזעלכע טענץ זײנען גוט שײן צוליב דעם געזונט אַלײן. פּרוי מאַרקס (אַזוי האָט ער זי גערופן) האָט אין אַ משך פון דרײ חדשים פאַרלוירן צען פונט. ער אַלײן וואָלט זיך געלערנט די טענץ, אָבער ער האָט קײן צײט ניט.

— און וואָס איז מכּח אַלדד'ן? ווי לאַנג איז ער אין לאַנד? און וואָס דײנקט ער צו טאָן? צו וועלכע געשעפטן וועט ער זיך נעמען? ער האָט געהערט אַז אַלדד האָט זײער אַ רײכן פֿעטער. צאַלקען געפעלט זײער אַ וואָל־געשעפט. ס'אַ ברײט פעלד.

שפּעט אין אָוונט האָט מען אָפּגעשיקט אַלדד'ן מיט אַ גרויסער מאַשין אין זײן האָטעל אַרײן.

אַלדד האָט דעם גאַנצן וועג פאַרנדיק פאַרשפּיליעט אויף אַלערלײ אופנים זײנע הענטשקעס. פּריער אויף אַלע קנעפּלאַך, דערנאָך אויף אײן קנעפּל, און דערנאָך האָט ער זײ פאַרבויגן צוריק אויף אַ העלפט — אַזאַ פראַנטיש פאַרבויגן פון הענטשקעס. מיט אַמאָל האָט אים אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָרום צאַלקע האָט אַזאַ שײנע פרוי. זי האָט גערעדט מיט אַ שפּראַך, ווי די טעכטער פון ניו־ענגלאַנד. אירע הענט זײנען געווען שמאָלע און לאַנגע. וואָרום פאַרפאַלגט אים איבעראַל צאַלקע? שטענדיק שטײט ער אַ נסיון פאַר אים. אַזוי איז אין דער הײם און אַזוי דאָ. צי וועט איצט אַלדד זיך דאַרפן אָנהויבן יאָגן און אַריבעריאָגן צאַלקען?

ער האָט העפלאַך באַדאַנקט דעם שאָפער, אַרײנגעשטופּט אַ מטבע אין זײן האַנט אַרײן. אין האָטעל האָט זיך אַלדד געגעבײזערט אויפ'ן פאַרטער — איך האָב דאָך אויסדריקלאַך באַשטעלט אַ צימער מיט אַ פּריוואַטער „באַטה"! אויב איך האָב צוויי טעג געשווינגן, מוז איך עס הײנט האָבן — אַ מענטש קען דאָך נישט אַרומגײן ווי אַ חזיר.

איז וואָס בלײבט איבער אַלדד'ן צו טאָן?

ער האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט אײנשלאָפן. מיט זײן גאַנצן האַרצן האָט ער איצט פײנט געהאַט צאַלקען. פון

זיין בלוט האָבן זיך געריסן הייסע קללות. פון צאַלקען שטינקט. ער האָט ממש בפועל געהערט דעם שלעכטן ריח, וואָס עס זעצט פון אים. ס'א ליגן — צאַלקע האָט קיינמאָל נישט געקענט זיין דאָס וואָס מען האָט געמיינט ער וועט זיין. אַלע זיינען געווען פאַרבלענדט. טיף אין זיין נשמה איז צאַלקע קיינמאָל נישט געווען ערלאַך, ווייל צאַלקע קומט אַרויס פון אַ פּראָסטער משפּחה, צאַלקעס טאַטע איז געווען אַ טרעגער, ער איז געווען אַ שיכור, אין צאַלקען רינט פאַרגיפטעט בלוט, איבערגעברענט בלוט, אַזאַ בלוט וואָס איז אָנגעפילט מיט גיפטיקע פליגעלאַך און הויבן זיך דערפאַר אויף ביז צום איבערנאַטירלאַך מענטשלאַכן און ביז צום איבערנאַטירלאַך אוממענטשלאַכן — צאַלקע איז געגליכן צו אַ פּרוי, וואָס איז אין עצם גאַרנישט און קען דערפאַר ווערן אַלץ־דינג; ער איז געגליכן צו אַ פּאַראַזיט, וואָס נעמט אָן אויף יעדן קערפּער אָן אַנדער אויסזען. צאַלקע... אָבער אלדד האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי טראַכטנדיק אַזוי פול מיט גאַל און בייזער שנאה פון צאַלקען, שטייען אין זיינע אויגן טרערן. אין דער זעלבער צייט, וואָס ער האָט אים אַזוי אומדערבאַרעמדיק געשימפּט, האָט ער אים אויך באַוואונדערט און כמעט ווי פאַר־געטערט. ער האָט געזען אין צאַלקען דעם מענטשן, וואָס קען מיט זיך טאָן אַלץ, וואָס ער וויל. אַ מענטש וואָס האָט זיך שוין אויפגעהויבן צו דער מדרגה פון אַבסאָלוטער רו. עס מאַכט נישט אויס אין וואָס פאַר אַ פאָרם די רו איז אויסגעדריקט — אָבער דער מענטש איז שוין דערגאַנגען צו אינערלאַכער גאַנצ־קייט, צו אינערלאַכער זעלבסטבאַוואוסטקייט, זאָל עס זיין אַפילו צו אַ פרעמדן באַנעם פון דער וועלט, זאָל עס אַפילו זיין צו אַ זיך אין גרונד פאַלשן באַוואוסטזיין, אָבער ער איז רואיק, ער איז גאַנץ, און ווער, נאָכאַלעמען, קען דען מיט'ן פולן מויל זאָגן, וואָס עס איז רעכט און וואָס עס איז אומרעכט? וואו הויבט זיך אָן דער אמת און וואו לאָזט זיך אויס דער אמת? וואָרום איז דער מערדער פאַר אייגענע צוועקן אַ מערדער, און דער מערדער פאַר'ן כלל'ס צוועקן אַ מאַרטירער?

טראַכטנדיק אַזוי, האָט אלדד'ן נאָכמער ווי שטענדיק אַרומ־גענומען דאָס געפיל פון קנאה צו צאַלקען. ער האָט אים פיינט געהאַט און ער האָט אים פאַרגעטערט, ער האָט אים געשימפּט

און ער האָט אים פֿאַרעלאַכט. ער האָט זיך איינגענורעט אונ־טער דער וואַרעמער קאָלדרע און זיך געפּעסטשעט פֿאַר זיין אייגענעם וואַרעמען לייב, ווי אַ קינד אין דער מאַמעס שויס און זיך געטרייסט מיט ברייט פֿליגלדיקע פֿאַנטאַזיעס: ער וועט שרייבן אַ בוך. ער וועט זיך אינגאַנצן צוריקציען פֿון דער באַ־וועגונג, ער וועט זיך אָפּשליסן מיט זיך אַליין. אין צימער מיט זיך אַליין וועט ער זיין בכח צו באַלייכטן זיך, צאַלקען, אַראָנ׳ען, אַלעקס׳ן, אַביגדור׳ן, אַלעמען — אַלעמען וועט ער קענען באַלייכטן. ער וועט באַווייזן ווער צאַלקע איז, וואָס ער איז געווען און וואָס ער וועט זיין — צאַלקע וועט זיך נאָך אַמאָל שמד׳ן, ניין, ער וועט זיך ניט שמד׳ן — ער וועט מוזן צו־ריקקומען — אַ יאָר, פֿינף, צען — ער וועט מוזן צוריקקומען. ער אַליין, אויב ער זאָל איצט פֿון זיין לעבן אַוועק, וועט עס זיין בלויז אויף אַ קורצע צייט, בלויז אויף אַ ווײַלע, ער וועט צוריקקומען. אַלע וועלן צוריקקומען... און צוריקקומען וועלען מיר געלייטערטע, קלאָרע, רואיקע מיט דער רו פֿון דעם העכערן מענטשן, וואָס באַ־ווירקט מיט זיין רו אונ׳ם אַבסאָלוט לעבעדיקן, אַבסאָלוט קאָנקרעטן.

עס האָט שוין געבלויט אין די פֿענסטער, ווען אַלדד איז איינגעשלאָפֿן. ער האָט זיך אינגאַנצן איינגעוויקלט אין דעם פֿריש שמעקנדיקן ליילאַך, מיט די הענט אַרומגענומען דאָס איי־גענע לייב האָט ער געפֿילט און צו זיך געדריקט די אייגענע וואַרעמקייט; ער האָט אין וואַרעמקייט אויסגעשטרעקט זיינע פֿיס. ער איז געווען ריין און גלאַט און וואַרעם, ער האָט אַליין צוגעלייגט אַ גלאַטן פֿוס צו אַ גלאַטן פֿוס און געהערט דעם שמעקנדיקן ריח, וואָס עס שלאָגט פֿון אים.

און ווען אַלדד איז אין אַ פּאָר טעג אַרום אַהיימגעקומען, איז ער איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. די זון האָט געשיינט, אין דרויסן האָט געטומלט, פֿון די שולן האָבן זיך אַרויסגעשאָטן טויזנטער לאַכנדיקע קינדער. ער איז פֿאַרגאַנגען ביז צום ווינקל בראָדוויי און ליספּענאַרד סטריט. אַליין ניט ווייסנדיק וואוהין ער גייט און וואָס ער וועט טאָן, האָט ער זיך פּלוצים דערזען ביים פֿעטער אין שאַפּ און באַלד איז ער שוין געשטאַנען אין אָפּיס, געענטפֿערט אויפֿ׳ן טעלעפֿאָן און אַליין

אפגערופן אויפ'ן טעלעפאָן. ער איז געוואָרן ארומגערינגלט פון אלערליי מענטשן, און איז באלד אליין געוואָרן איינער פון די רעדלאך, און עס איז געווען פונקט ווי עמיצער וואָס טוט פלוצים אָן קליידער פון אַ פרעמדער מדינה און ער ווייסט ניט צי די קליידער פּאַסן אים, צי ניט. אין אָוונט, גייענדיק אהיים מיט'ן פעטער, האָט ער זיך אליין געוואונדערט צו הערן, אז אין דעם ערשטן טאָג האָט ער שוין פאַרקויפט צוויי הונדערט באַלן ענגלישע „מאַהיירס" צו אַ פּאַרשטייער פון דער „דייטש־אַמעריקאַנער וואָל קאָמפּאַניע".

6

ווי אזוי האָט ער טאַקי פאַרקויפט שוין דעם ערשטן האַלבן טאָג ביים פעטער אין שאָפּ אַזויפיל סחורה?

די פרייד פון אַ קליין קינד איז אויף מאָרגן אַ גאַנצן טאָג געווען צושפּרייט איבער זיין האַרץ. ער איז אַ גאַנצן טאָג געווען אין שאָפּ; ער האָט זיך אפילו נישט פאַרגונען ארויסצוגיין אַפּעסן אַ געוויינלאַכן מיטאָג, בלויז אויף אַ פּאָר מינוט איז ער ארויסגעלאָפן און געכאַפּט אַ לייכטן ביס, אַ טאָס־קאַווע און איז שוין גלייך געווען צוריק ביי דער ארבעט. ער האָט גע־ארבעט אין אַפּיס, גערעדט מיט'ן פעטער און זיך גע'חבר'ט מיט דיווו'ן. יעדע מינוט פון טאָג האָט ער עפּעס ניים געשאַפּן. געשאַפּן ניט אין שאָפּ צי פאַר'ן געשעפט, נאָר פאַר זיך, אין זיך, אין זיין נשמה און אין זיין מוח. ער האָט יעדע מינוט אריינגענומען אין זיך שטיקער פון אַ נייער וועלט, קלאַנגען פון אַ נייעם געזאַנג, צולייגטן שטויב, וואָס האָט זיך געשפּילט אין אַ לאַנגן שטראַל וואָס די זון האָט אריינגעוואָרפן הורב'ן שמאָלן פענסטער. ער איז געווען פונקט ווי אַ קליין קינד, וואָס דער־זעט אַלע מאָל עפּעס ניים, וואָס חידוש'ט זיך אויף אַלע נייע קלייניקייטן. שאַרנדיק זיך צווישן די זעק מיט וואָל, האָט זיך אין זיינע קליידער אנגעקלעפּט שטיקער באַרוועס; ער האָט כסדר, דעם גאַנצן טאָג געקליבן די שטיקער באַרוועס, פון די הויזן און פון דעם ראָק, און האָט דעם גאַנצן טאָג נישט געקענט דערפון פטור ווערן. ער איז ארומגעגאַנגען צווישן די ארבעטער, גע־

קוקט און זיך געוואונדערט, ווי שנעל זיי שאַרן מיט די פינגער איבער די גלאַטע טישן. עס איז אפשר געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער איז געקומען אין אמת'ער באַרירונג מיט'ן אמת'ן לעבן; ער האָט ליב געהאַט די אַרבעטער, ער איז געווען גרייט יעדע מינוט זיי מיט עפּעס צו העלפן; ער וואָלט אפילו אַ גאַנג פאַר זיי געגאַנגען; ער האָט זיי געטיילט סיגאַרעטלאַך, אַנגעצונדן אַ שוועבעלע און דאָס ברענענדיקע שוועבעלע צוגעטראָגן צו זייער מויל. עס איז אים געווען גוט, ער איז געווען פריילאַך און ער האָט זיך געפרייט מיט יעדער נייער מינוט. — צי וועט ער דען דערביי בלייבן? צי איז עס דען נישט בלויז אַ שפּיל אויף אַ טאָג, אַוואָך, אַ חודש, צי אַ יאָר?

אלדד האָט דערפון איצט נישט געטראַכט. עס איז אים נישט געלעגן אין זינען די פראַגע. אוודאי' וועט ער דערביי נישט בלייבן; ער האָט נאָך אַליין נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ גרויסן חוב דאָס נייע לאַנד וועט אויף אים אַרויפלייגן. אָבער ער האָט דאָך דערפון נישט געוואוסט. און ביז צו יענער צייט איז נאָך אַזוי ווייט. ביז עס וועט אַמאָל קומען די צייט — אלדד האָט דערפון נישט געטראַכט. ער איז געווען פאַרנומען מיט דעם נייעם שפּיל. ער איז געוואָרן פאַרכאַפּט פון דעם נייעם שפּיל. ער האָט נישט געוואוסט און נישט געוואָלט וויסן, אַז די שפּיל טראָגט פאַר אים אַ געפאַר. אַז אַלע געפּערלאַכע געשעענישן אין לעבן הויבן זיך אָן אַזוי־אַ זייטיק, שפּילעוודיק, ביז וואַנען דו ווערסט אַריינגעכאַפּט אין דער אייזערנער נעץ, פון וואַנען עס איז שוין נאָכהער שווער זיך אַרויסצודרייען, אפשר אוממעגלאַך זיך אַרויסצודרייען, אָבער ער האָט דערפון נישט געטראַכט, ווייל איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט איז שוין געווען דער טאָג פאַראיבער און אין אָוונט איז ער געווען מיד, מיט אַ נייער מין מידקייט — אים האָבן טאַקי אויף אַן אמת שטאַרק וויי געטאָן די הענט און די פיס, די אויגן האָבן זיך מידע געקלעפּט און דאָס ריינע בעט האָט געצויגן און געוואונקען ווי אַ געטרייע מאַמע. ער האָט פּונקט צוויי מאָל אַזוי פיל געגעסן, דערנאָך האָט ער געהאַלטן אין איין טרינקען וואַסער. דער דורשט איז געווען אַ זיס־ליבער — נאָך אַ גלאָז וואַסער, נאָך אַ גלאָז וואַסער, דאָס וואַסער קילט און שווייַנקט

אָפּ דעם טרוקענעם גומעז. ווען ער האָט זיך שפּעטער געלייגט אין בעט אריין, האָט ער מיט זיין גאַנצן בלוט געפילט אַז אונטער אים ליגט אַ ווייכער, האַריקער, גוטער מאַטראַץ.

עס איז שוין געווען פאַרביי אַ יאָר. אלדד איז שוין ביים פּעטער אין שטוב גאָר אַן אייגענער און ווי אַן אייגענער פּרובט ער שוין אָפּטיילן דאָס שלעכטע פון דעם גוטן אין פּעטער'ס שטוב. און דאָס וואָס ער קען נאָך נישט טאָן, טראַכט ער ווי אַזוי עס וואָלט באַדאַרפט צו זיין.

עס איז נאָך זיין מיינונג נאָך די שטוב אַן געשמאַק. די גרויסע הויז מיט די אַלע צימערן, מיט'ן רייכן מעבל זיינען אַז סטיל. גרויסע, מאַסיווע שטיקער מעבל זיינען סתם אַנגעוואָרפן איינס אויף דעם אַנדערן, איינס אויפ'ן צווייטן, און אלדד'ן דוכט זיך, אַז דאָס שטייען אויסגעשטעלט טויטע זאַכן — מתים. ווען מען וואָלט אַ שטיינער אוועקגעשטעלט דעם שווערן מאַהאָ־גאַני ביכער־שראַנק ביי אַ פענסטער, און ווען די גלעזערנע טיר־לאַך וואָלטן געשטאַנען אָפענע, וואָלט עס געווען אַ לעבעדיקע זאַך; מען וואָלט דעמאָלט צוגעגאַנגען, אַרויסגענומען אַ בוך, און די טויטע שורות וואָלטן זיך פאַרוואַנדלט אין לעבעדיקע געשטאַלטן. אַזוי אָבער, ווי דער שראַנק שטייט איצט, פאַר־שטופּט אין אַ ווינקל און פאַרשטעלט מיט אַ סך אַנדערע שווערע שטיקער, קוקן די גלעזערנע שויבן אויס ווי פאַלשע גלעזערנע אויגן. פון די גאָלדענע רוקנס הערט זיך אַ טוכלער ריח, אַזוי ווי פון אַ נבלה. און די פּאַרטיערן? און די בילדער אויף די ווענט? און דער שווערער טיש אין דעם ווינקל? איצט איז דער טיש פאַרדעקט מיט עפּעס אַ ביליק־קאָלירטן טישטוך, וואָס די קינדער האָבן ערגעץ געקויפט. דער טיש איז דאָך אמת'ע „וואַלנאָט", איבער זיין דעק ליגן אָפענע אָדערן געדרייט אין אַ ראָד אַרום אַ ראָד ביז אַזו קליין. אַז דאָס אויג פאַרלירט זיך אין דעם; וואָרום זאָל מען דאָס פאַרדעקן?

און אין געשעפט? ביים פּעטער אין שאָפּ?

אויך דאָרט האָט אלדד געזען פיל ווענגן פון אויסבעסערן נעוויסע מעטאָדן. נאָך וואָס טרייבט דער פּעטער די אַרבעטער ביי דער אַרבעט? נאָך וואָס האַלט דער פּעטער זיינע וועקסלען

איז דער פייערקאַסע? צי ווייסט נישט דער פעטער, אַז די עקאָנאָמישע וויסנשאַפט האָט שוין באַוויזן, אַז דירעקטע עקס־פּלוטאַטאַציע איז אַ טעות? אַז אונטער בעסערע באַדינגונגען און מיט קירצערע שטונדן גיט אַן אַרבעטער אַרויס מער אַרבעט? און צי ווייסט ניט דער פעטער, אַז מיט די וועקסלען דיסקאָנ־טירט אין די בענק, וואָלט זיך דער פעטער געקאָנט באַנוצן מיט די געלט און פאַרפילפאַכן זיין איינקונפט? זיין פעטער איז אַלטמאָדיש, קאָנסערוואַטיוו. ער ווייסט נישט די יסודות פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. ווען אלדד וואָלט נאָר געקענט אי־בערנעמען די גאַנצע פאַרוואַלטונג אויף אַ יאָר אָדער צוויי, ווען ער וואָלט נאָר געקענט איבערשטעלן דאָס געשעפט אַזוי ווי ער פאַרשטייט — ווי אַזוי פאַרשטייט ער געשעפט? וואָס וועט ער טאָן? וואָס וועט זיין דער ערשטער שריט זיינער; און וואָס וועט זיין דער צווייטער שריט? אלדד האָט נישט געוואוסט וואָס ער וואָלט געטאָן. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער דאַרף טאָן; ער האָט בלויז געוואוסט, אַז עפּעס וואָלט ער גע־טאָן. אלדד מוז שטענדיק אויפטאָן עפּעס נייס. אויף וואָסער געביט עס זאָל נישט זיין, מוז ער אַריינברענגען זיין איך, זיין איינן שטעמפּל, זיין נשמה. און ער האָט אָנגעהויבן אויסלייגן פאַרשידענע פאַנטאַסטישע פּלענער; ער האָט געטראַכט פון גרויסע אונטערנעמונגען, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער איצט געזען פאַר זיינע אויגן אַ קלאָרן באַגריף פון צענטראַ־ליזאַציע. דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט געלערנט און וועלכעס עס איז בלויז געווען אַבסטראַקציע, האָט מיטאַמאָל אָנגענומען אַ לעבעדיקן באַגריף, אַ לעבעדיקע פאַרשטעלונג. זיין לויזע פלי־גלדיקע פאַרשטעלונג האָט פאַר אים געמאָלן בילדער פון ריזיקע אונטערנעמונגען. עס האָט שוין אין אים געברענט דאָס גרויס־גרויסע פון דעם נייעם לאַנד. ער וועט שיקן וואָל קיין בעלגיע, אין האָלאַנד, און אין פּוילן; ער וועט אימפּאָרטירן פון אַרגענטינע און פון ענגלאַנד און פון טיף רוסלאַנד. שמאָלע, לאַנגע זעק מיט האָזישע אויערן פול אָנגעפּאַקט מיט ווייסער וואָל זיינען שוין געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, ווי אַ רייע אויסגעמושטירטע זעלנער. ער האָט געהערט דעם ריח פון דעם אַרטיקל. ער האָט געזען גאַנצע טשערעדעס יונגע שאָף, וואָס שטופּן זיך און יאָגן

זיך אין זייער אייגענער שרעק איינע אויף די אנדערע. יונגע שיקסעס מיט רויט־צעפלאמטע פנימ׳ער און פארקאטשעטע קליי־דער, שטייען ביים אפעעם טייך און וואשן די וואל; מיטליאריקע גויעס, זייערע קעפ איינגעבונדן אין קאלירנדיקע פאטשיילעס, זיצן אויף נידריקע בענקלאך אין די טויערן פון זייערע שייערן און שערן די וואל פון יונגע שאף. אלדד האט פארנומען און געזען דעם גאנצן פראצעס פון דעם, פאר אים נייעם מין. אבער אזוי רואיק דארף מען עס טאן — איבערלייגט, אויסגערעכנט, מיט א בליישטיפט אין האנט — אלץ אויסרעכענען. פאוואלע. איבערלייגט.

אין איין פרימארגן איז ער אוועק אין שאפ אריין, וועז קיינער איז נאך דארט נישט געווען. מיט ברייט גלאנציקע אויגן האט ער איצט אלץ באטראכט. א לייכטער שטויב האט אים גענעבן א זעץ אין נאז אריין. אלדד האט זיך פארהוסט. ער האט מיט׳ן נאזטיכעלע געריבן זיין מויל. ער איז אריין צום פעטער אין צימער; א ווײַלע איז ער דארטן געזעסן; זיין בליק האט געוואנדערט, פאפירן זיינען געווען אנגעווארפן אי־בער׳ן טיש און איבער די שטולן און איבער דער פייערקאסע. אלדד האט איבערגעקוקט די רעכענונגען; ער האט אפגעלייגט אין א זייט באשטעלונגען; ער האט אויסגעטאן זיין ראק און אים באלד צוריק אנגעטאן. ער האט זיך פארשעמט פאר די ווייסע ארבל, וואס האבן ארויסגעשטעקט פון דער וועסט ארויס — ער האט אויף גיך פארויכערט א סיגארעט. ווען ער איז צוריק אריין אין שאפ אריין איז ער געווען יונג און פריש און מוטיק. מוטיק! אבער כאפט ניט, מען טאר זיך נישט איילן. אלץ דארף ווערן געטאן רואיק, מיט א רעכענונג, איבערלייגט. אלדד האט פאוואליע, פאוואליע אנגעהויבן אויסטרעטן זיין וועג. זיין וועג פון מאדערנעם, כמעט וויסנשאפטלאכן קאפיטא־ליזם.

מען האט שוין איצט איינגעטיילט די ארבעט. פון יעדע צען ארבעטער האט מען אויסגעקליבן איינעם, וועמען מען האט א נאמען געגעבן „פארמאן“. אויסערלאך האט זיך, דוכט זיך, גארנישט געביטן, דער צענטער האט ביים טיש, גלייך ווי די

איבריקע געארבעט, די זעלביקע שכירות באקומען, אבער דאס וואס מען האט אים אין דער שטיל א „באנוס" צוגעזאגט, און דאס, וואס מען האט אים אלע פרייטאג פארנאכט אז איבעריקע שעה פארהאלטן (צוזאמען מיט אלע איבריקע צענטע) און זיך מיט אים גע'ישוב'ט, און צוזאמען מיט אים סיגארס גערויכערט און צוזאמען מיט אים דעם שטערן געקנייטשט, ווי אזוי די פראדוקציע צו פארגרעסערן — האט דאס יענעם, דעם צענטן הייסט עס, גע'חנפ'עט און אין אים זיין געטריישאפט ארויסגערופן. און די אלע צענטע האבן יעדער אין זיין אפטיילונג אנגעהויבן אריינקומען מיט א שעה פריער און אנגעהויבן אהיים גיין מיט א שעה שפעטער, און זייערע ברעמען זיינען געווארן אנגעכמורעטע, און זייערע באוועגונגען האסטיקער, און זיי האבן געקוקט זייערע מיטארבעטער אין די הענט אריין, און יעדער האט פאר זיך אליין אויסגעטראכט א נייעם פארטל, ווי אזוי ארויסצוקריגן וואס מער ארבעט.

מען האט אויך אזוי איינגעפירט אז פעקער האבן בלויז געפאקט און קלייבער האבן בלויז געקליבן. די קויפער האבן בלויז געקויפט און די פארקויפער האבן בלויז פארקויפט. און יעדע אפטיילונג איז געווען אפגעטיילט פון א צווייטער. די שפאנישע וואל איז זיך אליין צוגעפאלן צו דער שפאנישער, און די „מאהירס" צו די „מאהירס", און די אויסטראליער צו די אויסטראליער, און דערנאך האט אלעס צוזאמענגעפלאסן און זיך אריינגעגאסן אין דעם גרויסן אפים פון דער עטינגער וואולן קאמפאניע".

מען האט שוין איצט געבראכט פון סיינט־לואיס א מאשין, וואס טיילט אפ די קאלירן. און א מאשין אויסגעבעט מיט אזוינע פייכטע זעק, וואס האלטן שטענדיק פייכט און פריש און ריין פון שטויב די וואל. מרדכי עטינגער האט געקויפט אזא גרויסן זייגער מיט א גרויסן שטעמפל, ערגעץ באהאלטן אין זיינע געדערים, וואס צייכנט אפ יעדע מינוט פון יעדן אריינקומענדיקן. דער זייגער איז געווען א שיין שטיק מעבל אין דעם פארשטויבטן שאפ. ניש־קשה, אין איין יאר אדער צוויי וועט דער זייגער אנקלייבן נענוג מינוטן און שעה'ן, וואס וועלן באצאלן זיין ווערט! מרדכי עטינגער האט דאס שוין געוואוסט! און עס איז צוגע־

קומען נאך א שטיק ארבעט צו זיינע מארגנדיקע זארגן. מרדכי עטינגער האט יעדן אינדערפרי אריינקומענדיק אין שאפ אריין, גענומען א ריין שטיקל פאפיר, עם אריינגעשטופט אין שפאלט פון דעם זייגער און אפגעדריקט דאס הענטל, ער האט א קוק גע־טאן אויף זיין אייגענעם זייגער און הנאה געהאט — דא און דארט איז געווען פונקט איין מינוט נאך ניין. מרדכי עטינגער האט זיך צום סוף אליין אויסגעשריבן אזא קארט און געשטעמפלט זי יעדן פרימארגן. עס האט אזוי אראפגעגלאנצט פון דעם שטעל מיט קארדס אויך זיין נאמען. דער ערשטער נאמען — „מרדכי עטינגער."

— עס וואלט געווען נישט מער ווי רעכט, — האט ער איינמאל צו אלדר'ן געזאגט, — אז אויך דיין נאמען זאל זיך דארטן געפינען.

אלדר'ס נאמען האט זיך דארטן אויך געזען. עס איז גע־ווען אלדר'ס רייד, וואס מרדכי עטינגער האט פון זיין מויל ארויסגעכאפט. — מיין נאמען דארף דער ערשטער זיין, מיר מוזן זיי ווייזן, אז אלע זיינען מיר גלייך, קיין חילוק איז דא נישטא פון איינעם צו א צווייטן — אלע דארפן יעדן פרימארגן די צייט שטעמפלען. עס איז געווען טעות'ן די ערשטע צייט מיט דעם זייגער: איינער האט געכאפט א צווייטנס קארט, איינער האט, אריינקומענדיק אביסל שפעטער, געוואלט איבער־רוקן אויף צוריק דעם זייגער, איינער, אוועקגייענדיק אביסל פריער, האט געבעטן א צווייטן ארבעטער אפצושטעמפלען זיין קארד ביים אהיימגיין. עס האט נישט געארבעט אזוי ווי עס באדארף צו זיין.

איז וואס טוט מען?

אלדר האט זיך יעדעס מאל אליין געמוזט אוועקשטעלן ביים זייגער און היטן יעדן מיט זיין קארד, און אזוי איז ער שוין יעדן אינדערפרי, מיטאג און פארנאכט געשטאנען ביים זייגער.

האט זיך דאך שוין במילא פון זיך אליין פארגרעסערט די קופעס אנגעקליבענע וואל נאך יעדן טאג ארבעט. די צווייטע העלפט שאפ איז שוין געווען אינגאנצן פארענדיקט: די מא־שינען האבן געסקריפעט און געקלאפט און זיך צולייגט מיט זייערע אייזערנע הענט איבער יעדן פינסטערן ווינקל. אלץ

האָט געמוזט דערלאַנגט ווערן צו דער מינוט. איינס האָט גע־שלעפּט דאָס צווייטע, איינס האָט געוואַרט פאַר'ן צווייטן. אָט שטייען שוין לײדיק און וואַרטן די שלעפּ־מאַשינען, אָט שטייען שוין לײדיק און וואַרטן די פּאַק־מאַשינען. אַ פולער שאַפּ מיט „דרייווערס“, אָנגעטאָן אין לעדערנע זשאַקעטן און הויכע לע־דערנע „לעגינגס“ אויף די דינע פיס, רויכערן און שפּייען און יאָגן אַרויס די נשמה. עס איז שוין איצט נישטאָ קיין צייט אין מרדכי עטינגער'ס שאַפּ אַפילו דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן. דאַרף עמיצער אַריינגיין נאָך אַ טרונק וואַסער מוז ער רופן דעם „פאָר־מאַן“. דער „פאָרמאַן“ פאַרקנייטשט דעם שטערן און טראַכט און טראַכט זייער לאַנג, ביז ער באַשטימט עמיצן אַנדערש אויף די פאַר מינוט צו פאַרנעמען יענעמ'ס פּלאַץ.

אָבער ער באַשטימט — דער אַרבעטער גייט אַפּ און קומט באַלד צוריק אַ מונטערער, אַן אַנגעטרונקענער, מיט אַ נאַסן גומען, עס איז אים גוט, ער כאַפּט זיך צו דער אַרבעט, זינגט אונטער אויף שנעל אַ ליד, ווי שנעל עס יאָגט זיך דער גאַנצער טעמפּאָ אין מרדכי עטינגער'ס שאַפּ. בלויז איין אַלדר גייט אַרום פאַמעלאַך. ער איז צו אַלעמען אויפמערקזאַם, זיין שטערן איז הויך, מיט די בלאָנדע האָר אויף אַרויף פאַרקעמט, זיין מויל איז פאַרשלאָסן, ער רעדט נישט מיט קיינעם. ער באַטראַכט בלויז פאַרזיכטיק די באַשטעלונגען, קוקט נאָך די קוויטאַנציעס, און באַ־טראַכט דעם מיז וואַל. אַלדר ציילט אַרויס זיינע ענגלישע ווער־טער; ער איז איצט נאָך מער צוריקגעהאַלטן; אַ טרויער פאַרציט זיין פּנים; עס דוכט זיך אויס, ווי די גאַנצע פאַראַנט־וואָרטלאַכקייט ליגט שוין איצט אויף זיינע פּלייצעס. און ווי אין עפּעס אַ וואָס זיך אָנצושפּאַרן, ווי אין עפּעס אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן, ליגט ביי אים אויפ'ן טיש אַ גאַנצער פּאַק מיט בי־כער. אָט ליגן:

"Labor in Europe and America;" History of the United States;" Wages and Cost of Living;" Old and New World Contrasts."

אַלדר קוקט אין די ביכער, ער האַלט אין איין פאַרגלייכן דאָס מיט יענעם. ער האָט שוין איצט אין די אוונטן אָנגע־הויבן לייענען ביכער מיט אַ ריין עקאָנאָמישן אינהאַלט. און

ווען ער האָט, לייענענדיק אפילו שפינאָזא'ן, געקומען צו אזא מין זאַץ

"Since every man by the laws of his nature desires that which he deems good, and endeavors to remove that which he deems bad, and further, since that which he, in accordance with reason, deems good or bad, necessarily is good or bad, it follows that man, in so far as he lives in obedience to reason, necessarily do only such things as are necessarily good for human nature, and consequently for each individual man. In other words, such things as are in harmony with each man's nature. Therefore, men, in so far as they live in obedience to reason, necessarily live always in harmony one with another."

האָט ער דעם זאַץ איבערגעשריבן אים אויף אויסווייניק אויסגע־חזר'ט, און דערפון הנאה געהאַט.

— עס וועט מיר ערגיץ צונוצקומען, — האָט ער געטראַכט, — יעדע זאַך און יעדער געדאַנק קען אמאָל ערגיץ צונוצקומען. א מענטש דאַרף האָבן א זאַפּאַס.

אלדד האָט שוין פאַרנומען א קליינעם צימער אין דעם גרויסן שאַפּ. פאַר זיך אליין א קליינעם צימער. פון דעם צימער האָט א טיר געפירט גלייך אריין צו מרדכי עטינגער'ס פּריוואַטן אָפיס. יעדעס מאָל קומט עמיצער אריין אין זיין צימער; יעדעס מאָל גייט ער אריין צום פעטער אין אָפיס.

— יאָ, יאָ, — שאָקלט מרדכי עטינגער צו מיט'ן קאָפּ, — עס איז א פיינער איינפאַל, א גוטע אידייע, אין דינע זעק וועט זיין גרינגער צו פּאַקן, דורכ'ן יאָר וועלן מיר שפּאָרן אזוי פיל אויף טראַנספּאָרטאַציע, זייער א גוטער איינפאַל.

מרדכי עטינגער באַנוצט שוין זעלטן דאָס וואָרט „איך". שטענדיק זאָגט ער שוין „מיר". ער שיינט פון גליק, עס ליגט צעלייגט א רואיקייט אויף זיין פּנים, א זיכערקייט אין זיין טאָן — זייער א גוטער איינפאַל.

— און ווען איר פאָלגט מיך, וואָלט איר זיך ניט גע־

איילט מיט'ן פּאַרקויפן, — רעדט שוין אלדד וועגן עפּעס אַנ־דערש.

— וויפיל, דיינקסטו, קען מען שפּאָרן אַ יאָר? — פּרעגט עטינגער ווייטער.

— נאָכ'ן שכל נאָך מוז זיך הויבן דער פּרייז — ענטפערט עפּעס אַנדערש אלדד.

אלדד האָט געוואָלט אַז מרדכי עטינגער זאָל גלייך אריבער־גיין אין די בענק און דיסקאָנטירן אַלע וועקסלען, וואָס ליגן ביי אים אין דער פייערקאַסע, און פאַר די געלט איינקויפן אַזוי פיל סחורה, וויפיל מען קען נאָר.

— עס איז אָבער קעגן מיין מנהג — זאָגט עטינגער, — איך פיר זיך, אַז ווען אַ מענטש גיט מיר אַ וועקסל, האַלט איך עס. מען מוז דאָך אויך אריינגיין אין יענעמס לאַגע!

—און ווי אַז יענער האָט ניט? — פּרעגט עטינגער.

— באַנייט מען דאָס וועקסל.

— וואָס הייסט?

— אַזוי פּירט מען געשעפט.

— און ווי וואָלסטו געטאָן?

— איך וואָלט אַזוי געטאָן...

זיי האָבן נישט פּאַרענדיקט דעם שמועס. דער טעגליכער טומל אין שאַפּ איז זיך צעוואַקסן, וועגענער אַנגעלאָדן מיט פּעק זיינען געשטאַנען פאַר דער טיר, מענטשן זיינען געקומען און גע־גאַנגען; איבער'ן שאַפּ האָט זיך געיאָגט דער אימפּעט פון שאַרנדיקע הענט איבער גלאַטע טישן; עס האָבן ווי אַטאָמאַטן זיך געגליטשט אַ מין צו אַ מין; איבער'ן אָפּיס האָט זיך גע־טראָגן דאָס טעמפּע קלאַפּן פון שרייבמאַשינען. ערגעץ האָט געקלונגען אַ טעלעפאָן. די באַלעגאַלעס האָבן זיך געשאָלטן. מענער מיט פאַרגעלטע פּנימער איינגעטונקען אין שטויב האָבן געהוסט אין דער דאַלאַניע אריין. אויף הענגענדיקע שטריק האָבן זיך געהוידעט עלעקטרישע לעמפּלאַך און ווי געוואונקען פון די פענסטערע ווינקלען אַרויס. הו־און־האַ און טומל פון מאַשינען, און איבער דעם אַלעמען דאָס געוואַלדיקע שווייגן פון די מענטשן ביי די טישן, וואָס שווייגן שטענדיק, ווען זיי פילן, אַז ערגעץ באַהאַלטן אין אַ צימער זיצט מרדכי עטינגער.

אלדד איז שוין ווידער ביי זיך אין צימער. ער האט א געפיל אז ער איז געבליבן שולדיק אן ענטפער צו מרדכי עטינ־גער׳ן — „איז ווי וואלסטו געטאן?“ ער קען שוין נישט איינ־זיצן, ער רוט שוין נישט, ער זעצט זיך אוועק איבער א בויגן פאפיר און שרייבט אן א גאנצע ריי מיט פלענער — דעם איצ־טיקן שאפ וואלט ער פארוואנדלט בלויז אין א ווערקשטאט, דעם אפיס וואלט ער אריבערגעפירט ערגעץ ארויף שטאט, נאענטער צו די בירזשעס און גרויסע געשעפטן; געקויפט וואלט ער בלויז פאר מזומן. שטענדיק וועט ער צאלן מיט א סענט אדער צוויי ביליקער. גלייך ביים אריינגאנג וואלט ער אויסגעמאלט אזא מין שילד — „ווער עס נויטיגט זיך אין מזומן, זאל קומען אהער. מיט א סענט ביליקער אויפ׳ן פונט וועט איר גלייך באקו־מען אייער געלט“. און צו די בענק וואלט ער אזוי נעזאגט — „ווילט איר האנדלען מיט דער עטינגער וואולן קא. און אריינ־נעמען דעם האלבן מיליאן מסחר, וואס מיר טוען א יאר, דאן מוזט איר אונז אסיגנירן א קרעדיט פון פינף־און־זיבעציק טויזנט דאלאר א יאר. און צום סוף וואלט ער אליין, דירעקט, אנגע־הויבן אימפארטירן און עקספארטירן קיין אויסלאנד. אלדד האט אויף א באזונדערן שטיקל פאפיר מיט א קארעקטער האנטשריפט אויסגערעכנט וויפיל עס פאלט אפ יעדן יאר פאר׳ן קאמיסיאנער.

זיין פנים האט שוין געפלאמט. זיין הארץ האט אין אים געקלאפט. ער האט שוין געהאט אלע פאפירן צוגעגרייט. און נאך איידער די טינט איז אויף דעם בויגן פארטריקנט געווארן, האט ער שוין געהאט נייע פלענער. פונקט ווי אמאל אויף א פארזאמלונג, ווען די קעפ פון די פארזאמלטע האבן פאר אים אויסגעזען ווי א וואלד, און ער האט מיט פארמאכטע אויגן גע־זען די באוועגונג פון די קעפ, ווי בוימער אין א שטילן ווינט, — האט זיך דעמאלט זיין בלוט אין אים צוקאכט, און שטאליקע רייד זיינען געפאלן פון זיין מויל, — אזוי האט ער אויך איצט מיט ברענענדיקער התלהבות אויסגעלייגט איין פלאן נאכ׳ן אנ־דערן, איין פלאן נאכ׳ן צווייטן און אומגעדולדיק געווארט אויפ׳ן פעטער, פאר וועמען ער וועט די פלענער אויסלייגן. העי! ווארט נאך א יאר און נאך און נאך א יאר! די „עטינגער וואולן קאמפאניע“ מוז זיין דאס גרעסטע וואל־געשעפט אין דער

דאַזיגער שטאָט! דאָס גרעסטע וואַל־געשעפט אין דעם דאַזיקן לאַנד! אַלדר האָט אויף אַ ווײַלע אינגאַנצן פאַרגעסן פון וואַנען ער קומט, אויף אַ ווײַלע האָט ער שוין אַפילו פאַרגעסן אין זײַנען חברים — זײַנען הויזן זײַנען געפּרעסטע, ער האָט אַ ליולקע פון ריינעם בורשטין; ער האָט שוין געשריבן אַ בריוו בעקי"ן; אין אַ נאַסן רעגן זײַנען זיי אַרומגעגאַנגען אַ שעה און צוויי און נישט געפילט ווי די שעה'ן לויפן. אַלדר איז היינט אַהיים געגאַנגען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

עס האָט געטראָפן מיט אַלדר'ן אַן אומאַנגענעמע פּאַסירונג: אים האָט דערנאָך פאַר אַ לאַנגער צײַט פאַרפאָלגט אָט־די פּאַסירונג. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי אײנער וואָס פאַרעט זיך אַרום אַ נבלה, און וואו ער גייט, הערט ער דעם ריח פון דער נבלה. עס איז געווען נאָכמיטאָג. מרדכי עטינגער איז געווען, ווי געוויינלאַך, אוועקגעגאַנגען. די אַרבעטער האָבן געאַרבעט. דייוו איז געשטאַנען אין דרויסן און געהאָלפן אָנלאָדן די וועגענער מיט די פּעק און גרויסע באַלן. אַלדר איז געזעסן בײַ זיך אין צימער, מיט אַ בלײַשטיפט אין זײַן האַנט האָט ער געהאַלטן אין אויסרעכענען אַ פּלאַן. ער האָט געטראַכט — אַז אויב די וואָל, וואָס געפינט זיך איצט אין שאָפּ, זאָל קענען אַרויסגעשיקט ווערן ביז'ן ערשטן פון חודש, וואָלט ער דערמאָלט פּראָפּיטירט אַ גאַנצן חודש פון איבערדרייען זיך מיט פרעמדע געלט, און ער וואָלט געקענט מיט דער זעלבער סומע פּונקט פאַרדאָפּלען דעם חודש'דיקן אײַנקויף. דאַרף מען אָבער צוליב דעם אָנשטעלן עקסטרע מענטשן, און די מענטשן וועלן דאַרפן אַרבעטן עקסטרע צײַט, איז וויל ער דאָס אויסרעכענען צי וועט זיך דאָס אים לוינען.

האָט זיך פּונקט דמאָלט, אַז אַ קלאַפּ, געעפנט די טיר, און עס איז אַרײַנגעקומען דייוו. דייוו'ס פּנים איז געווען בלאַס, און ער איז געווען צוטראָגן. זײַן לאַנגע דאַרע נאָז איז געווען אָנגעצויגן, ווי אַ סטרונע, זײַנע אויגן זײַנען געווען צו דער ערד אַראָפּגעלאָזטע, די אָדערן איבער די דינע באַקן האָבן געצוקט, דאָס מויל פאַרשלאָסן, און דער קנאָפּ איבער'ן גאַרגל האָט אַזוי

געשפרונגען אז עס האָט זיך גערוכט, אַז צו יעדער מינוט וועט עפּעס אינווייניק אַרויספּלאַצן מיט אַ געוואַלדיק געשריי.

דייוו האָט זיך צוערשט געמאַכט גלייך ווי ער זאָל עפּעס זוכן. ער האָט זיך גערדרייט אַרום דער פּייערקאַסע, אַרום דעם גרויסן שרייבטיש. ער איז אַרונטערגעקראָכן אונטער׳ן טיש און איז צוריק אַרויסגעקומען אינגאַנצן אָן אויסגעשמירטער. מיט־אַמאָל איז ער צוגעקומען צו אַלדר׳ן, אויף אים אַנגעשטעלט אַ פּאָר רויט פאַרלאָפענע אויגן, און מיט צוזאַמענגעדריקטע פויסטן האָט ער זיך גלייך אויף אים פאַרמאָסטן.

— דו האָסט זיך אַריינגעריסן אין מיין אַרבעט, — האָט ער נישט מיט זיין קול געשריען, — איבער דיר האָט מיך דער טאַטע אַריבערגעשיקט צו די אַנלאַדערס, אויב דו געהסט נישט אַוועק פון דאַנען, וועל איך דיר אויסהאַקן דיינע ציין.

אַלדר איז געבליבן זיצן אַ צוטומלטער, און ווייל אַ צוטומל־טער, האָט ער אים געלאַכט גלייך אין פּנים אַריין.

— דו לאַכסט נאָך! — האָט שוין דייוו נאָך העכער גע־שריען, ווי מיט באַנומענע קולות — דו גרינהאָרן! דו ווילסט מיין טאַטענ׳ס פאַרמעגן אַפּנעמען! און ער האָט אויפגעהויבן זיינע ביידע שווערע הענט און מיט זיין גאַנצן כח האָט ער זיי אַראָפּגעלאָזט גלייך אַלדר׳ן אין פּנים אַריין.

אַלדר האָט זיך איבערגעקערט. ער איז אַראָפּגעפאַלן פון דעם שטול, פון דער נאָז און פון זיין מויל האָט גערונען בלוט. און פאַלנדיק איז ער מיט דער רעכטער פוס אַריין צווישן דעם טיש און די וואַנט, און ער האָט אויסגעלונקען דעם פוס, ער האָט זיך קוים געקענט אויפהויבן.

צום סוף האָט ער זיך אַריינגעשלעפּט אין אונטערשטן חדר אַריין. מיט קאַלטע וואַסער האָט ער איינגעהאַלטן דאָס בלוט. דאָס צימער איז נאָכהער געווען באַשפּריצט מיט טרו־קענע רויט־שוואַרצע פלעקן. ווען מרדכי עטינגער האָט אים נאָכהער געפרעגט, וואָס עס האָט געטראָפן, האָט ער געזאָגט: אַז דורך דעם אָפענעם פענסטער פון אָפיס איז אַריינגעפלויגן אַ באָל מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט פשוט אָפּגעשפּילט מיט גליק, וואָס ער איז ניט דער׳הרג׳עט געוואָרן.

מרדכי עטינגער האָט אַ פאַרזאָרגטער געזאָגט — זיי זיי־

נעז ווילדע, די אמעריקאַנער בחורים, אַכצן און צוואַנציק יאָריקע בחורים שפּילן זיך נאָך אין באַל, פּונקט ווי קליינע קינדער.

א פּאָר חדשים האָט אלדד געהונקען אויפ'ן פוס. פון הויז פלעגט ער אוועקגיין שפּעטער און א היים קומען פריער. זיין מומע האָט מיט מוטערלאַכער צאַרטקייט זיך געדרייט אַרום אים; דייוו האָט אַז אַנגעכמורעטער אים אויסגעמידן; אסתר האָט איינמאָל ביים עסן, ווען מרדכי עטינגער איז ניט געווען, געזאָגט: וואָס דען קריכן זיי אַריין אומעטום און פאַרכאַפּן אַלעס, זאָלן זיי גיין צוריק קיין רוסלאַנד, אַהין פון וואַנען זיי קומען! מיר דאַרפן זיי דאָ נישט!

אלדד האָט געטרויסט די מומע:

— אַלעס גייט צו אין בעסטער אָרדנונג, מיין פוס היילט זיך, איך וועט, אַז אין א וואָך אַרום וועל איך שוין קענען לויפן אַרום און אַרום דעם סענטראַל פּאַרק.

"1918"

1

— איז שוין טאַקי אַזוי גיך מקוים געוואָרן אַראַנ'ס נבואה? ניינצנזיבעצן... ניינצנאַכצן... ניינצנצוואַנציק...

עס איז ניט מקוים געוואָרן אַראַנ'ס נבואה.

אַראַנ'ס נבואה וועט קיינמאָל נישט מקוים ווערן.

עס איז גאָר מקוים געוואָרן עפּיס אַנדערש.

אַלדד'ן האָט איצט, נאָך מער ווי פריער אַנגעהויבן פּאַרפּאַלגן, און אינווייניק אין זיין נשמה האָט ער אָנגעהויבן נאָכזינגען זיין חבר'ס לידער. אַלדד האָט נאָכגעזונגען דאָס געזאַנג.

„אַ דאַנק אייך, גוטע מענטשן, פאַר טיי און פרישן ברויט;

„מיין פערד צום פאָרן ווייטער אַז איינגעשפּאַנט שטייט.

איך האָב געזעגן אייך איינמאָל, און וועל ניט זען שוין מער.

„מיין וועג איז ווייט, וועל קיינמאָל נישט קומען מער אַהער".

ער האָט נאָכגעזונגען די לידער, ער האָט מקנא געווען דעם חבר, ער האָט אַליין געוואָלט שרייבן. ער איז געוואָרן אַנדערש, ניי, פאַרטיפט, אַנדערש פאַרקלערט. וואָלט אים אָפּגעשטעלט זיינער אַ חבר און געפרעגט: „וואָס איז געוואָרן מיט אַלדד'ן און וואָרום זעט מען אים נישט?" וואָלט ער נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן; נאָכמער, ער וואָלט זיך גע'חידוש'ט אויף אַזאַ מין פראַגע — די חברים וואָלטן גע־מאַכט אַ טעות, ווען זיי וואָלטן געמיינט, אַז ער איז, אַזוי ווי זיי פאַרשטייען, אַן אַנדערער געוואָרן; אַז ער האָט זיך אי־בערגעבראָכן, אַז ער איז צו־שנעל אוועק אין אַ ניי פרעמד לעבן און אַז דאָס איבערברעכן זיינס איז געקומען שנעל און פאַלש — עס וואָלט געווען נישט אמת, אַט די אַלע רייד — ווייל ער איז נישט מער ווי אויסגעוואַקסן; זיינע אויגן האָבן איצט געגלאַנצט מיט אַ ניי פייערל, ער איז אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין אַ ניי אימפּעדיק לעבן, און עפּיס צאַפּלדיק־אויפרעגנדיקס — אַלדד דאַרף דערויף רעאַגירן; ער דאַרף דאָס אַלץ נייע דורך

זיך אליין דורכלאזן, באהויכן עס מיט זיין אייגענעם אטעם, באווארעמען מיט זיין אייגן בלוט; ער איז אפשר בלינדער־היים שוין איצט געווען דאס, וואס זיין חבר צאלקע איז געווען — גאנץ, טיף, באוואוסטזיניק, לעבעדיק — לעבעדיק, פונקט ווי דאס לעבן אליין, איז ווי אזוי קען א מענטש א לעבעדיקער נישט באלעבן דאס, וואס עס קומט אין זיין לעבן פאר?

און פארגעקומען אין זיין לעבן איז איצט א סך.

ער איז געווארן צוואוואקסענער, ברייטער, טאקי פשוט אין גוף — א הויכע ברוסט, אויסגעפילטע באקן, ברייטערע פלייצעס און אנטוויקלטע מוסקולן. און דער שטח פון זיין פארנעם איז שוין איצט געווען א מיילן ברייטער. סאציאליזמוס איז דאך נישט קיין אידייע באגרעניצט אין די אייגענע פיר איילן — סאציאליזמוס איז די גאנצע וועלט — מענער אקערן דאס פעלד, בויערער בויערן לעבער אין שטאלענע באלטשואסעס; מאמעס האדעוועז קינדער; מאן און ווייב האבן זיך ליב און מאן און ווייב האבן זיך פיינט; סוחרים נארן אפ אייגער דעם צווייטן; א פרוי זינדיגט אונטער דעם מאנ׳ס פלייצעס; דיכטער זינגען פאלשע געזאנגען; אויבנאן זיצט דער, וואס דארף זיצן אונטן; דער כח פון דאלאר איז שטארקער פון גאט; דיין ליבע, דיין פריינדשאפט וועט מיר צוניצקומען, ווען איך וועל קומען אין דער הויכער עלטער; איצט וויל איך הונדערט דאלאר א וואך, טויזנט דאלאר א וואך, דעם געלן שימער פון גאלד וויל איך, דעם פאר׳שיכור׳טן רויש פון שמעקנדיקן פארפיום, זאל עס אפילו זיין א פאלשער ריח; באדעק מיין לייב מיט ווייכן זייד, באדעק דיין אייגן לייב מיט ווייכן זייד, און דעמאלט ערשט וועל איך נעמען דיין חכמה און דיין קלוג פנים, ווי א קלוג צוגעטראכטן ארנאמענט — אין דרויסן גייט א רעגן און אין דרויסן גיים א שניי — אויף הויכע בערג פארגיים די זון; איך הער א קול: בלייב שטיין! בלייב שטיין! און אט זע איך א נייע וועלט, א נייע שטאט; די שטאט איז דורכגעלעכערט מיט מיליאנען דראטן און רערן אונז נעצן; ווי דורך כישוף באווייזן זיך אינמיטן הימל געדרייטע גרויסע בוכשטאבן און שטייען אזוי א מינוט אדער צוויי; פון אלע הייזער קוקן פענסטער מיט פארשלייערטע, באהאלטענע

סודות; ביי פרעמדע שווערע טירן שטייען נעגערם אין בלויע יוניפארמען מיט אפגעגילטע קנעפ און שמייכלען פאלש; די גרויסע שטאט איז הארט, און שטיין, און גרוויזאם, און טיף ביז אין די געדערים איז זי געפלאסטערט, צום טייפל! אלצ־דינג קלינגט דאך אפ מיט אזא שארף ווידערקול — בין איך דען טויב?

און די מלחמה אויף יענער זייט ים? גאט האט אנגע־צונדן א פייער — דער וואולקאן דערנעענטערט זיך שוין אהערצו, צו די היגע ברעגן; גאט'ס פייער האט אנגעצונדן די גאנצע וועלט; דאס פייער טוט זיך קנוילן ארום און ארום דער וועלט. וועלן מיינע אייגענע פיר ווענט פארברענט ווערן אין דעם וועלט'ס פייער? אויב מיינע אייגענע פיר זוענט וועלן נישט פארברענט ווערן אין דעם וועלט'ס פייער, וועל איך זיי אליין אונטערצינדן... איך וויל נישט שטיין מחוץ למחנה... אין אומגליק ווערן אלע מענטשן נאענט, אלעמענס גליק. ווערט איין גורל — און אויב דאס אומגליק וועט ברענגען גליק, וויל איך אויך מיין חלק... מיינט נישט איר אלע, אז זיין א אינדיווידואליטעט מיינט שוין זיין אין שלום מיט זיך. פאר־קערט, זאל יעדער פון אונז אין א באזונדערן ווינקל פאלירן און שארפן זיין אייגענעם איך. נאר דער האט א רעכט צו זאגן וועגן זיך — איך — ווער עס קען אין זיין שטרעבן אויס־שמידן א זיגרייכע נשמה אנטקעגן דעם כאאס וואס באפאלט אים פון אלע זייטן. דער געדאנק פון אונזער צייט וויל א לעבן פון רעכט. דער מענטש וויל האבן דאס באוואוסטזיין, אז מיט יעדן ציטער פון זיין נשמה נעמט ער אן אייגנטייל אין דעם אומאויפהערלאכן קאמף. וויכטיק איז נישט, וואס דו וועסט אויסמיידן, נאר דאס, וואס דו וועסט באשאפן אין דעם רויען פרעמדן. טראג צו צו דעם דיין נשמה, דיין רו און אומרו; גיי צוזאמען מיט דריי מיליאן אידן, טרעט אוים צוזאמען מיט זיי דעם נייעם פרעמדן באדן — אפשר וועסטו האבן כח אנצוא־ווייזן דעם אמת'דיקן וועג פון יושר.

אלדד'ס יעדער נערוו איז אנגעצוינן; זיין יעדער מוסקול צוקט; א נייע וועלט נעמט ארום זיין לייב און זיין הארץ. ער איז יעדע מינוט פון טאג מיט עפיס אנדערש פארנומען.

ער לויפט און האנדלט און לעזט און טראכט. ער וואלט זיך נע׳חידוש׳ט אויף דער פראגע, ווען מען פרעגט אים: „וואס איז פון דיר געווארן" — א סך זאכן זיינען געווארן... גאר־נישט איז געווארן... עס האט זיך אים שוין אינגאנצן אויס־געהיילט דער פוס. מיט דייוו׳ן באגעגנט ער זיך שוין פנים לפנים און עס איז שוין אלרייט. אלעס איז שוין אלרייט. אט איז אנגעקומען דאס יאר 1918, דאס יאר פון שפע און הצלחה פאר מרדכי עטינגער׳ן.

אלץ הייסט שפע און הצלחה — ווייסט איר ווי אזוי עס האט זיך אויפגעבויט דאס נייע, רייכע לאנד? ווייסט איר, ווי אזוי עס האט זיך אויפגעבויט די גרויסע רייכע שטאט, און צי ווייסט איר ווי אזוי עס וואקסט אויס א גרויסער, רייכער מענטש אין דער שטאט? העי, ווארט א ווײלע! צוערשט גייט נישט צו אלץ אזוי גלאטיק! צוערשט האט זיך דאס דאזיקע יאאר אנגעהויבן מיט שרעק. אין דעם חודש אפריל פון דעם יאר 1917 האט אמעריקע ערקלערט קריג צו דייטש־לאנד. איין ווארט! און עס קנויזן זיך שוין גרוילאכע בילדער איבער די ווענט־הויכע כוואליעס פון דעם גרויסן אקעאן. מיליאנען קונדסים קורצע און קײלאכדיקע אנגעטאן אין גרויע און אין שווארצן קאטשען זיך און קוליען זיך ווי בייביקע פע־סער אריבער דעם אטלאנטיק. די כוואליעס ביים ברעג פון קוני־איילאנד האבן פארטראגן אן אויליקע בלאטע פון אונטער־גייענדיקע שיפן. מען קען זיך נישט באדן אין קוני־איילאנד. דאס לייב ווערט איינגעקלעפט אין אויליקער פעטקייט. קליינע קינדער און ארעמע פרויען קריכן ארום ביים ברעג ים, זייערע הויזן זיינען פארקאטשעט, די קליידער איינגעשפיליעט מיט שפילקעס, און זיי ווארטן אויף די פארלוירענע אוצרות, וואס זיינען מיט די שיפן אונטערגעגאנגען. שווארצע, פינסטערע טעג קארטשען זיך צאפלדיקע איינע נאך די אנדערע. אלע יאש־טשערקעס און מכשפות האבן אויפגעעפנט זייערע רויטע מויי־לער און ווארפן אראפ פון זייערע גיפטיקע ציינער גליענדיקן פעך. עס איז שוין אנגעפילט די גאנצע לופט מיט גליענדיקן פעך, מיט שטיקנדיקן רויך. — פון וואנען האט זיך גענומען אין מיטן חודש אפריל אזא שטיקנדיקער רויך? צענדליקער,

הונדערטער גרויסע שיפן שטייען אומגעדולדיקע פאראנקערט ביי די ברעגן פון די וואסערן; פון זייערע הויכע קוימענס זעצט א שווארצער רויך, גרויער הימל, אויסגעמישט מיט צונגען רויטן פלאם. אפילו די זון איז באפלעקט מיט בלוט־שווארצע פלעקן.

מכשפות, קוקנדיק אויף דער באפלעקטער זון, האבן מיט זייערע פארקרומטע, צאנלאזע מיילער נביאות געזאגט פון דעם שווארצן טאג, אין וועלכן די וועלט וועט אונטערגיין — די וועלט וועט אונטערגיין, די וועלט וועט אונטערגיין! דאס איז די מלחמה פון גג ומגוג. עס שטייט בפירוש אין דער תורה געשריבן, — נאך דער גרויסער מלחמה פון גג און מגוג וועט די וועלט אונטערגיין. די מכשפות האבן זיך געפרייט; זיי האבן געשריען הורא; מענטשן זיינען געלאפן צו די דאזיקע מכשפות. גאלדענע שטיקער האט מען געווארפן אין זייערע אפענע פאדאלקעס אריין. מיט שרעק האט מען זיך צוגע־הערט, ווי פון זייערע איינגעשרומפענע באקן און פון זייערע רויטע יאסלעס האט זיך ווי א טויטע נאסע זאך אראפגעגליטשט דאס גרויליקע ווארט — אין דעם יאר אזוי און אזוי וועט די זון אויפגיין א שווארצע; אלע טייכן און אלע ים׳ן וועלן ארויס פון זייערע ברעגן; וועלדער וועלן ברענען; דאס ים׳יקע וואסער וועט אויף דעם פייער קיין שליטא נישט האבן — א ברודער וועט שטעכן זיין איינענעם ברודער און ער וועט אפילו נישט וויסן צי עס איז דער אייגענער ברודער; ווי מחנות רויב־פויגלען וועט זיך אראפלאזן די ארמיי און וועט צופרעסן יעדעס גרעזעלע, — דער סוף פון דער וועלט וועט קומען אין דעם יאר אזוי און אזוי.

עס ווערט מקוים דאס נביאות־זאגן פון די מכשפות. אט האבן שוין די דייטשן געזונקען אן אמעריקאנער שיף. דייטשישע סובמארינען לויערן שוין ביי די אמעריקאנער ברעגן. ערגעץ האט מען שוין געזען פליען לופטשיפן; ערגעץ איז קאנטארן פארשלאסענע גייט אן א פיבערדיקע טעטיקייט. מען גיט ארויס באפעלן פארבארגענע; אונטער פאריגלטע טירן גייען ארום מענער פארקומערטע, מיט ברעמען אנגעכמו־רעטע, מיט אטעמס איינגעהאלטענע, מיט הערצער קלאפ־קלאפנ־דיקע. אט האט מען שוין אנגענומען דעם באשלוס — דער

פרעזידענט האט ערקלערט קרינ. ער איז געווען דעמאלט אנ־געטאן ווי צו זיין חתונה, דער פרעזידענט, מיט דעם הויכן שווארץ־זיידענעם „סטאוו־פייפ“, מיט׳ן שווארצן „קאט־א־וויי“; א בלום האט געשטעקט אין זיין לאץ, די שפיגלדיקע פענסנע זיינען זיכער געלעגן אויף זיין גלייכער נאז. ער האט זיך אוועקגעשטעלט און מיט א קלארער, עטוואס ציטערנדיקער שטימע, האט ער געלייענט פון א גרויסן בויגן פאפיר. די שטי־מונג איז געווען א געהויבענע; די פנים׳ער צופלאמטע. גלייך נאכ׳ן לעצטן ווארט דעם פרעזידענט׳ס, האט איבער דעם רייך־דעקארירטן פארזאמלונגס־זאל א זעץ געטאן פון הונדערטע מע־שענע טרובעס די „סטאר ספענגלד בענער“. מענער זיינען גע־פאלן אויף די הערדזער, רייכע אריסטאקראטישע דאמען האבן זיך געקושט, טרערן זיינען געשטאנען אין זייערע אויגן — אט קומט דאס לאנג־ערווארטעטע... אט הויבט זיך עס שוין אן... עס האט זיך אנגעהויבן.

טעג און טעג פול מיט איינגעהאלטענער עקספלאזיע שטייען גרייט יעדע סעקונדע ארויסצופלאצן מיט׳ן הימל־הויכן קנאל. שוין געפלאצט — א וויכער דרייט זיך ארום זיך אליין — ווארפט מען אהין אריין א מעסער, זעט מען רויט בלוט, ווארפט מען אהין אריין א מענטשן, ווערט ער באלד פארשלונגען — נאך א מענטש, נאך א מענטש, הונדערטער, טויזנטער, מיליאנען — דאס לאנד איז רייך און יונג — הויב זיך העכער, וויכער, ארבעט טאג און נאכט... קנויל זיך, דריי זיך, מיר האבן נאך דא טאקי אזוינס נישט געזען — מיר ווילן עס זען.

דער וויכער דרייט זיך. זעכציק, זיבעציק, הונדערט מייל ארום זיך אליין דרייט זיך דער וויכער — פארלעשט אלע פייערן! האלט איין דעם אטעם! זאל זיין פינסטער און שטיל. אט קומט עס, אט איז עס שוין דא — עס איז שוין דא.

עס האבן אנגעהויבן פאלן די געשעפטן, ווי פוז עמיצנס א באפעל האבן אלע מענטשן אראפגעלאזט זייערע קעפ. עס איז אפגעווישט געווארן די נעכטיקע פרייד. מענער גאלן נישט די בערד; ווייבער האבן גרויסע בייכער. איז אז עת צרה שווימט ארויס דער מענטש א נאקעטער, אזוי ווי ער איז, מיט גרויסע בייכער, מיט דער בארד איפ׳ן פנים — מארגן אדער

איבערמאַרגן — היינט איז גוט אַזוי ; היינט איז סיי ווי פינסטער אין גאַס — מען שפּאַרט שוין ליכט, מען שפּאַרט שוין די עלעקטרישע קראַפט, מען שפּאַרט יעדעס פּיצל ענער־גיע. דאָס איז אַ ברייט גרויס לאַנד. מיט עלעקטרישע דראָטן איבערן גאַנצן לאַנד. ווי דורך אַ צוויבערהאַנט איז דאָס גאַנצע לאַנד אין איין נאַכט פינסטער געוואָרן, איבער'ן גאַנצן לאַנד האָט זיך צעטראָגן עמיצנס אַ מעכטיק קול — עקאָנאָמיע, עקאָנאָמיע — און מען שפּאַרט אפילו אַ שוועבעלע.

— גיב מיר צו פאַרויכערן —

— נאַדיר פייער —

איינער נעמט ביים אַנדערן פייער. אַזוי אויף שטום־לשון, לייגט מען צו אַ מויל צו אַ מויל, מען פּיפּקעט און מען ציט אַזוי לאַנג, ביז עס גיט אַ פלי אַ טליענדיקע פונק אַוועק אין דער לופטן אויפגעכאַפּט און פאַרטראָגן פון דעם ווינקלדיקן ווינט.

דער ווינקלדיקער ווינט דרייט זיך און דרייט זיך און טראָגט אַרום אויף זיינע פליגלען עמיצנס אַ בייז געשטאַלט ; קליינע גלעקלאַך זינגען איינגענייט אין זוים פון זיין קלייד, דאָס געשטאַלט צובלאָזט נאָך מער דעם ווינט, פון דעם ווינט אַרוים הילכן אָפּ, ווי קליינע קלעפּ פון אַ הילצערנעם האַמער — קומט אַהער, איר וואָס האָט פריש בלוט אין די אָדערן ! מיר דאַרפן אייערע זין און מיר דאַרפן אייערע טעכטער — מיר דאַרפן אייערע ווייַנען און מיר דאַרפן אייער געזאַנג — מיר דאַרפן; מיר דאַרפן. שטעלט זיך אויס אין רייען, מיר דאַרפן ציילן אייערע קעפּ — איינס און צוויי און צען און טויזנט אי'ז מיליאָנען — מיליאָנען קעפּ דאַרפן מיר...

אַן אימה איז באַפאַלן די שטאָט. אין אַלע טירן האָט אַנ־געקלאַפּט דאָס אומגליק, רויטע צלמים האָבן באַקלעפּט די פענסטער, מאַמעס האָבן אָנגעהויבן ציטערן איבער זייערע זין. הויכע קוימנס פון גרויסע פאַבריקן זיינען געבליבן שטיין צו־שראָקענע און שטיל איינגעהאַלטן די רויכיקע אָטעמס, דאָס פייפן פון זאַוואָדן איז געוואָרן הייזעריק און צום סוף אינגאַנצ׳ פאַרשטומט געוואָרן. מען האָט געטריבן מענשן פון די היימען. פון די ברעגן ביים האַדסאָן און איסט־ריווער האָט מען אויסגע־ליידיגט די הייזער ; אָפענעם שרעק האָט מען אַריינגעבלאָזן

דורך די פענסטער, און אזוי דערנאָך מיט פאַרהאַקטע טירן געלאָזט די שרעק זיך צוליינגן ביז אַרויף צו דער סטעליע צו. די סעקאַנד עווענױ, פינפטע עווענױ און בראָדוויי זיינען געבליבן ברייט און פּוסט און פינסטער. פינסטערע שטייען די האַלב באַלויכטענע שויפענסטער, די לעמפּלאַך פון די גרויסע שילדן זיינען אַרויסגעריסן, ווי מיט רויע לעבער, פון אַרויסגעריסענע אויגן קוקן איצט די שילדן מיט נאַקעטע אויגן אַריבער דער גאַס. די קאַפּע „סטרענט״ איז פאַרלאָזן און האַלב פינסטער; די שיינע מוידן פון יענער קאַפּע דרייען זיך אַרום פּוסט און פּאַס, שמירן מיט שמיראַכצן זייערע נאַקעטע ליטקעס, טריקע־נען די געוואַשענע האָר ביים זוניקן פענסטער, און כּדי עס זאָל די תאווה זייערע נישט איינשלאָפן, קיצלען זיי זיך איינע די אַנדערע אונטער די פּאַכוועס.

קליין, איינגעשרומפּן, געזונקען ביז צו דער ערד גייט אַרום אַ גאַנצע שטאָט; און ווען עס איז מיטאַמאָל אָנגע־קומען אַ נייער טאָג, באַלויכטן מיט אַ פרישן יונגער זון, און די מענטשן האָבן אַרויסגעשטופּט די קעפּ פון די פענסטער אַרויס, האָבן זיי מיטאַמאָל דערזען אַ ניי בלענדעדיק ליכט — אין גרוי און אין געל, אין זילבער און אין גאָלד זיינען איבער די גאַסן אַרומגעגאַנגען יונגען מיט אַ גלייך ריטמישן שפּאַן. די גאַסן זיינען געווען פול מיט זייער יונגקייט, פון זייערע אַקסלען אַנטקעגן דער זון האָט אַראָפּגעגלאַנצט שטאָל און אייזן. זיי־ערע פּנים׳ער האָבן געגליט אין זייער צעפלאַמטקייט, די דינע פיס זיינען געוועזן געוויקלט אין שמאָלע בענדער — גרוי און געל, זילבער און גאָלד האָט זיך צעשפּרייט פון איין עק שטאָט ביז דער צווייטער — עס איז געווען אַ פולער דרויסן מיט סאָל־דאַטן.

2

ביי מרדכי עטינגער׳ן ליגט אַ פולער שאַפּ מיט סחורה. פּעק און זעק און באַלן פון אַלערליי וואָל ליגן אָנגעלייגט ביז צו דער סטעליע; און ווען מען זאָל אַראָפּנעמען די ערשטע ריי מיט זעק, וואָלט מען גלייך דערזען אַ צווייטע ריי, אַ דריטע און אַ פערטע, אַזוי טיף אַריין ביז צו דער נאַסער אָפּ־געקאַלכטער וואַנט. און מענטשן קומען נאָך און נאָך, פון

אינדערפרי ביז'ן שפּעטן אוונט אריין, מיט כל המינים מציה'ס, מיט אַלערליי בעטענישן און אויף יעדנס פּנים ליגט פון אויבנ־אויף צוליינגט די שרעק און די זאָרג:

— פאַר מזומן וועלן מיר פאַרקויפן בחצי חינם — שרייען אַלע אין איין קול, — נעמט, רב מרדכי, און גיט אַזוי פּיל, וויפיל איר אַליין ווילט. גאָט האָט אויף דער וועלט אַנגעשיקט אַ שׂרפה, פון אַ שׂרפה קען מען בלויז ראַטעווען דאָס העמד אויפ'ן לייב.

די מענטשן פאַרמערן זיך. עס וואַקסט דער טומל און דאָס שרעקעדיקע צאַפּלעניש. מען שטייט שוין אין רייען. אין פראַנט פון מרדכי עטינגער'ס שאַפּ שטייען אָרעמע פּעדלער, יעדער מיט אַ זעקל סחורה אויף דער פּלייצע, און יעדער שטופּט זיך צו זיין דער ערשטער אין דער ריי.

מרדכי עטינגער איז צוטומלט. ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט און ער ווייסט נישט וואָס ער טוט. די וויהעס פון די אויגן בריען אים, ער טראַכט פון אַזוי פּיל זאַכן מיטאַמאָל, אַז ער ווייסט נישט, וואָס ער טראַכט. די מענטשן אינ'ם שאַפּ און די מענטשן אויף דער גאַס זיינען דאָך בכיון געקומען, כדי צו צאַפּן זיין בלוט. זעען זיי דען אַליין נישט, אַז זיין שאַפּ איז פאַרלייגט ביז צו דער סטעליע מיט סחורה, וואָס איז שוין האַלב פאַרברענט? און וואָס וועט ער איצט טאָן מיט דער גאַנצער סחורה? עס ליגט דאָך דאָ זיין גאַנץ פאַרמעגן?

אין קאָפּ נאָגן לעבעדיקע פּיאַווקעס. אויף אַ הויך, אומנאַטירלאַך קול האָט ער פּלוצים אָנגעהויבן שרייען:

— וואַרפט זיי אַרויס, וואַרפט זיי אַרויס! די מענטשן זיינען מיינע שונאים, בכיון צונויפגעקומען זיך פרייען אויף מיין אומגליק, — וואָס ווילט איר פון מיר און וואָס האָט איר דערזען אויף מיר?

אַלדה, קוקנדיק אויף מרדכי עטינגער'ן, האָט זיך פאַרלוירן; ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן; ער פּרובט טרויסטן דעם פעטער, און שטיל און פּאַוואָליע פירט ער אים אַריין אין זיין אַפּיס און מיט שטילע רייד האָט ער אים אָנגעהויבן צו באַרואיקן:

— עס גייט דאָך, נאַכאַלעמען, נאָך נישט אונטער די וועלט,

דאָס וואָס איר זעט איצט, האָבן מיר שוין פון לאַנג געזען. אָט וועט איר זען, ווי אַלץ וועט זיך באַלד איבערדרייען און איר וועט נאָך נתעשר ווערן.

מרדכי עטינגער האָט אויף אים אַנגעשטעלט אַ פּאָר אַרויס־געשטאַרצטע אויגן.

— יאָ, יאָ, — האָט אלדד ווייטער גערעדט, — איר וועט נאָך נתעשר ווערן, זאָל נאָר אַריבער די ערשטע פּאָר חדשים, און איר וועט זען ס'אַרא דוחק עס וועט ווערן אין לאַנד.

— איך אויף אייער אָרט וואָלט ערשט איצט געקויפט סחורה — האָט אלדד רואיק פאַרטגעזעצט.

מרדכי עטינגער'ס אויגן האָבן זיך נאָך ברייטער צושפּרייט:

— וואָס מיינסטו? — פרעגט ער.

— אָט דאָס וואָס איך זאָג, — ענטפערט אלדד, — איצט איז די צייט אַלעס ביליק איינצוקויפן.

— דו ביזט משוגע, צי חסר דעה? עס ווערט דאָך אַלץ פאַרברענט! וואו וועסטו דאָס אַלץ אהינטאָן?

— מיר'ן עס האַלטן, — זאָגט אלדד, — מיר'ן עס נישט אַרויסשיקן, מיר'ן איבערוואַרטן.

מרדכי עטינגער האָט זיך צולאַכט מיט אַ משונה'דיקן ווילדן געלעכטער:

— נישט אַנדערש ביזט פון זינען געווירט, — שרייט ער, — צי זעסטו נישט, אַז מיין גאַנץ פאַרמעגן ווערט פאַרברענט, און אַז אין אַ חודש אַדער צוויי בין איך רואינירט!

— זייט נישט אַזוי פאַרצווייפלט, פעטער — רעדט אלדד ווייטער מיט אַ שטילן טאָן און פּרובט אים אַלץ באַרואיקן, — עס וועט נישט פאַרברענט ווערן. מיר'ן אַוועקשטעלן מענטשן און איבערשיטן די סחורה, מיר'ן די סחורה אויסטריקענען און איבערפּאַקן, מיר'ן שטיין און וואַרטן ביז די צייט וועט זיך פאַרבעסערן.

מרדכי עטינגער האָט זיך צוגעזעצט. זיצנדיק האָט ער געפילט ווי עס ציטערן אים די קני. ער האָט אַראָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, ער האָט שטיל געזאָגט:

— ביזט אַ גוטער, אלדד, ביזט אַ קלוגער. ערשט איצט זע

איך, אז אפילו אין אזא פשוט'ן עניז ווי מסחר דארף מען אויך זיין א געבילדעטער מענטש.

ער האט ווי א קינד אומשולדיק און נאאיוו אנגעהויבן פרעגן אלערליי עצות: — גלייבסטו טאקי מיט'ן גאנצן הארצן, אז די צייט וועט זיך פארבעסערן?

— מיט מיין גאנצן הארצן גלויב איך אין דעם, פעטער. און נישט נאר וואס איך גלויב אזוי, נאר איך בין איבערצייגט אין דעם.

— און ווי אזוי וועט עס זיין, — פרעגט עטינגער ווייטער,

— דו מיינסט צו זאגן, אז די מלחמה וועט זיך באלד ענ־דיגן?

— איך ווייס נישט צי די מלחמה וועט זיך באלד ענדיגן, — האט אלדר טרויעריק געזאגט, — אבער מסחר וועט זיך פארבעסערן, נאכ'ן שכל נאך וועט אלעס ווערן טייער. און מיין מיינונג איז, אז כל זמן מען קען קויפן סחורה ביליק, דארף מען קויפן.

מרדכי עטינגער האט זיך ביסלאכוויז בארואיקט. אלדד'ס שטילע רייד האבן איינגעשטילט זיין אינעווייניקסטע אויפרעגונג. ער האט געפילט אין זיין הארצן א צופעסטשעטע צארטקייט, ווי א קינד נאכ'ן וויינען. אבער אין א וואך ארום האט מיט נאך מער ווילדקייט אויפגעברויזט זיין פארצווייפלונג, אין א וואך ארום האט די רעגירונג קאנפיסקירט אלע שיפן, די רעגירונג האט אפגעשטעלט דעם גאנצן פריוואטן טראנספארט און מען האט באשטימט בלויז פינף פראצענט טראנספארט פאר דער ציווילער באפעלקערונג.

זעט מען שוין נישט קיין לעבעדיקן מענטשן אין גאס. ווי די הינט אזוי ליגט יעדער און היט זיין שוועל. ביי מרדכי עטינגער'ן אין שאפ איז צוליינגט א טוכלער ריח, ווי ווען מען טריקנט אויף א הייסן אויוון נאסע שמאטעס. אויף שנעל האט מען אנגעשטעלט עקסטרע מענטשן און מען האט אנגעהויבן צוצורייסן די פעק און טריקענען די וואל. די אויפגעשניטענע זעק מיט דער וואל, וואס שטופט זיך ארויס פון דעם אפענעם שניט, קוקן אויס ווי אויפגעריסענע בייכער. א טוכלע, אש־קאלירנדיקע פארע וויקלט איין דעם שאפ; איינער זעט נישט

דעם צווייטן. אין דעם אשיקן נעבל צאַפּלען זיך הענט. שטויב קלעפּט זיך צו צו די פאַרשוויצטע האַריקע בריסט. אַלע זייַ־נען שוואַרץ און בלאָטיק. מרדכי עטינגער איז אויך שוואַרץ און בלאָטיק. זיין פּנים און זיין מויל איז פאַרקרימט, ווי אַ פאַרשלאָסענער צוואַנג. ער איז נאָך אַמאָל אַריין אין דעם אַפּים, שוין אפשר צען מאָל איז ער היינט אַריין און אַרויס פון דעם אַפּים, ער קען זיך קיין פּלאַץ נישט געפינען. ער איז אַין כּעס אויף אַלדד'ן, — אַלדד ווייסט נישט וואָס ער רעדט, — אַלדד וועט אים אומגליקלאַך מאַכן, אַלדד וועט... אים האָט געביסן אונטער דער הויט, ער האָט געהאַט דאָס געפיל ווי אונטער־ זיין הויט קריכן אַרום ווערים. ער האָט אויפגעעפנט די פייער־ קאַסע און פון דאָרטן אַרויסגענומען אַלע פּאַפּירן און וועקס־ לען. — מען דאַרף אַלץ איינקאַסירן, — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט, — אַפּשניידן, יעדן סענט צונויפקלייבן, יעדן סענט, יעדע פּרוטה.

און ווי אַ צורייצטער וואָלף, מיט גרינע אויגעלאַך פון אַ וואָלף, האָט ער געשפּריצט מיט גרינע פייערלאַך אַריין אין דער פינסטערער קאַסע אַריין. ער האָט דאָרטן געגישמערט און גע־ זוכט, אַרומגעבלאָנדזשעט מיט קאַלטע פינגער איבער די פינסטערע ווינקלען און אין הארצן געבעטן גאָט אויף עפּיס אַ נס — אפשר וועט ער עפּיס אַנטאַפּן, אפשר וועט ער עפּיס געפינען, אפשר וועט גאָט אים אונטערשיקן עפּיס אַן אוצר, ער איז גע־ וואָרן פאַר'כישופ'ט, ער האָט זיך מיט אימפּעט גענעבן אַ לאָז צו אַ קליין פאַרמאַכט טישקעסטל אין דער אייזערנער פייערקאַסע און איז מיט'ן קאָפּ אַרויפגעפאַלן אויף דער שאַרף פון דעם אינעווייניקסטן קליינעם טירל.

ווען ער איז שפּעטער געקומען צו זיך, איז ער געווען בלאַס. די אָדערן איבער די באַקן האָבן געציטערט. זיין באָרד איז געווען שפּיציק און ציטערדיק. ווען אַלדד האָט אים גענומען אונטער'ן אָרעם און אים געוואָלט אַהיים פירן, האָט ער זיך פון אים אַרויסגעריסן און אַן איינגעשפּאַרטער, מיט'ן לעצטן ביסל כח, האָט ער פאַרשפּיליעט זיין ראָק, מיט די פינגער צוקעמט די באָרד, און אָנשפּאַרנדיק זיין שוואַכקייט אויפ'ן גראָבן שטעקן, איז ער אַזוי אַ ציטערדיקער און בלאַסער אַוועק אין די בענק.

אויפ'ן וועג האָט ער זיך אָנגעגענט מיט אשר ראָזענצווייגן.

אשר ראָזענצווייג איז געווען אַ מענטש שוין אין די מי־טעלע יאָרן, מיט אַ שפּיציק צוגעשניטן בערדל, שטענדיק מיט אַ גראָבן שטעקן אין האַנט און מיט אַ פּאָר גרויסע ברילן פאַר־לייגט אונטער די אויערן. נאָך דאָ, אין אַמעריקע, איז ער אַלץ געווען אַ טשאָרטקאָווער חסיד און ער האָט געשיקט אַהין קיין טשאָרטקאָוו אַלעמאָל יום־טוב געלט. זיין ווייב האָט גע־ליטן פון אַ רומאַטעם אין דעם רעכטן פוס און איז געלעגן מערסטנס אין בעט, און דאָס האָט צוגענומען זיין מוט. ווען די זון האָט געשיינט, די ווייב איז געווען געזונט און געשעפטן האָבן זיך געמאַכט, איז ער דעמאָלט אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַר־ריסענעם קאָפּ, און געוואָלט נאָכמאַכן מרדכי עטינגער'ס פירונג. נאָר קוים איז געקומען דער נאַסער הערבסט, טריפ־טראָפּ האָט געגאָסן דער רעגן, און טעג זיינען געווען שטילע אָן פּדיון, האָט ער זיך דעמאָלט גלייך פאַרלוירן, פלעגט ווערן אינגאַנצן פאַר־צווייפלט און איז גרייט געווען מיט אַלעם גלייך אָפּצושניידן.
באַגעגענענדיק זיך איצט מיט מרדכי עטינגער'ן, איז ער שוין געווען אינגאַנצן דערשלאָגן. די הענט זיינען געווען אַראָפּ־געלאָזטע, דאָס פּנים געל, און אונטער דער פאַרוואַקסענער באָרד הענגט נאָך אַ לויזער דריי־גאָרנדיקער גוידער, וואָס שטופּט אַרויס די באָרד זיינע אַזוי אין פאָראויס.
— שלעכט, ברודערקע, שלעכט, — האָט ער גלייך אַרויס־געשאָסן, — איך ווייס גאָר נישט וואָס מען הויבט אָן צו טאָן.
אשר ראָזענצווייג האָט זיך צוגעבויגן צו מרדכי עטינגער'ן און אים אויפ'ן אויער איינגערוימט:
— עס וועט דאָך אַלעס פאַרברענט און פאַרפוילט ווערן.
מרדכי עטינגער האָט אים אָנגעקוקט און נישט פאַרשטאַ־נען וואָס ער רעדט. מרדכי עטינגער האָט גאָר געטראַכט אַז זיך געוואָלט דערמאָנען צי אשר ראָזענצווייג האָט שוין באַצאָלט זיין וועקסל.
— אַ ! — האָט ער צום סוף סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין געזאָגט.
— איך זאָג, אַלעס וועט פאַרברענט ווערן.

— צוואַרפט מען די פּעק און מען לאָזט זיי טריקענען.

— וואָס קען שוין איצט העלפן, — האָט ראָזענצווייג, שוין אינגאַנצן פאַרצווייפלט, זיך געבעטן, — וואָס קען שוין איצט העלפן — אַ פּולער שאָפּ מיט שפּאַנישע, עס ווערט פּשוט דאָס האַרץ צוריסן — איך האָב זיך געשפּיגלט דערמיט — האָסט נאָך אַזאַ סחורה נישט געזען, כ'האָב געמיינט כ'וועל נתעשר ווערן.

עס איז דורכגעפלויגן אַ טויב. אַזוי נידריק איז די טויב געפלויגן, אַז ביידע פאַרזאָרגטע אידן האָבן געהערט דאָס פּאַכן מיט די פליגל. אויפ'ן ווינקל זיינען געשטאַנען פון פריער אַ סך טויבן. עמיצער האָט זיי צוגעוואָרפן קערנער. ביי מרדכי עטינגער'ן האָט מיטאַמאָל אויפגעבליצט אַ געדאַנק, און זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פייערל. אַט האָט ער זיך שוין אינמיטן גאַנג אָפּגעשטעלט, און עס האָט זיך שוין אויך אָפּגעשטעלט אשר ראָזענצווייג. מרדכי עטינגער לייגט אַוועק די האַנט מיט די דאַלאָניעס אַראָפּ אויפ'ן שטעקן, ער שאָקלט מיט'ן קאָפּ, אַזוי ווי ווען מען באַדויערט אַן אבל, ער קוקט מיט אַן אויג פון רחמנות אויף ראָזענצווייגן, ער באַטראַכט זיינע טויטע אויגן און זיינע אַראָפּגעלאָזטע הענט.

— שוויג, — זאָגט ער, — הער זיך נאָר איין, פאַר וויפיל פאַרקויפסטו עס?

און אין אַ פלוצימדיקער, נערוועזער, צוטומעלטער און אומ־פאַרשטענדלאַכער שפּראַך האָט מרדכי עטינגער מיטאַמאָל אָנ־געהויבן עפּיס צו ריידן און מיט ציטערדיקע פאַרקרימטע ליפּן, האָט ער שנעל, זייער שנעל, ווי עמיצער וואָס בריט זיך מיט אַ הייסן ביסן, געזאָגט:

— ביליג, ביליג, זייער ביליג וועל איך עס צונעמען.

אשר ראָזענצווייג איז געבליבן שטיין אַ צוטומעלטער. ער האָט נישט געוואוסט וואָס עטינגער רעדט און ער האָט נישט געוואוסט וואָס עטינגער זאָגט. מיטאַמאָל, פון זיך אַליין, האָט זיך זיין הוט פאַרוקט הויך איבער'ן שטערן. ער האָט אויסגע־טאָן די ברילן און גענומען ווישן די גלעזלאַך. ער האָט שטאַרק געוואָלט רויכערן און נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אַריינצונעמען אַ סיגאַרעט אין מויל אַריין — וואָס! — האָט ער אָנגע־

הויבן ציטערן, — לאמיר גאר הערן נאכאמאל, — וואס האסטו געזאגט?

עטינגער האט שוין איצט גאר נישט געזאגט. באפרייענדיק זיך פון דעם, וואס האט זיך מיטאמאל געגעבן א שטופ צו זיין גארגל צו, איז ער איצט געבליבן שטיין, ווי אן אויסגע־הוילטער, אן אינעווייניק פוסטער און שוין גארנישט ניט גע־קענט ריידן. זיין געוואגטער שריט האט אים אינגאנצן אויס־געלייזט אים דיגט. עס איז געווען פונקט ווי דער מאן ביים קארטן־טיש, וואס שטעלט אין קאן דאס לעצטע פארמעגן זיינס און שטייט שוין אינגאנצן א רעזיגנירטער און ווארט בלויז אויפ׳ן סוף פון דעם שפיל, מרדכי עטינגער, אינגאנצן א רעזיגנירטער, אינגאנצן א רואיקער, האט שוין גאר איצט ווידער געטראכט פון די בענק, וואוהין ער דארף צוגיין.

— אט דאס וואס כ׳האב געזאגט, — האט ער זיך ווי אין עפיס שפעטער דערמאנט.

א שטראם פון פרייד האט געגעבן א זעץ אין אשר ראַ־זענצווייג׳ס הארץ. אים האט זיך געדוכט, אז א שווערער בארג האט זיך אראפגעקאטשעט פון זיינע פלייצעס. מיט נאסע פאר־שוויצטע הענט האט ער אנגעהויבן דריקן עטינגער׳ס הענט.

— מיר׳ן דורכקומען, מיר׳ן דורכקומען, — האט ער גע־זאגט. — עט יור און פרייז — האט ער דערנאך מעשה סוחר צוגעגעבן.

און מיט׳ן קלאנג, וואס איז איצט נאכאמאל געקומען פון אשר ראזענצווייג׳ס מויל, איז ווידער אמאל אויפגעוועקט גע־ווארן מרדכי עטינגער׳ס צוטומלטקייט. זיינע הענט האבן אויפ־דאס־ניי געציטערט, זיין קאפ איז ווידעראמאל געווארן שווער, און אויף זיין פנים האט זיך נאך שארפער צולייגט זיינע יסורים.

— איז אפגעמאכט? — האט ראזענצווייג געפרעגט.

— אפגעמאכט, — האט עטינגער א פארמאטערטער געענט־פערט.

— מארגן שיקסטו די טראקס?

— טראקס.

דריי טעג האָט גענומען דאָס איבערפירן די סחורה פון אשר ראָזענצווייג׳ס ׳שאַפ צו מרדכי עטינגער׳ן אין שאַפ אַריין, און אַלע האָבן געמיינט, אַז דער מענטש איז משוגע געוואָרן.

מרדכי עטינגער איז נישט משוגע געוואָרן. מרדכי עטינגער איז בלויז געוואָרן מאָגערער, זיינע באַקן זיינען אים איינגע־פאַלן. ער האָט איצט אַ פּנים, ווי איינער וואָס קען נישט שלאָפן.

אַ גאַנצע נאַכט רויכערט ער. ווען ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, איז זיין צונג געווען ווייס. אַ געדיכטער, ווייסער שליים איז געלעגן אויף זיין צונג. מרדכי עטינגער האָט כסדר אָפּגעשקראָבעט מיט זיינע ציין די שליים פון דער צונג און גע־האַלטן אין איין שפּייען אין זיין טיכעלע אַריין. שוין נאָך אַ טיכעלע דאַרף ער. וואָס ניצט היינט מרדכי אַזוי פיל טיכעלאַך? זיין ווייב עטעל האָט זיך דערשראָקן.

— אפשר רופן אַ דאָקטאָר?

מען דאַרף נישט קיין דאָקטאָר, וואָס וועט העלפן אַ דאָק־טאָר. ער שפּאַנט די גאַנצע צייט אַרויף און אַראָפּ די גרויסע חדרים. ער וויל נישט מען זאָל צו אים ריידן. ער וויל טראַכטן, טראַכטן. יעדע מינוט טראַכט מרדכי עטינגער אויס עפּיס אַן אַנדער באַרעכטיגונג פאַר זיין טאַט. אַט פאַנטאַזירט ער שוין, ווי אַזוי ער וועט זיך דורכדרייען. ער האָט זיך שוין אין גע־דאַנק כמעט דורכגעדרייט. יאָ, ער וועט עס אָפּלייגן אין קע־לער. אַלדד איז גערעכט. מען דאַרף אַנזאַמלען. וואָס אַנ־זאַמלען? צי איז ער משוגע? וואו וועט ער עס אהינטאָן? וויפיל פוילט זיין אייגענע סחורה? מיטאַמאָל זיינען אויסגע־וואַקסן די גרויסע סומען געלט, וואָס ער דאַרף אויסצאָלן. נולן און נולן האָבן זיך אָוועקגעצויגן ביז אונטער׳ן הימל, און ער האָט מיטאַמאָל דערפילט עפּיס שטעכיקעס אונטער זיין הויט. יעדע מינוט און יעדע סעקונדע האָט געעגבערט זיין מוח. גלייך ווי זאַמד וואָלט זיך געריבן אונטער זיין הויט, אַזוי האָט ער כסדר אָן אויפהער געהערט עפּיס זיך רייבן, פּליסן, גליטשן. אין זיין מוח האָט זיך כסדר געריבן עפּיס און עפּיס, פּונקט ווי דאָס מאָלן פון שטיינדלאַך אויף אַ מילשטיין. ער האָט מיט ביי־דע הענט פאַרשטעלט די אויערן. ער איז אַוועק אין שאַפּ אַריין.

די גאַסן זיינען געווען פּוסטע. אַ ווינט האָט אַנגעטראָגן שטויב אין זיינע אויגן אַריין. אַ צושפּרייטע צייטונג איז פלאַר און מיט אַ פליעסק צוגעפּאַלן צו דער ערד. אין קלויסטערס האָבן געקלונגען גלעקער. ביים סאַמע ברעג פון וועג, האַרט נעבן דעם טראָטואַר, איז געגאַנגען אין ווייסן אַנגעטאָן אַ גאַסנקער־רער. דער גאַסנקערער האָט געשטופּט אין פאַראויס אַנגע־שפּאַרט אין זיין ברוסט אַ גרויסן בעזים. מרדכי עטינגער׳ן האָט זיך מיטאַמאָל געדוכט, אַז דער גאַסנקערער איז אַ סימבאָלישע פיגור. דער מענטש מיט׳ן גרויסן בעזים וועט באַלד אַלעם אויסקערן. קיין סימן פון לעבן וועט ער נישט איבערלאָזן. ער וועט אָפּקערן די מענטשן, די חיות און די קליינע קינדער. דער בעזים וועט פאַרקערן, אַריינקערן אין אַ גרויסן אָפענעם מויל די זון און די שטערן און די ביינאַכטיקע ליכט. אַלעם וועט ווערן פינסטער, און עס וועט זיך עפענען אַ גרויסער חלל, פון וואַ־נען עס וועלן זיך טראָגן מיט אַ סוויסטשעריי אַלערליי רוחות און שדים און ניט־גוטע. דער ווינט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין דער פּלייצע, צובלאָזן זיינע פּאָלעס. מרדכי עטינגער איז אַ שוואַכער אונטערגעשפּרונגען פון דעם פּלוצימדיקן ווינט־בלאָז. ער האָט קאַמיש זיך געכאַפּט פאַר׳ן הוט, כאָטש דער הוט איז שטייף געזעסן אויפ׳ן קאָפּ.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין שאָפּ אַריין, האָט ער מיט קיינעם נישט גערעדט. די מענער ביי די טישן האָבן פיבערדיק צושניטן די גרויסע זעק. אין דעם געלן שיין פון דער טונקעלער ליכט זיינען פלינק געפלויגן שטיקער אָנגעהאָרבעטע וואָל. עס האָט זיך געדוכט, ווי יונגע לעבעדיקע שאָף ליגן פאַרמאָרעטע איבער די אויסגעצויגענע טישן, מיט קליינע האָרבלאַך אויף זייערע פּלייצעס און מיט זשמיטעס קאַלטענעוואַטע האָר. מרדכי עטינגער האָט קלאָר געהערט אַ טרויעריק פאַר׳חלש׳ט מעקען פון די דאָזיקע שאָף. ער האָט געהערט עמיצנס רייד:

— איז וואָס, איז וואָס, איז וואָס קען ער שוין איצט טאָן?

— מעקעט, מעקעט בידנע שאָף — די גאַנצע וואָל איז איבער־געשאָטן, איר זעט! — די גאַנצע וואָל, — איצט איז שוין נישטאָ אין שאָפּ קיין פּלאַץ פאַר אַ שפּילקע אָוועקצואָוואַרפן — קיין קונים ווייזן זיך נישט — דער טראַנספּאָרט קיין אויסלאַנד

איז אפגעשלאָסן — און וואָס קען איצט טאָן אפילו אזא חכם ווי אלדד — אלדד! אלדד! חכם מיינער, לאָמיר זעען וואָס דו קענסט טאָן?

מרדכי עטינגער איז גאַנצע טעג ארומגעגאַנגען און גערעדט צו זיך אליין ווי א משוגענער. און ווי א חסר דעה האָט ער פלוצים, ווי אויף צו להכעיס עמיצן, אָנגעהויבן בעטן אויף נאָך ערגערע צייטן. ער האָט געוואָלט אַז קיינער זאָל טאָקי נישט איבערטרעטן זיין שוועל. ער האָט ווידער שטאַרק געוואָלט זען, ווי פון די פעק און זעק זאָל זיך הויבן אזא דינער בלויער רויך, און דער רויך זאָל דערנאָך בייסן אין דער נאָז, ווי שטיקנדיקער גאַז. און ווען עס איז אַזוי אריבער א חודש, האָט ער געבעטן גאָט, עס זאָל קומען אזא צווייטער חודש דערנאָך, האָט ער געבעטן גאָט אויף אזא דריטן און אויף א פערטן חודש; ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט, אַז אשר ראָזענצווייג זאָל צו אים צוקומען, אים גלעטן איבער דער פלייצע און אים זאָגן—מרדכי, מרדכי, אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו קענסט אַלץ מבטל זיין, ערשט דו ביסט גאָר א מאבד עצמו לדעת. ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט, אשר ראָזענצווייג זאָל אַזוי צו אים ריידן. אָבער אשר ראָזענצווייג האָט אים אינגאַנצן אויסגעמידן. אַבי אשר ראָזענצווייג האָט שוין ארויסגע׳פטר׳ט די גאַנצע וואָל פון זיין שאַפּ, די וואָל, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרברענט ווערן, טו וואָס דאַרף ער זיך מיט אים באַגעגענען? ספּעציעל ווען מען דערציילט זיך נאָך אַן אַזוינע ווילדע מעשות, אַז דער מענטש האָט צוויי מאָל א טאָג אָנפאַלן און אַז ער רעדט פון היץ...

3

עס איז שוין ממילא אַזוי אויסגעקומען, אַז אלדד איז געוואָרן כמעט דער גאַנצער פאַרוואַלטער פון מרדכי עטינגער׳ס געשעפט, און אַלע זאָרגן און הארץ־קלעמענישן זיינען איצט געפאַלן אויף זיין קאָפּ. מרדכי עטינגער איז געלעגן א האַלב־קראַנקער אין דער היים. די הייסע וואַנעס האָבן אים שוין ווינציק־וואָס געהאָלפן. ער האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין דעם טעות, וואָס ער האָט גע־מאַכט, קויפנדיק דעם טראַנספּאָרט סחורה פון אשר ראָזענצווייג׳ן. אים האָט זיך געדוכט, נישט אַנדערש, ווי נאָר עמיצער האָט אים אָפּגעטאָן א שפּיצל, נישט אַנדערש ווי עמיצער האָט בכיון אונטער־

געשיקט יענעם טאָג אשר ראָזענצווייג'ן — עס איז גאָר נישט געווען אשר ראָזענצווייג, עס איז גאָר געווען אַ שד אין געשטאַלט פון ראָ־זענצווייג'ן — אַ שד האָט זיך פאַרשטעלט אין אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן און אים מיט דער לעצטער לאַפּעטע ערד פאַרשאָטן. אלדד האָט אונטערגעשיקט דעם שד — זאָל איצט אלדד אליין ברעכן זיין קאָפּ — זאָל איצט אלדד אליין... אָבער אלדד האָט אַלץ אָנגענומען מיט ליבע. איצט האָט ער מיט אַן אמת ליב באַקומען דאָס נייע לעבן זיינס, אלדד איז געווען פאַר'שיכור'ט. ער האָט געוואָלט זיין פאַר'שיכור'ט. מיט יעדן טאָג איז אים געוואָרן אַלץ נענטער און ליבער דער דאָזיגער מסחור. ער האָט ליב געהאַט די וואָל, ער האָט ליב געהאַט יעדעס ווינקעלע פון שאָף. ווי לעבע־דיקע נאָענטע באַשעפענישן האָבן איצט צו אים געוואָונקען די זעק. די לאַנגע איינגענייטע אויערן אין די זעק האָבן אין זיך לע־בעדיקע אָדערן, מען קען אָהין אַריינריידן רייד, מען דאַרף זיך זאָרגן פאַר זייער ריינקייט און פאַר דעם אָרט וואו זיי שטייען. דאָס אָרט טאָר נישט זיין נאַס און דאָס אָרט טאָר נישט זיין צו טרוקן. די זון טאָר אָהין נישט צוקומען. אָבער פרישע לופט דאַרף מען אָהין יעדן טאָג אַריינלאָזן — זעק מיט וואָל האָבן אין זיך אַ נשמה, אַ סך זעק אין רייען, האָבן אַ סך נשמות — אלדד האָט אַלע טאָג געציילט די זעק, די רייען זייערע ,און נאָכהער זיי גע'כפל'ט, אַזוי פיל מאָל אַזוי פיל, ביז אַרונטער צו דער נאַסער געקאַלכטער וואַנט. אויב דער פּרייז זאָל זיך אַ הויבטאָן, אַזוי למשל פינף סענט אויפ'ן פונט... איז דעמאָלט פינף סענט מאָל, אַזוי פיל אַ ביז אַרונטער צו דער ווייסער וואַנט צו — אלדד האָט זיך שוין איצט אַ סך אָנגעלייענט פון פּלוצלומדיקע קריזיסן — נאָך אַ פּלוצלומדיקן קרי־זיס... נאָך אַ פּלוצלומדיקער רעאַקציע... אויף וויפיל האָט זיך געהויבן דער פּרייז נאָך דער רעאַקציע אין דעם יאָר ...188 ? ? ? עפּיס אַ בלינדע קראַפט האָט זיך באַזעצט אין אלדד'ס האַרץ, און אַלע טאָג, אַלע טאָג ווען ער מאַכט נאָר אויף די אויגן, אַזוי זעט ער פאַר זיך אַ גרויסן טאָג... אַ גרויסן טאָג, וואָס וועט די גאַנצע וועלט איינשלינגען... אַלע וואָלן און וואָלענע קליידער, אַלע חיה'ס און אַלע ברויטן... ווען אלדד איז איינמאָל אַזוי געשטאַנען אין שאָף און געטראַכט אַלערליי מחשבות, האָט זיך די טיר אויפגע־עפנט אַביסעלע האַסטיקער, ווי געוויינלאַך און אַ קליין ביסעלע

שנעלער ווי געוויינלאך איז ארייננעקומען דער קויפער פון דער „אמערעקען־וואולן קא.״—עם הויבט זיך אן עטוואס פארבעסערן — האט ער געזאגט — די שפאנישע „מערינא״ וואלט איך געקענט נוצן...

— די שפאנישע „מערינא״! אוודאי, — אלדר האט זיך אויך אנגעהויבן אביסל שנעלער באוועגן. פון דעם ביסעלע האסטיקייט, מיט וועלכער דער קויפער האט אויפגעעפנט די טיר, איז די טיר געבליבן שטיין א האלב צופראלטע, א ברייטער פאס זון האט זיך דורכגעשטופט און צולייגט איבער'ן שאפ. די שפאנישע „מערינא״ האט געגלאנצט אין דער שיין פון דער זון. ביי אלדר'ן אין די הענט האט געטאנצט די מיט זון באגאסענער „מערינא״ און די וואל האט זיך אין די הענט צוקרויזט ווי א ווייס־זילבערנער לאק.

— אוודאי, — האט אלדר געזאגט, — „מערינא'ס״ וויפיל איר ווילט, און סחורה ערשט־קלאסיקע, ספעציעל אפגעקליבענע.

— ספעציעל געקליבענע ? ? ? אבער קיין סך דארף איך נישט, בלויז עטוואס הויבט זיך אן פארבעסערן...

עטוואס דא און עטוואס דארט. אויף מארגן קומט נאך שנע־לער ארייז דער קויפער פון דער „דזשווירמען אמעריקען וואולן סא.״

— עס הויבט זיך אן עטוואס פארבעסערן, — זאגט ער, — די שפאנישע „מערינא״ וואלט איך געקענט נוצן...

— אנטשולדיגט — —

אלדר מוז זיך אנטשולדיגן. אין שאפ קלינגט דער טעלעפאן, ער איז אליין אין שאפ, קיין מענטשן ארבעטן איצט נישט אין שאפ, — אנטשולדיגט, איך קום באלד צוריק.

— האלא, האלא שפאנישע „מערינא״? יא — יא — יא — — שפאנישע — שפאנישע —

— אנטשולדיגט, — זאגט ער נאכאמאל, — אליין אין שאפ, שוין חדשים, אז מען האט נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטשן, — די שפאנישע „מערינא״! אוודאי, .ערשטע קלאסיגע סחורה׳ ספע־ציעל אפגעקליבענע...

— ספעציעל אפגעקליבענע ? ? ? אבער קיין סך דארף איך נישט, — בלויז עטוואס הויבט זיך אן פארבעסערן...

עטוואס דא און עטוואס דארט.

אבער אלדר קען זיך דאך נישט אליין צוצורייסן. ער איז דאך

נישט מער ווי א מענטש, מען באַדאַרף שוין אַנשטעלן נאָך עמיצן, און נאָך און נאָך עמיצן. העי, און טראַקס! און לייכטע ווענענער, און עס קלינגט אַלעמאָל דער טעלעפאָן. טעלעפאָן דאָ אונז טעלעפאָן דאָרט. העי וואַרט אַ ווײַלע! עס איז שוין דוכט זיך באַלד נישטאָ קיין „מערינאָ'ס" און קיין „מאָהיירס" דאַרפט איר גאָר נישט? גאָלדענע סחורה! איינס אין איינס אָפּגעקליבענע. אנגעשפּאַרט אויפ'ן שטעקן קומט אַריין מרדכי עטינגער; דייוו'ס אַרבל זײַנען שוין פאַרקאַטשעט און צו די דינע ווייסע הערעלאַך איבער די הענט קלעפּט זיך שטויב. עס דרייט זיך שוין נאָך אַ מאַשין; איין פּאַק־מאַשין קלאַפּט שוין פון מאַנטיק אָן. וואַרט אַ מינוט, אַלעם מיט־אַמאָל! אַז איר וועט שרייען אַלע מיטאַמאָל, וועט איר דאָך אַפילו דעם שטאַרקסטן מאַן צוטומלען. לאָמיר נאָר זען — איין מינוט, איין מינוט. דורך ביידע ברייט צופּראַלטע טירן האָט זיך אַרײַנ־געשליידערט דאָס צווייטע העלפט פון דעם יאָר 1918. דאָס צווייטע האַלבע יאָר מיט אַזאַ גרויסן הייסן טאָג. אַ טאָג אין מיטן חודש אווגוסט, אַן אימפּעדיקער, אַ משוגענער, אַ ריזיק־ווילדער, אַ טאָג מיט אַזאַ ברייט צועפנט מויל, אַז באַלד, באַלד, און דער טאָג וועט די גאַנצע וועלט אײַנשלינגען. גאַנצע אַרמייען האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט. אַרמייען איבער אַלע שטאַטישע סקווערן, איבער אַלע גאַסן. אַ ווילד יאָגעניש, אַ משוגעדיק אײַלעניש, אַ גייציק אויס־קויפעניש. ברויט און מעל און לעדער און ליכט און זייף און טרוקן פלייש און קליידער און שיך, אַלעם, אַלעם פאַרשלינגט דער טאָג. אָט איז שוין אַ דוחק אויף דעם נויטיקסטן. עס פעלט שוין צוקער. אין די רעסטאָראַנען טיילט מען אויס פּאָרציעס צוקער, אײַנציקע לעפעלאַך, פון אויבן צוגעגלעט אַז אַ ווערד פאַר אַ טאָס קאַפע. אַלדאָ ווייס: נאָך אַ פּלוצלומדיקן קריזיס מוז קומען אַ טאָג פון אַ הויכער הויך. העי! ווער קען שוין איצט צוקומען צו אַ קראָם? אַ באַלעבאָסטע מוז איצט געבן היבש צולייגן, כדי צו באַ־קומען אַ פונט פון דעם זיסן מין. סוחרים האָבן פאַרבאַהאַלטן דאָס אַרטיקל. מען שפּעקולירט. צען, פופצן, צוואַנציק, פינף־און־צוואַנ־ציק סענט אַ פונט צאָלט מען שוין און מען וועט נאָך צאָלן מער. איבער נאַכט הויבט זיך דער פרייז. עס קומען שוין פאַר ראַיאָטן. ערגעץ האָבן ווייבער צופּלינדערט אַ קראָם. אָט פעלט שוין אויס שיך, קליידער. פאַר קליידער צאָלט מען שוין אין צווייען, אין

פירן און זעקס מאָל אזוי פיל. ווער פרעגט דען פאַר א פרייז. ווער דינגט זיך דען ? דו גיב נאָר אהער אזוי פיל, וויפיל די ארמיי קען פאַרנוצן. די ארמיי שלינגט אַלץ איין. מיט אַן אָפּן הונגעריק מויל שטעט די ארמיי און פאַרשלינגט אַלץ. נאַסע גיפטיקע צונגען האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער'ן לאַנד און פרעסן אויף יעדעס גרעזל. מען האָט קיין צייט נישט צו וואַרטן ביז דער קאָרן וועט אויפ'ן פעלד צייטיק ווערן. און דעם ווייץ שלעפּט מען גרינערהייט אין דער דרעשמאַשין. צאַפּלדיק, משוגע פון אומגעדולד האָט די גרויסע, אי־בערנאַכט אָרגאַניזירטע מאַשין געריסן פון די הענט. איבער די פלאַכן פון ניו דזשוירזי און די וועלדער פון ניו ענגלאַנד, אויף די פּריירים פון די דאַקאָטאַס און איבער דער גאָלדענער וועסט, האָבן זיך, ווי צווישעטע חיה'ס מיט א ווילדן אימפּעט א לאָז געטאָן די לאָקאָמאָטיוון. מען שלעפּט צוזאַמען וואָס מען קען נאָר. פון מענשלאַכע מיילער רייסט מען אַרויס דעם לעצטן ביסן. פון אונ־טער פאַרשלאָסענע טירן כאַפּט מען אַרויס קעלבער און אָקסן, שאָף און חזירים. און מיט'ן אַנגערויבטן רויב קערט מען זיך באַלד אום, מיט א ווילד געבראַזגעריי און מיט א פרייליכן פייפן, צוריק צו די ברעגן פון אַטלאַנטיק, וואו עס שטייען שוין און וואַרטן א גאַנצער בריק פון שוואַרצע, רויכיקע ברומיקע שיפן.

און וואו זאָל מען נעמען אזוי פיל שיפן, וואָס זאָלן דאָס אַלץ איבער'ן ים אַריבערפירן ? און שיפן פאַר די סאָלדאַטן ? און שיפן וואָס זאָלן דעם גאַנצן וועג היטן די שיפן ? אין דער אייגענער פאַרפּלאָנטערטקייט איז דאָס לאַנד אין א משוגענעם ווירוואַר אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט געוואָרן. איבער דער גאַנצער לענג פון דעם האָדסאָן, פון אַלבאַני ביז ניו יאָרק האָט מען אויפגעשטעלט שיפּ־פאַבריקן, און מען האָט נאָך פאַרנומען א שטיק פון דעם „דעלאַווער ריווער". און די טאָלן פון „מיסיסיפּי", און די ברעגן פון דעם „פּאַסיפיק", און עס פעלן נאָך וואַסער־ברעגן — נישטאָ מער קיין וואַסער־ברעגן אין אַמעריקע, און עס זיינען שוין נישטאָ קיין מע־נער אין אַמעריקאַ. מען צאָלט שוין צען און פופצן דאָלאַר א טאָג פאַר א „לייבאָרער", און מען דאַרף נאָך, און מען דאַרף נאָך... די „ווינטשעסטער" אַרבעט שוין מיט דריי „שיפטס" דורכ'ן גאַנצן מעת־לעת, און אזוי אויך די „באַלדווין לאָקאָמאָטיוו", און די „רע־פּובליקען קאָפּער", און די „יונייטעד סטיל" און „מעקסיקען פּעט־

ראַלעאום" — העי, ס'אַראַ גענואַלדיקע „פּראָספּעריטי" עס האָט זיך איבער נאַכט איבער'ן לאַנד צוליינגט!

מרדכי עטינגער האָט שוין אויספּאַרקויפט דעם גאַנצן טראַנס־פּאָרט, וואָס ער האָט אַריינגענומען פון אשר ראָזענצווייג'ן. ער האָט שוין אויספּאַרקויפט אַ העלפט פון זיין אייגענער סחורה. דער קעלער שטייט שוין אַז אויסגעליידיגטער, אַ ריין אויסגעקערטער. עס איז אַ מחיה צו קוקן אויף מרדכי עטינגער'ס קעלער. ווייסע אָפּ־געקאַלכטע ווענט, אַ שטיינערדיקער דיל, עלעקטרישע לאַמפּן זיינען צוהאַנגען איבער דער גאַנצער סטעליע. דער שאַפּ איז שוין אויך האַלב ליידיג. דער פּריוואַטער אָפיס איז גראָם און ליכטיק מיט איין גרויסן שפּיגלדיקן פענסטער. אַלדד האָט שוין פאַרהאַקט די טירן: — נישטאָ מער קיין וואָל. איך האָב נישט וואָס צו פאַר־קויפן.

ביי מרדכי עטינגער'ן אין שאַפּ פּאַקט מען שוין איצט קליינע פּעקלאַך, הונדערט פונטיקע, און מען ציטערט איבער זיי. מען צערטלט זיי. מער ווי צוויי־דריי הונדערט אַ טאָג שיקט מען נישט אַרויס, און אויך דאָס שיקט מען בלויז אַהין, וואו מען מוז.

אַלדד האָט שוין איצט אַ נייע אַרבעט. אַלדד מוז זען וואו עס איז בילכער צו שיקן אַ פּאַק מיט וואָל. ער גייט אַרום אַזאַ היימישער און פּשוט'ער און פריילאַכער, פונדעסטוועגן ליגט עפּיס אַ צאַם צווישן אים און די איבריקע. אַלדד ווייסט ווי אַזוי צו האַלטן יעדן מענטשן אויף אַ געוויסער ווייט. עפּיס אַ לופט פון דערהאַבענקייט רינגלט אים שטענדיק אַרום. קיי־נער האָט נישט קיין העזה צוצוגיין נאָענט צו אים. דורכ'ן טעלעפאָן, וואָס הענגט אין מיטן שאַפּ, רעדט מען אַריין צו אים אין זיין צימערל, גלייך ווי ער וואָלט געזעסן פאַר מיילן ווייט.

— אפשר קענט איר אָפּשפּאָרן אַביסל „מאַהיירס", מיסטער אַלדד?

— ווער רעדט? — פרעגט ער שטיל, זייער שטיל, אַזוי אַז עס ליגט אין זיין קול אי טרויער, אי באַפעלנדיגס.

— דאָס רעדט די „ראַיעל וואולן קאָ." — ענטפערט דער מענטש פון שאַפּ.

— „עס סאָרי" — ענטפערט אַלדד, און הענגט אויף דאָס רעריל.

אלדד איז שוין מער ווי פיר וואכן אונטער וועגנס, און ער פארט דאס ארום זוכן די שפאנישע „מערינא", וועלכע איז אין שטאט שוין גאר נישט בנמצא.

מרדכי עטינגער האט געזאגט: — וואו וועסטו זיך איצט לאזן זוכן דעם ארטיקל? שוין באלד א יאר ווי קיין אויסלענדישע שיף איז נישט אריינגעקומען.

אלדד האט אויסגעהערט מרדכי עטינגער'ס רייד, אבער פונדעסטוועגן האט ער איינגעפאקט אלערליי קלייניקייטן אין א לעדערנעם וועלים און איז מיט דער „טוועניטיעט סענטשורי" אפגעפארן קיין שיקאגא.

— שיכרות, שיכרות, — אין שיקאגא שפאנישע „מערינא"

— אין סעינט לואיס ענגלישע „מאהיירס" — אין טעקסעס זיד־אמעריקאנישע וואל — פאר היינט און פאר מארגן א דערלייז־טער — אויך צו להכעיס אראנ'ען, וועט אלדד ווערן דער גרעסטער וואל סוחר. עס וועט נישט מקוים ווערן אראנ'ס נבואה. אלדד וועט אויסבויען אזא הויכן טורעם שפיץ, וואס אויב נאר ער וועט דארפן, וועט ער זיך פון דארטן לייכט קענען א טויט מאכן — אלדד האט געטראכט און געטראכט און איז געווען פאר'שיכור'ט אין דעם נייעם שפיל, אויפ'ן וועג האט ער זיך אנגעגענט מיט איינעם א מיסטער קאמבערלאנד.

מיסטער קאמבערלענד איז געווען א וועסטערנער, פון א גרויסער שטאט אין דעם סטייט מיזורי, א הויכער און דינער יענקי, מיט א פריש רויט פנים, ווי איינער וואס איז נאר־וואס אריינגעקומען פון גאס. זיינע האר זיינען געווען אין דער מיט קאפ מיט א שרונט און דער שרונט האט אזוי בולט ארויסגעשפארט, אז עס האט זיך געדוכט, אז דאס איז אזא קליין דין ריטשקעלע נאך א רעגן, פון וואנען דאס וואסער איז ערשט אפגעלאפן און עס זעען זיך איצט ארום די ריינע ווייסע זעמדעלאך. מיסטער קאמבערלענד איז געווען דורך און דורך מאנירלאך. זיין יעדער מוסקול און בליק און שמייכל איז געווען געאיבט, און ווען ער האט צו אלדד'ן געשמייכלט און גלייך דערויף פארשלאסן די דינע ליפן, האט אלדד נישט גע־

וואוסט, צי איז עס דער שמייכל, צי איז עס דאָס פאַרשלאָסנ־
קייט פון די ליפּן, וואָס מיסטער קאַמבערלענד וויל אַממערסטן
באַטאָנען. ווען מיסטער קאַמבערלענד האָט פון דעם קענגאַי־
בערדיקן „פּולמאַן סיט" אויפגעהויבן זיינע אויגן פון דעם
„מעטראָפּאָליטען" אַרויס, האָט אַלדר מיטאַמאָל געזען, אַז זיי־
נע אויגן זיינען בלויע און נייגעריקע.

— „וואָס איז איט?" — האָט אַלדר געפרעגט.

— אַ וויץ אין דער צייטונג, — האָט מיסטער קאַמבער־
לענד געענטפערט.

— דער „מעטראָפּאָליטען" פיינע וויצן? — פרעגט אַלדר.

— הם — ענטפערט קאַמבערלענד.

ביידע האָבן שוין איצט אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער.
דער צוג איז געפלויגן איבער פלאַכן לאַנד. פאַר'ן אויג האָבן
געשווינדלט קליינע פאַרמישע שטיבלאַך. אַט איז אַ קוימען
פון אַ פאַבריק. אַ מחנה פויגל האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם
אַנקומענדיקן צוג און זיינען פאַר אַ ווײַלע געפלויגן פּאַראַלעל
דעם צוג, נאָר באַלד האָבן זיי זיך פאַרנומען און אַוועקגעפלויגן
אין אַ זייט. פלעקן פון קי און פערד האָבן געפינטלט פאַר'ן
אויג. די טעלעגראַף סלופּעס האָבן זיך געגליטשט איינער נאָכ'ן
צווייטן, די איבערגעצויגענע דראָטן האָבן געגלאַנצט אַנטקעגן
דער זון ווי בלויער שטאָל. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס
איז איין לאַנגער צוים אַרומגענומען מיט אַנגעצויגענעם דראָט,
וואָס בינדט צונויף דאָס גאַנצע לאַנד און אפשר די גאַנצע
וועלט. אַלדר'ן האָט זיך איצט געדוכט, אַז די גאַנצע וועלט
איז נישט מער ווי איין גרויסער פּליין, ווי איין גרויסע פלאַך,
וואָס איז אַרומגענומען מיט אַ גרויסן דראָט, און אַט ביזטו דאָ,
און אַט ביזטו דאָרט, און אַז אַלץ איז אַזוי איינס און אַלץ איז
אַזוי צוזאַמען, אַזוי אַז די גאַנצע וועלט איז נישט מער ווי איין
גרויסע משפחה. אַט איז אַ קליין שטעטיל — שוין ווידער אַ
וואַלד. עס פליט דער צוג אַריבער אַ בריק, עס טרויסלען זיך
די שויבן, עס טרויסלען זיך די אייזערנע פאַרענטשעס איבער'ן
ברוק — פּ־ס־ס־ט — שוין ווידער האַרטער באַרן.

— איך האָב געמיינט צו זאָגן, ווי נאַריש דער „מעטראָ־

פּאָליטען" פאַרשטייט די איצטיקע לאַגע, — זאָגט מיסטער קאַמבערלענד.

— איך פאַרשטיי נישט, — פרעגט אלדר.

— זייער שטעלונג צום יקרות — זאָגט מיסטער קאַמ־בערלענד.

— הם... — ענטפערט אלדר.

מיסטער קאַמבערלענד איז געווען דער פאַרטרעטער פון דער „באלדווין לאָקאָמאָטיוו קאָמפּאַני". אין זיין קעשענע האָט ער איצט געפירט אַ באַשטעלונג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אויף הונדערט און צוואַנציק לאָקאָמאָטיוון. דאָס געלט איז גע־זיכערט פון דער אַמעריקאַנער טרעזשורי. זיינע גלאַט געראַ־זירטע ליפּן זיינען ווי צוגעקלעפּט איינער צו דער אַנדערער, פון צייט צו צייט עפנט ער זיי, און זויגט אַרויס אַזוי שפּאָרעוו־דיק אַ וואָרט.

— ווען די „שערהאָלדערס" זאָלן נאָר וויסן, ווי די אַק־ציעס פון דער „באלדווין לאָקאָמאָטיוו" וועלן זיך אַ הויב טאָן.

— איך שטעל זיך פאָר, ווי דאָס וועט ווירקן. — זאָגט אלדר.

— און קומענדיקע וואָך קומט נאָך אַ באַשטעלונג, — זאָגט מיסטער קאַמבערלענד.

— איצט איז די צייט, — ענטפערט אלדר.

— הם. — זאָגט מיסטער קאַמבערלענד.

אלדר טראַכט שוין פון לאָקאָמאָטיוון. ברייט צעשפּרייטע ליניעס צוצווייגן זיך ערגיץ אין אַ שטעטיל. דער צוג לויפט אָן איבער געקרייצטע רעלסן. מיט אַן אימפּעט, גלייך ווי עמיצער וואָלט מיטאַמאָל אויסגעשאָטן דריבנע קלעפּ איבער אַן אַנגעצווייגענעם פּייקל. עס האַצקעט זיך און וויגט זיך דער וואַ־גאָן, עס גיט אַ קיצל אין לעפעלע. זע נאָר וויפיל לאָקאָמאָ־טיוון! ס'אַרע וואָלד מיט רויך! איבער לאַנגע ליניעס, צו־צווייגן און צעצווייגט ביז דעם ברעג וואַסער און ביז צום ברעג וואָלד, סאָפּען זיי און קריכן אַרום אַזוי זאַכלאַך און זיכער ווי שווערע העלפאַנטן. באַלדווין לאָקאָמאָטיוון קריכן אַרום אי־בער'ן גאַנצן לאַנד, ווי ווערים איבער פעטער איבערגעקערטער ערד.

— שיכרות, — אין שיקאגא שפּאַנישע „מערינאַ“ — אין מיזורי באַלדווין לאַקאָמאַטיווס — אין מאָנטאַנאַ דער אָרר פון גאָלד — פאַר היינט און פאַר מאָרגן א דערלייזטער — פאַר היינט און פאַר מאָרגן דאָס ליד פון אויפקום, דאָס ליד פון בויען — וויפיל קאָסט איצט א שער? — פרעגט אלדד.

— איך האָב אליין געקויפט צען טויזנט, — ענטפערט מיס־טער קאַמבערלענד.

— הם. — זאָגט אלדד.

עס ווערט נישט פּלוצים דאָס געשטאַלט פון מיסטער קאַמ־בערלענד. אויפ׳ן אָרט פון מיסטער קאַמבערלענד זיצט אַראָן. זיינע אויגן זיינען אריינגעזעצט אין טיפע לעכער און שטאַרק אָנ־מעטיגע. אַראָן איז קליין און איינגעשרומפּן, און ער פאַר־לירט זיך אינגאַנצן אין דעם סאַמעטענעם שטול. נאָר באַלד קומט ווידער צוריק מיסטער קאַמבערלענד, זעצט זיך גלייך אַרויף אויף אַראָנ׳ען און אונטער אים פאַרשווינדט אַראָן אינ־גאַנצן.

— דערמיט וואָס מיר האָבן איצט אריינגעקראָגן דעם איי־ראָפּייאישן מאַרקעט, ווערן מיר אַן אינטערנאַציאָנאַלע פירמע. — זאָגט מיסטער קאַמבערלענד.

די פרייד אין זיין בלוט איז אַזוי גרויס, אַז ער מוז צוזעפּע־נען דאָס פאַרשלאָסן מויל און ריידן, אפילו ווען מען וואָלט געקענט אויסטייטשן זיינע רייד ווי זעלבסט־באַרימעריי.

אַמעריקע מוז סוף כל סוף אננעמען די פּאָליסי פון אינ־טערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין מסחור, — זאָגט מיסטער קאַמ־בערלענד.

— זי וועט אָנעמען, — ענטפערט אלדד.

— די מאָנראָ דאָקטרין איז אַן אויסגעשפּילטע דאָקטרין, — זאָגט מיסטער קאַמבערלענד.

— אויב מען וויל פאַרשפּרייטן א ברייטן מאַרקעט, — ענטפערט אלדד.

ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָענט פון שיקאַגאָ, האָט שוין מיסטער קאַמבערלענד געוואוסט, אַז אלדד קומט פון רוסלאַנד, אַז ער איז אין לאַנד אינגאַנצן דריי יאָר. מיסטער קאַמבער־לענד איז געווען פאַרגאַפט און פאַר׳חידוש׳ט.

— דו מוזט מיך קומען זען, ווען איך וועל זיין א צווייטן מאָל אין ניו יאָרק, — זאָגט ער, — איך וואָלט דיך געראָטן האַלטן די שערם א חודש אָדער צוויי...

אונטער א גרויסן גלעזערנעם דאַך איז שווער סאַפּענדיק און בלאָזנדיק מיט געדיכטן רויך אריינגעקראָכן דער שווערער לאָקאָמאָטיוו. עס קלינגען גלעקער, עס שרייען פּאָרטערס, עס טאַנצט דאָס האַרץ פון וואָן־ביורען און לאַ׳סאַל׳ן. ליידיקע שטופּ־וועגעלאַך ווערן אָנגעפילט מיט סחורה, דער טראַק פון דער „יו־נייטעט סטייטס מייל" איז פּאַרליינט ביז צו דער סטעליע, הי־הו־הא, — נישטאָ שוין מיסטער קאַמבערלענד! — שיכרות — באַלדווין לאָקאָמאָטיוון — אויב באַלדווין לאָקאָמאָטיוון וועלן אַרויף ביז ...192? — העי! העי!

אלדד׳ן איז געווען שווער צו קריגן די שפּאַנישע „מערינאָ". דאָס וואָס ער האָט יאָ אָנגעקליבן, האָט ער געצאָלט מיט צען סענט אויפ׳ן פונט טייערער, ווי ער האָט גערעכנט, אָבער ווען ער איז אין צוויי חדשים אַרום אַהיים געקומען, איז שוין די גאַנצע סחורה, וואָס ער האָט איבערגעשיקט געווען מיט צוואַנציק און דרייסיק סענט טייערער אויפ׳ן פונט. באַלדווין לאָקאָמאָ־טיווס האָט זיך דעם 28טען נאָוועמבער געעפנט אויף דעם ניו יאָרקער „סטאָק־עקססטשיינדזש" מיט 184. צו מיטאָג זיינען די שערם אַרויף צו 196 און ביים שליסן פון דער בירזשע האָט עס שוין געהאַלטן 199 — דער העכסטער פונקט אין דער געשיכטע פון דער „באַלדווין לאָקאָמאָטיוו קאָמפּאַניע".

אשר ראָזענצווייג איז אַריינגעלאָפן א פאַרשמייעטער צו מרדכי עטינגער׳ן אין שאָפּ אַריין. די פּאָלעס פון דעם לייכטן אויבערמאַנטל צופליגלט, די נאָז איז שפּיציק און רויט, זיין אָטעם איז הייס און אָפּגעהאַקט, ווי דער אָטעם פון א פאַרוואונ־דעטער חיה, עס דוכט זיך, אַז דער מענטש האָט היץ.

— וואו איז מרדכי — האָט ער אַרויסגעשאָסן, און דער־זעענדיק עטינגער׳ן, האָט ער אויף גיך אַליין זיך געענטפערט: אָט איז ער.

ער האָט זיך געלאָזט לויפן ווייטער אַזוי גלייך צו מרדכי עטינגער׳ן.

— כּאַטש אַ טויזנט פונט, מרדכי, כּאַטש אַ טויזנט פונט גיב מיר.

אשר ראַזענצווייג איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיין אייגענעם טראַכטן, אַז אים האָט זיך געדוכט, אַז מרדכי עטינגער ווייס שוין אַליין נאָך וואָס ער איז געקומען און וואָס ער וויל.

— כּאַטש אַ טויזנט פונט.

אָבער מרדכי עטינגער קוועטשט מיט די פּלייצעס און ער ווייסט נישט וואָס ראַזענצווייג וויל.

— וואָס ווילסטו ? — פרעגט ער.

— זע נאָר, איך בעט דיך, ער ווייסט גאָר נישט וואָס איך וויל — וואונדערט זיך אשר ראַזענצווייג, — ווייסט גאָר נישט וואָס איך וויל ? „מאַהיירס“ ! „מאַהיירס“ !

— „מאַהיירס“ — זאָגט געלאַסן מרדכי עטינגער, — אווו זאָל איך דיר נעמען „מאַהיירס“ ? און ווען דו גיסט אפילו טויזנט דאָלאַר פאַר אַ פונט, קריגסטו עס דען ?

— וואָס הייסט, וואָס הייסט, — שרייט שוין ראַזענצווייג, — וואָס הייסט דו ווייסט נישט ? צו ווּעמען דען זאָל איך גיין אַז ניט צו דיר ?

— מענטש איינער, איך וואָלט דיר געזשאַלעוועט ווען איך האָב, וואָס ?

— אָבער דו מוזט דאָך אַריינגיין אין מיין לאַגע, מרדכי, איך בין געבליבן שטעקן מיט'ן טראַנספּאָרט און אויב איך וועל נישט אַריינמישן אַביסל שפּאַנישע און אַביסל „מאַהיירס“ קען איך דעם טראַנספּאָרט נישט אַרויסשיקן. האָב רחמנות, מרדכי — גיב מיר עפּעס.

מרדכי עטינגער האָט פּאַוואָליע און דריבנע געוואָרפן ווערטער פון זיין מויל. עס האָט זיך געדוכט, אַז איידער ער זאָגט אַרויס אַ וואָרט, וועגט ער עס צוערשט אָפּ אויף אַ שאָל, אויף וועלכער עס ליגט אויף איין זיין אַ רידקעלע גאָלד און אויף דער צווייטער זייט מרדכי עטינגער'ס אַ וואָרט.

— מענטש איינער.

— מרדכי דו מוזט !

— נו, מוז איך.

— מרדכי, איך זאָג, דו מוזט ! איך זאָג דו מוזט! — ער

האט צוויי מאָל מיט אַ הויכן קול איבערגעחזר'ט זיינע ווער־טער.

— וואָס האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט דער מענטש, וואָס

— האָט שוין עטינגער אויך גערעדט העכער, — וואָס הייסט איך מוז? און אַז איך האָב נישט, איז וואָס קומט מיר!

מרדכי עטינגער האָט אים איבערגעלאָזט אין מיטן שמועס. ער האָט שוין מיט דער קני צוגעקוועטשט אַן אָפענעם זאַק. די ווייסע וואָל איז אים איצט געווען אַזוי נאָענט ווי זיין אייגן ליִב, ער האָט זיך גאָר נישט געוואָלט שיידן מיט דער וואָל, ווען ער האָט זיך צוריק אומגעקערט, האָט ער מיט אַ פּנים, פול מיט מיטלייד, שטיל געזאָגט:

— נעביך, נעביך, אַזאַ האַרצוואייטיק.

— מרדכי, — איז נאָך אַמאָל צוגעשטאַנען אשר ראָזענ־צווייג, — דו מוזט מיר געבן כאָטש אַ טויזנט פונט „מאַהיירם"... איך ווייס אַז דו האָסט... און איך וועל פון דאַנען נישט אַוועקגיין...

מיטאַמאָל האָט דעם מענטשן אָנגעהויבן צו שטיקן אין האַלדז, ער האָט אָנגעהויבן ווישן די נאָז, אין זיינע אויגן זיינען געשטאַנען טרערן.

— דו מעגסט... דו מעגסט... — ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז מרדכי עטינגער מעג אים איצט אין זיין נויט אַרויסהעלפן, אַז ער האָט געגנוג טויזנטער געמאַכט אין אים און אַז עס איז אַ שאַנדע, אַז אַן אייגענער מענטש זאָל אַזוי האַנדלען. אָבער מורא האָבנדיק צו ריזיקירן מיט די רייד, האָט ער געזאָגט: דו מעגסט... דו מעגסט... מעגסט מיר רעכענען וויפיל דו ווילסט. איך מוז האָבן דעם מין.

מרדכי עטינגער איז מיטאַמאָל ווייכער געוואָרן. עס האָבן ביי אים אָנגעהויבן צו גלאַנצן די אויגן. ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעקערט פון אים, און אין דעם מאָמענט האָט ער באַ־מערקט, אַז אַלע קנעפּלאַך פון די הויזן זיינען אָפּגעשפּיליעטע, האָט ער זיי צוריק אויף שנעל פאַרשפּיליעט, און אומקערנדיק זיך צוריק צו אשר ראָזענצווייג'ן, האָט ער אָנגעהויבן הוסטן:

— קכע, קכע, אַלרייט, קכע, קכע — גיי שיין — גיי שוין

— אין צוויי שעה אַרום האָסטו די סחורה.

— נו שויז, נו שוין — עטינגער האָט שוין נישט קיין געדולד. און ער האָט שוין נישט קיין צייט, אפשר א שעה, אז דער מענטש נעגעט אים — גיי, גיי — שרייט ער — עס שטייט דאָך נישט דער טאָג...

ער האָט זיך אומגעדרייט צו דייוו׳ן:

— דייוו, דייוו, אַט דאָ היים נעמען א פּאַק שפּאַנישע און אביסל „מאַהיירס", מיש צונויף מיט ענגלישע און מאַך איין זאַק. נו נעם שוין און גיב זיך א ריר. און זאָל מען עס ארויפּפּאַקן אויפ׳ן לייכטן טראַק. דורך דער באַועריי וועט מען שנעל דורכ־פאָרן.

— האָב איך דיר געזאָגט — האָט ער אין א ווײַלע ארום צוגעשריען צו דייוו׳ן — אז דאָס איז פאַרקויפט פאַר מזומן?

אלדר שפּאַנט אַראָפּ און ארויף איבער׳ן שאָפּ און פון שאָפּ אין אָפיס און פון אָפיס צוריק אריין אין שאָפּ אריין. ער זעט גאָר נישט וואָס ארום אים טוט זיך; ער האָט שוין אויפסניי געקויפט „שערס", דאָס מאָל האָט ער געקויפט „מעקסיקען פּעט־ראָלעאום". מרדכי עטינגער׳ן געפעלן נישט די געשעפטן.

— וואוהין שלעפּסטו מיך? — פרעגט ער.

— שרעקט זיך נאָר נישט, פעטער, — ענטפערט אלדר.

— מיין האַרץ זאָגט מיר, אז דו וועסט מיך אזוי אריינ־שלעפּן אין אַן אומגליק — זאָגט עטינגער.

אלדר ענטפערט נישט. ער הערט שוין אפילו נישט די לעצ־טע ווערטער, וואָס מרדכי עטינגער האָט געזאָגט. ווי א חיה אין א שטייג, ווען עס שטויסט אַן איבערגעפּלאָסענע ענער־גיע, אזוי שפּאַנט ער אַראָפּ און ארויף און טראַכט און טראַכט.

— האָב אויף מיר רחמנות — בעט זיך מרדכי עטינגער — באַרעכן וואָס דו טוסט — דו ווייסט נישט, וואָס דאַרטן טוט זיך.

אין אמת׳ן זיינען עס געווען בלויז האַלבע רייד, וואָס מרדכי עטינגער האָט איצט גערעדט. ער איז שוין אינגאַנצן געווען אונטער׳ן איינפלוס פון אלדר׳ן, ער האָט מיט אַליץ, וואָס אלדר האָט געטאָן, מסכים געווען.

יעדע זאַך, וואָס אלדר האָט אונטערנומען, איז אים געפעלן

געוואָרן. אלדד איז איצט געוועז זיין אַפּגאָט; ער האָט דאָס אים אַרויפגעפּירט אויף זיין איצטיקן וועג; אלדד האָט דאָס נורם געווען, אַז מרדכי עטינגער זאָל אָפּקויפן די סחורה ביי אשר ראָזענצווייג'ן; מרדכי עטינגער האָט דאָס אים קיינמאָל נישט געזאָגט. אָבער ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אלדד'ס וועג פון האַנדלען. און ער האָט אים בלינדערהייט, נישט פרעגנ־דיק אויסגעפאָלגט. זייענדיק אַן אָבערגלויבערישער מענטש, האָט עטינגער געגלייבט, אַז וואו אלדד וועט צולייגן זיין האַנט, דאָרט וועט זיין מזל. און ער האָט קיין איין טראָט נישט געמאַכט אָן אים; און ער האָט קיין איין קניון נישט געשלאָסן אָן אלדד'ס הסכמה; ער האָט זיך בלויז געשפּילט מיט די ווערטער, ווען ער האָט געזאָגט: „דו וועסט מיך אַריינשלעפּן אין אַן אומ־גליק".

אָבער אין האַרצן האָט מרדכי עטינגער טאַקי מורא געהאַט. ער האָט געציטערט פאַר דער שפּיל. ווען גאָט שיקט אַריין אין אלדד'ס האַרץ אַ שנאה צו דעם אַלעמען; נאָך וואָס דאַרף מען זוכן גליקן, ווען דאָס גליק קלאַפּט אין דער אייגענער טיר? צו וואָס דער נסיון?

אין אַ וואָך אַרום איז „מעקסיקען פּעטראָלעאום" אַרויף אויף צוועלף „פּאָינטס". מרדכי עטינגער האָט געהיט די צייטונגען.

— וואָס זאָגט איר, פּעטער, פאַרקויפן? — פרעגט אלדד.

— ווי זאָגסטו? — פרעגט ער צוריק.

— איך זאָג... איך זאָג... — אלדד זאָגט גאָרנישט.

— איך גלויב מען דאַרף פאַרקויפן — זאָגט מרדכי עטינ־גער — נאָך וואָס שפּעקולירן, נאָך וואָס שפּעקולירן...

אלדד טראַכט זיינע אייגענע טראַכטונגען. דאָס, וואָס דער פּעטער זאָגט און רעדט הערט ער אַפילו נישט. ער הערט נאָך עמיצנס אַנדערע רייד. עמיצער רעדט צו אים אַריין אין די אויערן, אַזוי אַט־אַ.

— הערט זיך איין, פּעטער — זאָגט ער — די גאַנצע מעשה מיט וואָל סטריט איז אַ שווינדעריי, מענטשן טאָרן זיך אין דעם נישט אַריינלאָזן, עס איז פּונקט ווי שיכרות.

מרדכי עטינגער איז געווארן בלאס; עס האבן אים אנ־געהויבן צו ציטערן די ליפן.

— איך מיין... איך מיין(...

ער האט נישט געקענט ריידן; ער האט נישט געוואוסט וואס צו ריידן; ער האט נישט געוואוסט צי רעדט עס בלויז אלדד אזוי לפנים וועגן, צי מיינט ער עס טאקי אויף אן אמת׳ן.

— זאג נאך אמאל, — זאגט ער — איך האב עפים נישט געכאפט די פריערדיקע רייד דיינע. וואס האסטו געזאגט?

— איך זאג, אז וואל־סטריט איז א שאנד, א געמיינע שווייגעריי, מענטשן דארפן די גאס אויסמיידן.

מרדכי עטינגער׳ן האט אזש באגאסן א שוויים. ער האט געוואלט אריינקוקן טיף צו אלדד׳ן אין דער נשמה אריין, און זען דעם אמת; ער האט ווי מיט׳ן כוח פון א רוח־הקודש אריינגעקוקט אין אלדד׳ן און געזען דעם אמת, ער האט אזש געציטערט.

— איך דאנק דיר, איך דאנק דיר, פון מיין גאנצן הארצן דאנק איך דיר...

מרדכי עטינגער האט אים ארומגעכאפט, ארומגענומען זיין קאפ און דעם קאפ שטארק געדריקט:

— וועלן מיר מער נישט האבן צו טאן מיט וואל־סטריט?

— מער נישט, פעטער.

— לאמיר זיך געבן די הענט.

— נאט אייך מיין האנט.

און ביידע מענער אין עקסטאז און אין ציטערדיקער אויפ־רעגונג האבן זיך געגעבן די הענט מער ניט צו האבן צו טאן מיט וואל־סטריט.

5

אין שטאט, צווישן קרייז פון די סוחרים, און צווישן אייגענע און נישט אייגענע האט מען אנגעהויבן ריידן פון דער „עטינגער וואולן קא.“, און מען האט אנגעהויבן ריידן פון דעם נייעם פארוואלטער מיט׳ן פרעמדן נאמען זיינעם, און ווי גרויס ער האלט זיך דאס ביי זיך, און אז ער האט א קאפ פון א מיניסטער.

צווישן די פעדלער האבן זיך אנגעהויבן ווערן אלערליי לעגענדעס. איינער האט געזאגט, אז ער איז אז אראבער, און איינער האט געזאגט, אז ער שטאמט פון די שפאנישע אידן.

— ווי קען ער שטאמען פון די שפאנישע אידן, צי זיין אז אראבער, ווען זיינע האר זיינען בלאנד? — פרעגט איי־נער.

— טא ווי אזוי דען קומט צו אים אזא נאמען? — פרעגט צוריק א צווייטער.

— ביזטו טאקי אן עם הארץ — ענטפערט א דריטער — ווען גאט וויל שטראפן אן עם־הארץ לייגט ער אים אריין א לשון קודש װארט אין מויל אריין. צי געדענקסטו דען נישט דעם פסוק אין חומש אלדד ומידד.

— איז וואס פאר א שייכות האט עס מיט אים — פרעגט צוריק דער ערשטער.

— אט דאס איז דאך טאקי קשה — זאגט צוריק דער צווייטער — דערפאר איז טאקי אזוי שווער צו פארשטיין דעם עניין. מען דערציילט, אז פונקט דעמאלט, ווען עס איז געקו־מען דער גרויסער קראך, איז דער יונגער אראבער פונקט ווי א פאר'סמ'טע מויז ארומגעלאפן צווישן אלע לעבער און אלץ איינגעקויפט. איך האב אים אליין געזען אין א קעלער אויף עלדרידזש סטריט.

— אין א קעלער? — צעבייזערט זיך שוין גאר אויף א הויכן קול דער דריטער — איך האב אים אליין געזען שטיין אויף דער באוערי לעבן העסטער סטריט, נעבן אים אויף דער ערד איז געלעגן א טארבע מיט גאלד, און ווער עס איז נאר געקומען מיט א ביסל סחורה, האט ער גלייך אויפ'ן ארט מיט גאלד באצאלט.

— ביי ראזענצווייג'ן אליין האט ער געמאכט א האלבן מי־ליאן. אלע האבן דאך דעמאלט געזאגט, אז דער מענטש האט זיך פון זינען נעבירט.

— לאזט עס אפ צו זיי — זאגט איינער — זיי וועלן זיך פון זינען נישט רירן. אט דאס איז דאך דאס פארטיל פון אלע מיליאנערן.

— מען ראבעוועט אן וואו נאר מען קען.

— רעגעלע גזלנים זיינען זיי.

— זיי וועלן דיר אין מיטן טאָג דעם גאָרגל אויסשניידן.

קלינגט שוין איבער אַלע אַנגעזעענע הייזער מיט עטינ־גער'ס עשירות. מען רופט אים שוין דער „קעניג פון וואַל", און מען שמייכלט אים שוין מיט גאָר אַן אַנדער שמייכעלע. עפּיס ליגט שוין שרעק און אפשיי אין דעם שמייכעלע, וואָס מען שמייכלט צו אים. און צו אלדד'ן האָט מען נאָר אינגאַנצן מורא צוריידן, און די שטוב אַליין איז שוין אויב אַנדערש, אינ־גאַנצן אַן איבערגעמעבלירטע, נאָכ'ן גוסט נאָך פון דעם באַ־וואוסטן דעקאָראַטאָר; און ביי מענטשן איז שוין איצט אַ יחוס אַריינצוקומען אין דער דאַזיקער הויז אַריין. איצט קומט מען שוין נישט גלאַט אַזוי, ניט מיר, ניט דיר, נאָר מען שרייבט שוין פריער, און מען טעלעפאָנירט, און מען פרעגט זיך אָן — „קען איך האָבן דעם כבוד אַריינצוקומען?" און די חברה „עטרת יעקב" פּראַוועט שוין דאָרטן אירע סעודות שבת צו נאַכט. אין עסצימער פינקלט דער גרויסער לאַמפּ מיט זיינע קרישטאָלן איבער'ן רייך געגרייטן טיש. דאָס צימער איז אָנגעפילט מיט טיפע פּלושענע שטולן. אַלע פון איין קאָליר טיף־בלויע, שטייען אין אַ רייע אויסגעשטעלט די צוועלף טיש־שטולן, וועלכע וואַרטן נאָר אויף דעם מאָמענט מען זאָל זיי געבן אַ רוק צו און אַ שטעל אַרום, אַרום דעם גרויסן „דיינינג רום" טיש. דער טיש בלאַנקט, אַזוי בלוי־ווייס דאָס טישטוך, אַז עס שמעקט די ווייסקייט. מרדכי עטינגער האָט אַזאַ אייגענעם קעסיל, וואָס וואַשט אַזוי ווייס זיינע טישטיכער, און מאַכט זיי אַזוי בלוי־ווייס בלענדענדיק. און גיט נאָר אַ קוק אויף די פיר טיי־טיש־לאַך, פון אמת'ע „מאַהאַגאַני", פון אויבן פאַרדעקט מיט דיקן גלאָז! און די אָנגעפּיקעוועטע שאַפעס מיט גלאָזוואַרג, און מיט זילבער. אַזש פון יאַפּאַן האָט מען אימפּאָרטירט דאָס געשיר, און פון רוסלאַנד האָט מען געבראַכט דעם סאַמאָוואַר. איצט זידט דער סאַמאָוואַר. זודיק וואַסער זשיפּעט און קאָכט אינעווייניק אין זיין גרויסן בויך. אַ קליין בלוי פלעמיל הויבט זיך פון זיין קוימעל. און די צענדליקער וואַזאָנעס? און די שווערע פּאַרטיערן, און די זיידענע גאַרדינען? ביי טאָג איז דאָ טונקל, שטיל. עס איז

דאַ זייער קיל בייטאָג. קיין איין פליג איז דאָ נישטאָ. עס איז גוט צו עסן אין דעם דאַזיקן עסצימער. עמאַ גיט שוין אַכטונג אויף די שמעקעדיקע מאכלים. איצט איז דאָ טומלדיק, די חברה „עטרת יעקב" איז דאָ. מען זיצט דערווייל אין דעם גרויסן אויפנאַמס צימער און מען וואַרט אויף עטעל'ס רוף, און דער־ווייל פירט מען אַן אַ לעבעדיקן געשפּרעך.

— דער דייטש, זאָגט מען, האָט שוין פּאַרלאָזן וואַרשע — האָט געזאָגט מיסטער בערענשטיין, אַ יונגערמאַן, אַ שוד־פּאַב־ריקאַנט, וועלכער האָט נאָר־וואָס זיך אָנגעהויבן אַרויפצודראַפּן אויפ'ן לייטער און דערפאַר האָט ער זיך נאָך געהאַלטן געלאַסן און געקוקט די עלטערע סוחרים אין מויל אַריין.

— און אויף דער צווייטער זייט איז ער שוין אַוועק פון אַסטענד — האָט אים אַרויסגעהאָלפן מיסטער אהרן בוכבינדער, אַ מאַן אַן עושר, אַן אייגענטימער פון אַ צענדליק גרויסע הייזער, און האָט שוין דערפאַר געגרעדט מיט חוצפּה און זיכערקייט, און האָט געהאַט אַ פּנים אַזוי קיילאַכדיק אויסגעפּילט, מיט אַ פּאָר אָפּגעמאַלטע, רויטע באַקן, וואָס האָבן שטענדיק געגלאַנצט, און ער האָט ווי געמיינט צו זאָגן צו בערענשטיינען — דו וואַרט נאָך אַ ווײַלע, דו האַלטסט זיך ערשט אין אַרויפדראַפּן און דו הער זיך נאָך צו דערווייל וואָס איך זאָג — אַסטענד איז אַ שטאָט אין בעלגיען, און ליגט ביים ענגלישן קאַנאַל.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך מיסטער אהרן בוכבינדער נאָך עפּיס דערמאָנט. ער האָט זיך דערמאָנט אַז היינט, ווען ער זאָל נאָר געווען וועלן, וואָלט ער אַרויס אין מיטן נאָס אַלע פּערציק שכנים, וואָס וואוינען ביי אים אין דער גרויסער הויז אין די בראָנקס. ער טראָגט נאָך אַפילו אַרום אין קעשענע דעם „דיס־פּאָזעס", וואָס ער האָט אין אַ געריכט אַרויסגעקראָגן. ווען ער זאָל נאָר וועלן — אים האָט אַזש געקיצלט אין גאָרגל פון שמחה.

— איך געדענק דאָס נאָך פון דער שקאָלע — האָט ער צו־געגעבן — שוין אַ מעשה פון דרייסיק יאָר אַז איך האָב אין דער שקאָלע געלערנט. אָבער הפּנים דאָס, וואָס מען קלאַפּט אַריין אין קאָפּ אַריין יונגערהייט, פאַרגעסט מען נישט אַזוי שנעל — איך געדענק נאָך ביז'ן היינטיגן טאָג די געאָגראַפיע.

אין אַ צווייטן ווינקל, נעענטער צו דער טיר, זיצן אַ גרופּע עלטערע מענטשן; זיי זיצן אַרום אַ קליין, פון שוואַרצן האָלץ, טישל, נעמען אַלע מאָל אויפסניי צוביסלאַך בראָנפן און חקירה׳ן זיך.

— איך פאַרשטייט אַז דאָס איז דאָך טאַקי געווען זיין טעות! — זאָגט איינער — געמיינט אַז ער וועט די גאַנצע וועלט אַפּנאַרן! אַ מענטש איז נאָך אַלעמען ניט מער ווי אַ מענטש, מעג ער זיין אַפילו אַ קיסר. וואָס מיינט איר צו זאָגן, אַז מען קען עס די גאַנצע וועלט אין זאַק אַריינפירן? און אויב אַפילו די לאַנד־קאַרטע האָט אַזוי געוויזן צו טאָן, דאַרפן זיי שוין חרוב מאַכן די וועלט? גיט נאָר אַ קוק וואָס ער האָט געמאַכט פון בעלגיען? און פון פראַנקרייך? און אַפילו פון רעם — ימח שמו זאָל ער זיין — לאַנג פּיסינג המן?

אַלע האָבן שוין געוואוסט, אַז דייטשלאַנד וועט פאַרלירן די מלחמה און אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס אַריינטרעטן פון אַמעריקע אין קריג האָט אָוועקגע׳הרג׳עט דעם דייטש, און אַלע אידישע הערצער האָט ווי געטאָן אויף דעם געפאַלענעם שונא. די מלוכה האָט דאָך אויסגעטראַכט קאַנאָנען, וואָס קענען שיסן אויף זיבעציג מייל! און די קלעפּ, וואָס זיי האָבן געגעבן רוס־לאַנד! — געדענקט איר די פּינסקער בלאַטעס? הינדענבורג האָט אַ אידישע קעפּל, ווי ער האָט זיי דאָס אַריינגענאַרט!

אַהרן בובבינדער איז שוין צוגעקומען צום רעדל אידן. אײַן ביסל און אַ צווייט ביסל בראָנפן האָט ער שוין אַריינגעגאָסן אין זיין צוכראַסקעטן מויל אַריין. זיין מויל איז געווען צוכראַסקעט, מיט די גראָבע ליפּן ווי אַ צוכראַסקעט אָפענע ברוסט. ער האָט גערעדט אַלץ מיטאַממאָל און מיט חוצפּה. — העי, עטעל — האָט ער געשריען — וואו זיינען די פּופּקעס? און די ווערעניקעס? ווען איך האָב אַזאַ גרויסע זיבעציג־מייליגע קאַנאָן, שטעל איך זי אַז אַט טאַקי דאָ ביי מרדכי עטינגער אויפ׳ן „רוף“ און גלייך אהין, צו ניקאָלאַיקען! בע, בע, בע.

— בע־בע־בע — האָבן אַלע אידן מיטאַממאָל געענטפערט.

דער טיש איז שוין געגרייט. מיט אַ בעבעריל ביי יעדן טעלער. און יעדער טעלער קעגנאיבער יעדן שטול, און דאָס טיש־טוך בלאַנקט, און די ווייסע סערוועטלאַך גלאַנצן אין זייער ווייס־

קייט, און דער לאָמפּ צושפּרייט אַ ברייט שיינענדיקע פרייד, אַריבער אַלע גוטע זאַכן און אַריבער אַלע פּנים׳ער.

— קומט! — דער טיש איז גרייט.

קיינער האָט די מענטשן נישט אויסגעזעצט און קיינער האָט קיינעם נישט אָנגעוויזן זיין אָרט, אָבער פונדעסטוועגן איז אויבנאָן געזעסן מרדכי עטינגער און נעבן אים אהרן בוכבינדער, און נעבן אים אויף דער רעכטער זייט, שטיינבערג, דער גרויסער וואָל־סוחר. דערנאָך איז געזעסן אין דער רייע דער פּרעזידענט פון דער חברה „עטרת יעקב״ און דער סעקרעטאַר, מיסטער בערענ־שטיין, דער מאַן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַרויפאַרבעטן, אָבער איז נאָך נישט געשטאַנען אויף די איינענע פיס, איז נאָך געזעסן אַביסל ווייטער, און ביים צווייטן ברעג טיש איז געזעסן אשר ראָזענצווייג.

איבער׳ן צימער האָבן זיך נאָך אַלץ געטראָגן די פריער־דיקע רייד. מען האָט געשמועסט פון דער מלחמה. איבער׳ן לאַנד וואַקסט דאָס רייכקייט, די „פּראָספּעריטי״ איז שוין אָנגע־קומען אין יעדער שטוב אַריין. איבער׳ן צימער צושפּרייט זיך דער שמעקעדיקער ריח פון געבראָטענע קאַטשקעס, דער ריח פון ריינעם קאָרן בראָנפן, דער ריח פון צוגעצטע אידישע קעפּ. פּנים׳ער זיינען צעפלאַמט, יאַרמולקעס רוקן זיך אַרויף הויך איבער׳ן שטערן. מיטאַמאָל האָקט זיך איבער דער פריערדיקער שמועס. אשר ראָזענצווייג פון צווייטן ברעג טיש, שטעלט זיך אויף, גלעט אוים זיין באָרד, און מיט די גלאַנציקע ברילן גלאַנצט ער אַריבער אַלעמענס פּנים׳ער. אשר ראָזענצווייג איז נאָך ביז היינ־טיגן טאָג אַ טשאָרטקאָווער חסיד, און ביז היינטיגן טאָג דער־ציילט ער אויף יעדער שמחה די נסים פון דעם טשאָרטקאָווער.

— ווען דער אַלטער איז נפטר געוואָרן — זאָגט ער — איז געווען אַ פרייטאָג נאָכמיטאָג. עס האָט דאָך נישט געקענט זיין אַנדערש, ווי פרייטאָג נאָכמיטאָג. אַלע צדיקים ווערן נפטר פרייטאָג נאָכמיטאָג. איז, געדענק איך פונקט ווי היינט, אַז די זון איז פאַרטונקלט געוואָרן. טאַקי ממש פאַרטונקלט געוואָרן — אין מיטן העלן טאָג איז געוואָרן אַלץ פינסטערער און פינס־טערער. פריער האָט זיך עס אָנגעהויבן ביי דער בראָם. דאָרטן וואו מען קומט אָן פון פּילשטין, דערנאָך איז געוואָרן פינסטער

אויפ׳ן מארק לעבן פייסי חסיד׳ס הויז, דערנאָד איז געוואָרן פינסטער אין דער היליצע, אזוי ביז גאַנץ סאטאנאוו איז געוואָרן איינגעהילט אין א חושך.

ווען ער האָט אזוי אָפּגערעדט פאַר א שטיקל צייט, האָט ער מיט א טיכעלע אָפּגעווישט דעם שטערן, זיך צוריק אוועקגעזעצט אויף זיין שטול און עמיצער פון צווישן עולם האָט מיטאמאָל אנגעהויבן א ניגון פון אתה יצרתי. פריער איז דער ניגון געווען שטיל. נאָר וואָס ווייטער האָט זיך דער ניגון אַלץ מער צעוואַקלט — פריער אין איין ווינקל טיש, און באַלד איבער׳ן צווייטן ווינקל טיש, און באַלד איבער׳ן גאַנצן טיש, איבער גאַנצן גרויסן חדר, און באַלד האָט די גאַנצע חברה „עטרת יעקב" אַלע אין איין קול געזונגען א הילכיקן, באַגייסטערטן אתה יצרתי.

מרדכי עטינגער האָט מיטגעזונגען. די שוואַרצע אַכטעקיקע יאַרמולקע האָט געגלאַנצט איבער׳ן הויכן שטערן; זיין פּנים איז געווען רויט, זיינע אויגן האָבן געברענט אין התלהבות. ווי א מלך אויבנאָן, האָט ער זיך נישט גערירט פון דעם אָרט, נאָר זיצנדיק געשאָקלט מיט׳ן גאַנצן קערפּער אַהער און אַהין און נאָכגעהאַלטן די חברה — אתה יצרתי! — גרויסער בורא — דו האָסט באַשאַפן — דו, דו — דו ביזט דער איינציקער וואָס ווייזט וואונדער. וואָס פאַר א ווערט האָט אַנטקעגן דיין גבורה א דייטש צי א פראַנצויז צי א רוס, צי אַלע אינאיינעם, מיט איין בלאָז פון דיינע נאָזלעכער קענסטו אַלע אַרמייען אָפּווישן, מיט איין ריר פון דיין פינגער קענסטו די גאַנצע וועלט איבער־קערן. דו ביזט שטאַרק. דיין נאָמען איז שטאַרק, לעולם ועד.

מרדכי עטינגער האָט גערעדט צו גאָט ווי צו אַ אייגענעם. ער האָט זיך צו אים געווענדט אויף „דו". מרדכי עטינגער האָט שטענדיק געגלויבט אין גאָט; ער האָט געגלויבט אַז זיין מזל איז דערפאַר אזוי גרויס, ווייל גאָט וויל אזוי. גאָט האָט אים צוגעשיקט אלדד׳ן, גאָט האָט אים יענעם טאָג אונטערגעשיקט אליהו הנביא׳ן אין געשטאַלט פון אשר ראַזענצווייג׳ן. אין דעם טאָג פון זיין גרעסטער פאַרצווייפלונג האָט אים גאָט אונטער־געשיקט זיינעם א מלאך אין געשטאַלט פון א מענטשן, כדי ער זאָל אים אַז אויסלייזונג ברענגען. מרדכי עטינגער׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז איינער פון די ביבלישע פיגורן, צו

ווערמען נאַט האָט זיך באַוויזן; ער האָט געזונגען און זיך גע־שאָקלט, און צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע האָט ער אַריינגעשריגן אין קיך אַריין:

— עטעל, נאָך אַמאָל געבראַטנס! נאָך אַמאָל וואַרעניקעס! נאָך אַמאָל דעם גוטן ספּירט!

— הער נאָר, מרדכי — האָט זיך אַהרן בוכבינדער אינמיטן אָפּגערופן צו אים — איך האָב אַ גאָלדענע מציאה — לאָמיר דאָס קויפן בשותפות.

— רייד נישט, רייד נישט — מרדכי עטינגער האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן וואָס ער רעדט.

— אַ „גאָלדמיין"! — האָט בוכבינדער ווייטער געזאָגט.

— איך בעט דיך, לאָז מיך צורו איצט, ביי מיר איז איצט יום־טוב.

מען האָט ווייטער געזונגען און געגעסן און געטרונקען.

— אַז איך זאָג אַ גאָלדמיין, מעגסטו מיר גלויבן. איך ווייס וואָס איך רייד — רעדט ווייטער אַהרן בוכבינדער — כ'האָב שוין אָנגעקוקט דאָס הויז, אויף בראָדוויי שטייט עס, איך זאָג דיר אַ שמאַלצגרוב.

מרדכי עטינגער האָט זיך געבראָכן אין ווייטיק. ער האָט גאָרנישט געוואָלט הערן אַזוינע רייד איצט. עס האָט אים גע־ריפּעט אונטער'ן האַרצן.

— וואָס ווילסטו פון מיר האָבן, ווען ביי מיר איז אַ שמחה!

— וואָרום קויפסטו נישט די הויז אַליין? — האָט עטינ־גער צום סוף אַ פאַרצווייפלטער געפרעגט.

— כ'האָב נישט אַזויפיל געלט.

עס האָט זיך שוין איבערגעריסן מרדכי עטינגער'ס שטימונג. ווי פון הימל אויף דער ערד, האָט מען אים אַראָפּגעשלעפּט. ער איז מיטאַמאָל געבליבן אַזוי זיצן אַ וואַכעדיקער, אַ דערשלאָגע־נער. אויסגעניכטערטקייט האָט פאַוואָלינקע צעעפנט זיין ליפּן.

— ווי פיל געלט דאַרפסטו?

— פופציק טויזנט.

מרדכי עטינגער האָט שוין נישט געהאַט קיין געדולד צום טומל אין הויז. ער האָט שוין געוואָלט, אַז אַלע זאָלן זיך באַלד

צוגיין. אים האט זיך שוין געדרייט דער קאפ. ער האט שוין אויפ'ן ארט געוואלט וויסן, וואס פאר א פארשלאג דאס איז און וואס וועט ער האבן דערפון און מיט וואס וועט מען אים גאראנטירן פאר'ן געלט. אן אנטוישטער און מידער האט ער זיך צום סוף אויפגעהויבן פון טיש, נאך אים אלע איבריקע.

— קום אריין מארגן — האט ער צו בוכבינדער'ן געזאגט

— קום אריין מארגן, וועלן מיר זיך דורכריידן.

!

— מארגן — אבער ווער האט דען צייט ביי מרדכי עטינגער'ן אין שאפ זיך אפצוגעבן מיט זייטיקע ענינים? אויב אהרן בוכבינדער וויל, זאל ער קומען, אויב אלדר מיט דער פען אין האנט אין דעם קליינעם חדר'ל, וועט אויסרעכענען, אז דאס געשעפט וועט זיך לוינען, וועט מען מאכן געשעפט — דערווייל איז נישטא קיין צייט פאר זייטיקע פלענער. דערווייל טראכט גאר אלדר פון ארויסציען זיך ארויף פינפטער עוועניו. מרדכי עטינגער ציטערט פאר'ן געדאנק. מרדכי עטינגער האט מורא צו שפעקולירן. אבער האט ער דען נישט פונקט אזוי מורא געהאט צו טראכטן פון ארויסציען זיך אויף ריווער־סייד־דרייוו? פונדעסטוועגן ליגט דאך שוין ביי אים אין קעשענע אן אונטערגעשריבענער קאנטראקט אויף דער הויז נומער 192... און אזוי וועט מן הסתם אויך זיין מיט'ן אריבערציען זיך אויף דער פינפטער עוועניו, און מיט די נייע מאדנע מאשינען, וואס אלדר וויל איינפירן און מיט'ן עקסטרע אנגעשטעלטן מענטשן פאר אייראפע, און מיט...

אין שאפ גייט אן די ארבעט רעגעלמעסיק. פונקט צו דער מינוט ווערט פארטיק דער באל, און פון זיך אליין, אטאמאטיש, פאלט דער באל ארויס פון דער פאק־מאשין, און גלייך גיבן דעם פאק א כאפ ארום צוויי אייזערנע הענט, מיט שטאלענע פינגער, די שטאלענע פינגער שטשעמען זיך איין מיט בלינדער גבורה אין די דראטענע שטריק, און אזוי לאנגזאם און איינגע־שפארט פארשלעפן זיי דעם פאק אין א צווייטער אפטיילונג, וואו עס שטייען שוין מענטשן מיט פארב און מיט פענזילס און שרייבן די אדרעסן.

און גלייכצייטיק פון א צווייטער אפטיילונג גליטשט זיך

אין א שמאָלער, לאַנגער רער א פּאַקעט מיט פּאַפּירן. דאָרטן אין די פּאַפּירן איז באַשריבן דער אינהאַלט פון דעם באַל, אַזוי פיל און אַזוי פיל אין וואָג, דער און דער סאָרט, אַזוי פיל און אַזוי פיל אין פּראַכט שיקן מיט דער „ראַיעל מייל". און אַזוי ווייטער.

אלדד שפּאַנט אַרום אין שאַפּ. איבעראַל וואָרפט ער זיין בליק. מיט די ווייכע טריט פון די גומי־אַפּצאַסן קומט ער.אונטער ווי א שאָטן. און פּונקט ווי א שאָטן פאַרשווינדט ער באַלד אין זיין פּריוואַטן אָפיס אריין.

אויף זיין טיש איז ריין צונעקליבן. דאָס גרינע קלעקפּאַפּיר איז אָן א טראָפּן טינט. פון דעם קאַלענדאַר אויפ׳ן וואַנט הילכט אַראָפּ דער גרויסער ציפער — 2 —ווי אן אָפּגעגלאַנצטער שטיוול פון נאַפּאָלעאָנען. אויף זיין שאַפע שטייען אין אָרדנונג אויסגעשטעלט די אַלערליי קעסטלאַך מיט באַשטעלונגען און מיט אָפּצאָלונגען יעדע נאָכ׳ן אלף בית נאָר. צו דער מינוט קען אלדד געפינען וואָס ער דאַרף און צו דער סעקונדע קען אלדד ענטפערן אויף א פראַגע. און אין א באַזונדערן קעסטעלע ליגן די קאַרדס מיט די טעגלאַכע אָפּצאָלונגען א טאָג נאָך א טאָג א חודש נאָך א חודש. אלדד קען אין איין שעה וויסן ווי אַזוי דאָס געשעפט שטייט.

— האָט מען אָפּגערופן שטיינבערג׳ן ? — פרעגט עטינגער אריינקומענדיג פון א זייטיגער טיר.

— אָפּגערופן — ענטפערט אלדד — עלף א־זייגער קריגט ער אריין דעם טראַנספּאָרט, נאָכמיטאָג וועט ער אים איבערלאָדן, אַרום דריי־פיר וועלן מיר אים האָבן.

מרדכי עטינגער האָט שוין גאָרנישט וואָס צו ריידן. ער בלייבט שוין אַזוי שטיין מיט אַן אָפן מויל און מוז שוין צוריק אַראָפּשלינגען די ווערטער, וואָס ער האָט שוין גֵעהאַט אָנגעגרייט צו זאָגן. אָבער אַזוי ווי דאָס מויל איז שוין סיי ווי סיי אָפן, רעדט ער שוין אַנדערע רייד :

—אַמאָל, ווען איך האָב אָנגעהויבן מיין מסחור, האָב איך אפילו נישט געטרוימט פון אַזעלכע געשעפטן — זאָגט ער — קיין עין הרע אַזאַ שפע.

מרדכי עטינגער לויבט גאָט — קיין עין הרע אַזאַ שפע —

אלערליי נדרים האָט ער שוין מנדר געווען, אָבער עס איז נאָך נישט גענוג. ער איז נאָך שולדיק; ער דאַרף נאָך געבן — וויפיל דאַרף נאָך מרדכי עטינגער געבן?

— עס איז צופיל — זאָגט ער — צופיל. אַ מענטש טאָר אַזוי פיל זיין קאָפּ נישט פאַרדרייען. מיר פּרעסן צופיל. אין דעם לאַנד עסט מען צופיל. מיר זיינען הולטאַיעס.

— צו וועלכע גוטע יאָר דאַרף מען זיך אַזוי יאָגן? — רעדט ער ווייטער — וואָס? וואָס האָט מען דערפון? קיינער וועט דאָך גאָרניט מיטנעמען אין קבר אַריין!

— עס מוז אָבער אַזוי זיין — ענטפערט אלדד — אויב געשעפטן גייען נישט אַרויף, מוזן זיי גיין אַרונטער — דאָס איז אַ געזעץ.

— געזעץ — געזעץ — איר מיט אייערע געזעצן — אַט האָב איך נישט געוואוסט פון קיין געזעצן.

אלדד האָט געזאָגט:

— נישט ווייסנדיק, פעטער, האָט איר אויסגעפאָלגט אַלע כּללים פון געזעצן. עס מאַכט גאָר נישט אויס, צי איר האָט געוואוסט, צי איר האָט נישט געוואוסט. אינסטינקטיוו האָט איר געטאָן דאָס, וואָס איר האָט באַדאַרפט צו טאָן.

מרדכי עטינגער האָט געשוויגן; מרדכי עטינגער האָט געוואוסט, אַז אַלץ וואָס ער אַליין זאָגט, טוט ער פּונקט פאַרקערט. און אַז ער האָט נישט קיין כּוח, קיין איין געדאַנק זיינעם דורכצופירן. אַז ער איז לייכטזיניק ווי אַ קינד, אַז עפּיס אַזאַ בלינדע קראַפט האָט אים זיין גאַנץ לעבן ערגיץ אַרומגעטריבן, און ער האָט נישט מער ווי אויסגעפאָלגט עמיצנס אַ וואונש, עמיצנס אַ פאַרלאַנג. עס איז נישט ער, וואָס טוט דאָס אַלעס. עס איז נישט ער, וואָס האָט די דעה, אַז שוין אַזוי־אַ וועט ער זיך ביז'ן טויט שוין נישט באַפרייען פון אַט דעם בלינדן שטאַרקן. מרדכי עטינגער האָט זיך געפרייט און געגלויבט גאָט, וואָס ער האָט אים צוגעשיקט אַזאַ קלוגן מענטשן, ווי אלדד איז. ער האָט געדאַנקט גאָט פאַר'ן גוטן בעל יועץ, וואָס ער האָט. מרדכי עטינגער האָט מיט רעליגיעזער התפּעלות פּלוצים געזאָגט:

— גוט, גוט, אלדד — דו ביזט אַ קלוגער מענטש. איך גלויב אין דיינע קענטנישן. פאַר דיר וואַרט אַ גרויסער עתיד.

איך בין א שוואכער מענטש... מיינע קינדער זיינען מיר פרעמד... איך האב ...

— עס איז שוין צייט צו עסן מיטאג — האט ער אין א ווײַלע ארום געזאגט — און איך האב גאר נישט קיין אפעטיט.

מרדכי עטינגער האט צוגעלייגט די האנט צום שטערן — עס טוט שוין ווידער וויי דער קאפ.

אין דעם מאמענט האט אנגעהויבן קלינגען דער טעלעפאן. אלדר איז לאנגזאם און מיט ווירדע צוגעגאנגען צום טיש, אראפ־גענומען דאס רעריל און עס צוגעלייגט צום אויער. א מינוט האט ער געשוויגן. אויפמערקזאם זיך צוגעהערט וואס מען רעדט, דערנאך האט ער ציילנדיק זיינע ווערטער, מיט א געוויסן ניגון אויסגעזונגען זיינע „יא׳ס" —י יא — יא — איז וואס זשע ווילט איר?

איך רוף צוריק די גאנצע באשטעלונג, — האט עמיצער פון ווייטן, מיט א הייזעריק, אויפגערעגט קול גערעדט.

אלדר האט א שמייכל געטאן. מיט א בלייפעדער אין האנט האט ער סתם אזוי געשריבן אויף א שטיק פאפיר ציפערן — 41־41־41 — נאר אין א סעקונדע ארום איז זיין פנים מיטאמאל געווארן ערנסט. ער האט ארויסגעלייגט דעם בלייפעדער פון האנט, זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן שטול, זיך צוגערוקט נעענטער צום טיש, פעסטער ארומגענומען דאס רערל אין האנט אריין, און מיט אן אנטשלאסענעם טאן געזאגט:

— הייסט עס, אז איר ברעכט אפ דעם קאנטראקט?

ביי די ווערטער איז עטינגער צוגעלאפן צו אלדר׳ן. מרדכי עטינגער האט גלייך געוואוסט, אז דאס רעדט מען פון דער „דזשווירמאן־אמעריקען וואולן קא." אז זיי רופן צוריק דעם גרויסן באשטעל, וואס זיי האבן מיט א טאג פריער באשטעלט.

— גיב מיר דעם טעלעפאן! גיב מיר דעם טעלעפאן! — האט ער אנגעהויבן שרייען.

אלדר האט אים ניט געענטפערט. ער האט אפילו ניט גע־הערט וואס מרדכי עטינגער רעדט, ער איז געווען אויפגערעגט, בלאס, און אנטשלאסן האט ער צוריק אין רערל אריינגערעדט:

— דאס מיינט, אז מיט אייערע רייד האט איר אונז אטא־

מאַטיש באַפרייט פון אונזער קאָנטראַקט — זייער גוט — זייער גוט — „גוד־ביי“.

און אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר אויפגעהאַנגען דאָס רעדל, איז ער שוין פּונקט ווי פריער ווידער געוועזן רואיק און געלאַסן, האָט אַראָפּגענומען דעם בלייפעדער פון דעם טיש און אים אַריינגעשטעקט אין דער קליינער וועסט־קעשענע.

— וואָס האָסטו אָפּגעטאָן? — האָט מרדכי עטינגער אָנגעהויבן שרייען, — וואָס האָסטו אָפּגעטאָן! עס איז מיין בעסטער קונה! וואָרום האָסטו מיך ניט צוגערופן? ווער האָט דיר געגעבן רעכט אַזוי צו האַנדלען?

מרדכי עטינגער איז געוועזן בלאַס. אים האָט געציטערט די אונטערשטע ליפּ. ער האָט צעשפּיליעט זיין ראָק און אים צוריק פאַרשפּיליעט. צום סוף איז ער געבליבן שטיין מיט׳ן ראָק אינגאַנצן אַ פאַרשפּיליעטער, גלייך ווי איינער, וואָס קלייבט זיך אין וועג אַריין.

זעענדיק ווי בלאַס און צעטומלט דער פעטער איז געוואָרן, האָט זיך אַלדר עטוואָס פאַרלוירן.

— אָבער זייט ניט אַזוי צוטראָגן, פעטער, — האָט ער נערוועז געזאָגט, — מען קען דאָך נאָך צו יעדער צייט אָפּרופן און אַלץ גוטמאַכן.

— אָפּרופן, אָפּרופן, — האָט עטינגער גענומען שפּאַנען איבער׳ן צימער. ער איז געוועזן געוואַלדיק אויפגערעגט. אין מיטן דערינען האָט ער גענומען מיט צוויי פינגער — דעם גראָבן און אָנצייג פינגער — מעסטן דעם געלענק פון זיין לינקער האַנט. — אַוודאי וויל איך זאָלסט אָפּרופן!

און עס איז געוועזן אַזוי, אַז פּונקט דעמאָלט, ווען אַלדר איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, האָט דער טעלעפאָן אַליין אָנגעהויבן צו קלינגען. אויך דאָרט, ביי דער „דזשווירמען אַמעריקען וואולן קאָ.“ אין אָפיס, איז געוואָרן פּונקט אַזאַ טומל, נאָכדעם ווי יענער האָט אויפגעהאַנגען דאָס רעדל פון טעלעפאָן:

— וואָס האָסטו אָפּגעטאָן? — האָט מען דאָרטן געשריען,
— דער טראַנספּאָרט מוז מאָרגן אַרויסגיין. פינפאונצוואַנציק טויזנט דאָלאַר סעקיוריטי ליגט דאָרט, וואו וועסטו איצט גיין זוכן די „מאַהיירס“?

און מענטשן האָבן דאָרטן געשריען, מען האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, מען האָט אָפּגעשטופּט שטולן און זיי צוריק־געשטעלט, פּונקט די זעלביקע רייד האָט מען דאָרטן גערעדט.

— גיי שוין און רוף נאָך אַמאָל אָפּ! צו פיל רעכט נעמסטו זיך שוין! אַזאַ זאַך דאַרפסטו מיך פריער פרעגן! דו טאָרסט אַליין אַזוי ניט האַנדלען! רוף אים גלייך אָפּ!

עס האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. נאָכאַמאָל געקלונגען. אימפּעטיק, איין קלונג נאָכ׳ן צווייטן.

— דאָס רופט מען פון דאָרטן, — האָט אַלדר געזאָגט, — איר ווילט ריידן?

מרדכי עטינגער איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן. פריער האָט ער אויסגעגלעט זיין באָרד, דערנאָך האָט ער צוריק אויפגעשפּי־ליעט זיין ראָק, זיך אויסגעהוסט און אַריינגעשריען מיט אַ הויך, קלאָר קול:

— יאָ, דאָס בין איך — עטינגער — יאָ, יאָ, עטינגער — איך אַליין, גוט מאָרגן גוט מאָרגן.

— — — — — — — עמיצנס רייד.

— האָט איר צוריקגערופן די באַשטעלונג הייסט עס?

— — — — — — עמיצער פאַרענטפערט זיך.

— זייער גוט, זייער גוט. הייסט עס, אַז דערמיט באַפרייט איר זיך פון מיין קאָנטראַקט?

עטינגער האָט נאָכגערעדט כמעט די זעלבע רייד, וואָס אַלדר האָט געזאָגט.

— האַ! וואָס! האָט ער פּלוצים געביטן דאָס קול. זעט איר, דאָס געפעלט מיר שוין נישט. אָפּגעמאַכט איז אָפּגעמאַכט.

אָבער מרדכי עטינגער האָט זיך שוין געפרייט, אַוועקגייענדיק פון טעלעפאָן האָבן שוין געגלאַנצט זיינע אויגן. ער האָט געזיגט. ווען ער זאָל נאָר וועלן, קען ער אַפילו איצט קריגן אַ צען אָדער פופצן סענט מער אויפ׳ן פונט, אָבער מרדכי עטינגער איז אַ וואָרטסמאַן, ער וועט נישט ברעכן זיין וואָרט. אָבי ער איז באַפרידיגט. באַפרידיגט, באַפרידיגט — אַלץ גייט נאָך בעסער ווי געוואונטשן. די גאַנצע סחורה איז שוין לאַנג אויספאַר־קויפט, דער פּראָפיט אַ זיכערער, ליגט שוין אין די בענק. וואָס איז מכוח דער גרויסער הויז אויף בראָדוויי, וואָס אהרן בוכ־

בינדער האָט פאַרגעשלאָגן? צי אפשר זיך צוריקציען פון געשעפט און לעבן פון עיסקא? צי אפשר פאָרן קיין ארץ ישראל? צי בויען א שול? העי, אזא מין מקום קדוש, וואו אידן זאָלן קומען אלע טאָג תפילה טאָן? צי אפשר גאָר אלץ צוטיילן אין צדקה? צו די אַרבעטער, צו אלדד'ן? ער האָט זיך געפרייט דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעפירט ביי דער „דזשוירמען אמעריקען וואולן קאָ.“ מען האָט אים פריער געראָפן, זיי האָבן דאָרט מורא גע־האַט צו שפּעקולירן. מרדכי עטינגער האָט איצט נישט געקענט קוקן אלדד'ן גלייך אין די אויגן אריין, פון דער זייט בלויז האָט ער געבליקט אויף אים, פון צווישן די ציין האָט ער בלויז אזוי באַלעבאַטיש ארויסגעזויגן:

— פונדעסטוועגן דאַרפסטו זיך מיט מיר ישוב'ן וועגן אזא ענין.

מרדכי עטינגער האָט נאָך דערווייל נישט צוטיילט אלץ אין צדקה און ער האָט נאָך דערווייל גאָרנישט איבערגעשריבן אויף זיינע אַרבעטער און קיין ארץ ישראל פאָרט ער נאָך אויך נישט. מרדכי עטינגער האָט זיך איינמאָל אין א נאָכמיטאָג באַגעגנט מיט אהרן בוכבינדער, און ביידע זיינען זיי אוועקגעגאַנגען צום אדוואָקאַט פינקעלשטיין.

דאָרטן האָבן זיי שוין געטראָפן דעם אַגענט און א נידריק פעטן מאַן. דער מאַן האָט געהאַט אַן אָפּגעגאָלטע גוישע מאָר־דע. אויף די קורצע, גראָבע פינגער זיינען געווען, ווי אין פלייש אריינגעוואַקסן, גרויסע, בליסטשנדיקע דימאַנטן. אין גרויס צופרידנקייט האָט זיך דער קורצער און פעטער מאַן געקאַטשעט אין א ברייטן ווינגשטול. מיט א הייזעריקן, ווי פון א סד טרינ־קען, קול, האָט ער מיט א דריבנער צופרידנקייט דערציילט די מעלות פון זיין הויז און די מעלות פון אלע אנדערע הייזער, וואָס ער פאַרמאָגט. דער מאַן האָט געזאָגט:

— איר זאָלט זיך גאָרנישט שרעקן, וואָס מען זאָגט, אז די רעגירונג נעמט זיך צו די אונזעריקע. קיין הויבע „טעקסעס“ אויף „ריעלעסטייט“ וועט מען נישט ארויפלייגן, מיר האָבן דאָס שוין „געפיקסט“. א קאָמיטע פון אונזערע האָט זיך שוין געזען מיט'ן קאָמישיאָנער אליין — אלץ וועט זיין אַלרייט.

דער מאַן איז געווען זיכער אין זיינע רייד. מיט'ן קאַמי־שיאָנער אַליין שפּילט ער אין קאָרטן. ער האָט אים, ווי ביי זיך אין קעשענע.

ווען דער מאַן האָט פאַרענדיקט ריידן, האָט ער איבערגע־לעגט די הענט מיט די פינגער די בליסטשנדיקע אויפ'ן גרויסן בויך זיינעם. מיט מאַטערניש האָט ער איינגעשלאָסן אַ פינגער אין אַ פינגער, מיט די צוויי גראָבע פינגער, האָט ער וואָוילינגעריש געדרייט איינעם אַרום צווייטן, און פון זיין נאָז האָט ארויסגעבלאָזן און זיך ארויסגעשפּאַרט מיט אַ שטילן פייף דאָס אינווייניקסטע פּעטס זיינס.

דער אַדוואָקאַט האָט שוין געהאַט זיינע פּאַפּירן צוגעגרייט. די מיידלאַך מיט די שרייבמאַשינען זיינען געזעסן גרייט אָנ־געגרייטע. זיי האָבן געקוקט דעם אַדוואָקאַט אין מויל אַריין. דער אַדוואָקאַט האָט געשמייכלט; אַ וואָרט — און אַ שמייכל. און אין צווישן צייט האָט ער מיט אַ ביינדל געפּוצט זיינע נעגל.

— איך דערצייל זיי פון די „רומערס", וואָס גייען אַרום, מיסטער פינקעלשטיין — האָט זיך ווייטער אָנגערופן דער פּע־טער מאַן, — ווענן הויבע „טעקסעס". „דים איז האַמבאַג" — זאָג איך. „ניוספּייפּער טאָק". דערווייל איז נאָך ביי אונז דאַנקען גאָט דאַ אַ רעגירונג. אונזער קאַמיטע האָט זיך גע־זען מיט'ן קאַמישיאָנער. — גייט אַהיים, — זאָגט ער. — אַלץ וועט זיין אַלרייט. און מיר האָבן שוין אַ פאַנד פון הונדערט טויזנט... זאָל נאָר אַריבער דער „עלעקשאָן". שטענדיק פאַר „עלעקשאָן" טומלט מען — זאָל נאָר אַריבער דער „עלעקשאָן."

דער אַדוואָקאַט האָט שוין געלייענט מיט אַ פאַרשלאָפן־צוי־צווינגענעם ניגון דעם „דיד". ער האָט ארויסגעקוקט פון פּאַפּיר, באַטראַכט די פּנים'ער, און אויף אויסווייניק געזאָגט:

— אויף אַ „לאָט" הונדערט ביי הונדערט און פופציק. אויפ'ן מערב זייט פון בראָדוויי, אויפ'ן דרום זייט פון דער פער־ציקסטער גאַס, הונדערט פוס טיף, הונדערט און פופציק פוס ברייט, א. א. וו. א. א. וו. פאַר שעה'ן לאַנג האָט ער געלייענט און איבערגע'חזר'ט די גאַנצע געשיכטע פון דער הויז.

מרדכי עטינגער'ן האָט געלאַנגווייליגט. ער האָט נישט גע־האָט קיין געדולד אויסצוהערן די לאַנגע געשיכטע. אין דער

הויז וועט ער נישט וואוינען. קיין לעבעדיקע זאך, ווי למשל, וואָל איז עס ניט. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז בלויז נאָך אַ פּאַל פון זיין שוואַכקייט. נאָך וואָס דאַרף ער נאָך הייזער אויף בראָדוויי? וואָס וועט ער טאָן מיט דער הויז? נאָך וואָס דאַרף ער אַזוי פיל קאַפּדרייעניש? דער סוף זיינער וועט זיין אַ שלעכטער — ער וועט אונטער זיין אייגענער שווער־קייט דערשטיקט ווערן. מרדכי עטינגער האָט נישט געקענט קוקן אויף דעם מאַן דעם פּאַרקויפער. ער האָט אַ געפיל, אַז דאָס זיצט אַ שטיק נבלה, אַז ער שמוצט איין זיינע באַלעבאַטישע הענט אין עפּעס אַן אומריינע זאַך — ווארום פאַרבינדט ער זיך מיט אַזאַ שרץ!

גאָט צו דאַנקען. אַלעס איז שוין אַריבער. מרדכי עטינ־גער האָט אויף שנעל אַרויסגענומען דעם טשעקבוך, אויסגעשריבן אַ טשעק אויף פופציק טויזנט דאָלאַר, צוגענומען די פּאַפּירן, און אַ באַפרייטער איז ער אַרויס אין דרויסן אַרויס.

אבער אַרויסגייענדיק פון דעם אַדוואָקאַט׳ס אָפּיס, איז מרדכי עטינגער פונדעסטוועגן נישט אַהיים געגאַנגען. ער איז אויך נישט צוריקגעגאַנגען אין שאָפּ אַריין. ער האָט זיך פאַר־נומען אַרויף בראָדוויי.

עס איז געווען שפּעט נאָך מיטאָג. די זון איז שוין גע־ווען פאַרגאַנגען, אָבער עס איז נאָך געבליבן הענגען איבער דעם אָפּענעם דרויסן אַ ווייסע ליכט, אויסגעמישט מיט בלוי פון הימל און געל פון די אָפּענע פענסטער אַרויס. פון די ריזיג־הויכע מויערן, דורך ברייט צופּראַלטע טירן און דורה ווינגדיקע, פיר־זייטיקע הענג־טירן, דריידלט זיך אַרויס און שיטן זיך אַריין אין דער אָפּענער גאַס אַריין טויזנטער און טויזנטער מענטשן. די מאַסע האָט, ווי שטראָמענדיק וואַסער, געפּליצט אין די אָפּענע מיילער פון די „סאָבוויים“. שוין אין גאַס האָט מען פון אונטער דער ערד געקענט הערן דאָס ווילדע רייסן זיך פון די אונטערערדישע צוגן. פון אייזערנע, אויף דער ערד צעלייגטע גראַטעס, האָט געבלאָזן אַ שאַרפער און וואַרעמער ווינט. עטינגער האָט געזען די שטראָמען, וואָס האָבן זיך גע־צויגן אויף פולטאָן סטריט. ער האָט געזען אַ לאַנגע רייע ווע־

גענער אַלע מיט בוכשטאַבן „יו עס“, נעבן דער שטאַטישער הויפּט־פּאָטשט. מענטשן האָבן זיך געריבן אין מענטשן. וועגענער האָבן זיך געקרייצט און אַזוי קונציק אויסגעמיטן, אַז עס איז געווען פּשוט צו באַוואונדערן.

נעבן דעם „סיטי־האָל“ איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע. אַלטע מענער, מיט מעדאַלן נאָך פון דער „סיוויל־וואָר“, אויף זייערע כריפּענדיגע בריסט זיינען געגאַנגען אין פאָראויס, און מיט זייערע רויטע יאַסלעס האָבן זיי געקייט דאָס ליד „מיי קאַנטרי“. יונגע בחורים מיט גרויסע „קאַו־באָי“ היט, די העלזער פאַרבונדן מיט שפּיציק־רויטע פאַטשיילעס, מיט פאַרשוויצטע פּנים׳ער, האָבן זיך אויף אַ הייזעריק קול געריסן „מיי קאַנטרי“. ווייבער אָנגעטאָן אין מענערשע הויזן, מיט הויכע מענערשע קאַלנערס, מיט היטלען סאָלדאַטסקע אויף זייערע קעפּ, האָבן געזונגען „מיי־קאַנטרי“. „מיי קאַנטרי“ האָט געשפּילט אונטער פון די טרעפּ אַ גרויסער מיליטערישער אָרקעסטער.

מרדכי עטינגער איז צום סוף מיד געוואָרן פון די אַרומיקע בילדער. פון ערגעץ האָבן זיך בּיסלאַכווייז אַריינגע׳גנב׳עט געדאַנקען אין זיין מוח אַריין. געדאַנקען וועגן אים אַליין; אָפּגעריסענע, צעברעקעלטע, איינער אויף די אַנדערע און איינע אַריינגעפלאָכטן אין די אַנדערע. ער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו פאַרענדיקן זיין געדאַנק וועגן מסחר, און ער האָט שוין געטראַכט פון די קינדער, און באַלד טראַכט ער שוין פון ראָזענצווייגן און פון בוכבינדערן, פון דעם אַדוואָקאַט פינקעלשטיין, און פון דעם גראָבן אידן, ביי וועמען ער האָט געקויפט די הויז.

— ס׳אַרא פּראָסטער מענטש דאָס מוז זיין — שאַצט אים ווידער עטינגער אָפּ אין זיין געדאַנק. — דאַכט זיך אַלע גאַלן זיך אין אַמעריקע, אָבער אַזאַ גויעשע מאָרדע האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען. עטינגער דערמאָנט זיך אין אַ היימישן גוי — קאָרניליאַ דער באַדיונג, יענער האָט פּונקט אַזאַ געגאָלטע מאָרדע געהאַט. בלוי איז זי געווען קאָרניליאַ׳ס מאָרדע און חזיריש, און פּונקט אַזוי דעם אידנס — אָבער גאָט צו דאַנקען — דער מסחור איז שוין געשלאָסן. מער דאַרף ער אים שוין נישט אָנקוקן.

— און וואָס וועט זיין דער סוף פון אסתר'ן ? — איז אים פלוצים געקומען א נייער געדאנק. — שוין א מיידל אין די יארן.

מרדכי עטינגער האָט זיך א קרים־געטאָן. פונקט ווי עמיצער וואָס בייסט איין א ווערימדיקע פרי.

— אָבער וואָס וועט פאַרט זיין מיט אסתר'ן ?

עמיצער אַן אומזעבאַרער, צי אפשר א קופּע אנגעוואָרפענע געדאַנקען, האָבן אים פאַרשטעלט זיין וועג. ער מוז זיך אויף א סעקונדע אָפּשטעלן — עפּעס מוז דאָך א טאַטע א טראַכט־טאָן, ווען אין שטוב דרייט זיך אַרום א פיר־און־צוואַנציק יאָריק מיידל. אפילו מער ווי דאָס האָט ער געטראַכט. עפּעס האָט זיך איבער זיין אייגן לייב צולעגט אַזאַ קיצלדיקע וואַרעמקייט. אַזאַ טיפ־שווייגנדיקס, ווי עפּעס וואָס יורט און וואַקסט און צעשפּרייט זיך און שלאָגט אריין א היץ אין די אויגן אריין. אסתר האָט אַזאַ ברייט צעוואַקסן לייב מיט קליינע לעכעלאַך, וואָס צוקן און עפּענען זיך און פאַרמאַכן זיך א גאַנצן טאָג און א גאַנצע נאַכט, ווי פעטע ערד, ווען דער פרילינג קומט.

— אַלדד — א בליץ, א מאָמענט — גלאַט אויף אַרויף פאַרקאַמטע בלאָנדע האָר. — נו שוין. גענוג — — —

מרדכי עטינגער גייט שוין ווייטער. א פאַרבייגייער האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ און אויף אים א קוק געטאָן. א אינגל איז פאַרבייגעפלויגן אויף א וועליסאָפּעד מיט טעלעגראַמעס אין זיין האַנט. דער זייגער פון דער „מעטראָפּאָליטען בילדינג" האָט זיך פלוצים הויך צעקלונגען און אויסגעשפּילט אַן איינטאָניקן שפּיל.

אָט איז שוין די הויז.

— איז דאָס די הויז ? אַזאַ גרויסער מויער ?

מרדכי עטינגער גלויבט נישט די אייגענע אויגן זיינע. ער לעזט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל איבער דעם נאָמען פון דער גאַס — בראָדוויי לויפט אין דער לענג שטאָט, די פּערציקסטע גאַס אין דער ברייט שטאָט. דער נאָמען פון דעם מויער איז „ווילסאָן" — „ווילסאָן בילדינג".

מרדכי עטינגער שטייט אין דער פראָנט פון א ריזיקער, צוואַנציק־שטאָקיקע געביידע. אַרום און אַרום מיט הונדערטער

בליסטשענדיקע פענסטער. די פענסטער זיינען שוין אלע באַלויכטענע, ווי אנגעשאָטן מיט אוצרות. אויף דער זייט פון בראָדוויי איז אַ ברייטער גראַמער אריינגאַנג. פון ביידע זייטן טיר, אויף דער וואַנט, ביז אַרונטער צו דער ערד איז באַשלאָגן מיט גאָלדענע שילדן, אלערליי פירמעס און נעמען — „סאַקס ענד קאָ.“ „אינטערנייִשאָנאַל טיילאָרינג קאָ.“, „גאָלדשטיין און בראַון“. „באָלדווין און באָלדווין“ — אַזוי פון אויבן ביז אַרונטער צו דער ערד.

מרדכי עטינגער'ן גייט דורך אַ גרויל איבער זיין לייב. ער לייענט און לייענט די נעמען, פון אויבן ביז אַרונטער און פון אונטן ביז אַרויף — דאַכט זיך „גאָלדשטיין און בראַון“ זיינען באַקאַנטע. ער האָט אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט די וואַנט. עס איז געווען מיט ריטקעלאַך פאַרטרוקענטע זאַמד, געצעמענטע־ווערט, די וואַנט, עס האָט אים געריבן איבער די פינגער, ער איז אַריינגעגאַנגען אינעווייניק אין דעם גרויסן קאָרידאָר.

מרדכי עטינגער האָט אַזש געמוזט פאַרוקן דעם הוט איבער'ן שטערן.

הויכע, מאַרמאָרנע ווענט ביז אַרויף צו דער סטעליע האָבן געבליאַסקעט אַנטקעגן דעם געלן ליכט פון די עלעקטרישע לאָמפּן. עס איז ערשט אָנהויב האַרבסט, און פון די גרויסע אָפּגעזילבערטע „ראַדיִעטאָרס“ שלאָגט שוין אַ געוואַלדיקע היץ. איבער די ווענט הענגען צוהאַנגען שילדן מיט הונדערטער נעמען. אַ פּאַרטער איז אַ בלאַס־גרויען יוניפאָרם אַרום האַלדז באַנייט מיט שוואַרצע טאַשמעס שטייט ביים „עלעווייטאָר“ און רופט אויס פאַרשידענע נומערן. מענטשן לויפן אַריין און אַרויס. עס קלינגען טעלעפאָנען. יעדעס מאָל, ווען אַן „עלעווייטאָר“ קומט אַרונטער, שיטן זיך פון דאָרטן אַרויס צענדליקער און צענדליקער מענטשן. און עס קומט אַ צווייטער „עלעווייטאָר“ און אַ דריטער און אַ פערטער — „לאָקאַלס“ און „עקספּרעסעס“.

— העי, וועמען זוכט איר?

דאָס רעדט שוין צו אים דער פּאָרטער — וועמען זוכט עטינגער?

מרדכי עטינגער האָט זיך פאַרלוירן. ער ווייסט נישט וועמען ער זוכט!

— מרדכי עטינגער — ענטפערט ער.

— נישטא דא אזא.

עטינגער איז צוריק ארויס אין גאס. ער איז פארשעמט און באליידיגט. ער וויל שוין גלייך אויפ'ן ארט לויפן אהיים. ער וויל דא נישט שטיין. עס איז נישט זיין ארט. אבער ער שטייט שוין ווידער אמאל און לייענט די נעמען פון אויבן אראפ, און פון אונטן ארויף — גאלדשטיין און בראון — דאכט זיך באקאנטע. ער לאזט זיך ווידער אריינגיין. ער חזר'ט דעם נאמען — גאלדשטיין און בראון — גאלדשטיין און בראון.

א כוואליע עלנד גיט אים מיטאמאל א זעץ אין פנים אריין. א ים מיט טרויער גיט זיך א גאס אין זיין הארצן — ווער איז ער? וואס איז ער? וואס וויל ער? ער לאזט אפ די טיר. די טיר וויגט זיך און וויגט זיך און ער ווערט אזוי צוריק ארויסגעשטויסן אין דער אפענער גאס אריין, וואו די עלנט איז נאך עלנטער און וואו דער טרויער איז נאך טרויעריקער. ער הויבט מיטאמאל אן חידוש'ן זיך, און ריידן צו זיך: —אט, א־דא אויף מיין אייגן שטיק ערד, פיל איך זיך אזוי עלנט? פאר דאס, וואס איך האב ערשט אונטערגעשריבן אזוי פיל פאפירן? און נאך וואס באדארף איך עס?

אינגאנצן אין חרטה און אין פארצווייפלונג האט ער שוין איצט געטראכט אלערליי מחשבות'ן.

— צי דארף טאקי א מענטש איינרייסן די וועלט? צי פעלט אים נאך הייזער אויף בראדוויי? צי וועט ער עס דען אין קבר מיטנעמען? דער סוף פון דעם מענטשן איז דאך אזא מיאוס'ער, אזא באליידיגטער, פונקט ווי א נבלה אזוי וועסטו דאך פארפוילט ווערן, און ווערים וועלן דאך פרעסן דיין פלייש.

עס איז שוין געווען שפעט אין אוונט, ווען עטינגער איז אהיים געקומען. איצט האט ער שוין געהאט א געפערלאכן קאפ־ווייטאק. עס האבן שוין אים געקלאפט די העמערלאך אין די שלייפן, און אין די אויגן, און עס האט אים געשאסן איבער'ן מוח. ער האט זיך גלייך אריינגעווארפן אין א הייסער וואנע, געלייגט צום קאפ הייסע קאמפרעסן — אבער דאס האט שוין היינט נישט געהאלפן,

מען האָט אים געמוזט אַריינטראָגן אין בעט אַריין — אַרום האַלבער נאַכט האָט מען געבראַכט דעם דאָקטאָר.

6

ביי אַלדד׳ן אויפ׳ן שרייבטיש ליגט אַן איינלאַדונג פון מיס־טער קאַמבערלענד׳ן. ער בעט אים קומען אין האָטעל „ריץ“. אַלדד נעמט מיט בעקי׳ן, ווען ער גייט אין האָטעל „ריץ“. אַלדד איז אַביסל העכער פון בעקי׳ן. זיין שפּאַן איז אַ ברייטערער און ער מוז געענדיק, איינהאַלטן זיין גאַנג. ווען זיי גייען ביידע אויף דער ברייטער סעקאַנד עוועניו, שיינט אַריין אין זייערע אויגן די ליכט פון די גרויסע קראָמען, און די ליכט פון די הויכע לאַמטערנעס אין גאַס. זייערע פּנימער וואַרפן צוריק ליכט. ער, אַ פּריש געראַזירטער, מיט אַ בלאָנקנדיק געפּרעסט העמד און קאָלנער, אין אַ שוואַרץ־געפּאַסטן אַנצוג. זי איינגעוויקלט אין דעם געקעסטלטן מאַנטל, אין שוואַרצע זיידענע שיך און זאָקן, מיט אַ קליין, וויינשל־קאָלירנדיקן היטעלע. בעקי׳ן קלאַפּט דאָס האַרץ. אַלדד׳ס האַנט ליגט אונטער איר אָרעם. זי פילט די וואַרעמ־קייט פון זיין האַנט. אין איר האַרץ וועקט זיך און רעגט זיך אַלערליי דינקייטן. אַ פאַנטאַזן מיט שפּריצנדיקע רייצונגען קלאַפּט ערגיץ פון אַ ווייט. זי האָט מורא אַרויסצוריידן אַ וואָרט. יעדן וואָרט וואָס זי וויל זאָגן, שלינגט זי צוריק אַראָפּ. זי וועט בעסער הערן וואָס אַלדד זאָגט. בעקי האָט ליב צו הערן ווי אַלדד רעדט. זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ „טעק־סי“ און זיינען פאַרפאָרן אין האָטעל אַריין.

אַ הויכער פּאָרטער, אין אַ געפּאַסטער יוניפאָרם, האָט פאַר זיי געעפנט די טיר. מען האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ הויך באַלויכטענער „לאָבי“. בעקי איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם דאַרטיקן גלאַנץ. גלייך האָבן זיך איר געוואָרפן אין די אויגן די פּרוואַישע קליידער. זי האָט זיך נאָך מער איינגעטוליעט אין אַלדד׳ן. מיסטער קאַמבערלענד האָט שוין געוואַרט אויף זיי. צו בעקי׳ן האָט ער צוויי מאָל ווידערהאָלט די זעלביקע ווער־טער.

— מיך פרייט זייער אייער באַקאַנטשאַפט. עס איז מיר זייער אַנגענעם. מן הסתם וועט דאָך אייך אינטערעסירן צו קאָנען אַזאַ „וועסטערנעם דזשענטלמען“ ווי איך בין.

אלע דריי שמייכלען. אזוי שמייכלענדיק אין מען פאר־גאנגען אין בופעט. און אזוי אין מיטן בעקי, מיטביידע קאַ־וואַליערן פון אירע צוויי זייטן, שיינט נאָך מער איר פּנים. ממש עס שפּרודלט דאָס פּנים מיט פרייד. בעקי האָט נאָך קיינמאָל נישט איבערלעבט אַזאַ גרויסע פרייד. פּונקט ווי מען פירט עמיצן אַריין צום ערשטן מאָל אין אַ סאַלאָן־צימער, פון דער סאַמע העכסטער געזעלשאַפט.

אַ נערוועזע דערוואַרטונג. איבער די ווענט זיינען צוהאַנ־גען טיפע פּערזישע טעפּיכער, מיט'ן געמעל פון די נאַפּאַלעאָנישע מלחמות. קרומע שווערדן און אַנגעבלאָזענע פּאַנצערס זיינען צע־וואָרפן איבער דער הויך פון דער וואַנט. שווערע קריגסמענטשן איינגעזאָטלט אויף די ברייטע זאַדקעס פון ווייסע פערד זיינען געמאָלן אויף די ווענטלאַך פון די שטולן. ביי ווייס־געדעקטע טישן זיצן עלעגאַנטע דאַמען, זייערע פּלייצעס זיינען טיף דע־קאָלטירט, פון זייערע אָפּגעדעקטע בריסט און הענט בליצט אַראָפּ גאָלד און בריליאַנטן. נעבן די דאַמען זיצן די מענער. די מו־זיק שפּילט, עס איז פּאַטריאָטישע מוזיק. נאָך יעדן טאַנץ פאַרענדיגט מען מיט נאַציאָנאַלע לידער. דער גאַנצער זאַל איז איינגעוויקלט מיט אַלערליי נאַציאָנאַלע פאַנען. ווען די מוזיק הערט אויף אַ ווײַלע, קומט דעמאָלט אַרויס אויף דער בינע אַ מיידל. דאָס מיידל איז איינעוויקלט אין אַ זיידענער אַמערי־קאַנער פאָן. איר רעכטע האַנט, דער אַקסל און די רעכטע ברוסט האָט אין דער ווייסער נאַקעטקייט געציטערט אין אויפרעגונג — „וועהער דיד אַי סי מיי באַי", „דהי טאָל ענד סלענדער קעקי באַי".

דער גאַנצער עולם איז שיכור פון אַנטציקונג. זיילן ברוס־טיקע מענער־שטימען גיבן זיך אַ רייס אַריין אין דעם גרויסן צימער אַריין, מען שטעלט אַרויס די גלעזער פון האַנט, מען לייגט אַרויס גאָפּל און מעסער פון האַנט. ווייבערישע הערצער ווערן ווייך און צעגאַנגען — דער גאַנצער עולם איז אין אַ געזונגען כאָר פון שטאַרקע שטימען זינגט מיט — „וועהער דיד אַי סי מאַי באַי — דהי טאָל ענד סלענדער קעקי באַי".

בעקי'ן שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. איר האַרץ ווערט אַרומגעכאַפּט פון גרויסע כוואַליעס, וואָס גיסן זיך אַרויס פון איינענע ברעגן. קליינע, בלויע פּלעמלאַך טוקן זיך פאַר אירע

אויגן. א מעלאַנכאָלישע בענקשאַפט הויבט מיט אמאָל אָן קלע־טערן נידריק פון דעם דיל, ארויף צו אירע אין זייד איינגעוויקל־טע פיס, און הויבט זיך אַלץ העכער און העכער ביז צום האַרץ צו. אַט איז זי שוין אינגאַנצן אָן ארומגעוויקלטע אין אַ זיס־גרין קלעמעניש — ווען זי קען זיך אויף איין מינוט אויפהויבן און זיך אַביסל דורכגיין. כאַטש אַפכאַפּן דעם אָטעם. אַ, עס ענגען זיך אירע שיך. די יונגע בריסט זיינען צו שטייף איינ־געצויגן אין דעם זיידענעם „ברזיר“. בעקי איז מיטאמאָל גע־וואָרן רעליגיעז. פּונקט ווי איר מאַמע מרדכי עטינגער, הויבט זי אָן אין איר געדאַנק אויסטראַכטן אַלערליי אבערגלויבישע אויסלייגאַכצן — אַלדר האָט זי ליב — אויב יענע אַ דאמע אנט־קעגן איבער וועט געבן נאָך איין זופּ פון איר גלאָז — די דאמע האָט געגעבן נאָך איין זופּ פון גלאָז. פון זיך אַליין פאַלן צו אירע קני אונטער׳ן טיש, צו אַלדר׳ס קני.

— לאָמיך טרינקען נאָך אַ קליין ביסעלע — זאָגט זי.

— אָבער בלויז אַ קליין ביסעלע, — ענטפערט אַלדר.

— מיט דיר וויל איך טרינקען, — זאָגט בעקי.

— און מיט מיר אויך — זאָגט מיסטער קאַמבערלענד.

— אַלרייט — ענטפערט בעקי.

— וואָס פאַר אַ פּאַטריאָטיזם דאָס פאָלק ווייזט ארויס — זאָגט מיסטער קאַמבערלענד.

— הם. — ענטפערט אַלדר.

— איך וואָלט זיך עס נישט געגלויבט, — זאָגט ווייטער מיסטער קאַמבערלענד, — ווען איך זע עס נישט מיט מיינע אייגענע אויגן. איר וואָלט אפשר אויך נישט געגלויבט אָבער עס איז אַ פאַקט. די „באַלדווין לאָקאָמאָטיוו“ איז פאַרשריבן פאַר אַ נוצלאָכער פּראָדוקציע, אַלע אירע אַנגעשטעלטע זיינען פריי פון מיליטער דינסט, און לעצטע וואָך זיינען אריינגעקומען צוויי הונדערט מעכאַניקער, רעזיגנירט פון זייערע שטעלעס און פריייוויליג זיך אַנגעשלאָסן אין דער אַרמיי.

אַלדר גיט אַ קוועטש מיט די פּלייצעס.

— הם, — זאָגט ער. — האַמבאַג. מיר ווייסן, ווי אַזוי מען שאַפט אַ שטימונג. מיט׳ן פאָלק קען מען טאָן וואָס מען וויל.

מיסטער קאמבערלענד קוקט אויף אים און קוקט אויף אים. ער פארשטייט נישט גלייך וואס אלדר מיינט.

— וואס מיינט איר? — פרעגט ער.

פאר א ווײַלע שווייגט אלדר.

— איך מיינט צו זאגן, אז די מלחמה איז אן ארויפגע־צוואונגענע? — פרעגט ווידער אמאל מיסטער קאמבערלענד.

— עס איז א פאקט, וואס אפילו א קליין קינד ווייסט עס שוין איצט.

אלדר ווערט אלץ צעוויקלטער אין זיין שמועס. נישט נאר אין שמועס. ער דערפילט אין גאנצן זיך היימישער אין דער נאר וואס פרעמדער סביבה. זאלבע־דריט ביי א טישל, אפגע־טיילט פון אלע איבריקע, דערזעט אלדר מיטאמאל פאר זיך דעם שונא, אויף וועמען ער האט אזוי פיל יארן געלויערט. ארום און ארום פינקלט גאלד און דימענטן. דער ריח פון שטארקן ווײַן קריכט אלץ טיפער אין דער נאז אריין. האלב שיכור'ע מע־נער מיט בלוטיקע אדערן ארום זייערע אויגן, קריכן מיט זייער רויט־היציקע בליקן טיף אין די ווייבערשע דעקאלטעס. אלעמענס לייבער זיינען צעפארעט. פון די קני שלאגט א היץ. אלדר ווערט פארצארנט. מיט אמאל קומט אים ארויף א שאנד אויף זיינע געדאנקען — וואס טו איך דא? ווער בין איך? וואס איז פון מיר געווארן? די פארביטערקייט, די פלוצלומדיקע גיט אים א שלאג ארויף ביז'ן האלדז אריין. עס הויבט אים אן צו שטיקן. פאר זיינע אויגן שטעלן זיך אויס אין א רייע אלע גע־ווענע, אלע פארגעסענע, אלע אומגעקומענע, אויף קידוש־השם אומגעקומענע. פון אלע זייטן שרייען אריין קולות אין זיינע אויערן אריין — וואס איז פון דיר געווארן, אלדר? — עס איז פון מיר געווארן א הונט א— זאגט פלוצים אלדר צו מעסטער קאמבער־לענד'ן.

מיסטער קאמבערלענד'ס א פאר אויסגעשטארצטע אויגן.

— איך האב קיין רעכט נישט דא צו זיצן — זאגט ווײַ־טער אלדר, — איר זײַט ניט מיינער און איך בין ניט אייערער. מיר זיינען צוויי אפגעטיילטע קלאסן. צוויי שונאים זיינען מיר. בלוטיקע שונאים. און דאס פאלק איז א גולם. מיט'ן פאלק קען מען טאן וואס מען וויל.

— וואָס מיינט איר ? — פרעגט איבער מיסטער קאַמבער־לענד — דענקט איר ניט אַז אַ קאַמף און פאַראַנטוואָרטלאַקייט צום לאַנד איז אַ נויטווענדיקייט אין לעבן פון אַ פאָלק ?

—קאַמף און פאַראַנטוואָרטלאַכקייט איז אַ נויטווענדיקייט אין לעבן פון אַ פאָלק, ווען דאָס פאָלק איז באַוואוסטזיניק פון זיין קאַמף און פאַראַנטוואָרטלאַכקייט, צי זעט איר אָבער ניט ווי עס קומען אום פעלקער אַן אַ שום פּראָבלעם ? וואָס איז די פּראָבלעם פון אַמעריקאַס אריינטערעטן אין דער מלחמה ? צי זענט איר טאַקי אַזוי נאַאיוו צו גלויבן אין דער ליגנערישער לאָזונג : „מיר קעמפען פאַר דער וועלט׳ס באַפרייאונג ?“

מען האָט צום טיש אויפּסניי געבראַכט וויין. אַלעמענס פּנים׳ער זיינען שוין געווען רויט־צעפלאַמטע. אַלדר טרינקט שוין נישט מער. אַלדר איז שוין סיי ווי שיכור. אַלדר איז פאַר׳שיכור׳ט אין אַ ים פון אויפברויזנדיקן צאָרן. פון כוואַליעס שאַנד, וואָס האָבן פאַרבאַריקאַדירט זיין פּנים. אַלדר וויל זיך באַפרייען פון דער שאַנדע מיט שרייענדיקע קולות. ער רעדט און ער רעדט.

— דאָס פאָלק האָט נישט קיין ווילן. דאָס פאָלק האָט נישט קיין מאַרך צום דענקען. דאָס פאָלק וועט גיין, וואוהין מען וועט עס פירן. אפילו, ווען דאָס זעט דעם טויט פאַר די אויגן. אַמאָל וועט זיך עס לאָזן פירן פון אַ פאַלשן משיח, און אַמאָל — פון אַן אויפוואַכנדיקן קלאַס און איצט אין פייער אַריין. זאָל עמיצער אריינקומען אין אַט דעם זאַל, און מיט אַ הויכער, שטאַרקער שטימע, אַזוי אַז זיין קול זאָל זיין בכח איבערצושרייען אַלע אייערע קולות, און אָנהויבן זינגען, וואָס׳ער עס איז ניט געזאַנג אָנשטאָט אייערע איצטיקע פּאַטריאָטישע לידער, און איר אַלע, דזשענטלמען, וועט אים נאָכזינגען.

אַלדר האָט שוין נישט געקוקט אויף בעקי׳ן, און ער האָט שוין נישט געקוקט אויף מיסטער קאַמבערלענד׳ן. איינגעוויקלט אין אַ לייכטן נעבל פון אַלערליי ריחות איז געווען דאָס גאַנצע צימער. די לופט איז געווען אַ שווערע. אַלדר האָט מיט גרויס צועפנטע אויגן געקוקט איבער׳ן גרויסן צימער. ווי אין קי־נאָמאַטאָגראַף, ווען עס שיילט זיך פּלוצים אויס פון גאַרנישט אַ נייע געשטאַלט, אַזוי האָט פּלוצים דאָ אין דעם זאַל, פון דעם

ליכטן נעבל זיך ארויסגעשיילט אלערליי אומגליקלאכע געשטאלטן.
פון גארנישט, פון דער הוילער לופט, זיינען פלוצים אויסגע־וואקסן גרויליגע בילדער. זיין פנים איז געווארן בלאס. די האר אויף זיין קאפ זיינען מיטאמאל געווארן טרוקן און פרעמד.
מיט זיין כח הדמיון האט ער מיט א קרענקלאכער צופרידנקייט אויף צו להכעיס זיך אליין זיך אנגעשטרענגט ארויסצורופן נאך שרעקלאכערע בילדער. און מיט זיין איינגעבוירענעם טאלאנט פון קענען אלץ פינקטליך און נאך שענער ווי פינקטליך איבער־געבן, האט ער פאר בעקי'ן און פאר מיסטער קאמבערלענד'ן גע־מאלן איין ביל נאכ'ן אנדערן.
ער האט גערעדט פון דעם פאלק'ס נויט. פון די ארעמע מאסן, פון דער אוממענטשלאכער פארשקלאפונג. ער האט גע־מאלן בילדער פון טייכן בלוט, אין וועלכע עס טרינקט זיך די וועלט, פון מיליאנען קינדער מיט אויפגעבלאזענע געשוואלענע בייכער, פון מיליאנען צוריסענע משפחות. און ווער זיינען די, וואס גיבן דאס פלייש פאר ווערים און חיות? איז עס נישט דאס בלינדע, אומוויסנדע, אומדערצויגענע פאלק?
אזוי לאנג האט אלדר גערעדט ביז איבער'ן גאנצן זאל איז שוין געווען שטיל. מענער זיינען געשטאנען ארום זייער טיש און זיך איינגעהערט אין זיינע רייד. ער איז געווען ווי א גייסט פון א פרעמדן לאנד. מיסטער קאמבערלענד איז געזעסן א פארצויבערטער און זיך איינגעהערט אין דער אנטפלעקונג פון דער נייער וועלט.
— דערציילט נאך, דערציילט נאך, — האט ער געזאגט צו אלדר'ן. — איר האט פאר מיר אויפגעדעקט א נייע וועלט.
זיי זיינען אוועקגעגאנגען ערשט דערמאלט, ווען אין דעם גרויסן זאל האט מען שוין אנגעהויבן אויסצולעשן די ליכט. מיס־טער קאמבערלענד האט שטייענדיק אין דעם אפענעם דרויסן, פאר דער טיר אין דעם האטעל, פלוצים געזאגט — איר האט אנגערעגט א טיפע נייגעריקייט אין מיר. איר מוזט פאר מיר נאך אמאל איבער'חזר'ן אייערע רייד, כדי איך זאל בעסער פארשטיין וואס איר האט היינט געזאגט.

...זיינע רייד — זיינע רייד. אלדר האט שוין א גאנצן

אוונט גערעדט זיינע רייד פאַר בעקי'ן. זיי זיינען אַזוי שנעל נישט אַהיים געגאַנגען. זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַפע. זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן; זיינען געווען אין סענט־ראַל פּאַרק, און זיי האָבן שפּאַצירט איבער דער פּוסט־באַלויב־טענער פינפטער עוועניו. וואָס האָט אַלדד דען נישט דערציילט בעקי'ן?

מיט בעקי'ן איז אים געווען גוט. זי האָט אים געקענט פאַר אַ היינטיקן, אַט־אַ דעם, וואָס ער איז היינט. ער האָט זי אָפּ־געשטעלט אין מיטן גאַנג, גענומען אין האַנט אַריין איר פּנים און געקושט איר מויל.

— איר אַלע דאָ זייט אַוועק אויף אַ פאַלשן וועג, — האָט ער געזאָגט, — איר פאַרקויפט אייער לייב און איר פאַרקויפט אייער נשמה פאַר אַ דאָלאַר. און דערפאַר פאַרשטייט איר נישט וואָס גליק איז. איר האָט דערפירט אייער גייציקייט צו אַזאַ מדרגה, אַז איר לעבט אין משוגעת פאַר'ן מאָרגנדיקן טאָג. אַ חוץ אייער געלד האָט איר גאָרנשט, און ווען איר ווערט אָן אייער געלט, מוזט איר זיך אַ טויט מאַכן. איר טראָגט אייערע איינענע יאָרן צו אָפּגעשניטנקייט אין אַ בלינדן געלאָף נאָכ'ן רייכקייט. איר האָט אַליין אויסגעלערנט אייערע מענער, אַז מיט'ן דאָלאַר קויפט ער אויס אַלע זיינע זינד, און דערפאַר איז ביי אייך אַזוי פיל זנות און אַזוי פיל שקר.

אַלדד'ן האָט זיך געדוכט, אַז אין געשטאַלט פון בעקי'ן זעט ער דעם גאַנצן קלאַס, וועלכער שטייט אַנטקעגן אים מיט שטאַ־לענע שפּיזן און וויל אים יעדע מינוט די ברוסט דורכשטעכן. אים האָט זיך געדוכט, אַז עפּיס אַ פרעמדער, אַזאַ דערגענערירט רויטער, מיט אַ צופוילט לעכערדיקן פּנים מאַן, האָט זי שוין און אַז מיט יעדן טאָג ווערט זי אַלץ מער אַנגעשטעקט מיט אַנ־שטעקנדיקער צופוילטקייט, אַז אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זיין לייב.

— קום מיט מיר, — האָט ער אין צובלאָזענער אויפרעגונג און מיט אַ טרוקענעם גומען געזאָגט, — קום מיט מיר.

עס האָט שוין כמעט געטאָגט, ווען זיי זיינען אַריין אין הויז אַריין. אַריבערגייענדיק די שוועל פון זיין אייגענעם צי־מער, האָט אַלדד גלייך פאַרמאַכט אונטער זיך די טיר. ער

האט ארויסגענומען דעם טאג־בוך און אנגעהויבן ארײַנשרײַבן א נײַ בלעטל. אויף זײַנע ליפּן האט זיך צעשפּרייט א קרומער ווייטאק — אט איז א נײַ בלעטל — ווי אזוי וועט ער אליין דערפון ארויסקריכן? וועט ער האבן כח דערפון זיך ארויסצור־רייסן, צי וועט ער דא דערשטיקט ווערן? דערשטיקט ווערן! דערשטיקט ווערן...

ער האט אנגעהויבן אײַנדרעמלען: און עס האט זיך פּלוצים, זייער שטיל, אויפגעעפנט די טיר. אין גאנצן א נאקעטע, אין א נאכט־העמד, איז פאר אים געשטאנען בעקי. אירע פיס זײַ־נען געווען באָרוויסע און זײַנען פלאך געלעגן מיט די פינגער צעשפּרייט איבער דער ערד. די האר זײַנען געווען צעוואָרפן. אנטקעגן דעם טונקעלן שײַן פון פענסטער האט זיך דורכ׳ן דורכזיכטיק־זײַדענעם נאכט־העמד ארויסגעזען איר גאנצער נאקע־טער קערפּער. זי האט געציטערט אין קעלט און זיך ווי געטור־ליעט אין איר אײַגענער ווארעמקייט. אין גאנצן א פאַרלוירענע, און צושראָקענע האט זי מיט קוים אויפגעמאכטע ליפּן און מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן מיטאמאל אנגעהויבן ריידן:

— דו האסט אין מיר אינגאנצן א טעות, אלדד. דו זעסט אליין נישט די נײַע וועלט, וואס דו האסט פאר מיר אויפגע־דעקט. די אלע רייד, וואס דו האסט ערשט צו מיר גערעדט, זײַנען געווען מײַנע רעדן, איך בין געווען אנדערש ביז הײַנט, ביז נעכטן, ביז וואנען איך האב דיך נישט געקענט. אבער איצט בין איך פונקט ווי דו. דײַן לאנד איז מײַן לאנד, דײַן משפּחה איז מײַן משפּחה און דײַנע וועגן זײַנען מײַנע וועגן. דו אליין וועסט ארויסקריכן פון דעם איצטיקן לעבן און וועסט מיך מיט־שלעפּן — דו און איך, זײַנען מיר דא בלויז אויף א ווײַלע... בלויז א טאג, צוויי.

עס איז געווען עפּעס ביבלישעס אין אלדד׳ס חלום. אים האט זיך געדוכט, אז ער שטייט ערגיץ אין א פעלד. בעקי׳ס געשטאלט איז דאס געשטאלט פון א הייליקער. פון ווײַטן שײַנט א ברענענדיקער דארן. מיט קוים צועפנטע ליפּן, ווי ליפּן פון א טויטן, רעדט זי ווײַטער:

— אלע טאג שטיי איך איצט אויף גאנץ פרי. גלײַך מיט דער זון. מײַנע אויגן זײַנען דעמאלט לויטער. איך ליג און קוק

און דערזע דיך. דערנאָך לעז איך ביכער אַזוינע, ווי דו ווילסט איך זאָל לייענען. איך שטעל מיר שוין פֿאָר,ווי אַזוי מיר וועלן ביידע צוזאַמען לעבן. טראַכט נישט אויס עפּעס מענער, ווען איך קען שוין איצט נישט פאַרטראָגן. דו ביזט מיינער, און איך בין דיינע. אַלע דיינע רייד, רייד איך איצט נאָך. דער ווייכער בויג פֿון דיין אויסשפּראַך איז מיר ליב. איך וועל פּונקט ווי דו ריידן. דיין שפּראַך איז מיין שפּראַך. איך פֿיל דעם ריח פֿון דיין לייב, קום צו מיר, זיי מיט מיר. מיין גאַנץ לייב ציטערט אין דערוואַרטונג.

די זון איז שוין הויך געשטאַנען אין מיטן הימל, ווען אַלדר האָט זיך אויפגעכאַפּט. פֿון צווייטן צימער האָט זיך דערטראָגן אסתר׳ס קולות אויסגעמישט אין אַ ים פֿון אַנדערע קולות — ווען ביסטו אַהיים געקומען, צנועה מיינע? מיינסט איך האָב נישט געהערט, ווען דו ביסט געקומען???

7

— מאָרגן, איבערמאָרגן — מען דאַרף נאָר דערלעבן צו עפֿענען די אויגן מיט׳ן מאָרגן. פֿאַר אַ לענגערער צייט איז מרדכי עטינגער געלעגן אין בעט, אָבער דער דאָקטאָר טרויסט איטם מיט האָפֿונגפֿולע ווערטער: — נאָך אַ טאָג, מאָרגן — איבערמאָרגן, אַלץ וועט זיין אַלרייט, אַט קומען דאָך אָט די קורצע און פֿעטע ווינטער טעג און די לאַנגע און פֿעדערן־געוויקלטע ווינטער־נעכט. עס שמעקט איבער׳ן שטוב דער ריח פֿון גריוון, און פֿון געפּרעגלטע גאַנדז־שמאַלץ, עס גייט אויף אין זיין פֿעטס דער קאַרטאָפֿל־קוגל, עס וואַסערט זיך אין מויל. ווי פֿון זיך אַליין ווערט ביי מרדכי עטינגער׳ן אַ נייע שטוב. אַלע טאָג אַ נייע שטוב. אויפ׳ן אָרט פֿון דער אַלטע פּיאַנע שטייט שוין אַ נייע, אַ „בייבי־גרענד“. ניי מעבל און ניי געפֿעס. נייע רייד. ביי מרדכי עטינגער׳ן רעדט מען איצטער נייע רייד, מען גרייט זיך צום איבערציען אויף ריווערסייד דרייוו. מאָרגן, איבערמאָרגן — מיטאַמאָל האָט עמיצער איבער דער שטוב אויסגעשפּרייט אַ שטילקייט, אַזאַ גבֿרישע, גאָר, גאָר אַ גבֿירישע שטילקייט, מיט לייכטע טריט איבער די ווייכע טעפּיכער, מיט האַל־

בע רייד, פון אזוינע פארצויגענע גרויסהאלטערשע ליפן, מיט קינדער, אזוי פלוצלומדיקע אויסגעוואקסענע, גבוריש מיטאמאל אויסגעוואקסענע — רייכקייט מאכט וואקסן שנעלער — ביי אַן אָרעמען טאטן וואלט א מיידל אין די יאָרן נאך געהאלטן איר מיידליש לייב פארבאָרגן. אזוי פארשפיליעט ביז אַרוף צום האלז צו דאס בלוזקעלע, אָבער דאָ איז אסתר אזוי גבוריש אפגעדעקט, איבער דער גאַנצער שטוב, און אפילו איבער א שטיק פון דעם דרויסנדיקן קאָרידאָר בלאנקט אַרום איר נאַקעט לייב. און די קינדער און זיין ווייב, האלטן אין איין ברענגען פעק מיט סחורה און מיט קליידער, און מיט מאַנטלען און שיך. מרדכי עטינגער איז גליקלאך.

— וויפיל באטרעפט דער „ביל", — פרעגט ער — א דאלער מיט אַכציק?

— הונדערט מיט אכציק. — ענטפערט עטעל.

איז דאס אויך גוט. א איך, ווי מרדכי עטינגער, דאַרף טאַקי צאָלן גרויסע „בילס". און ער האָט ליב זיינע קינדער, און ער צעשפרייט זיין ברייטן אָטעם איבער דער דאַזיקער הויז. און ער שקראַבעט אַרום מיט די שטעק־שיך און מיט דער יאַר־מולקע אויפ'ן קאָפּ, קוקט אין א ספר, לייגט זיך וויבער אָפּ־רוען, און נעמט ווידער א ספר. ווען עס זאָלן בלויז נישט זיין פון אים אזוי פרעמד זיינע קינדער.

— וואָרום זיינען זיינע קינדער ווייט פון אים? וואָרום זייער פאַרפרעמדקייט?

מרדכי עטינגער טראַכט און טראַכט און קען זיך צו גאָר נישט דערטראַכטן. איז עס זיין שולד, צי איז עס זייער שולד?

מרדכי עטינגער איז אַן ערלאַכער מענטש. ווען ער טראַכט פאַר זיך אליין, איז ער נאך ערלאכער. ער וויל זיין גערעכט צו די קינדער, און ער וויל זיין גערעכט צו זיך אליין — אויב עס איז זיין שולד, טאָ וואָס דאַרף ער טאָן, כדי די קינדער צו זיך דערנענטערן? אויב עס איז זייער שולד, טו מיט וואָס קען ער זיי צווינגען, זיי זאָלן זיך צו אים דערנענטערן? צווינגען — ווער קען צווינגען קינדער! ווער האָט דען א רעכט צו צווינ־גען קינדער! קינדער דאַרף מען ניט צווינגען. קינדער דאַרפן

אליין ליב האבן זייערע עלטערן, סיידן זיי האבן נישט קיין גאט אין הארצן.

— קיין גאט אין הארצן.

מרדכי עטינגער האט זיך אנגעכאפט אז דעם ווארט. עס איז פאר אים מיטאמאל געווארן א קלארע אנטפלעקונג דאס דאזיקע ווארט. זיינע קינדער האבן ניט קיין גאט אין הארצן. קיין גלויבן. ער, א קליינער, האט געהאט א גאט. ער האט געהאט א גלויבן. שוין פון קליינערהייט אן האט ער געהערט באפעלנדיקע רייד. ער האט געמוזט פאלגן, ווייל עס איז נישט געווען בלויז א באפעל פון דעם רבי'ן, און דעם, וואס דער רבי האט אים געזאגט. עס איז געווען א ווארעניש, איבערגעגעבן אינ'ם נאמען פון גאט. דער רבי האט אים געווארנט אינ'ם נאמען פון גאט. פון דעם בארג סיני אראפ האט גאט זיך באַ־וויזן צו משה'ן, און אים איבערגעגעבן די עשרת הדברות. צו נח'ן האט גאט גערעדט, און אים באפוילן אויפצובויען א תבה. צו אברהם'ן האט גאט באפוילן ברענגען זיין זון צו דער עקדה. מרדכי עטינגער, ווען ער איז געווען א קינד, האט זיך נישט געקענט אנטקעגנשטעלן אט דער גרויסקייט די אנטקעגנדיקע. ער האט געמוזט פאלגן. ער האט מורא געהאט פאר דער גרויסער מאכט די אומזעבארע. ער האט געמוזט גיין אין די וועגן פון גאט און פון די אבות און פון זיין אייגענעם טאטן.

ווען מרדכי עטינגער איז אלט געווארן צוועלף יאר, האט ער שוין געלערנט גמרא, און ער האט געלערנט פוסקים, און געלערנט ספרים, וואס זיינען געווען פול מיט אלערליי רמזים. נאך מער ווי זיין טאטע האט ער געוואוסט, און פאר'ן זיידן. מרדכי עטינגער האט געוואוסט, אז עס איז דא א יענע־וועלט און אז עס איז דא א גהינום מיט א גן־עדן. ער האט גע־קענט ריידן מיט מלאכים און מיט שדים. אלעם ניט רעאלעם איז פאר אים שוין דעמאלט געווען א ווירקלאכקייט. ער האט גוט פארשטאנען און געוואוסט אלע איינצלהייטן פון דער מעשה המרכבה. די מעשה המרכבה פלעגט אנצינדן זיין הארץ מיט א פייער און אים פארטראגן אין הימל ארײַן. צו פופצן יאר איז שוין מרדכי עטינגער געשטאנען אין קראם. צו צוואנציק יאר איז שוין זיין מוח געווען אנגעפילט מיט אלערליי אומ־

מעגלאַכע פאַרלאַנגען. אין אים זידט און קאָכט דאָס בלוט. וואָס וועט זיין פון זיינע קינדער? וואָס וועט פון זיי אַרויסקו־מען? זיי האָבן נישט קיין גלויבן און זיי האָבן נישט קיין גאָט. אין זייער בלוט האָבן זיי אַריינגעזויגן די פוסטקייט פון דער גאַס און דאָס פלאַכקייט פון דעם לאַנד. וואָרום האָט ער זיי קליינערהייט נישט געלערנט די דינים פון דער תורה? וואָרום האָט ער זיי נישט דערציילט די נסים פון דעם בורא? עס איז זיין אייגענע שולד, זיין אייגענע שולד. קיינמאָל וועט ער שוין נישט קענען אָפּוואַשן זיינע זינד. ער איז פונקט אַזוי ווי זיי געוואָרן פלאַך און פוסט און אַ גאָט־לעסטערער.

מרדכי עטינגער'ן טוט וויי דאָס האַרץ נאָך אַזאַ מין טאָג טראַכטן. נאָך גאָט צו דאַנקען, וואָס עס פאַלט צו דער אָוונט און עס קומט אַריין אלדר. אַלע אָוונט קומט אַריין אלדר מיט אַ באַריכט פון שאָפּ. אַזוי פיל און אַזוי פיל אַריינגענומען, און אַזוי פיל און אַזוי פיל אַרויסגעשיקט. אַלץ אַרבעט רעגלמעסיק. מרדכי עטינגער מעג רואיק זיצן אין דער היים נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג. טראַנספּאָרטן גייען און קומען. אלדר'ס אויגן שיינען. ביידע טרינקען טיי, ביידע שמועסן זיי. מרדכי עטינ־גער רופט זיך פּלוצלונג אָן:

— און וואָס קען איך שוין איצט טאָן? מיט וועמען זאָל איך טיילן מיין פרייד?

אין צימער איז ליכטיק און שטיל. עטינגער זיצט האַלב אָנ־געלעגט אין דעם ווייכן בעט צו־קאָפּנס הויבט זיך אויף אַ הויכע וואַנט, פון דעם טונקעלען, ביר־קאָליר „מאַהאָגאַני" בעט. גאָר אויבן איז דאָס בעט־וואַנט שוין איינגאַנצן טונקל און פאַרענדיגט זיך מיט געשניצטע פיגורן. ביי דער זייט פון בעט, אויפ'ן דיל ליגט אַ פעל פון אַ ווייסן בער. אויף דער פעל שטייט אלדר'ס שטול. אלדר וואַרעמט זיינע פיס אויף דער בערן־פעל.

— איך בין איצט מונטער, — זאָגט עטינגער, — בלויז ביי טאָג האָב איך געטראַכט שווערע מחשבות. איצט בין איך מונ־טער. ווי נאָך אַ שווערע קריינק פיל איך אַ לייכטקייט אין מיין האַרצן. איך זע שוין איצט, אלדר, קלאָר דעם וועג, וואָס איז מיר אָנגעצייכנט. גליק און גליק און גליק. אָבער ווען איך

דערמאָן זיך אין מיין איינזאַמען לעבן, אין דער פּרעמדקייט פון מיין שטוב, אין דעם באַדנלאָזן פון מיין שטוב, טוט מיר ווי מיין האַרץ. עס איז אַ שטוב אָן אַ גאָט, מיין פריינט; אַ שטוב אָן אַ גלויבן. איך האָב געמיינט, איך וועל זיין בכח מיט מיין אָטעם אַריינצובלאָזן אין דער דאָזיקער הויז דעם גאָט פון מיינע אבות, אָבער איך האָב קיין כח נישט.

מען האָט שוין אַריינגעבראַכט טיי. ביידע שמועסן שוין פון געשעפט.

— האָסטו געזען די נייע הויז? — פרעגט עטינגער.

— מען וויל שוין אומקערן פּופּציק טויזנט פּראָפיט, — זאָגט אלדד.

— נו, מיר'ן עס לאָזן, — ענטפערט עטינגער.

— ס'אַרע בנין, — זאָגט אלדד.

— אַ פיינער בנין, — ענטפערט עטינגער.

דורך די אַלע אָוונטן, וואָס מרדכי עטינגער מיט אלדד'ן זיינען ביידע געזעסן און געשמועסט אַלערליי שמועסן, פלעגט זיך פרוי עטינגער אַלע מאָל אונטער'גנב'ענען אונטער דער טיר, און זיך צוהערן מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ צו זייערע רייד. זי האָט אַלע אָוונט געמיינט, אַז אָט־אָט וועט זי הערן די רייד, וואָס זי איז געווען אַזוי נייגעריק צו הערן — עטינגער זאָל איבעררריידן מיט אלדד'ן וועגן אסתר'ן, און עס זאָל ווערן אַ שידוך.

אָבער יעדעס מאָל, וואָס זי האָט צוגעלייגט איר אויער צום שליסל־לאָך, האָט זי בלויז געהערט היציקע וויכוחים, אַלץ וועגן פרעמדע זאַכן, אפילו נישט וועגן „ביזנעס". עס זיינען אַלץ געווען אַזוינע רייד וואָס זי האָט נישט פאַרשטאַנען, און אַזוינע רייד, וואָס זיינען איר נישט אָנגעגאַנגען. און זי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ שטילן כעס אויף עטינגער'ן.

„די עלטערן זיינען אַליין שולדיק" — האָט זי איינמאָל אויפגעכאַפּט אלדד'ס רייד, אַזוי ווי זיין טבע איז געווען צו ריידן מיט די שאַרפע „ריש'ן" און מיט קלאָרקייט אין קול, — „קינדער ווערן דאָ דערצויגן פאַרשווענדעריש. מען גיט זיי צופיל נאָך. מען טאָר נישט אַזוי".

האָט זי דעמאָלט מיטאַמאָל געגעבן אַ עפן די טיר. איבער

איר הארץ האט זיך צושפרייט א געפיל פון מוטיקייט, א מוטיקע האט זי באשלאסן, אז זי איז א מוטער, און אז א מוטער האט אויך א דעה, און אז זי מעג אויך אריינזאגן א ווארט; און אז אויב מרדכי רעדט נישט מיט איט, וועט זי אליין ריידן — וואס איז, זי האט קיין מויל נישט! און זי איז אזוי האסטיק אריין אין צימער.

נאר ווען זי איז נאר אריבער די שוועל, האט זי זיך גלייך צוריק פארלוירן, און איר האט אפגענומען דאס לשון. זי האט זיך פארשעמט פאר זיך אליין און זיך געמאכט גלייך ווי זי זוכט עפעס. און גלייך ווי זי זאל געפינען דאס, וואס זי זוכט, האט זי זיך אוועקגעזעצט ביים אפענעם שראנק און זי איז אזוי געבליבן זיצן האלטנדיק אין אירע צעשפרייטע הענט א ווייס שטיק לייוונט, גלייך זי זאל מורא האבן צו פארלירן די מאס.

די צוויי מענער האבן אפילו ניט געהערט איר אריינקומען.

— איז דאך שוין אונזער גורל אזא, — האט עטינגער מיט א טאן פון רעזיגנאציע געזאגט, — און שוין צייט מיר זאלן זיך דערצו צוגעוואוינען.

— מיר פארקריכן צו ווייט, פעטער, — האט אלדד שוין אנ־געהויבן שמייכלען, — פון אונזערע רייד וועט גארנישט ארויס־קומען. וואס האט אייך בעסער געזאגט דער דאקטער?

— איך מיין, ער זאל נאך זיצן אין הויז א פאר טעג, — האט זיך פון ווינקל אנגערופן פרוי עטינגער.

אלדד, וועלכער האט זי די גאנצע צייט נישט באמערקט, האט זיך אומגעקערט מיט'ן שטול.

— ניין, איך וועל מארגן איה"ש אריינגיין אין שאפ אריין, — האט געענטפערט עטינגער.

— ווערסט נישט גיין — האט געזאגט עטעל.

ווען אלדד איז ארויס פון דעם צימער, איז מרדכי עטינגער אראפ פון דעם בעט, זיך דורכגעשפאנט איבער די גרויסע חדרים. זיין הויכער קערפער איז איצט געווען איינגעבויגן און אפגע־שוואכט. פון דעם ברייטן ארבל פון זיין הויז־ראק האט זיך ארויס־געזען זיין קלארע ווייסע האנט. די האנט איז געווען פונקט אזוי קלאר און ווייס און אויסגעפילט ביז אראפ צו די שפיץ פינגער. מיט אן אינערלאכן דרך ארץ און קלוגשאפט האט געשלאגן פון

זיין פנים. באַלעבאַטיש און פּאַרזיכטיק האָט ער איצט באַקוקט זיין הויז, דאָס נייע מעבל זיינס און די נייע טאַפּעטן אויף די ווענט. ער האָט באַטאַפּט די ווענט און מיט'ן אַרבל אָפּגעווישט אַביסעלע שטויב, וואָס אים האָט זיך געדוכט, איז געלעגן אויף דעם דיקן גלאָז פון אַ טיי־טישל.

— זע, איך בעט דיך. — האָט אים איין מיטן טעטל אָפּגע־שטעלט און זיך אָנגערופן, — איך בין געווען זיכער, אַז דו וועסט מיט אים ריידן.

מרדכי עטינגער האָט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט, און ער האָט גלייך איבערגעשלאָגן אירע רייד:

— איך בעט דיך, טעטל, רעד צו מיר ניט דערפון.

מען האָט טאַקי שוין ניט גערעדט דערפון. אָבער די ווענט און דאָס מעבל און די לאָמפּן אין דער שטוב האָבן שוין געהערט, וואָס ביידע האָבן נישט געזאָגט. מרדכי עטינגער איז געווען רויט און אינערלאַך אויפגערעגט. טעטל'ס וויעס האָבן געצוקט און זיך געבראָכן צום וויינען. אין איר מוח האָבן זיך געמאָלן משונה'דיקע בילדער.

— עס טאָר ווייטער אַזוי נישט גיין — דו ביזט אַ טאַטע! דו מוזט זען זי זאָל צו עפּעס אַ תכלית קומען. ווער וויים וואָס עס קאָן, חלילה, מיט איר געשען.

מרדכי עטינגער'ן האָבן זיך אַליין געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— און וואָס קען איך העלפן? — האָט ער אַ צובראָכענער געזאָגט, — די קינדער זיינען שוין נישט אונטער מיין רשות. לאָמיר ביידע גאָט בעטן.

ביידע זיינען שטילע אַריין אין זייער שלאָפצימער.

„דזשעז״

1

עס איז שוין געווען עלף א־זייגער אין דער פרי, ווען אסתר האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

פון די זון־שטראַלן, וואָס האָבן זיך איצט געשפּילט מיט׳ן ברעג קאָלדרע ביי אירע פיס, און מיט׳ן דושנעקייט אין דעם שלאָף־צימער, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עס איז שוין ניט פרי; פונדעסט־וועגן האָט זי זיך נישט געאיילט, האָט פויל געצויגן די וואַרעמע גלידער איבער׳ן ווייכן מאַטראַץ, זיך נאָכאַמאָל איינגעקנוילט אין דעם שמעקעדיקן, פריש־געמאַגליעוועטן ליילאַך, און צוריק גע־פּרובט פאַרמאַכן די אויגן.

נאָר פּלוצים האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע, האָט אַראָפּגעשטעלט די אויסגעוואַרעמטע ווייסע פיס אויף אַ געשטרפּ־טען טיגער און אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ יאַפּאַנעזיש־זיידענעם מאָרגן־ראָק.

אַרויס פון בעט, און אין דעם גראַמן פרייען צימער, האָט אסתר דערפילט אַ פרישקייט אין אירע גלידער. פון די צוויי אָפענע פענסטער, וואָס זיינען אַרויסגעקומען אין ברייטן סאַד אריין, האָט געבלאָזן אַ פרישער ווינד גלייך אין איר פּנים אריין, אויף אירע האָר און אויף די נאַקעטע פּלייצעס. זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ ווייכן וויגשטול, זיך אַרומגעלייגט מיט זיידענע קישנס, און מיט אַ פרישן פרי־מאָרגנדיקן שמייכל האָט זי אָנגעהויבן טראַכ־טען פון דעם נעכטיקן אָוונט.

דער נעכטיקער אָוונט איז פאַר אירע אויגן געשטאַנען ווי אַ פאַרשלייערטער חלום. עפּעס האָט זי יאָ געדיינקט דעם אָוונט, און עפּעס האָט זי נישט געדיינקט דעם אָוונט, און דאָס, וואָס זי האָט נישט געדיינקט, איז נאָך ליבער געווען, ווייל זי האָט געקענט צו דעם צוגעבן איר אייגענע פאַנטאַזיע און איר אייגענעם פאַרלאַנג, און פונקט ווי אין קינאָמאַטאָגראַף, אַזוי

האט זי פון איר מוח ארויס אויפגעוויקלט איין בילד נאכ'ן אנ־דערן: אט איז די הויז פון די הארוויים, עס קומט אריין דער „ליטל דזשאן" — דזשאן אפענהיימער; אט צעוויקלט זיך שוין א שמועס, און באלד טאנצט מען שוין צוזאמען; דזשאן שטופט גרויסע שטיקער טשאקאלאד צו איר אין מויל אריין; ער נעמט זי אויפ'ן שויס, זיינע קני בריען, זיין פנים, ווען ער לייגט עס צו צו אירן, ברענט ווי א צוגליטע שטיק אייזן, און נאכהער אין דעם מאשין... עס פליען גאסן, עס שימערן עלעקטריישע לאמפן, אנטקעגן קומענדיקע אטאמאבילן פליען פארביי ווי א בליץ — ז־ז־ז־יט, און אט זיינען שוין טונקל־באַ־לויכטענע און אפגעטיילט־צעווארפענע גאסן — א ברייט, פוסט פעלד, א יונג טונקעלער וואלד — עס שטייט שוין די מאשין —

אסתר פארשעמט זיך; זי האט מורא די שטוביקע זאלן נישט אויפכאפן אירע געדאנקען; זי גייט צו צום פענסטער און פארציט דעם פארהאנג און דערנאך טראגט זי צוריק דעם ווארעמען אנגעלאדענעם קערפער אין דעם ווייכן ווינגשטול אריין.

דער ווייכער ווינגשטול אין מרדכי עטינגער'ס הויז איז שוין איצט א נייער; און ניי און אנדערש זיינען די פארטיערן. עס זיינען אויך ניי די בעטן און ניי זיינען די ווענט. זינט מרדכי עטינגער האט זיך אריבערגעקליבן אין דער נייער דירה, האט מען אלץ אין שטוב איבערגעביטן. אלץ בלאנקט און שפיגלט אין נייקייט; יעדער איינער לעבט שוין איצט באזונדער, און יעדער איז זיך צעווארפן אין א באזונדער פליגל פו ןדער נייער הויז. מרדכי עטינגער און זיין ווייב עטעל וואוינען אין דעם פליגל, וואס שטייט נעענטער צום גאס, און קומט ארויס מיט'ן פנים צו מזרח זייט, דארט וואו עס גייט אויף די זון; די קינדער'ס צימערן זיינען אין צווייטן פליגל, טיפער אין הויף אריין, מיט די פענסטער אין גרויסן סאד אריין, דארט וואו עס זיינען דא די בלומען־בייטן און דער גוט־איינגעפרעסטער „טענים־קארד" און דער שטאל פאר די אטאמאבילן.

טיף אריינגעקוקט פון גאס, אפגעשלאסן מיט אייזערנע שטאכעטן און מיט א שפיציק־גרינעם טויער, איז די הויז איינ־געוויקלט אין קריכעדיקן ווייינריב. פון דעם גרינעם ארויס, בלאנ־קען די בלוי־גלאנציקע שויבן פון די גרויסע פענסטער מיט א

גדלות׳דיקן אַנזאָג פון דער אינעווייניקסטער רייכקייט. עס דוכט זיך, ווי פון אונטער די פּאַרהאַקטע פענסטער מיט די שווערע גאַרדינעז, קוקט אַרויס אַ געהיימניספולער סוד — אַט־אַ־דאָ און דאָ שלאָפט דער איד, אַט־אַ־דאָ און דאָ דאַוונט ער, און דאָ גייט ער אַרום אַ מיד־צעבראָכענער און וואונדערט זיך, וואָס וועט פון אים ווערן?

די הויז שטייט אין סאַמע מיטן פון אַ גרויס שטיק גרין לאַנד, אין דער פאָרמע פון אַ „חית" און זי פאַרנעמט אַ גאַנץ היבשן שטח, און יעדער פליגל איז זיך באַזונדער איינגעריכט מיט די נייעסטע באַקוועמלאַכקייטן: מיט באַזונדערע באַדצימערן, שפּילצימערן און אויפנאַמסצימערן, אַזוי אַז איינער מיט׳ן צווייטן — די עלטערן מיט די קינדער און די קינדער מיט די קינדער — קענען זיך לעבן באַזונדער, און אָפּגעטיילט און איינער זאָל אַפילו נישט וויסן פון דעם צווייטן.

ווען אסתר איז אַזוי פאַר אַ לאַנגער צייט געזעסן און גע׳חלום׳ט און געטראַכט אַלערליי מעגלאַכע און אוממעגלאַכע מחשבות׳ן, האָט זי זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ הויב אויף. עס האָט זיך געדוכט, אַז אין איר פּלוצלומדיקן אויפהויבן זיך אין אַז איר אַריינגיין אין איר פּריוואַטן באַדצימער ליגט עפּעס באַהאַלטן אַ טיפער סוד — מיט אַזוי פיל כונה און אויפמערקזאַמקייט האָט זי זיך אָנגעהויבן דאָרטן אַרומפּאַרען.

— עמאַ! עמאַ! — האָט זי אָנגעהויבן רופן.

זי האָט נישט באַדאַרפט צו רופן. די וואַנע איז שוין געווען פון פריער אָן אָנגעגרייטע. בליסטשענדיקע טראָפּנס וואַסער, וואָס האָבן נאָך געטריפט פון דעם קראַן, האָבן אויסגעזען ווי פּערל. אסתר האָט זיך אַריינגעזעצט אין וואַנע, מיט די הענט געפּלעסקעט אין דעם וואַסער און גלייך ווי זי זאָל זיין אַ געליימטע, האָט זי אַליין גאָרנישט געקענט טאָן.

— אַט־דאָרטן איז עפּעס אַ פּריסטשיקל, עמאַ, — האָט זי אָנגעוויזן אַ פינטל אויף דער פּלייצע, — קראַץ עס אַראָפּ, אָבער זיי פאָרזיכטיק.

דערנאָך האָט איר עמאַ פאַרבונדן די האָר מיט אַ גומי, זי אַנידערגעשטעלט אין דעם גלעזערנעם חדר אונטער דעם שפּריצער און געלאָזט אויף איר לויפן קאַלט וואַסער.

זי האָט געקוויטשעט און זיך געוואָרפן און געשריען אויף עמאַ'ן. אסתר האָט זיך שוין אויסגעלערנט אַלע שטיק פון די נאַר רייכע. זי האָט זיך געוואָלט דערמיט שפּעטער באַרימען. עפּעס דעגענערירטעס איז שוין געלעגן אין איר בלוט. זי האָט געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון דעם, וואָס זי האָט דאָס דינסט־מיידל געפּייניגט.

— נאַ, אָט האָסטו דיר, — האָט זי מיטאַמאָל געגעבן אַ דריי אויס דעם שפּריצער גלייך אויף עמאַ'ס פּנים און אויף אירע קליידער — נאַ, און וויים. און זי איז אַ דערצאָרנטע אַריין אין דעם צווייטן דערבייאיקן חדר'ל.

דאָס דאָזיקע חדרל איז געווען אינגאַנצן פון ווייסע, גלאַנציקע שטיינדלאַך: דער דיל און די ווענט און די סטעליע האָבן געבלענדט אין אַ גלאַנציקער ווייסקייט. איין זייט וואַנט איז געווען אינגאַנצן באַדעקט מיט שפּיגלען. אַן אַנגענעמע וואַרעמקייט איז געווען צעשפּרייט איבער דעם חדר; אין קליינע פאַרמאַכטע שאַפּקעלאַך זיינען געווען אויסגעשטעלט אַלערליי סלאָיעקעס מיט פאַרשידענע זאַלבן, עלעקטרישע אינסטרומענטן. אסתר איז געבליבן אַזוי שטיין אַ נאַקעטע; די קורצע פורעמלאָזע פיס זיינען פלאַך געלעגן איבער דעם דיל, אירע בריסט ווי צוויי ליידיקע טאָרבעס האָבן זיך געבאָמבלט אהער און אהין; איבער איר בויך איז געווען אויסגעפּאָלדעוועט אַ דיקע שטיק הויט, ווי אַרומגענומען מיט אַ שטריק; שוואַרצע פאַרקאַלטענטע פלעקן זיינען געווען צעוואָרפן איבער איר לייב. זי האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, האָט זיך געוואָלט אויסציען, העכער ווי זי איז אין אמת'ן, האָט אויפגעהויבן הויך אירע האָר און האָט זיך אָנגעהויבן שמירן מיט אַלערליי שמיראַכצן — נשט־קשה, — האָט זי געטראַכט, — מיט די אַלע פיינע זאַלבן וועט זי איר הויט אויסגלעטן און גלאַט מאַכן.

זי האָט זיך אַזוי פון עמאַ'ן געלאָזט איינרייבן די פּלייצע און די פיס און די הענט. אַליין האָט זי באַשמירט איר פּנים; מיט צוויי פינגער האָט זי געצויגן איר הויט אַרום איר נאָז אויף אַרונטער; צווישן די פינגער פון אירע פיס האָט זי אַנגעשאָטן פּודער; אויף אירע האָר און אונטער די אָרעמס אַנגעגאָסן פּאַרפיום; צום סוף האָט זי זיך אַנגעטאָן אינגאַנצן אין זיידנס:

מיט א העל־גרין „קאנטאן־קרייפ“ קלייד; פון דעם העל־גרי־
נעם קאליר האט זיך איר פנים פארלוירן אין א קאלירלאזן גרוי;
די האר פון איר קאפ האבן זיך אין דעם גרין אפגעשלאגן אין אן
אש־קאליר, און דאס האט נאך שארפער ארויסגעשטופט די צוויי
שפיציקע קינבאקן, וואס האבן זיך געצויגן ביז׳ן די אויגן, און
זי האט אויסגעזען א סך עלטער, ווי זי איז אין אמת׳ן געווען.

— דאנקען גאט, — דאנקט עמא אין דער שטיל דעם
רבונו־של־עולם, — אבי זי זיצט שוין אין עסצימער.

— שמעקט אייך היינט דאס עסן? — פרובט עמא זי
חנפ׳ענען.

עס שמעקט דאס עסן; אסתר האט א גוטן אפעטיט.
זי איז היינט אויפגעלייגט, גארנישט ווי געווינלאך פארפיערט
זי מיט עמא׳ן א שמועס:

— היינט גיי איך צו מיין „דרעסמייקער“, — זאגט זי.

— עס פאסט אייך טאקי דאס דאזיקע קלייד, — ענט־
פערט עמא.

— כ׳האב זיך אפילו נישט אומגעקוקט, וואס איך ווארף
ארויף אויף זיך, — קאקעטירט אסתר.

— העל־גרין איז אייער קאליר, — דרייט עמא מיט דער צונג.

— איק גלויב קוים.

— „נעווער מיי“, — זאגט שוין עמא האלב אין אידיש
און האלב אין ענגליש און אינגאנצן פול מיט חניפה. — „נע־
ווער מיי“, די מים ווייסט שוין גאר „וואט איז ביוטיפול“.

עמא איז צוגעקומען גאר נאענט צו אסתר׳ן; זי האט
נעדרייט מיט דער צונג, ווי א הונט דרייט מיט דעם עק, און
האט אנגעטאפט די סחורה.

— אי, אי, אי, מן הסתם געקויפט ביי וואנאמייקער׳ס, —
צי אפשר געבראכט פון „יוראפ“, ווער קען וויסן עס קוקט אויס
ווי פון יוראפ.

אסתר האקט איבער אינמיטן דעם שמועס.

— איז שוין בעקי געווען דא? — פרעגט זי.

— שוין אפשר צוויי שעה זינט זי איז אוועקגעפארן —
ענטפערט עמא — דאס מיידל איז משוגע פאר׳ן אטאמאביל.

— אוועקגעפאָרן? — בלייבט אסתר שטעקן מיט'ן ביסן אין מויל, — וועלכן אטאמאביל האָט זי גענומען?

— פרעגט מיך בחרם, דאַכט זיך דעם ברוינעם.

— דעם ברוינעם! — און אסתר איז שוין איננאַנצן אויפֿגערעגט. — „אַל בעט יו" זי האָט גענומען מײַן קאַר.

אסתר'ס קינבאַקן ווערן שפּיציק. מיט ביידע הענט שטופּט זי אַרונטער דעם איינגעצויגענעם קאָרסעט. זי מאַכט אַ פּנים גלײַך ווי זי זאָל זיך וואַרגן.

— „ווייט אַ מינוט, ווייט אַ מינוט", — כאַפּט זיך שוין עמאַ צוריק, — דאַכט זיך דעם רויטן, פרעגט מיך בחרם...

— צי קענסטו נישט דערקענען אַ קאָליר! — שרייט שוין אסתר אינגאַנצן אין צאָרן — ס'אָר שטיק פלייש דאָס איז.

עמאַ איז צושראָקן און פאַרלוירן. זי פּלאָנטערט מיט דער צונג און פּרובט זי באַרואיקן:

— יאָ, יאָ, — זאָגט זי, — דעם רויטן. אַז מען קען דען דערקענען אַ קאָליר? אַנטקעגן דער זון שײַנען זיי אַלע פּונקט ווי גאָלד, ווער קען דען ווּיסן אַ חילוק.

עמאַ איז שטיל אַרוים און קומט באַלד צוריק מיט קאַפּע און לאַטקעס.

— איך וויל נישט קיין לאַטקעס! — שרייט אסתר, — איך בין שוין אַזוי אויך גענוג דיק. איך וויל פאַרלירן אין וואָג. דענקסטו נישט, עמאַ, אַז איך ווער דינער?

אסתר איז געוואָרן מילדער, זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט. די האַנט איז געווען אַ קיילאַכדיק-פּעטע, מיט שפּיציקע ווייסע נעגל; די פינגער זײַנען געווען דיקע און ווי צונעקלעפּטע איינע צו די אַנדערע.

— בין איך נישט דאַרער געוואָרן? — פרעגט זי ווידער אַמאָל.

— אַ סך דאַרער, — ענטפערט עמאַ.

אסתר איז שוין צופרידן; אַ זאַטע און אַ צופרידענע זיצט זי אויפ'ן שטול און וויגט מיט די קורצע פיס אין דער לופטן.

— הוידעט מיט ביידע פיס, מיס אסתר, — זאָגט עמאַ,

— אז מען האָט טאַטע־מאַמע דאַרף מען הוידען מיט ביידע פּיס.

!

— הער, עמאַ ! — האָט אסתּר געזאָגט. זי האָט זיך אָפּגערוקט צוזאַמען מיט׳ן שטול ביז׳ן מיטן צימער; פון צווישן די שווערע גאַרדינען, דאָרט וואו זיי זיינען געווען אַביסל צונעמען, האָט אַריינגעשיינט די מאָרגן זון. אסתּר האָט איינגענורעט דעם קליינעם קערפּער אין דעם שטול; אירע פּיס האָבן זיך ווייטער אַזוי געשאָקלט אין דער לופטן, — הער, עמאַ, האָסטו אַמאָל ליב געהאַט?

עמאַ האָט צוערשט נישט פאַרשטאַנען וואָס זי רעדט. אויף אַזאַ נאָענטער פראַגע פון אסתּר׳ן וואָלט זי זיך קיינמאָל נישט געריכט, און דערפאַר האָט זי טאַקי נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. עס האָט זי אָבער געלאַקט דאָס צוגעלאָזנקייט פון דעם באַלעבאַס טאָכטער; זי האָט גלייך פאַרגעסן אסתּר׳ס פריערדיקן כעס און די באַליידיקונג, און זי האָט געטראַכט ביי זיך אין האַרצן, אַז זי איז שוין גלייך ווי אַן אייגענע, פּונקט ווי איינע פון מרדכי עטינגער׳ס קינדער, און אַז דערפאַר רעכנט מען זיך מיט איר און מען פרעגט זי אינטימע פראַגען, און אַז וואָס זי וויל, קען זי ענטפערן. האָט זי טאַקי געענטפערט אַזוי־אַ, מיט אַ ברייט צולייגט שמייכעלע, גלייך ווי עמיצער וואָלט זי געקיצלט אונטער׳ן לעפעלע:

— וואָס פאַלט אייך איין אין מיטן פרימאָרגן? — כי־כי־כי, אַז די מים ווייסט שוין נישט וואָס אויסצוטראַכטן.

— אָבער קענסט דאָך מיר ענטפערן, — האָט אסתּר נאָכאַמאָל געפרעגט, — האָסטו אַמאָל געליבט?

עמאַ האָט זיך געגוידערט און זיך באַלעקט מיט דער צונג.

— כי־כי־כי, וואָס הייסט צי איך האָב אַמאָל געליבט, וואָס מיינט איר, אַז מיר זיינען שוין קיין מענטשן נישט? — און מיט אַ טרויעריק פּנים האָט זי באַלד געביטן איר קול. — אָבער ווי קען איך איצט טראַכטן, אַז עמיצער זאָל פאַר מיר „קערען" אַז איך בין...

— איך מיין נישט דאָס, — זאָגט אסתר, — איך מיין צי דו האָסט געליבט... געליבט... פאַרשטייסטו ? ? ?

עמאַ האָט זיך פאַרלוירן. אַ רויטע פאַרב האָט באַדעקט אירע ליפּן. זי איז שוין אַליין געוועזן ווייט איבער דרייסיק. איר הויכער צעשוואָומענער בוזעם האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, אירע הענט און אירע פּיס האָבן אָנגעהויבן צו שוויצן. אַ דרייסטע איז זי פּלוצים צוגעגאַנגען נאָענט צו אסתר׳ן, אַרויפגעלייגט אירע ביידע הענט אויף אסתר׳ס בריסט און זי אָנגעהויבן צו קיצלען : — עס קלאַפּט דאָס הערצעלע, וואָס ? ? ?

איבער אסתר׳ס האַרץ איז דורכגעלאָפן אַ ציטער. עמאַ׳ס הענט אויף אירע בריסט האָבן געבריט ; אַ היץ האָט אַ זעץ געטאָן אין איר פּנים אַריין ; אירע אויגן זיינען געוואָרן נאַס, איבער׳ן גאַנצן לייב האָט זי אָנגעהויבן צו שטעכן גלייך ווי עמיצער וואָלט אין איר אַריינגעשטאָכן טויזנט קליינע שפּילקעס. זי האָט פאַרמאַכט אירע אויגן. בולט׳ער ווי אין גאַנצן פריימאָרגן איז פאַר איר איצט געשטאַנען דזשאָן. זי האָט געזען זיינע ציטערנדיקע הענט, זי האָט געפילט זיין הייס מויל. וואַנזיניק האָט זי מיטאַמאָל געגעבן אַ שלעפּ צו עמאַ׳ן צו זיך, מיט עמאַ׳ס הענט געדריקט אירע אייגענע בריסט, און אַראָפּלאָזנדיק זיך אויפ׳ן דיוואַן איז זי אַזוי אַ האַלב פאַר׳חלש׳טע געבליבן ליגן.

פיינינגנדיקע מינוטן. פאַר די אויגן טאַנצן גרינע פייערלאַך. די אָדערן זיינען אָנגעצויגן און טרייבן שנעל רויט בלוט. מיט אַ קול, ווי פון אונטער דער ערד, אַ שוואַכס און אַ קוצאָטעמדיק־אָפּגעהאַקטס, האָט זי שטיל געזאָגט :

— איך האָב אים ליב, עמאַ, ווי מיין אייגן לעבן האָב איך אים ליב. אפשר וועט ער היינט אויך קומען צו מיר. עס איז געווען אַזאַ שטילע נאַכט... איז וואַלד איז געווען פינסטער... איך האָב פון זיך געריסן מיין קלייד...

אסתר האָט זיך צעוויינט. זי איז כמעט געוואָרן היסטעריש. איר גאַנצע פריערדיקע פרייד האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ גיס אויס. אַט אַזוי־אַ, אין איין מינוט אַ גיס אויס, און איצט איז שוין פאַר אירע אויגן געשטאַנען אַ צופּאַטלטע גרויע שרעק, אַ פאַלשער גרויער פאַרוק איבער אַ יונג בלאַס פּנים.

א גרויס צעעפנט מויל, האט ווי דורך א קאם געצויגן. מיט א פיסטשעדיק קעציש קול. אסתר האט זיך אויפגעהויבן; מיט ביידע הענט האט זי פארשטעלט די אויערן גלייך ווי זי זאל ניט וועלן הערן וואס מען רעדט צו איר. זי איז געלאפן איבער'ן צימער, ווילד, צוטראגן, צוקנדיק מיט די אקסלען:

— גאט מיינער, גאט מיינער, וואס וועט איצטער זיין — וואס וועט איצטער זיין — וואס האב איך געטאן... וואו איז געווען מיין קאפ — — —

זי האט געפילט, ווי זי שטייט ביי אן אפענעם קבר; עמי־צער ווארפט זי אריין אין דעם אפענעם קבר און מען שיט אויף איר לאפעטעס שווערע נאסע ערד. זי ווערט אלץ מער און מער פארשאטן — אלץ איז שוין פארפאלן — גארנישט קען מען צוריקכאפן.

ווען אסתר איז אביסל געקומען צו זיך, האט זי געזען, ווי עמא ליגט, ווי א הונט, אין ווינקל ביים בעט און וויינט מיט ביטערע טרערן. זי איז צו איר צוגעגאנגען, זי אויפגעהויבן, און מיט צארטקייט אין קול געזאגט:

— נו, נעמט זיך נישט אזוי צום הארצן, ווי אזוי נישט איז דארף מען זיך פון דעם ארויסדרייען.

— עס זאל זיך כאטש אויסלאזן צום גוטן, גאט אין הימל, — האט עמא שוין אינגאנצן פריי און מיט א הויך גע־וויין ארויסגעפלאצט, — עס זאל זיך כאטש אויסלאזן צום גוטן.

— נו, וויין נישט — זאגט אסתר.

— גוט צו זאגן — וויין נישט, — ענטפערט עמא.

אין א וויילע ארום ווערן ביידע אנטשוויגן.

א שטילע פיין. ביידע זיצן אין זיך פארטראכט. מיט־אמאל הויבט עמא אויף איר קאפ.

— איך האב א גוט מיטל, — זאגט זי.

אסתר איז געווארן בלאס.

— א שיקסע ביי אונז אין דארף האט אויסגעטרונקען א גאנץ גלאז מיט זאלץ־וואסער — רעדט ווייטער עמא.

אסתר שטייט שוין אינגאנצן אן אויסגעצויגענע; איר פנים ברענט אין כעס און אין צארן; פול מיט בזיון און חרטה

לויפט זי צו צו עמא'ן כאפט זי אן פאר'ן ארבל פון קלייד און הויבט עם אן צו רייסן.

— משוגענע! שטיק פלייש! — שרייט זי, — צי ווייסטו דען וואס מען רעדט צו דיר? דו ביזט דאך א משוגענע! א משוגענע! — מאמע! מאמע! עמא איז משוגע געווארן! שיק נאך אן אמבולאנס! די מויד וויל מיך קוילן! מאמע! מאמע!

אסתר איז אנטלאפן פון צימער.

שפעט נאך מיטאג איז אסתר נעגאנגען צו איר שניידער. אין קאפ האבן זיך געמוישט אלערליי געדאנקען. זי האט געטראכט פון דזשאנ'ען, פון עמא'ן און פון איר אייגן לעבן. איר הארץ איז געווען א פוסטע לאך, גלייך ווי עמיצער װאלט עפעס פון דארטן ארויסגעריסן. זי האט אינגאנצן געציטערט אין שרעק, און יעדעס מאל שפעקולירנדיק געטראכט צי וועט ער קומען, צי וועט ער נישט קומען.

— וואס וועט זי טאן אויב דזשאן וועט זי מער נישט באגעגענען? זי האט דאך שוין אנגענומען דאס געוואגטסטע מיטל אירס. אויב דזשאן וועט זי מער נישט באגעגענען, וועט זי זיך אראפווארפן פון דעם ברוקלין בריק. זי וועט אנשטעלן איר מאשין אין פולן גאלאפ און וועט אזוי אריינפליען אין א טעלעגראף־סלופ. זי וועט שוין היינט ניט אהיים־גיין — ווי קען זי היינט א היים־גיין און זיך ווייזן אלעמען פאר די אויגן? און פאר עמא'ן? זי האט אליין נישט געוואוסט, וואס זי האט גערעדט פאר עמא'ן. אסתר האט נישט געדענקט איין ווארט, וואס זי האט איר געזאגט. אבער זי האט געוואוסט, אז עפעס שטעכיקעס קלעפט זיך צו איר לייב. עמא'ן דארף מען ארויסווארפן. נאך היינט מוז זי די מאמע אוועקשיקן. עמא איז א נבלה, עמא איז משוגע.

זי איז אזוי פאוואליע און נישט־פאוואליע פארגאנגען צום שניידער. אין דעם טונקל־באלויכטענעם „פארלאר“ זיצן שוין א פאר פרויען אוןווארטן אין זייער רייע. אסתר גריסט זיך מיט קיינעם נישט. זי גייט צו צום שפיגל און דערשרעקט זיך פאר זיך אליין. איר פנים איז געל און מיד; אירע אויגן ווי ביי

א מת, טויטע. זי כאַפּט אויף שנעל אַרוים פון דעם טאַש אַלער־
ליי שמיראַכצן און פאַרב — רויטע און שוואַרצע; זי הויבט
אָן שמירן אירע ליפּן, די וויעס פון די אויגן באַשמירט זי מיט
שוואַרצער פאַרב, אויף דער נאָז שיט זי אָן פּוידער; זי גייט
אַריין צום שניידער. דער שניידער פרייט זיך מיט איר און
גריסט זי און האַלט אין איין פּלוידערן:

— מים עטינגער, נאַר־וואָס באַקומען פון פּאַריז זשורנאַלן,
— זאָגט ער.

אסתר קוקט אין די זשורנאַלן. זי וויל עפּעס אַזוינס, וואָס
זי אַליין ווייסט נישט וואָס זי וויל. עס דאַרף זיין געל און
גרין און רויט — זי ווייסט אַליין נישט וואָס עס דאַרף זיין.
און די באַפּוצונג דאַרף זיין פון גאָלד און פון זילבער און פון
„דזשעט", — זי ווייסט אַליין נישט פון וואָס דאָס דאַרף זיין.
ווי אַזוי קען זי דען וויסן וואָס עס דאַרף זיין, אַז זי האָט אַפילו
מיט דזשאַנען נישט גערעדט דערפון. דזשאַן! דזשאַן! אַלץ
וואָס זי טוט און טראַכט איז נאָר פון דזשאַנען. זי האָט נאָר
אים אין זינען. צוליב אים וויל זי דאָס א ניי קלייד — וואָס
וועט דזשאַן זאָגן? ווי אַזוי וועט עס אים געפעלן? האָט ער
ליב געל, צי האָט ער ליב גרין? האָט ער ליב מיט גאָלד באַ־
פּוצט, צי האָט ער ליב מיט זילבער באַפּוצט?

— צי האָט איר אמת'ע גאָלד פּוצונג? — פרעגט זי פּלו־
צים, — איך מיין אמת'ע פערצן קערעט גאָלד?

דער שניידער ווערט צוטומלט. אַזאַ קונד האָט ער נאָך נישט
באַגעגנט — צי איז דען דאָס דעם קיסר'ס א טאָכטער?

— נישט־קשה, — זאָגט אסתר, — שרעקט זיך נישט, —
קיין געלט איז נישט קיין אַפּהאַלט. איך וויל עפּעס אַזוינס,
וואָס קיינער האָט נישט.

דער שניידער שווייגט.

אסתר מעסט א קלייד נאָך א קלייד. זי בלעטערט א זשור־
נאַל נאָך א זשורנאַל. זי קאַרטשעט זיך אין פּיין און קען נישט
באַשליסן וואָס זי וויל. זי ווערט נערוועז און פאַרלירט איר
מאָס און טאַקט, און הויבט פּלוצים אָן שרייען אויפ'ן שניי־
דער: — א שוסטער זייט איר, נישט קיין שניידער! א שניי־
דער דאַרף וויסן, וואָס עס פּאַסט פאַר דעם און וואָס פאַר יענעם.

— זאָג איך דאָך אײַך, מיס עטינגער, — זאָגט דער שנײַ־דער, — אַז דאָס־אָ זאַמד־קאָליר שטיק סחורה באַפּוצט מיט הימל־בלויע שיפאָן וועט זײַן אַן אויסגעצייכנט קלייד.

— זאַמד קאָליר, זאַמד קאָליר, — קרימט זי זיך אים נאָך, — וואָס בין איך אַ באָבע! אַ שנײַדער זײַט איר, אַזוי ווי איך אַ רב, — גיט מיר רויט, גיט מיר געל, צי איירישגרין.

— מיט'ן גרעסטן פאַרגעניגן, — דרייט שוין דער שנײַ־דער מיט די ווײַבערשע וואַנצן, — ביי מיר איז דער אויסוואַל אַ גרויסער — וואָס אײַער האַרץ גלוסט, נעמט.

— וואָס מײַן האַרץ גלוסט! זאַמד־קאָליר גיט ער מיר. מויזן־גרוי וואָלט מיר שוין גיכער געפּאַסט.

דער שנײַדער האָט זי שוין ביי זיך אין האַרצן געשאָלטן. שטענדיק ווען זי קומט צו אים, דערגייט אים דאָס מיידל די יאָרן, און כאָטש ער איז שוין אַ שנײַדער פון אַזוי פיל יאָרן, און ווייסט שוין די ווײַבערשע קאַפּריזן, האָט ער אָבער נאָך אַזאַ קונה נישט באַגעגנט.

— פּרובט עס אויסשפּיליען, — זאָגט אסתּר, אָנווייזנדיק אויף אַ שטיק סחורה.

דער שנײַדער נעמט אַן אַ פול מויל מיט שפּילקעס, שטעלט זיך אויף די קני און הויבט אָן אויסדראַפּירן דאָס שטיק סחורה איבער אסתּר'ס לייב.

ער דרייט זי אַהער און דרייט זי אַהין. ווען אַלץ איז שוין פאַרטיג, פירט ער זי צו צום שפּיגל. נאָר אסתּר גיט בלויז איין קוק אין שפּיגל און אין איין מינוט האָט זי שוין אַראָפּגע־ריסן די' גאַנצע דראַפּירונג.

— ווי תּכריכים קוקט עס אויס, — זאָגט זי, — וואָס בין איך שוין געשטאָרבן?

דער שנײַדער ווערט בלאַס; מיט אַלע זײַנע כוחות האַלט ער זיך אײַן אין זײַן צאָרן. מיט אַן אָנגעשטרענגטער העפלעכ־קייט זאָגט ער:

— קיין בעסערער שנײַדער, מיס, ווי איך בין, בין איך נישט, און אויב איך געפעל נישט מײַן אַרבעט, טוט מיר זייער לייד.

אסתּר שטעלט אויף אים אַן אירע אויגן.

— וואָס מיינט איר? — פרעגט זי.

— איך מיין טאַקי דאָס, וואָס כ'האָב ערשט געזאָגט; בעסער ווי איך בין, בין איך נישט.

אסתר'ן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. באַלייזדיקונג און כעס האָבן געפרעסן איר לייב. אָט האָט זי דאָך שוין אַלץ פאַרלוירן, און זי האָט דאָך קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי זיך אַליין גיין איבערבעטן, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ שניידער מיט אַ גרויסן נאָמען.

דער שניידער האָט שוין דערנאָך מיט גוטע ריידעלאַך און מיט אַ ברייט צושפּרייט שמייכעלע פון איר געצאַפּט דאָס בלוט.

— דאָס, פריילין, איז אַ שיינס, — האָט ער צעצויגן זיין מויל מיט חניפה, — אַ יונגס; איך וויים אַז גרין איז נישט דער פריילינס קאָליר; זאָל נאָר דאָס פריילין אַלץ לאָזן צו מיר — מיט מיין געשמאַק רעכענען זיך די פיר הונדערט פון דער פינפטער עוועניו. ביי „איקסענען“ בין איך געווען צען יאָר דער ערשטער „דעזיינער“; אין אָדעס האָב איך גענייט פאַר'ן גענעראַל־גובערנאַטאָר; איר האָט מסתמא געהערט פון דעם שונא ישראל, דעם אָדעסער גענעראַל־גובערנאַטאָר! קיין איד האָט זיך אויף זיין שוועל נישט געטאָרט באַווייזן; זיינע בייזע הינט וואָלטן יעדן אידן אויף שטיקער צוריסן; אָבער ווען עס פלעגט אַריינקומען אָט־דאָס־אַ שניידערל, אַזוי ווי איר קוקט דאָס אַן, האָט מען געהאַלטן אין איין באַלעקן זיך מיט אים: — זאָל זיך דער „פאָרטנאָי“ נעמען עסן, זאָל דער „פאָרטנאָי“ זיין היימיש אין קיך — דער „פאָרטנאָי“ מעג נעמען וואָס זיין האַרץ גלוסט.

דער שניידער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן פון דיל; זיין מויל איז געווען פול מיט שפּילקעס. ער האָט געקוקט אסתר'ן גלייך אין פּנים אַריין, און מיט אַ צעצויגן שניידעריש שמייכעלע האָט ער געזאָגט:

— איך פרעג אַמאָל דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר — און אויב מיין האַרץ גלוסט צו פּאָליאַ'ן, ניט צו דעם, וואָס זי קאָכט, — כאַ־כאַ־כאַ.

— טי זשיד מאַשעניק“ — זאָגט ער.

עס איז שוין געווען שפּעט, ווען אסתר איז אַרויס פון שניי־

דער. זי האָט זיך נאָך לאַנג אַרומגעדרייט איבער די גאַסן. אַהיים קומענדיק, האָט זי מיט קיינעם נישט גערעדט. אין אָוונט, ווען עס איז געווען פינסטער, האָט זי געוויינט. ווען זי האָט געהערט בעקי'ן שפּילן אויף דער פּיאַנע, האָט עס זי געשטאָכן ווי מיט שפּיזן. איר האָט זיך איצט אויך גע־דוכט, אַז בעקי איז אין אַלץ שולדיק, אַז בעקי שטערט איר אין אַלעם, אַז בעקי שטייט איר אין וועג. און ווען עס איז גע־וואָרן שוין גאָר שפּעט אין אָוונט, איז אסתר שטילערהייט אַראָפּ די טרעפּ, פּאַוואָלינקע האָט זי זיך אַריינגעג'גנב'עט אין שטאָל אַריין. זי האָט אויפגעהויבן דעם מאָטאָר־צודעק פון בעקי'ס אָטאָמאָביל, שטילערהייט האָט זי פון דאָרטן אַרויסגענומען דאָס שטאָלענע בערשטל, וואָס רייבט זיך איבער'ן „דזשענירייטאָר". עס האָט נאָכהער גענומען מער ווי אַ האַלבן טאָג דעם מעכאַני־קער אויסצוגעפינען, אַז דאָרטן פעלט דאָס בערשטל, ווייל ווע־מען וואָלט דאָס געקענט איינפאַלן, אַז עמיצער זאָל אַרויסנעמען דאָס בערשטל פון אָטאָמאָביל. — עס האָט נאָך קיינמאָל נישט גע־טראָפן, אַז דאָס בערשטל זאָל אַליין אַרויספאַלן, — האָט דער מעכאַניקער געזאָגט.

— טאַקי אַ וואונדערלאַכע זאַך, — האָט געזאָגט בעקי.

2

...בעקי, בעקי — אַ וואונדערלאַכע זאַך — האָט געזאָגט בעקי. זי איז אַליין אַ וואונדערלאַכע... אירע גלאַנציק־שוואַרצע האָר זיינען נאָך שוואַרצער פון אַ קויל. אירע באַקן זיינען רויט און אַזוי אירע ליפּן. ווען בעקי רעדט, בלענדן אַנטקעגן די ווייסע קאַלעכענע ווענט אירע שטאַרקע, ווייסע ציין. בעקי איז שטאַרק, און זי שטייט אַזוי אַ שטאַרקע מיט ביידע פיס אויף דער ערד. דער גאַנצער דורות'דיקער יחוס פון מרדכי עטינגער'ס משפחה איז איבערגעגאַנגען אין בעקי'ס בלוט. אין איר בלוט רינט אויך דאָס פרייע, ברייטע, שטאָלצע אַמעריקאַנישע. איר הויט איז באַלעבאַטיש צאַרט, איר ווילן — שטאַרק און פריי, ווי פריי עס איז דאָס גאַנצע לאַנד, און די פּאָר יאָריקע השפּעה אַלדר'ס? העי! אַלדר'ס השפּעה!!!

בעקי איז נאַר־וואָס אריין פון איר טענלאַכן שפּאַציר. איר פּנים איז צופלאַמט און ווינטיק; צווישן אירע האָר ליגט באַ־האַלטן דער ריח פון פעלד און פון וואַלד, פון וואַנען זי איז ערשט געקומען. בעקי ציט אַראָפּ דעם ענג־געפּאַסטן ספּאָרט־מאַנטל, די שטייף־געפּאַסטע הענטשקעס, איר האַנט בלייבט אַ באַפּרייטע און אַ בלאַסע הענגען אין דער לופטן.

— „טעיק איט, עמאַ דיר“, — טראָגט זי אונטער אַלעס, דעם מאַנטל און דעם הוט און דעם האַנט־טאַש צו עמאַ'ן, — „פּליעז, טייק איט“ און זע צי עס איז דאָ עפּעס בריוו פאַר מיר.

די סטעליע איז געוואָרן נאָך העכער ווי זי איז; די ווענט ווייסער; אַ פּיל־קאַלירנדיק ליכט האָט אָנגעפּילט דאָס צי־מער; אַ קלינגענדיק, פרייליך, יונג קול האָט זיך צוקלינ־גען אין דעם הויכן רוים:

O, where did I see my boy,
The Tall and Slender Khaki boy
It was not in the field,
And t'was not in the lane
O, where did I see my boy.

עמאַ ברענגט אַרויף די בריוו.

בעקי קוקט איבער די קאָנווערטן. זי דערקענט פון וואַ־נען די בריוו קומען. די בריוו גיבן צו אַ וויכטיקייט צו בעקי'ס וועזן. עפּיס אַזאַ מין גרויס־מיידלישקייט, וואָס פּירט שוין אַ קאָרעספּאָנדענץ, וואָס שטייט שוין אין שידוכים. ברייט צעשפּרייט זעצט זי זיך אַוועק ביים טיש, מיט ווירדע צעלייגט זי די פאַרמאַכטע קאָנווערטן: איינעם אַהער, און איינעם אַהין. איין בריוו איז איר פרעמד. זי קען זיך נישט דערמאָנען, וועמעס האַנטשריפט דאָס איז. ליינט זי אָפּ דעם בריוו אינגאַנצן אַן אַ זייט. בעקי שפּילט זיך מיט איר נייגעריקייט. אויף צו להכעיס ווילֿ זי דעם בריוו נישט עפענען. און וואָס ווייטער זי שטופּט דעם בריוו אָפּ, אַלץ נייגעריקער ווערט זי, און וואָס נייגעריקער זי ווערט, אַלץ ווייטער שטופּט זי אים אָפּ. זי עפנט דעם בריוו פון ביטריסן און דערנאָך נעמט זי דעם בריוו פון וואַלטער'ן. וואַלטער'ס בריוו עפנט זי אפילו נישט, און

ווארפט אים אוועק. און אט איז א רעכענונג פון דעם שניי־דער. „דער שניידער לאזט זיך גוט באצאלן", — שמייכלט זי גוטמוטיק. זי נעמט ווידער דעם בריוו מיט דער אומבאקאנטער האנטשריפט און פרובט טרעפן אלערליי טרעפונגען, צי עס איז א מיידלשע האנטשרפים, צי עס איז גאר א מענערשע האנט־שריפט. זי גיט מיט איין מאל א רים אפ דעם קאנווערט, ווי א קינד, ווען עס דארף אראפשלינגען א ביטערע פיל.

עס איז געווען א בריוו פון אסתר׳ן.

בעקי איז געווארן צוטומלט. צוויי מאל און דריי מאל האט זי געקוקט, צוערשט אויף דעם אונטערשריפט, דערנאך אויף דעם אופן פון אדרעסירן, און ביידע מאל, צי אלע דריי מאל, האט זי פאר קיין פאל נישט געקענט זיך פארשטעלן, אז דאס איז די זעלבע האנטשריפט וואס זי זעט כמעט יעדן טאג און וועלכע זי קען אזוי גוט. — ווי אזוי האט זי נישט דערקענט די האנטשריפט? ווארום איז איר אפילו אויפ׳ן זינען נשט געקו־מען אסתר?

עס איז תמיד אזוי, אז מען דערקענט בלויז יענעם, וועמען מען זוכט, און וועמען מען וויל דערקענען; אלע אנדערע גע־זיכטער שוועבן בלויז אומזעבארע פאר די אויגן פארביי. אזוי איז אויך מיט א האנטשריפט. אסתר איז איר אפילו אויפ׳ן זינען נישט געקומען, ווען זי האט איבערגעקוקט די בריוו. זי האט נאך אלץ אירע אויגן נישט געגלויבט, אז דאס איז א בריוו פון אסתר׳ן.

ווען בעקי האט אנגעהויבן צו לעזן דעם בריוו, איז זי נאך מער צוטומלט געווארן. זי איז געווארן מער ווי צוטומלט. זי איז געווארן בלאס, פון אירע אויגן האבן אנגעהויבן גיסן טרערן; זי האט געלייענט אין דעם בריוו אזעלכע באליידיקטע רייד, וואס האבן זי אינגאנצן דערשלאגן, און זי האט אפילו נישט גע־האט קיין כוח אוועקצולייגן דעם בריוו.

אסתר האט געשריבן:

„דו שטייטס אזוי ווי א בייזער שאטן אין אלע מיינע וועגן. וואו איך קער זיך, און וואו איך גיי, וואקסטו אזוי ווי פון אונטער דער ערד אויס. איך וויים, אז אלע דיינע מעשים ויינען פריער אויסגערעכנטע. וואלטער׳ן האסטו ביי מיר צוגע־

נומען. זייט ער איז מיט דיר אַרויסגעפֿאָרן, גייט ער אַרום ווי אַ משוגענער. איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס אַזאַ מיידל ווי דו טוסט אונטער וועגנס. און וואָס פֿאַר אַ כּישוף האָסטו אים אָפּגעטאָן? זאָג מיר! לאָמיך אויך וויסן פֿון דיינע געהיימע מיטלען. אפשר האָסטו אַזוינע קרייטיכער צום פֿאַרקויפֿן? און וואָס מאַכסטו זיך נאַריש מיט דיין גרינעם? ציעסטו נישט, אַז ער וויל זיך אויף דיר אַפילו נישט אומקוקן?״

בעקי האָט געליִיענט און געליִיענט דעם בריוו. אפשר צען מאָל האָט זי איבערגעליִיענט דעם בריוו. יעדעס וואָרט האָט זי קלאָר און הויך אַרויסגערעדט. גלייך ווי אַ כּישוף וואָלט אין די ווערטער געלעגן, אַזוי האָט זי זיך פֿון די ווערטער נישט געקענט אָפּרייסן. גרויסע טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער אירע באַקן. זי האָט געפֿילט, ווי איר האַרץ ווערט אויף צווייען צובראָכן. פּונקט ווי אַ פֿאַרשטיינערטע איז זי געשטאַנען מיט׳ן בריוו אין האַנט און זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

ווען זי איז שפּעטער געקומען צו זיך, איז זי אַריינגעלאָפֿן צו זיך אין צימער. ביז אַרויף צו דער סטעליע זיינען געוועזן אַרויפֿגעצויגן די ראָלעטן. פֿאָסן זון האָבן זיך געשפּילט איבער׳ן דיל. אין מיטן צימער, אָפּגערוקט פֿון אַלע ווענט איז געשטאַנען דאָס בעט; ווייכע, טיפֿע דיוואַנען זיינען געוועזן צעוואָרפֿן איבערן גאַנצן צימער. בעקי האָט זיך אַזוי אַן אַנגעטאָנענע אַריינגעוואָרפֿן אין בעט אַריין, און גלייך, ווי אַ קוואַל, וואָלט זיך אין איר האַרצן געעפֿנט, אַזוי האָט זי געוויינט און געיאָמערט.

נאָך דעם דאָזיקן פֿאַל האָט זי פֿאַר אַ פֿאָר טעג אויסגעמיטן אַלעמען אין שטוב. זי האָט אויסגעמיטן אַלדר׳ן. זי האָט זיך פֿאַר זיך אַליין געשעמט. עפּיס האָט זיך איר געדוכט, אַז זי איז פֿאַרמישט אין עפּעס זייער אַ נישט־ריינע זאַך. זי האָט זיך געוואָלט אָפּוואַשן פֿון דער ניט־ריינער זאַך, און איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפֿן און אַרומגעפֿאָרן איבער די גאַסן פֿון שטאָט און אונטער דער שטאָט, גלייך ווי זאָל זיך וועלן פֿון עפּיס אויסלופֿטערן. אין אָוונט האָט זי געזאָגט צו איר מוטער:

— מאַמע, איך וועל זיך אביסל דורכפֿאָרן. אויף אַ וואָך אָדער צוויי וועל איך אַוועקפֿאָרן אין די בערג.

ביים ראַד פון מאַשין, פאַרנדיק איבער אַלץ נייע געגנדן, האָט בעקי שוין אינגאַנצן פאַרגעסן דאָס איבלדיקייט אין איר מויל, און זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זי האָט אַ שוועסטער, וואָס הייסט אסתּר, און זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אַז זי אַנט־לויפט פון עפּיס אַן אומריינע זאַך. עס איז אַ וואונדערלאַכע זאַך, ווען מען זיצט ביים ראַד פון אַטאָמאָביל — אַלע צרות פאַרגעסט מען דעמאָלט — אַ מענטש ביים ראַד פון אַטאָמאָביל האָט דאָס געפיל, אַז ער שאַפט עפּיס, ער קאָנטראָלירט, ער קי־רעוועט — דער מענטש ביים ראַד איז דער מייסטער...

ווען בעקי איז צוערשט אַרויפגעקומען מיט איר גרויסן אַטאָמאָביל אויפ'ן סאַמע שפּיץ פון די „קעטסקילס", אין דעם שטעטיל קאַלד־ברוק, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ריין־צוגעראַמטער מיין סטריט, פּונקט אַנטקעגנאיבער דער „אין". עס איז געווען פּאַר מיטאָג. אויף דער וועראַנדע פון דער „קאַלד־ברוק־אין" זיינען געזעסן אויף גרינע ווינגשטולן אויס־געזעצט אַ צאָל ווייבער און מיידלאַך און בחורים. די בחורים זיינען אַלע געווען אָנגעטאָן אין הויכע גומענע שטיוול מיט לע־דערנע זשאַקעטן, מיט קיילעכדיקע, אויף די שפּיץ קעפּ, היטעלאַך. עס איז געווען דער סיזאָן פון פיש־כאַפּן און פון יאַכט. די ווייבער און די מיידלאַך האָבן געטראָגן לויזע ספּאָרט קליידער, זייערע פּנים'ער זיינען געווען פון זון אָפּגעברענטע און האָבן געגלאַנצט ווי אָפּגעפּוצטע קופּער. מיט גייציקע אויגן האָבן אַלע באַטראַכט דעם פאַרשטויבטן אַטאָמאָביל. די בחורים האָבן זיך אָנגעהויבן שאַרן פון זייערע ערטער. דער גרויסער „פּעקאַרד" מיט די אָנגעבלאָזענע רעדער האָט פון זיך געוואָרפן מיט גבֿורות און מיט אָנזאָג פון אַ רייכער הויז. ווען די בחורים האָבן דערנאָך דערזען בעקי'ן זיך נישט רירנדיק פון אָרט, און בלאַנ־דזשענדיק מיט אירע אויגן איבער דער לענג פון דער גאַס, זיינען אַ פּאָר צו איר צוגעלאָפן.

בעקי האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. זי האָט נישט געוואוסט וואוהין זי פאָרט, און וועמען זי דאַרף. אין אַ פאַר־לעגנהייט האָט זי געפרעגט:

— ווי ווייט איז קיין האַריסבורג?

זי האָט אַליין נישט געוואוסט נאָך וואָס זי דאַרף האַריס־

בורג. די גאנצע וועג, פארנדיק, האט זי געזען גרויסע אפישן, מיט הענט, אנצייגנדיק — האריסבורג. האט זי איצט אינ־סטינקטיוו אנגערופן די שטאט.

— א פינף און זיבעציק מייל — האבן א פאר שטימען מיט אמאל געענטפערט — ארויפ'ן בארג און גלייך מיט'ן „סטייט־ראוד".

— א דאנק.

בעקי איז ארויף בארג.

נאר איידער זי האט זיך נאך אומגעקוקט איז זי שוין געווען אין האריסבורג. די זון איז נאך געשטאנען הויך אויפ'ן הימל. פון ווייטן האבן זיך שוין ארויסגעזען די שפיצן פון די „אדיראנדעקס"; גרין־בלויע קעפ פון באוועלדערטע בערג זייענען געקראכן איינע אויף די אנדערע. דער הימל איז געווען דורכזיכטיק בלוי און נאענט. אלץ אין דער שטאט איז געווען נא־ענט. בעקי'ן האט זיך געדוכט, אז יעדע זאך קען זי אנטאפן מיט דער האנט: דעם הימל און די בערג און די ברייטע וועגן, וואס האבן זיך געצויגן פון דער שטאט. א נאענטע שטילקייט איז געלעגן צוליינגט איבער די שטיינערדיקע אלטמא־דישע הייזער. די גאסן זיינען געווען ברייט צוליגטע, און עס האט זיך געדוכט, אז זיי האבן שטיל אפגעהיט דאס אינע־ווייניק־פארטראכטע. אלטע פארמערס האבן געטריבן אקסן און שווערע פערד. עס האט זיך געהערט דער ריח פון היי און פון גנוי.

בעקי'ן האט מיט אמאל ארומגענומען א פארלאנג צו פליען ווייטער אין די ווייטע בערג אריין. דאס שטילקייט אין דער דאזיקער קליינער שטאט האט איר אריינגעבלאזן א לייכט־קייט פון א פויגל. זי האט געוואלט פליען, פליען, אזוי אין דער לופטן פלאטערן מיט ברייט צושפרייטע פליגל.

— ווי ווייט ליגן יענע הויכע בערג? — האט זי געפרעגט.

— די „אדיראנדעקס" מיינסטו?

— יא, די „אדיראנדעקס".

—ארום א הונדערט מייל, מיס.

בעקי האט א קוק געטאן אויפ'ן זייגער. עס איז געווען פיר אזייגער.

— וואס זאגסטו, „פעקארד“, זיך לאזן אין די בערג אריין? אינגאנצן נאך הונדערט מייל — וועסט מאכן נאך הונדערט מייל, נישט אזוי, פעקארד?

זי האט געצערטלט איר מאשין; מיט א שמאטע אים געגלעט און ארומגעווישט דעם שטויב; זי האט אים אנגעטרונקען מיט פרישן וואסער, און אנגעגאסן א פולן „טענק“ מיט געזאלין; זי האט זיך אליין אנגעטרונקען און אנגעגעסן. א מונטערע איז זי אריין צוריק אין דער קאר, ארויפ׳ן בארג און זיך פארקירעוועט מיט׳ן שמאלן וועג וואס איז געלאפן פאזע דעם „קריסטעל־ספרינג“ טייך.

און אזוי איז זי אין דעם ערשטן טאג אריינגעפארן ביזקעל דעם אנהויב פון די „אדיראנדעקס“, וואס זיינען געלעגן א דריי הונדערט מיט פופציק מייל פון איר היים.

דער געגנד איז געווען א רייכער. דאס געבורט־פלאץ פון די גולד׳ס. די שטאט איז געלעגן אין א טאל; ארום און ארום, ארומגענומען מיט א וואלדיקן גארטל. הויכע באוואקסענע בערג האבן זיך געהויבן ארום שטאט ביז אונטער׳ן הימל.

ווען בעקי האט אין דעם שוין טונקעלן אוונט פארריסן דעם קאפ, און געקוקט ארויף צו די בערג צו, האט נאך דארט געבלענדט א ווייסע ליכט. די זון איז שוין געווען פארגאנגען, נאר דארט אויף די שפיץ בערג האט זיך אפגעשלאגן דער בלויער הימל און זיך צעשפרייט מיט דער ווייסקייט אין דער הויך, ווי א ים אין א לבנה־נאכט.

— אט יענעם ווייסן רוים מוז זי זען. זי מוז קריכן אויף די בערג. זי וויל זיך באהעפטן מיט דער ווייסער ליכט. א לייכטע גרינגקייט פילט אן איר הארץ. ווי די לייכטע טריט פון א הירש איז איר שפאן — זאל זי זיך נאר אביסל אפרוען, איבערשלאפן די נאכט, מארגן גאנץ פרי וועט זי קריכן אויף די בערג.

זי האט זיך אפגעשטעלט אין א קליינער פויערשער הויז, וואס איז געשטאנען ביים ברעג וועג.

מען האט זי אנגעקוקט מיט פארוואונדערונג.

— איינע אליין א מיידל, מיט אזא גרויסער מאשין? און פון אזא ווייטן וועג?

— איינע אליין — שמייכלט בעקי.

— און וואוהין פאָרט דאָס אַ מיידל ?

— איך פאָר אַהין, וואוהין עס לאָזט זיך.

— און ווער באַגלייט דיך ?

— קיינער באַגלייט מיך נישט. און איך דאַרף נישט קיינע באַגלייטער — וועט איר מיך לאָזן איבערנעכטיקן אין אייער הויז ? איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן און מאָרגן קריכן אויף די בערג.

דער פאַרמער איז געוועזן אַן אַלטער ; ער האָט גערעדט מיט אַ הויך, שטאַליק קול און יעדעס וואָרט פאַרענדיגט מיט אַ קוויטש און מיט פאַרוואונדערונג — ער האָט שוין געזען גענוג וואונדער אויף דער וועלט — ער האָט שוין דורכגעמאַכט פינף און זיבעציק ווינטערס, און פיר און זיבעציק זומערס — ער האָט שוין אַלץ געזען — אָבער אַ מיידל זאָל זיך אַליין לאָזן אין אַזאַ ווייטן וועג אריין ? ? ?

— פאַרוואָס דען נישט ? — זאָגט ער — צימערן זיינען דאָ גענוג, שטייען פּוסטע, פאַרוואָס דען נישט ?

ארום בעקי'ן שטייען שוין קליינע פאַרשמירטע קינדער. איין קינד באַהאַלט זיך אונטער'ן צווייטן. עס דרייט מיט'ן עק דער הונט. בעקי רעדט מיט זיי ליבע ווערטער און טיילט זיי אויס מתנות. מען שטויבט ארום איר מאַשין. מען גיט איר וואַסער צום וואַשן זיך אין אוונט־ברויט צום עסן און אַ געלעגער צום שלאָפן.

עס שמעקט גוט אַן אוונטברויט ערגיץ אין אַ פאַרוואָרפּענעם פאָרם אין די אַדיראָנדעקס. אַלט פאַרשימלטער קעז, לאַנג געריכערטע פיש און זויערמילך, און פרישע קוואַל־וואַסער — „פּאַמפּקין־פּאַי" און שוואַרצע ביטערע קאַפע — העי, בעקי קען אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן... זי גייט אַראָפּ פון בעט, שמעקט ארום דעם קאָפּ פון דעם קליינעם פענסטערל ארויס — דער הימל איז איצט נאָך ווייסער, די ווייסקייט צושפּרייט זיך איבער אַלע פינסטערע וועלדער ; פון טאָל גייט אויף אַ נעבל. בעקי הערט דאָס געזאַנג פון דעם „ווי־פּור־וויל" אונטער'ן פענסטער קראַקן זשאַבעס, קי קלינגען מיט די גלעקער, און איבער דעם אַלעמען הערשט אַ געדיכטע שטילקייט. אַ רעליגיעז געפיל נעמט ארום איר נשמה. זי דערפילט אַ ליבע אין איר

הארצן. בעקי דערמאָנט זיך אין פּסוקים פון דער ביבעל, וואָס אלדד האָט פאַר איר געלייענט. זי ווערט אַליין אַ ביבלישע געשטאַלט — שיר השירים — בעקי איז די רויז פון שרון — זי איז די ליליע פון די טאָלן — ווי אַ ליליע צווישן די בוימער, אַזוי איז זי צווישן די יונגפרויען — ווי אַן עפּלבוים צווישן די בוימער, אַזוי איז איר געליבטער צווישן די מענער — איך באַשווער אייך טעכטער פון ירושלים — מיין געליבטער איז גלייך צו אַ יונגן הירש. ער שפרינגט איבער בערג, היפּט איבער טאָלן... מיטאַמאָל האָט זי דערזען פאַר אירע אויגן אלדד'ן. אלדד איז איצט נישט געווען קיין לעבעדיקער, נאָר עפּעס אַזאַ שטיק בלענדענדיק ליכט איינגעוויקלט אין נעבל, וואָס איז פאַרהוילט ערגיץ אין די בערג. איר האַרץ האָט אנגעהויבן קלאַפּן. זי האָט איינגאַנצן צעעפנט דאָס פענסטער און זיך אָוועקגעזעצט מיט איר גאַנצער נאַקעטקייט אַרויס איבער דער וואַנט.

ווען עמיצער פרעגט זי אין דעם דאָזיקן מאָמענט, וואָס זי וויל און נאָך וואָס זי בענקט — וואָלט זי נישט געוואוּסט וואָס צו ענטפערן, ווייל עס איז נישט געווען קיין באַשטימטע זאַך, וואָס זי וויל, ווייל עס איז געווען אַלעס, וואָס זי וויל... עס איז געווען די אומבאַשטימטע ערוואַכונג, וואָס האָט מיט־אַמאָל געגעבן אַ נעם אַרום איר גאַנץ וועזן. זי האָט געוואָלט וויינען; זי האָט געוואָלט ריידן מיט גאָט; זי האָט געפילט, ווי די הויט פון איר לייב שפּאַלט זיך און באַהעפט זיך מיט עפּעס אַ ריזיקער גרויסקייט... איר האַרץ און אירע ליפּן זיינען געווען פול מיט געבעט — עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, וואָס זי האָט קלאָר געהערט ווי פון אירע פּיס און פון אירע בריסט און פון איר אָפּן־פאַר'חלש'ט מויל רייסט זיך אַ פאַרלאַנג פון באַהעפטונג.

זי האָט זיך אַנגעטאָן ווען עס האָט נאָך געבלויט אין די פענסטער. אין דרויסן ביים ברונעם האָט זי איינגעריבן איר פּנים מיט פרישן וואַסער. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איר לייב. זי האָט איבערגעלאָזט איר מאַשין און אין אַ געפּאַסטן געל־ברוינעם ספּאָרט־מאַנטל, מיט אַ פּאָר הויכע רייט־שטיוול, די

האָר פאַרבונדן מיט אַ רויטן באַנד, האָט זי זיך אַזוי געלאָזט קריכן אין די בערג.

מער ווי אַ וואָך צייט האָט מען נישט געוואוסט, וואוהין דאָס מיידל איז פאַרשוואונדן געוואָרן. עס זיינען אַרומגעגאַנגען פאַר־שידענע קלאַנגען פון איר פאַרשווינדן. אַלערליי רייד האָט מען שוין געהערט אין יענעם געגנט. שכנים האָבן דערציילט, אַז ערגיץ אויפ'ן „סלייטאָן" האָט עמיצער געזען אין געדיכטן וואַלד אַ מיידל אַרומבלאָנדזשען. עמיצער האָט זי געזען ביי דער מיל, וואָס שטייט ביים ברעג „קאַטאַהאַגאַ" טייך. ביים שטאַל אונטער אַ בוים האָט געטרויערט אַז איינגערעקטע די גרויסע מאַשין; אין איר צימער איז געלעגן אַ צופּראַלטער איר קליינער וועלים; זיידענע אונטערוועש און זאָקן און אַ פּאָר קליינע גאָלד־ברוינע שיכלאַך האָבן זיך געוואַלגערט נעבן צעוואָרפענעם בעט. עס האָט זיך געדוכט, אַז די הויזיקע מענטשן האָבן זיך מורא צוצורירן צו דעם פאַר'כישופ'טן צימער, אין וועלכן עס האָט געגעכטיקט דאָס פרעמדע מיידל — זאָל זייער האַנט נישט זיין ביים גרויסן אומגליק, וואָס וועט באַלד אויף זייער שטוב קומען... מען האָט פון איר גאָרנישט גע־הערט. זי איז פאַרקראָכן אויפ'ן סאַמע שפּיץ פון דעם „בעלעייר" באַרג, דאָרט וואו עס איז געשטאַנען אַ באַאַבאַכטונגס־טורעם, און אין וועלכן עס האָט געוואוינט איינער אַליין דער אַלטער וועכטער, מיסטער ברעדלי.

אין דעם קליינעם „לאָק־קעבין", וואָס איז געווען צונויפ־געשלאָגן פון אומגעהובלטע קלעצער, האָט בעקי געדונקען אַ צימער ביי דעם אַלטן וועכטער, מיסטער ברעדלי. דאָס איז געווען אַ מאַן אַריבער זעכציק. פון זיין פריער יוגנט אַז האָט ער דאָרטן געהאַלטן די רעגירונס שטעלע, פון אָפּהיטן די וועל־דער און אָנזאָגן די אַרומיקע איינוואוינער ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ פייער אין וואַלד. ער האָט געוואוינט איינער אַליין אויפ'ן סאַמע שפּיץ באַרג. דריי מאָל אַ טאָג פלעגט מיסטער ברעדלי אָנטאָן אויפ'ן האַלדז דאָס שנירל צו וועלכן עס איז געווען צוגעבונדן די גרויסע פעלד־גלעזער, אַרופקריכן אויפ'ן

סאמע שפיץ פון דעם הויכן טורעם און באקוקן דעם ארומיקן געגנד.

ווען בעקי איז צום ערשטן מאל ארויף אויפ׳ן שפיץ טורעם, האט איר אנגעהויבן שווינדלען פאר די אויגן. זי האט דארטן געזען בערג יאגנדיקע איינע אויף די אנדערע, ווי כוואליעס אין מיטן ים; אמאל האט זיך איר אויסגעוויזן, אז דאס זיינען יונגע שטייפע בריסט פון יונגפרויען מיט די ניפלען ארויפצו־צו. זי האט געזען ווי די ווינטן טרייבן די וואלקנס, און אלע־מאל ווערט ליכטיק אדער פינסטער אז אנדערער בארג. ווייט אין די טאלן זיינען געלעגן אויסגעלייגט, ווי שפילקעסטלאך, קליינע שטעט און דערפער. צום סוף האט זי געזען דאס, וואס אלע מענטשן אויף הויכע בערג, אפגעזונדערט פון לעבן, זעען. זי האט געזען אסתר׳ן אין א פארצארנטער פאזע, מיט א פאַ־טשיילע ארומגעבונדן די צולאזענע האר, פון וועלכער דער ווינט האט אלעמאל ארויסגעריסן קיילעכדיקע, פארדרייטע לאקן, און זי האט אויסגעזען ווי א בישופמאכערין. איינמאל האט זי געזען אלדד׳ן. אלדד איז געווען הויך און שמאל און דין, ווי אן איינציקער בוים אין מיטן אברייט פעלד. אלדד׳ס קאפ האט דערגרייכט צום הימל, ארום זיין האלדז איז געווען ארומ־געוויקלט א פייערדיקע זון; די זון האט געווארפן פייערדיקע זיילן ארום און ארום זיין קאפ, אזוי אז זי האט אויף אים נישט געקענט קוקן. איינמאל שטייענדיק אויפ׳ן שפיץ טורעם, צוזאַ־מען מיט דעם אלטן מיסטער ברעדלי, האט בעקי געזאגט:

— זע די אלטע פרוי מיט׳ן „באנעט“ אויפ׳ן קאפ, וואס שטייט אויף יענעם מערב׳דיקן בארג! זע דאס קערביל אין אירע הענט! מיר דוכט אז זי שמייכלט צו אונז!

— דאס איז די אלטע מיס ברעדהוירסט, — האט מיסטער ברעדלי געענטפערט — זינט זי איז ביי א גאטדינסט אין קירכע אוועקגעפאלן, קומט זי אלע טאג אהער אויף די בערג. זי האט קיין רו נישט אין קבר. פאר אירע מיידלישע זינד קען זי קיין רו נישט געפינען. שוין יארן לאנג, אז זי ווערט אזוי ארומ־געיאגט. קוק נישט אהין...

אין אוונט האט מיסטער ברעדלי דערציילט בעקי׳ן די מעשה מיט דער מיס ברעדהוירסט. זי האט קיינמאל נישט

חתונה געהאַט. אַ קינד האָט זי געהאַט פון אַ טייוול. דעם טייוול האָבן מיר פאַרטריבן פון דאָרף. מיט איין חלב'ן ליכט איז גע־ ווען באַלויכטן דאָס צימער. אַ דיקע פינסטערניש האָט ארומגע־ וויקלט די ווינקלען; פון רוי האַלץ איז געווען צונויפגעשלאָגן דער טיש און דאָס בעט; אַ שעפעלע וואַסער איז געשטאַ־ נען ביי דער שוועל פון טיר. בילדער פון יאַגדהינט זיינען געווען צוהאַנגען איבער די רויע ווענט; אַן אַלטער גראַמאַ־ פאָן איז געשטאַנען אויפ'ן טיש; עס האָט געשפּילט דער גראַ־ מאַפאָן, און מיסטער ברעדלי האָט מיט די אַלטע ציטערדיקע פיס געטאַנצט צום טאַקט און צוגעקלאַפּט מיט די שווערע אַפּ־ צאַסן אויפ'ן הילכיקן דיל. מיטאַמאָל האָט דער אַלטער אַנגע־ הויבן כליפּען. אויפ'ן גראַמאַפאָן האָט געשפּילט אַן אַלט פאָלק־ ליד. זיינע הענט האָבן געציטערט, זיינע ליפּן האָבן אין רע־ ליגיעזן עקסטאַז זיך אויפגעמאַכט און פאַרמאַכט. אַ ציין, אַזוי אַז עס איז שווער געווען צו כאַפּן וואָס ער זינגט, האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט נאָכ'ן מאָטיוו פון דער ליד:

„וואַט מייד יו ליוו מיי סטייבעלס, האַ!

בעקי'ן איז באַפאַלן אַ פּחד. זי האָט זיך מיטאַמאָל דער־ שראָקן פאַר דעם דאָזיקן מענטשן. איינער אַליין אין אַ וויסטן געגנט מיט אַ מענטשן, וואָס קוקט אויס ווי אַ משוגענער. זי איז שנעל אַרויס פון דעם שטיבל און איז געבליבן אַזוי שטיין אויף דער שוועל איינהערנדיק זיך וואָס דער אַלטער טוט.

אין דרויסן איז געווען פינסטער. פון אַלע זייטן האָט זיך איר געדוכט, לויערן אויף איר נישט־גוטע. משונה'דיקע קולות האָבן זיך געטראָגן פון צווישן די בוימער; פון איבער דער טיר האָט זי געהערט דעם אַלטן זיך פאַרטאַיען ווי אַ פאַר'סמ'טער הונט. זי האָט זיך צואוויינט הויך אויפ'ן קול.

אָבער ווען זי איז צום סוף ארונטערגעקומען פון דעם באַרג, איז זי געווען גרינג און ליכטיק און מיט אַ רויט־שוואַר־ צער הויט אויף איר פּנים, ווי די הויט פון אַן אינדיאַנעריז. אירע האָר זיינען געווען האַרט ווי שפּיזלאַך און אַנגעשטאָפּט פול מיט עקשנות. מיט דינע טאַנצנדיקע טריט, ווי די טריט פון אַ הירשין, איז זי אַריינגעלאָפן אויפ'ן הויף.

דער אַלטער פּאַרמער איז אַ פּאַרציטערטער געוואָרן פון איר אַנקום. עס איז פאַר אים געווען ווי אַ איבערנאַטירלאַכע דערשיינונג.

— פון וואַנען האָסטו זיך גענומען? — האָט ער גע־גאַפּט.

— פון יענעם הויכן באַרג, — האָט בעקי געלאַכט.

— פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן?

— נישט פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, אַליין מיט מיין ווילן פאַרגאַנגען — איצט פאָר איך אַהיים — וויפיל קומט דעם גוטן פּאַרמער פאַר זיין גאַסטפריינדלאַכקייט?

— דעם פּאַרמער קומט גאָרנישט. איך דאַנק גאָט, וואָס אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט צום גוטן.

צום גוטן, צום גוטן — אַלעס האָט זיך אויסגעלאָזט צום גוטן... בעקי פילט איצט אַ לייכטקייט אין איר געמיט — איר נשמה איז אַן אויסגעלייזטע, אַ געהייליגטע. בעקי קומט פון ערגיץ אַן אָרט, וואו מען לאָזט איבער אַלע זינד און מען קומט אַרויס אַ ניי־באַשאַפענע, אַ געהייליגטע. זי האָט פאַר־געסן איר שנאה צו אסתר'ן, זי האָט געבענקט אַהיים, זי האָט געוואָלט זען מענטשן, זי האָט געוואָלט הערן היימישע רייד, זי האָט געבענקט נאָך עלעקטריק, נאָך שטאָטישער ליכט, נאָך טומל, נאָך געדרענג. זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין איר מאַ־שין. אויף צוויי מאָל אַזוי שנעל האָט זי אַנגעשטעלט דעם געז־טרעטער; אַ שטיק ערד האָבן די אונטערשטע רעדער אַרויסגעריסן, ווען בעקי האָט פון הויף אַ ציי־געטאָן.

3

דייוו האָט אַן דעם טאָטנס וויסן און אַן עמיצענס אַנדערש וויסן פּרייוויליק זיך אַנגעשלאָסן אין דער זיבנאונצוואַנציקסטער דיוויזיע פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, און ער האָט באַדאַרפט אין אַ וואָך אַרום אַפּפאָרן אין קעמפּ.

דאָס לאַנד איז איצט געווען אַ ניי לאַנד און די מענטשן זיינען איצט געווען נייע מענטשן. הייס, אומגעדולדיק, אימפּעט

— יעדן שטויסט זיין אינעווייניקסטער אימפעט. דייווו קען אין שאָפּ נישט איינשטיין. יעדער פאַרביי־מאַרשירנדיקער רע־גימענט קאַכט אין אים אויף זיין בלוט. מוזיק, פרייליכע לי־דער, גלאַנציקע מעשענע אינסטרומענטן אַנטקעגן דער זון. די לופט איז אָנגעפּילט מיט פרייליכן דזשעז — דזשעז — דזשעז — פון אַלע מענטשלאַכע געמיטער צוגיסט זיך אַ לייכטע פרייד און פּילט אַז זייערע הערצער מיט אַ גרויסער לייכטער האָפנונג. מען שעמט זיך דערפון צו ריידן; מען האָט מורא דאָס וואָרט צו ברענגען פאַר'ן מויל. אָבער טיף אין האַרצן זעט דער געשעפטסמאַן די גאָלדיק־אויסגעלייגטע וועגן. דער מאָרגנדיקער טאָג — אַ באַרג מיט גאָלד... בלעך און ציגל און זייף און קליידער זיינען שוין איצט מיט גאָלד גלייך. נעם און שטרעק דיין האַנט אויס און גלייך ווערסטו אַ עושר... מיט'ן פּשוט'ן וואָרט — מיט'ן נעכטיג־פאַרשמילטן וואָרט, יחוס'ט מען זיך היינט. אויף אַלעמענס ליפּן ליגט גלייך אָנגעגרייט דאָס פּאַטריאָטישע וואָרט, וואָס ווען מען דאַרף עס, זאָל עס גלייך געזאָגט ווערן... די באַנקירן אַזוי; די כלי־קודש אַזוי; און אַזוי אויך די פירער פון גרויסע אינדוסטריעס — דזשעז — פרייד — מאָרגן אַ באַרג מיט גאָלד — אין זייער אייגענעם גלאַנץ איז פאַר'שיכור'ט די יוגנד. זיי שפּיגלען זיך אין די גלאַנציק־מעשענע קנעפּ, וואָס איז איינגענייט אין די קאַקי־מאַנטלען; מיט באַנד־זייגערלאַך אויף די לינקע הענט, וואויל־יונגעריש זיינען איינגעצויגן די דינע געוויקלטע פיס, די לענדן זיינען געוויקלט אין ברייט צוליגטע קאַקים, די קעפּ פאַרדעקט מיט קלונג־צוגעשניטענע היטעלאַך, ווי סאַטאַנאָווער המן־טאַשן — דזשעז און דזשעז — יעדע גרויסע שטאָט איז אַ לאַגער־שטאָט. געזאַנג — טענץ — גלאַנציקע מעשענע אינסטרומענטן אַנטקעגן דער מאָרגן זון — פון אַלע העלדזער שפּאַרט זיך, ביז אונטער'ן הימל, די פרייליכקייט. קאַפּעליעס מוזיקער מאַרשירן טאָג און נאַכט איבער די גאַסן. די גאַסן זיינען איינגעוויקלט אין אַלערליי פאַנען. ווייבער טראָגן מאַנסבילשע קליידער. די „יו־עס־סיגאַר־סטאָר" אויפ'ן ווינקל בראָדוויי און פינפטע עוועניו, וועמעס קראָם עס שניידט זיך אַריין הויך און שפּיציק און בלישטשענדיק מיט טויזנטער פענסטער איבער'ן גאַנצן סקווער,

האט פארוואנדלט איר קראם אין א מוזייאום, צי אפשר אין א שלאכטפעלד. איבער'ן גאנצן נידריקן שטעל פון דער ספּעציעל־אויפגעבויטער פּלאטפאָרמע, גייט אָן אַן אמת'ע שלאכט. אמע־ריקאנער סאָלדאטן מיט העמלעטס אויף זייערע דאָרע אָפּגעצוי־גענע קעפּ און פּנימ'ער מיט אַלט־פּאַטריאָטישע פּאַטשיילעס ארום האלדז שלעפּן גרויסע קאנאנען ארויס פון טיפע בלאטעס. אַט האט איין קאנאָן אויסגעשאָסן. א געדיכטער, שווארצער וואלקן האט אויף א מאָמענט איינגעוויקלט דאָס גאנצע שלאכט־פעלד. א פערד איז ווילד געוואָרן און אנגעהויבן משוגע'דיק לויפן — „הורא! גענט די הונט" — הייס — אומגעדולד — אימפּעט — דזשעז. דייוו קען שוין מער נישט איינשטיין. עס איז אים הייס. ער איז אומגעדולדיק. עס פּרייט זיך די פּרעסע. יום־טוב'דיק אין גרין און אין ראָזעווע ערשיינט די ערשטע זייט. מיט בילדער, בילדער, בילדער. מיט זיג, מיט טרומפּייטן שאַלן, מיט דזשעז. איבער דער גאנצער ערשטער זייט פון דעם זונטאָגדיקן „פּאַטריאָט" איז אויסגעמאָלט דאָס בילד פון דעם דינעם לאנגן, געוויקלטן אמעריקאנעם „דאָג־באָי". און מען פּראוועט מאַלצייטן. און מען פרייט זיך אויף די באַנ־קעטן. מען קען שוין מער קיין זאל נישט קריגן. אלע אָוונטן, ביז'ן סוף סעפּטעמבער, זיינען שוין פארנומען. עס זיינען שוין פארנומען די אדיטאָריומס פון די אוניווערזיטעטן, די קלויסטערס, די שולן. איבער אלע טישן גיסט זיך שמעקענדיקער וויין. פּראָפעסאָרן און גלחים, גענעראלן און מיניסטאָרן, לויפן פון שטאָט צו שטאָט. זייערע קולות זיינען שוין הייזעריקע. זייערע העלדזער טרוקענע — דאָס גאנצע ברייטע לאנד הילכט אָפּ ווי אין א ווידער־קול מיט דער גרויס־פּארשפּרייטער פרייד — דזשעזן — דזשעזן — עס איז די מלחמה בלויז געשעפט! שרעקט זיך נישט מיר וועלן באַזיגן די וועלט! מיר וועלן ברענגען דע־מאָקראַטיע אויף דער וועלט! אמעריקע דאַרף ווייזן דעם ביי־שפּיל פון דעמאָקראַטיע. עס איז א מלחמה פון ריזיקע געשעפטן, פון גרויסער ספּעקולאַציע — מיט אונזער גאָלד וועלן מיר פאַר־טרינקען די וועלט — לאָמיר בויען א גאָלדענעם בריק פון איין ברעג אַטלאַנטיק צום צווייטן — די פּאַראַדירנדיקע גאַסן וועלן מיר פאַרשיטן מיט גאָלד — דער אָפּגאָט פון דער היינטיקער

צייט איז גאָלד — צום גאָלד טוט די גאַנצע וועלט זיך בוקן — לאָמיר פאַרשיטן די גאַנצע וועלט מיט גאָלד — העי, ס׳אַרע גאָלדענע פרייד! ס׳אַרע גאָלדענע צייט!

און אין דעם זשעדניקייט נאָך גאָלד האָט מען נאָך מער גאָלד אָנגעקליבן.

די ליידיקע שטיבער פון די פרעמדע דייטשן, וואָס זיינען געשטאַנען ביים ברעג פון „האָדסאָן“ און „איסט־ריווער“ האָט מען איצט אײַנגאַנצן פאַר זיך צוגענומען. מען האָט זיי איבער־געבויט און אין ווערקשטאַטן פאַרוואַנדלט. זייער האָב און גוטס האָט מען אויף עפנטלאַכע פאַרזאַמלונגען פאַרקויפט. מיט זידל ווערטער האָט מען זייער ווייטאָג פאַרשריען. זייער פיי־איקייט אויסגעלאַכט. דאָס וואָס איז ביז איצט געווען באַ־צייכנט „מייד אין דזשוירמעני“ און וואָס האָט ביז היינט גע־מיינט דאָס בעסטע, וואָס מען קען נאָר קריגן, האָט מען אָנ־געהויבן באַשפייען און באַשימפן. איבער נאַכט, ווי דורך אַ כישוף, איז אויפגעשוואָומען דאָס נייע וואָרט — „מייד אין אַמעריקאַ“ — דזשעז — מען האָט שוין אַליין אָנ־געהויבן מאַכן כעמישע שטאָפן, שפּילצייגן אַלערליי האָט מען אין אַלע שויפענסטער געזען. אָט זעט מען שוין נייע קאָלירן. און כאָטש דאָס גרוי איז קיין גרוי נישט, און דאָס שוואַרצע זעט אויס גרינלאַך, און דאָס רויטע, ווען עס ליגט איין שעה אויף דער זון, זעט עס אויס ווי אַ בוריק, שרייט מען אָבער — „מייד אין אַמעריקאַ“ — „קיל דהי הונס“ — מיט׳ן כישוף־וואָרט האָט מען אַלעמען פאַרבלענדט. זאָל נאָר עמיצער פּרובן דעם אמת זאָגן — די אויגן וועט מען אים אויסרייסן. שאַ. שווייג. און שטיל זאָל זיין. איבער די גאַסן פּאַראַדירן סאָל־דאַטן. איבער די גאַסן שפּילט מוזיק. מיט מיליטערישע מאַרשן הויבט זיך אָן דער טאָג. ווי נאָר עס באַווייזט זיך די זון איז מזרח זייט, ווי נאָר עס הויבט זיך אָן צו ראַנגלען אין די פינס־טערע פענסטער די מאָרגן בלוי, פּוצן שוין די מיליטערישע מו־זיקאַנטן זייערע מעשענע טרובעס, ציען זיי שוין אָן זייערע פּייקלאַך און ווי מושטירטע הינט קוקן זיי און היטן דעם קאָ־מאַנדיר׳ס מינע.

— דזשעז — הויכע ברייטע בריסט — רויטע פון ווינט

אנגעלופטיקטע פנים׳ער — וויאָמינג און ניו־העמפשייר, מינע־סאטא און קאַליפאָרניע, טעקסעס און פענסילווייניע, — אַלע ליגן צולייגט איבער די אויסגעטראָטענע שטאַטישע סקווערן. דעמאָנסטראַטיווע מיליטערישע לאַגערן. די סאָלדאַטן זיינען שיינע. געקליבענע יונגע בחורים, מיט ניי־געפּרעסטע מונדירן, מיט פריש־אָפּגעפּוצטע שיך, מיט פריש אָפּגעגאָלטע באַקן. דאָס עסן טיילט מען אויס אין מיטן פּאַרק, דאָס עסן שמעקט. יע־דער פאַרבייגייער קען הערן דעם ריח פון די געבראָטענע „טשאַפּס“, פון די געבאַקטע און חזיר־פעטס „באָסטאָנ־בינס“ און פון דעם פרישן, דורכזיכטיקן „עפּל־פּיי“.

דייוו קען שוין מער נישט אריבערטראָגן דעם נסיון. אַלע חברים שוין אַוועק. ער שטייט און קוקט ביים „העראַלד־סקווער“ און לאַכט מיט אַ ברייט צועפּנט מויל. צוויי סאָל־דאַטן „באָקסן“ זיך, איינער וואַשט וועש, איינער שפּילט אויף אַ גאַרמאָניק. אַ גאַנצע „בייז־באָל־גיים“ פירט מען דורך. ספּאָרט, „גוט־טיימז“ — דזשעז — גלאַנציקע מעשענע אינ־סטרומענטן אַנטקעגן דער זון.

— איך וויל מיך אַנשליסן אין דער אַרמיי — זאָגט ער שטיל.

— „שורלי“ — ענטפערט דער סאָלדאַט אויף דער וואַך.

דזשעז, מוזיק — היים — דייוו׳ן איז היים. ער גייט אַ צושראָקענער און מיט טריט פול דרך ארץ, נאָכ׳ן סאָלדאַט. שוין איצט וויל דייוו אַנהאַלטן דעם מיליטערישן שפּאַן, און אַלע ווײַלע גיט ער אַ הינק אונטער כדי אַריינצופּאַלן אין טאַקט. דזשעז — מוזיק — היץ — אָבער דייוו קען זיך אַליין נישט אַנשליסן. ער דאַרף האָבן דעם טאַטנס דערלויבניש — דייוו לויפט זיך עצה׳ן מט וואַלטער׳ן.

I

וואַלטער איז געווען אַ סטודענט פון קאָלומביע. ער איז געווען פריי פון מיליטער־דינסט. אַלע סטודענטן פון זיין פּאַ־קולטעט זיינען געווען פריי פון מיליטער־דינסט. ווען וואַלטער זאָל וועלן, קען ער בלייבן דאָ אין שטאָט אַרבעטן אין אַ האָס־פּיטאַל, צי אין אַ קעמפּ. אָבער ער וויל נישט. ער איז אַ הויכער, שטאַרק־אַנטוויקלטער בחור. וואַלטער האָט העגט און

פיס און אָדערן, וואָס זיינען שטייף און אָנגעצויגן, ווי שטייף אָנגעצויגענע דראָטן, ער האָט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דעם „האָם דעפענס גארד". ער איז געוואָרען א מארינער. האָט געטראָגען א העל בלויען אוניפאָרם, מיט ברייטע הויזען און ווייסע טאַשמעס. מיט א היטעלע און דאַשעק, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַלטען אַראָפּגערוקט ביז איבער די אויגען. וואָלטער האָט זיך געגרויסט מיט זיין אויסשטאָט.

דריי מאָל א וואָך איז ער געווען פריי פון אוניווערסיטעט, און דריי מאָל א וואָך האָט מען אים מיט גרויס פּאַראַד אַרויס־געפירט ערגעץ אין דעם „לאָנג־איילענד־סאַונד" אויף דער שלאַכט שיף „מילטאָן דזשעקסאָן". און זייענדיק א סטודענט, האָט ער גלייך געקראָגן דעם ראַנג לויטענאַנט — לויטענאַנט ראָזענצווייג.

דאָס מיליטער לעבן איז אים געווען געפעלן. מיטאָמאָל איז דער גאַנצער יאָך פון זיינע פּלייצעס אַרונטערגעפאַלן. ער האָט זיך דערפילט פריי פון אַלע זיינע ביז איצטיקע פליכטן. אין די דריי טעג, ווען ער איז יאָ געקומען אין זיין קלאַס, האָט מען פון אים קיין אַרבעט ניט געפאָדערט. ער האָט געקענט אָפּקומען מיטן בלויזן איבערשרייבן פון עמיצנס א העפט, זיי־נע לעקציעס. אין גאַס האָט מען אים סאַלוטירט. מיידלאַך האָבן אויף אים געוואָרפן זייערע בליקן. זיי האָבן זיך געריסן אין זיין געזעלשאַפט. און ער קען זיך שוין איצט פירן מיט זיינע מיידלאַך פריי — אַט אַזוי פריי — ווי א סאָלדאַט — עס איז אים גוט. מען טאַנצט און מען מאַכט „פּאַרטיס" — הייס־בלוט — יונג־מיידלשקייט — סאָלדאַטישע פרייקייט — אי ער, אי זיי, די מיידלאַך, ווייסן אַז קיין ערנסטעס מיינט מען איצט ני ט— ער איז א סאָלדאַט — ווייסט ניט, וואָס דער מאָרגנ־דיקער טאָג וועט ברענגען — פאַרן מאָרגנדיקן טאָג איז ער זעלבסט פאַרשטענדלאַך ניט פאַראַנטוואָרטלאַך — דזשעז—פרייד וואָלטער איז ביים פולן באַוואוסטזיין אַז קיין דייטש וועט אָהער אפילו אין צען יאָר אַרום ניט צוקומען — קיין געפאַר זעט ער ניט — פרייד און גליק און געזאַנג צו זיינע יונגע טעג. א פאַרסאָפּעטער און דערשלאָגענער איז צו אים אַריינגעלאָפן דייוו.

וואָלטער האָט מיט אַן אינעווייניקסטן שמייכל זיך געגרויסט אַנטקעגן אים. גדלות׳דיק האָט ער אַרויסגעשטופּט זיין הויך־מיליטערישע ברוסט, מיליטעריש מיט צוויי גלייכע פיס האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט:

— בלויז סטודענטן קענען אַהער אַריינקומען. עס פאָדערט זיך דריי יאָר „קאָלעדזש“. אָבער איך וועל זען עפּעס טאָן.

— ניין — ענטפערט דייוו — אין דער „האָום דעפענס“ וויל איך סיי ווי ניט, איך וויל זיין אין אמת׳ן דינסט — איך וויל גיין „אָווער סיעס“.

וואָלטער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, ווי אויף אַ משוגע־נעם.

— ס׳איז דיר שוין דיין לעבן דערעסן געוואָרן? — לאַכט ער.

— מיין לעבן איז מיר ניט דערעסן געוואָרן. עס איז מיר שוין גאָר טייער מיין לעבן. אָבער איך וויל דינען דעם פּאַטער־לאַנד.

— נו, און איך דין ניט מיין פּאַטערלאַנד? דו קענסט זאָגן, אַז די „האָום־דעפענס“ דינט ניט דעם פאַטערלאַנד! דו וועסט דאָרטן אַפילו טרעפן אַזעלכע מענטשן ווי דזשיראַרד מוירפי און קאַלווין אַסטאָר, — אונזער רעגימענט קאָמאַנדיר איז אַ רוזוועלט.

דייוו האָט שוין גאָרניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. די נע־מען פון די אַלע גרויס־באַוואוסטע מענטשן האָבן אים צעטומלט. אָבער פונדעסטוועגן האָט ער ביי זיך אין האַרצן געטראַכט, אַז אַ סאָלדאַט זיין איצט, מיינט צו גיין אין מלחמה, און אַז דינען דעם פּאַטערלאַנד מיינט גיין „אָווער סיעס“ און אַז זיצן דאָ, אין שטאָט, און אַרויספאָרן אַלע מאָל אין „לאָנג־איילענד־סאַונד“ איז ניט פאַר אים קיין אַרבעט.

— איז ווי אַזוי מיינסטו קען איך מיך אַנשליסן —. האָט דייוו ווייטער געפרעגט — מען וויל מיך אין דעם טאַטנס אונ־טערשריפט ניט צונעמען.

— טו מאַך זיך פאַר עלטער.

— ווי אַזוי קען איך זיך מאַכן פאַר עלטער?

וואָלטער האָט ארויסגעשאָסן אין געלעכטער
— גולם!

אויף מאָרגן איז שוין דייוו ווידער צוגעגאַנגען צו א לאַ־גער. עס איז געווען ארונטער שטאָט, נעבן „סיטי האָל“. א סקווער ארום און ארום ארומגערינגלט מיט הויכע מויערן, מיט קריכנדיקע און קלינגענדיקע טראַמוויייען. אונטן די „סאָבוויי“ און אויבן דער „על“. ארום און ארום דעם סקווער טויזנטער און טויזנטער מענטשן. דייוו האָט איצט געטראָגן אַ אַלטן גרויען אַבציק. זיין פּנים בכיון ניט געגאָלט, ארום האַלדז דער קאָלנער איז געווען מיט א נומער גרעסער, — דייוו האָט איצט אויסגעזען אפשר מיט פינף יאָר עלטער.

— איך וויל זיך אָנשליסן אין דער ארמיי. אין דער מאַשין־ביקס אָפּטיילונג.

ער איז אַן אנטשלאָסענער גלייך צוגעגאַנגען צום אָפיציר.

— ווי אַלט ביזטו?

— אין מאַי איז מיר געוואָרן איין און צוואַנציק יאָר.

דער אָפיציר, אַן אויסגעפּוצטער, מיט א קיילעכדיק אידיש פּנים, וואָס איז נאָר וואָס געקומען צולויפן פון זיין שאָפּ, און וואָס איז געווען זייער צופרידן מיט זיין פּאַטריאָטישער פליכט, האָט אויף אים א קוק געטאָן.

— און דו ווילסט זיך אָנשליסן אין דער מאַשין־ביקס אָפּטיילונג?

— „יעס סער!“

— און האָסט ניט קיין מורא?

— „נאָו סער!“

— און מיט דיין אייגענעם ווילן ווילסטו זיך פאַרשרייבן?

— „יעס סער!“

— וועסט ניט קיין חרטה האָבן?

— „נאָו סער!“

— ביזטו זיכער?

— „יעס סיר!“

דזשעזז — געזאַנג — מעשענע טרובעס אַנטקעגן דער זון — דער אָפּיציר האָט זיך געשפּילט מיט זיינע ווערטער. ער

האָט זיך נעגווידערט. יעדע מינוט פון טאָג האָט פון אים אַרויס־געשטראַלט זיין גרויסע פרייד. אין מיטן שטאָט, אויפן סקווער ביים „סיטי האָל“ דינט ער זיין פאָטערלאַנד.

— אין דער אָפּטיילונג קענסטו זיך ניט פאַרשרייבן — זאָגט ער — אַהין באַשטימט מען.

— טו זאָל זיין אינפאַנטעריע.

— אין דער אינפאַנטעריע.

— דיין נאָמען?

— דייוו עטינגער.

דער אָפּיציר איז געווען גליקלאַך. שוין דעם פינפטן פריוווייליקן האָט ער היינט אין ביכעלע פאַרשריבן, און עס איז אים גוט. דאָ נעבן „סיטי האָל“, אין מיטן סקווער, ניט ווייט פון זיין שאַפּ. זיין קיילעכדיק, גלאַט פּנים ווערט פולער, רויטער, דער האַלדז איז איינגעצווינגן און אַ גוט געפּאַסטן מונדיר קאָלנער. אמת־וואָלענע קאַקי, די „לעגינגס“ לעדער־אָפּגעפּוצטע — וואָס איז? צו דינט ער ניט דעם פאָטערלאַנד? פאַבריצירן קליידער פאַר דער אַרמיי איז פּונקט אַזוי נוצלאַך! ווי אַזוי וואָלטן אויסגעזען די סאָלדאַטן, ווען זיי זיינען נאַקעט? ווי אַזוי וואָלטן זיי געקענט אַ שלאַכט געווינען? שיינע סאָלדאַטן וואָלטן עס געווען... און ווער קען נאָך מאַכן אַזאַ גוטן סאָלדאַטסקן מאַנטל ווי „די בראַדסקי מענס טיילאָרס“? דזשעזן — פרייד — גאָלדענע האָפענונגען — שטרעקט אויס דיין האַנט און ווער אַן עושר — דער אָפּיציר האָט געעפנט אַ בויגן פּאַפּיר און אָנ־געהויבן שרייבן.

ער האָט געשריבן מיט געבראָכענע ענגלישע בוכשטאַבן. מיט קרומע שורות. אַלעמאָל האָט דער אָפּיציר אויסגעמעקט אַ וואָרט און אָנגעשריבן אַן אַנדער וואָרט — עס מאַכט ניט אויס, — טראַכט ער — קליידער פאַבריצירן איז אַ נוצלאַכע אַרבעט — דאָס מיידל אין אָפּיס, וועט שוין איבערשרייבן דעם רעפּאָרט, אַזוי ווי עס פּאַסט זיך צו שרייבן — זיין טאַטע קען אַפילו דעם נאָמען ניט אונטערשרייבן און איז נאָך רייכער — דער אָפּיציר האָט הויך אויפן קול גלייך דייוו׳ן אין די אויערן אַריין, איבערגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע — דייוויד עטינגער.

איינאונצוואנציק יאר אלט, געבארן אין אמעריקע. גענענדיקט „פּאבליק" און „הײַ־סקול". איז מיטן טאטן אין געשעפט. שליסט זיך אָן מיטן אייגענעם פרייען ווילן — — — —

דער אָפיציר האָט אים דערלאַנגט אַ רויטע קאַרט, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעשריבן — „לויטענאַנט גילבערט, ק. בראָדסקי", און אים אריבערגעשיקט צום דאָקטער.

דער ערשטער, וועמען דייוו האָט דערציילט אַז ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמײ איז געווען זיין שוועסטער בעקי.

אַזוי ווי שטענדיק אין היימען, וואו עס זיינען דאַ עט־לאַכע קינדער, טיילן זיך אימער אָפּ אַ פּאָר, וואָס חבר'ן זיך, און דערציילן זיך זייערע סודות — אַזוי איז אויך אין דער שטוב פון די עטינגערס געווען דייוו און בעקי. ביידע האָבן זיי זיך גע'חבר'ט. איינער האָט דערציילט פאַרן אַנדערן די סודות און זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ.

אַזוי שנעל, ווי דייוו האָט צוגענומען ביים דאָקטער די קאַרט און זי אריינגעלייגט צו זיך אין דער וועסט קעשענע, האָט ער גלייך געטראַכט פון בעקין. ער האָט געוואָלט וויסן, וואָס בעקי וועט זאָגן. ער האָט געוואוסט אַז זי וועט מיט אים אינשטימען, ביידע האָבן זיי שטענדיק אין אַלעם איינגעשטימט. ער האָט זי בלויז געוואָלט דערפרייען, זי איבעררּאַשן. ער וועט שוין, איצט, אריינקומען — אַ סאָלדאַט. נאָך ניט אין אויסזען — אָבער אַ סאָלדאַט אין באַוואוסטזיין. שוין אויפן וועג, גייענדיק אַהיים, האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז ער איז מיט אַמאָל געוואָרן עמיצנס, אַז ער האָט זיך אַרויסגעשיילט פון זיך, אַז עמיצער וועט אים איצט פירן, און אַז ער דאַרף נאָכגיין. עס איז אים געווען גוט — מעשענע טרובעס — מעשע־נע קנעפּ — אַ שווערע משא אויף די פּלייצעס — אָבער די משא איז אַ ליבע, אָן אָנגענעמע. אַ שטאָלצער באַוואוסטזיין — דייוו עטינגער וועט „פייטן די הונס" — דייוויד עטינגער וועט דינען דעם פאָטערלאַנד.

— דאָס לאַנד איז מיינס — ער האָט ניט נאָר געטראַכט

אזוי, דייוו האָט דאָס געפילט אין זיין בלוט — ווי אַ מאַן וועל איך דינען דעם לאַנד. ווען איך זאָל אפילו דערפאַר דאַרפן מיט מיין לעבן באַצאָלן.

און פאַר זיינע אויגן איז איצט מיטאַמאָל דורכגעגאַנגען די גאַנצע אַמעריקאַנער געשיכטע אין לעבעדיקע בילדער. דאָס, וואָס ער האָט געלערנט אין סקול, און וואָס איז ביז איצט פאַר אים געווען ניט מער, ווי אַ טויטע זאַך איז איצט געשטאַנען אין לעבעדיקע געשטאַלטן. ער האָט געזען די מלחמה מיט די ענגלענדער, ער האָט געהערט דעם ערשטן שאָס אין לעקסינגטאָן, מאַססאַטשוזעטס. פאַר זיינע אויגן האָט אָנגעהויבן פליסן דער דעלאַוואַר ריווער. די שטאָט טרענטאָן, דייוו איז אַמאָל געווען אין טרענטאָן. בלענטש האָט דאָרט אַ מומע. מיט אַ הויכער טונקעלער פרוי איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון טרענטאָן, די פרוי האָט די גאַנצע צייט געלאַכט, עס איז איר געווען גוט לעבן אים. ער געדענקט דעם געבוינע־נעם באַרג אַרויף, וואָס ציט זיך פון וואָקזאָל ביז אַרויף צום „סיטי־האָל“. די אַלט־מאָדישע צוויי־שטאָקיקע הייזער, אין וועלכע עס האָבן געהויזט דאָס חיל פון וואַשינגטאָן. דייוו האָט איצט ליב די פרוי, וואָס איז מיט אים אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון טרענטאָן. ביי אַ שניידער אין הויז האָבן זיי ביידע צוזאַמען געגעסן אָוונטברויט. עס איז דעמאָלט געווען ניי־יאָר נאַכט. פּונקט צוועלף אַזייגער האָבן געקלונגען גלעקער. ער האָט דער פרוי שיעור ניט אַ קוש געטאָן אָן מיטן אַ גאַס אין טרענטאָן. דייוו האָט געזען די קליינע הויז ביים ברעג טייך, וואו דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט גענעכטיקט יענע נאַכט, איידער זיין חיל איז אַריבער דעם דעלאַוואַר. דער דעלאַוואַר ריווער איז דאָרטן שמאָל. דייוו האָט געזען דאָס פלאַכלאַנד פון ניו־דזשורזי, די דינע וועלדער פון פּענסילוויי ניע, די פליינס אַרום פריהאָלד. צום סוף איז פאַר זיינע אויגן אויפגעשטאַנען אייברעהאַם לינקאָלן.

לינקאָלן איז פאַר אים געווען דער סימבאָל פון ערלאַכ־קייט — אָט אַזוי — האָט ער געטראַכט — וואָלט איך גע־וואָלט זיין. אַזאַ ווען וואָלט איך פאַר מיר געוואָלט אויסקלייבן. אין דעם טאָג ווען לינקאָלן איז געפאָרן צו דער היסטאָרישער

פאַרזאַמלונג, איז ער ניט געקומען מיט קיין טרומפּייטן און מיט קיינע פּאַראַדן, ווי זיין קעגנער דאגלאַס איז געקומען, נאָר רייטנדיק אויף אַן עזל. און ווען ער האָט אויפן וועג געזען, ווי אַ חזיר ליגט פאַרשטעקט אונטער אַ פּלויט און קען ניט אַרויסקריכן, איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון עזל, מיט זיינע יום־טוב־דיקע קליידער אַריינגעקראָכן אין דער בלאָטע און געהאָלפן דעם חזיר אַרויסצוקריכן פון אונטער דעם פּלויט. ווען לינקאָלן איז געווען אַ „קלוירק" אין אַ קראָם האָט אַ פרוי אים איבער־געגעבן זעקס סענט. לינקאָלן איז געגאַנגען עטלאַכע מייל צו פוס, ביז ער האָט געפונען די פרוי און איר אָפּגעגעבן דאָס געלט. איינמאָל האָט לינקאָלן, פאַרקויפנדיק טיי צו אַ פרוי, איר ניט געגעבן די ריכטיקע וואָג, איז ער שפּעטער אַרומ־געגאַנגען און געזוכט די פרוי ביז וואַנען ער האָט זי געפונען און איר אָפּגעגעבן, וואָס איר איז געקומען. צום פּלאַץ פון דער מאַסן פאַרזאַמלונג איז ער אָנגעקומען שטיל, קיינער האָט אים ניט באַמערקט, אָבער ווען ער האָט שפּעטער זיינע אמת'ע רייד גערעדט האָבן די מענטשן אים געטראָגן אויף די הענט. מענטשן האָבן געוויינט. ווייל ער האָט זיי דעם אמת אין די אויגן אַריין געזאָגט, ווייל ער האָט אַליין, ריידנדיק, געוויינט, ווייל ער איז אַן אמת ערלאַכער מענטש געווען.

פאַר דייוו'ן איז דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לעבן לינקאָלנס. דער „לאָק־קעבין" אין וועלכן ער איז געבאָרן געוואָרן. געדיכטע וועלדער. לינקאָלן האַקט האָלץ. קיין מאַן האָט נאָך אַזוי טיף ניט אַריינגעהאַקט זיין האַק אין אַ בוים, ווי לינקאָלן האָט עס געטאָן. פּונקט ווי ער, דייוו — איז אויך לינקאָלן אַנטלאָפן פון דער היים. ער האָט געאַרבעט אין אַ קראָם אין „ניו־סיילעם" און ער האָט זיך געשלאָגן מיטן „פּרייז־פייטער" אַ'ניעל, דערפאַר, ווייל יענער האָט פון אים שטענדיק חוזק געמאַכט.

— אָבער ער האָט געהייסן אַלע פרויען פון קראָם אַרויסגיין — האָט דייוו מיט גדלות פאַרערלאַכט לינקאָלנען — דאָרט, וואו עס זיינען דאָ פרויען, איז ניט אַנשטענדיק צו „פייטן" זיך.

— דזשעז — פרייד — יונג־מענערשע האָפנונג — ווער ווייס וואָס פון דייוו'ן קען נאָך אַמאָל אַרויסוואַקסן — דזשאָרדזש

וואשינגטאָן — אייבערעהאם לינקאָלן — שטעט — שטאַטן — מי־נעסאָטאַ — אריזאָנאַ — דייוו עטינגער האָט געֿירשנ׳ט אַ סך פון זיין טאַטן. ער האָט געגלויבט אין איבערנאַטירלאַכע כוחות. ער האָט געוואָלט זען די וועלט — פראַנקרייך — ענגלאַנד — דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. אַהיים קומענדיק האָט ער בעקי׳ן ניט געטראָפן. אים איז געוואָרן אומעטיק, ער האָט געוואָלט מיט עמיצן ריידן, מיט עמיצן טיילן זיין פרייד, ער איז אוועק צו וואָלטערן, פון דאָרטן צו בלענטשן, ער האָט זיך אין ערגעץ ניט געפונען קיין אָרט. ער איז צוריק אוועק אויף דער פינפטער עוועניו, זיך אָנגעשלאָסן אין אַ מאַרשירנדיקער מאַסע און איז אַזוי מיט זיין פרייד אויפן פּנים, געגאַנגען און געגאַנגען.

אויף מאָרגן איז אַהיימגעקומען בעקי. זי האָט די גאַנצע וועג געטראַכט פון דער היים. זי האָט שוין געוואָלט זען איר הויז. די סענסאַציע פון דעם שנעלן פאָרן האָט נאָך מער צע־וואָרימט איר יונג בלוט, און זי איז נאָך שנעלער געפאָרן. זי איז געווען צעפלאַמט, אירע אויגן האָבן געגלאַנצט, זי האָט געשיינט פון גליק. אַריינלויפנדיק אין שטוב אַריין האָט זי גלייך פאַר אַלעמען געוואָלט דערציילן אירע איבערלעבונגען — דייוו לאָזט זי ניט ריידן

— איך האָב פאַר דיר אַ נייעס — זייער וויכטיקע נייעס — זאָגט ער.

בעקי האָט אויפגעהויבן אירע הענט, זי האָט געזען די פאַרענדערונג אויף דייוו׳ס פּנים, זי האָט זיך דערשראָקן און איז געבליבן אַזוי שטיין מיט אויפגעהויבענע הענט און אָפענעם מויל.

— וואָס איז געשען ?

— איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי.

עס האָט איר געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרצן. זי איז געוואָרן צוערשט רויט דערנאָך בלאַס. בעקי האָט אָנגעהויבן וויינען.

— איך האָב זיך שוין פון לאַנג אַרומגעטראָגן מיט׳ן געדאַנק.

בעקי וויינט. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דייוו׳ס ברוסט.

— נאָך וואָס דאָס וויינען? — זאָגט ער — איך בין פריילאך!

— ווי אַזוי האָסטו זיך געקענט אָנשלינגען?

— איך האָב אַלעם פאַרלייקנט.

— די יאָרן?

— די יאָרן!

— און טאָמער וועט מען אויסגעפינען?

דייוו האָט ביז איצט ניט געטראַכט — „טאָמער וועט מען אויסגעפינען". איז אים ביי דער פראַגע געוואָרן אומעטיק.

— וואָרום דענקסטו אַזוי? — האָט ער בייז געפרעגט — מיינסט אַז דער טאַטע וועט זיין דאַגעגן?

ער האָט זיך ווי אַ קינד געשאַרט אַרום בעקי׳ן. זיך געוואָלט אין איר אָנשפּאַרן. ווי אַ קינד האָט ער זיך געבעטן:

— מירן ביידע זאָגן דאָס זעלבע. אין מאַי איז מיר געוואָרן איינאונצוואַנציק יאָר.

זיי האָבן ביידע, ווי צוויי קליינע קינדער, זיך אַריינגעזעצט אין אַ ווייכער סאָפע. זיי זיינען ביידע אַריינגעזונקען אין דער סאָפע. זייערע פיס זיינען פעסט געלעגן אויף דער ערד. דייוו האָט געהאַלטן ביידע בעקי׳ס הענט אין זיינע הענט. פאַר אַ ווילע זיינען זיי געזעסן שווייגנדיקע, צום סוף האָט בעקי געפרעגט:

— און ווען גייסטו אַוועק?

— אין אַ וואָך אַרום.

אין וועלכן רעגימענט וועסטו זיין?

— אין דער זיבנאונצוואַנציקסטער דיוויזיע.

— אין וועלכן קעמפּ?

— אין קעמפּ מעריוויל.

— פרייד — קינדישע פרייד — חלומות — טרומעריייען — ביידע האָבן גערעדט פון דעם אויסשטאַט. דייוו וועט זיך מאַכן איינגענע קליידער. פון ריינע וואָל וועט זיין דער מונ־דיר, און די הויזן. וואַלענע אונטערוועש און זאָקן. בעקי וועט איינקויפן אַלערליי טוילעטס — די אַלע זאַכן לאָז איבער פאַר

מיר — זאָגט זי — נאָז טיכלאַך, ראַזיר מעסערלאַך, ציין בערשט־לאַך, פּוידער און פּאַרפום און העל־בלויע לינען פּאַפּיר — אָט די אַלע זאַכן גיב איך, און אַלע וואָך אַ פּעקל, און פּרוכטן און טשאָקאָלאַד, איך וועל קויפן העל־בלוי פּאַפּיר.

— וועסטו מיר שרייבן בריף?

— אודאי וועסטו מיר שרייבן בריף. אַלע טאָג אַ בריף. באַשרייבן דיין לעבן וועסטו מיר.

בעקי האָט אים דיקטירט וואָסערע בריף ער זאָל שרייבן. זי האָט אים געקושט. ביידע זיינען געווען פריילאַך. מיט פרייד און מיט ליבע זיינען געווען אָנגעפילט ביידנס הערצער. בלויז די מאַמע האָט זי געשטערט אין זייער פרייד. וואָרים שטערט זיי די מאַמע אין זייער פרייד? וואָרום ווייַנט זי אַזוי? ווי נאָר זיי זיינען אַריינגעקומען צו דער מאַמען אין צימער, איז עטעל שוין געווען אַ פּאַרטיק צעטראָגענע. איר פּנים בלאַס. די ליפּן האָבן געציטערט. דאָס גאַנצע פּנים איר'ס איז געווען, ווי איינגעשרומפּן. זי האָט זיך שוין דערוואוסט פון דייוו'ס ווערן אַ סאָלדאַט. און אין איין שעה איז געוואָרן איר פּנים צעאַקערט, ווי מיט אַן אַקעראייזן. נאָך איידער דייוו האָט פאַרענדיקט זיין פּראַזע איז זי אויף אים אָנגעפאַלן און געשריען מיט באַנומענע קולות. דעם ערשטן מאָל, וואָס דייוו האָט געהערט זיין מאַמע שרייען אויף אַ הויך קול, די מאַמע האָט געציטערט, ווי אין פיבער, און ווען עס זיינען אַריבער די ערשטע פּאָר מינוט, האָט עטעל אָנגעהויבן רייסן אירע האָר, ברעכן די הענט, און אין אַנמאַכט איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ שטול.

פאַרנאַכט איז דייוו אַוועק צו וואָלטער'ן. בעקי האָט אויך געמוזט פון הויז אַוועק זי האָט ניט געקענט צוזען דער מאַמעס ליידן. זי איז באַלד צוריקגעקומען. נאָך דעמאָלט איז שוין די מאַמע געלעגן אין בעט. מרדכי עטינגער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער'ן שטוב. זיינע ברעמען זיינען געווען אויפגעשטעלטע און שטעכיקע. אַרום'ן מויל האָבן זיך בולט צעלייגט טיפע קנייטשן. ער איז שטיל צוגעגאַנגען צו עטעלס בעט, אַ פּערער האָט זיך דורכגעשטופּט דורכ'ן ציכל, האָט מרדכי

עטינגער ארויסגעשלעפּט די פּעדער און זי אַראָפּגעבלאָזן. דערנאָך האָט ער, ווי זיך דערמאָנט אַן עפּעס, זיך שווער אָנ־געבויגן, אויפגעהויבן די פּעדער און זי ארויסגעבלאָזן דורכ׳ן פענסטער, ער האָט שטיל גערעדט:

— קלאַפּנדיק — קלאַפּנדיק — קלאַפּנדיק — קלאַפּ —

צו ענדע וואָך, ווען דייוו איז שוין געווען אין גאַנצן פאַרטיק צו דער רייזע, האָט אים מרדכי עטינגער אריינגערופן אין זיין חדר, אים דערלאַנגט אַ פּאָר קנאַקעדיקע צענערלאַך:

— זע פאַרליר זיי ניט — האָט ער געזאָגט — אַ מענטש טאָר גאָר ניט פאַרלירן, אין קיין פאַל טאָר אַ מענטש זיך ניט פאַרלירן.

4

ווען דייוו איז אָנגעקומען אין דעם קעמפּ מעריוויל, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער ברייטקייט און רחבות פון דעם דאָ־זיקן פּלאַץ.

פאָרגדיק, נאָך פון ווייטן, האָט ער שוין פון דאָרטן געזען דאָס פלאַכע הונדערט אַקערדיקע, צוויי הונדערט אַקערדיקע, פיר הונדערט אַקערדיקע שטיק לאַנד. דאָס לאַנד איז געווען אינגאַנצן ארומגערינגלט מיט וואַלד. פּונקט ווי עמיצער, וואָלט דאָס גאַנצע שטיק לאַנד ארומגענומען מיט אַ גרויסן גרינעם גאַרטל און עס אָפּגעשלאָסן פון דער גאַנצער איבעריקער וועלט — נישטאָ קיין אַנדער לעבן אַ חוץ אונזערס... מיר ווילן ניט קיין אַנדער לעבן. אונזערע אויערן זיינען איצט טויב צו אַלעם, וואָס איז אַנדערש. אונז איז גוט, אונז איז פרייליך. הויכע, רויטע און ווייסע און געלע „פּריים־הייזער" זיינען גע־שטאַנען אין גלייכע צייַלן אויסגעשטעלט. עס זיינען שוין דאָ גאַסן, איבער נאַכט באַשאַפענע, איבערן טאָג געפּלאַסטערטע. און עס זיינען אויך געשטאַנען קליינע שטיבלאַך, ווייסע שטיבלאַך און געצעלטן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ווייסע פּאַסן, וואָס מען צייכנט אַן אויף אַ שפּילפּלאַץ. דייוו׳ן האָט זיך געדוכט אַז די קלענערע שטיבלאַך און די געצעלטן זיינען אַזוי ווי פון דער ערד ארויסגעוואַקסן — ווער וואָלט דען געקאָנט אַזוי פיל שטיב־

לאך מיטאמאָל אויפבויען? און וואָס פּאַר א פּנים וואָלט דאָס פלאַכע לאַנד געהאַט אין די געצעלטן? עס איז געווען א האַלב־טאָגיקער יום־טוב און די גאַנצע לופט איז געווען אָנגעפילט און פאַרקלונגען אין פריילאַכער מוזיק. דזשעז־בענדער האָבן זיך נעהויבן אין דער אַרומיקער וואַלדיקייט. נאָך פון ווייטן, שטייענדיק צענויפגעקוועטשט אין דעם גרויסן מיליי־מערישן „טראָק“, וואָס האָט זיי געפירט פון דער אייזנבאַן, האָט דייוו געערט אָט דאָס הילכיקע שפּילן. זייערע אייגענע פיס האָבן אָנגעהויבן בייסן. עס האָט זיך געוואָלט טאַנצן. כמעט אַלע, אויפן שווערן „טראָק“ האָבן אָנגעהויבן בייטן זייערע פיס. און וואָס נעענטער זיי זיינען צוגעקומען, און וואָס שאַרפער עס האָבן זיך אָפּגעטיילט די הילכיקע טענער, אַלץ פריילאַכער און טאַנצנדיקער זיינען אַלע געוואָרן. צום סוף האָבן אַלע אויף דעם גרויסן „טראָק“ אָנגעהויבן צו פּייפן און „דזשיגן“ און געריסן מיט זייערע קולות די אַנטקעגן לויפנדיקע הייסע לופט.

— דזשעז — פרייד — יונג בלוט — הייסע הענט — ווער זאָגט אז מלחמה איז א שרעק? ווער זאָגט אז מלחמה איז גרוייזאַם? אַלע פּנימער פון די איצטיק פאַרנדיקע זיינען פריילאַכע. מונטערע. מיט אומגעדולד האָבן זיי שוין גע־וואַרט אויף דער מינוט אז דער „טראָק“ זאָל זיך אָפּשטעלן. און מיט אומגעדולד האָבן זיי שוין געוואַרט אז אַלע צוזאַמען — זיי, צוזאַמען מיט די שוין היגע, זאָלן זיך אַוועקלאָזן אין א ווילדן קאַראַהאָד פון דעם ווילדן דזשעז.

פון דער גרויסער באַוועגונג, וואָס איז דאָרטן אָנגעגאַנגען, איז דער וועג נאָך א פּאַר מייל פון דעם קעמפּ געווען אין גריבער, און דער שווערער „טראָק“ האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, און זיי אַלעמען געטרויסלט, בויגנדיק זיך רעכטס און לינקס. איינמאָל האָט זיך דער „טראָק“ געגעבן אזא שטאַרק בויג אויף רעכטס אז ער האָט זיך שיעור ניט איבער־געקערט. דייוו האָט זיך געגעבן א שאָקל, מיט זיין פּנים און מויל איז ער אַרויפגעפאַלן אויף א יונג רויט פּנים, וואָס איז געווען פול מיט פּריסטשעס און נאָס פון שוויים. אַלע האָבן

ארויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. דייוו האָט אויך געלאַכט. אויף אַ מינוט האָט אים געגעבן אַ שלאָג אין דער נאָז אַריין אַ ריח פון שוויס און ביליקן פּוידער, נאָר באַלד איז דער ריח פאַרשוואונדן. און ער האָט ווידער פאַרנומען די לופט פון דעם פרייען אָרום. אָט איז שוין דער „טראַק“ אַריינגעפאָרן אין קעמפּ. ביי צעוואָרפענע הייזער שטייען סאָלדאַטן מיט אָנ־געלאָדענע ביקסן. אָט שטייט נאָך אַ סאָלדאַט, אויפן שוועל פון אַ קלייןביידל. אַזאַ ביידל וואָס עס נוצן אייזנבאַן וועכטער. דאָס ביידל איז פריש און ווייס אָפּגעפאַרבט. וואָס ווייטער דייוו איז אין קעמפּ געפאָרן אַלץ מער סאָלדאַטן האָט ער געזען. אין אוניפאָרמס און אָן אוניפאָרמס. מיט נוט געפּאַסטע מונדירן, מיט לעדערנע גאַרטלען און מיט „קלאַבּס“ אין זייערע הענט — אָן אייגענע פּאָליציי. טעלעפאָן דראָטן. טעלעגראַף דראָטן. עס פייפן און עס רופן טרומייטן. גאָר ווייט, אַזוי אַז מען קען קוים כאַפּן מיט׳ן אויג, זיינען געשטאַנען צוויי גלייכע רייען סאָלדאַטן און אַזוי ווי אויף ספּרוזשינעס האָבן זיי זיך געבויגן אַרויף און אַראָפּ, צו רעכטס און צו לינקס, אַלע, ווי איינער. אין אַ צווייטער זייט זיינען געווען אָנגעשאָטענע בערגלאַך מיט פרישער ערד, אַזוי ווי אַ רייע פריש אויסגעגראָבענע קברים, און פון די בערגלאַך האָבן געגלאַנצט אָנטקעגן דער זון שפּיצן פון ביקסן.

וואָס נעענטער ער איז געקומען, אַלץ האַסטיקער איז גע־וואַקסן די באַוועגונג. ווי אין אַ בינשטאָק די בינען, אַזוי זיינען דאָ אַרומגעלאָפן די מענטשן. אייניקע זיינען אַרומגעגאַנגען אין די בלויזע הויזן. דער גאַנצער אויבערשטער קערפּער איז געווען פאַרדעקט מיט אַ שמאָלן פּאַס אויף דער ברוסט און מיט אַ שמאָלן פּאַס אויף דער פּלייצע. אַזוי האַלב נאַקעט זיינען זיי אַרומגעגאַנגען מיט זייערע מוסקולירטע הענט, מיט באַ־וואַקסענע אונטעראָרמס, און מיט רויטע קאַרקעס.

דער שווערער „טראַק“ האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיי זיינען אַרונטער. מען האָט זיי איבערגעציילט — איינס — צוויי — דריי — ווי אַ טויטן אַרטיקל האָט מען אָנגעציילט צוויי און

פירציג, און מען האָט זיי אַזוי איבערגעלאָזט אין מיטן פון דעם גרויסן פעלד.

און מיטאַמאָל איז זייער פּריוילאַכקייט פאַרשוואונדן. עפּעס אַ געהיימע ערוואַרטונג האָט זיי אַלעמען אַרומגענומען. דאָס ציילן זיי, ווי אַ טויטן אַרטיקל, האָט אין זיי געוועקט שרעק און באַליידיקונג. זיי זיינען געבליבן אַזוי שטיין אַלע אין איין קופּע, ווי צענויפגעטריבענע שאָף. קיינער האָט זיך פון קיינעם ניט אָפּגעטיילט. שוין האָבן זיי דערפילט אַ נאָענטקייט איינער צום אַנדערן. שוין האָבן זיי דערפילט אַ פאַראַנטוואָרט־לאַכקייט איינער פאַר'ן אַנדערן. און צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן געפיל, האָבן זיי אויך דערפילט אַ פרעמדקייט צו אַלע יענע איבעריקע, וואָס זיינען זיי, אַלע מאָל פאַרביינעלאָפן און זיך אפילו אויף זיי ניט אומגעקוקט.

עס איז שוין איצט געווען נאָך מיטאָק, די גרויסע מאַסע סאָלדאַטן האָבן זיך איצט אומגעקערט פון זייערע שפּיל־פּלעצער און פון דעם גרויסן „מעס־רום“. דייוו האָט געזען די פאַרביי־גייענדיקע זאַטע פּנימער. ער האָט נעערט זייערע וויצן. אייניקע האָבן גערויכערט סיגאַרעטן. אַנדערע האָבן געריכערט לולקעס. אויף אַלעמענס פּנימער האָט ער געזען פרייד און זאָרגלאָזיקייט. גייענדיק האָבן דריי סאָלדאַטן מיט אַמאָל „געמעטשט“ ניקלס. זיי האָבן דאָס געטאָן גייענדיק, קוקנדיק איינער אין דעם אַנדערנס הענט אַריין, און זיי האָבן כסדר זיך געביטן מיט די מטבעה'ס.

איז פאַר וואָס דייוו'ן מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי שווער אויפן האַרצן? וואָרום וויל זיך אים וויינען? עס פאַרגייט דער טאָג. די זון רוקט זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער — וואו וועט דייוו היינט שלאָפן?

פון ווייטן האָט דייוו דערזען זיינעם אַ באַקאַנטן. דאָס איז געווען אַן אַרבעטער אין ראָזענצווייג'ס שאָפּ. מען האָט אים גערופן זאַץ. זאַץ'ן האָט מען צוגענומען נאָך מיט אַ חודש פריער און דורכן חודש האָט זיך דער בחור אינגאַנצן איבערגעביטן. אין שאָפּ ביי ראָזינצווייג'ן, איז זאַץ געווען אַ סאָרטירער פון וואָל. זאַץ איז אַלעמאָל געווען אַ בלאַסער. מיט אַן אַראָפּגעצויגענעם פּנים, מיט אַרויסגעשטאַרטע שטשאָקעס און מיט בלויע גריבער אונטער

די אויגן. איצט איז זיין פנים שוין אויסגעפילט, פארברענט פון דער זון, און זיינע אויגן גלאנצט א לעבעדיק פייערל. דייוו האט אים גלייך דערקאנט, זיך דערפרייט מיט אים. אבער יענער האט פון זיין גרופע, מיט וועלכער ער איז געגאנגען, בלויז פון וויטן א געשריי געטאן — העלאו דייוו! — און איז אים פארבייגעגאנגען

— טו ווארום איז אים אזוי אומעטיק געווארן?

ווען זאץ איז אפגעגאנגען וואסערע צוואנציק שפאן, האט ער אויסגעדרייט זיין קאפ. א פריילאכן, מוטיקן קאפ און צוגעשריען:

— „וויל סי יו לייטער!"

עס איז שוין געווען שפעט נאכמיטאק, ווען צו דער גרופע איז צוגעקומען אן אפיציר, נאך אים א צווייטער, מען האט זיי ווידעראמאל געציילט, און מען האט זיי אלעמען אזוי אין דער גרופע, אין אומארדנונג, איבערגעפירט אין אן אנדער פלאץ. און זיי אזוי געלאזט ווייטער שטיין און ווארטן.

דייוו האט געזען, אז אזוי שנעל ווי מען האט זיי איבער־געפירט אויף דעם נייעם פלאץ, איז אויפן פריערדיקן ארט אנגעקומען נייע מענטשן. אין פארשידענע קליידער און אין פארשידענע היט, און מיט פארשידענע פנימ'ער — אידישע, איירישע, איטאליענישע און רוסישע — אלערליי פנימער. און אזוי שנעל ווי אלע איבערגעפירטע האבן דערזען די נייע אנ־געקומענע, האט זיך זיי מיט אמאל אנגעהויבן אויסדאכטן אז זיי זיינען שוין דא היימישע — יענע דארטן — זיינען פרעמדע, און מיר דא — שוין היימישע. און דאס היימישקייט האט זיך מיטאמאל אנגעהויבן טראגן פון איין מויל צום אנדערן, און אלע האבן אנגעהויבן צו ריידן. און אלע האבן זיך אנגעהויבן באוועגן, און אלע האבן דערפילט אז דורשט נאך וואסער, און א הונגער אין זייער הארצן. און מען האט אנגעהויבן צו צעבינדן יעדער זיין האנט־טאש, און מען האט ארויסגענומען יעדער וואס ער האט געהאט. און מען האט זיך אנגעהויבן טיילן — גאר חבר'יש טיילן — איינער מיט'ן צווייטן.

דייוו האט געהאט מיט זיך שטיקער טשאקאלאד און

קעסטעלאַך מיט פֿייגן, וואָס בעקי האָט אים מיטגעגעבן, האָט ער עס צעטיילט צווישן זיינע נאָענטע.

— „סאָם פיגס" — האָט דער בחור מיט די פּריסטשעס אויפן פּנים אריינגעשטעקט זיינע ווייסע ציין אין דער פעטער פייג אריין.

— דאָ, וועט מען עס מסתמא ניט קענען קריגן — האָט געענטפערט דייוו.

— דאָנט וואָרי," — האָט געזאָגט אַ דריטער — פּאָר געלט קריגט מען אַלעס.

— פּאָר געלט קענסטו דאָ אַפילו אַ טיטול קריגן — האָט געזאָגט דער בחור מיט די פּריסטשעס.

— ש־ש־ש — האָבן אַ פּאָר מיטאַמאָל אָנגעהויבן שעפּ־טשען — ש־ש־ש־ש.

דער בחור מיט די פּריסטשעס האָט זיך אַליין אויך דער־שראָקן. ער האָט זיך ווי פּאָר עמיצן פאַרענטפערט.

— איך זאָג אַ ליגן וואָס? אַזוי איז עס איבעראַל. אין שטאָט און אין קעמפּ. אין אַמעריקאַ און אין „יוראָפּ". איבער דער גאַנצער וועלט קענסטו אַלעס פאַרן דאָלער קויפן

— און אין וועלכער אָפּטיילונג וועסטו זיך אַנשליסן? — האָט דייוו געפרעגט.

— וואָס איז מיר דער חילוק! וואו מען וועט מיך באַשטימען, אַהין וועל איך גיין.

— און איך וואָלט געוואָלט אין דער מאַשין־ביקס אָפּטיי־לונג — האָט דייוו געזאָגט.

— אַ, „דייהר איז העל" — האָבן עטלאַכע מיטאַמאָל אויסגעשריען.

— איז וואָס איז דער חילוק — האָט דייוו ווייטער גע־זאָגט, — איבעראַל איז דאָס זעלבע.

— דאָרט איז אַ זיכערער טויט — האָט זיך איינער אָפּ־געררופן.

— איך בין אַ בעקער — האָט זיך פון רעדל אַרויסגערוקט אַ יונגער בחור מיט אַ בלאַס פּנים און געלע הענט, גלייך ער וואָלט נאָר וואָס אַרויסגעקראָכן פון אַ דעיזשע טייג, און אַ

בחור, וועלכער איז די גאנצע צייט געשטאנען א שטילער און וועלכער האט די גאנצע צייט ביי קיינעם גאר ניט גענומען, און האט מיט צושראקענע אויגן די גאנצע צייט געקוקט אויף אלעם ארום — איך בין א בעקער, און איך וועל זיך בעטן אין בעקער שאפ.

— האסטו דאך געקאנט זיין אין דער היים און ארבעטן אין א בעקער שאפ?

— אודאי וואלט איך געקענט זיין אין דער היים און ארבעטן אין א בעקער שאפ. שוין פיר יאר געהאט א „סטעדי דזשאב". קיין טאג ניט פארלארן און א אייביקן „דזשאב" געהאט — אבער וואס קענסטו מאכן אז מען נעמט דיך צו? אודאי געקענט... איך האב אלערליי „עקזעמפשאנס געקליימט".

דייוו האט אויף אים א קוק געטאן. און נאך אמאל א קוק געטאן אויפן ווייסן פנים מיט די געלע הענט, וואס עס האט זיך געדוכט, ער האט זיי נאר וואס ארויסגעשלעפט פון א דעיזשע טייג.

— יא, ער האט די הענט די געלע, נאר וואס ארויסגעשלעפט פון א דעיזשע טייג.

מיטאמאל האט אנגעהויבן קלינגען א גרויסער גלאק. נאך אים אין א צווייטן ווינקל א צווייטער גלאק און א דריטער און א פערטער. דאס גאנצע ברייטע פלאכע פעלד איז פאר־קלונגען געווארן מיט א שארפן ענערגישן קלינגען.

פון איבעראל האבן אנגעהויבן לויפן סאלדאטן. מען איז געשפרונגען איבער נידריקע פלויטן, איבער די פריש אנגע־שאטענע בערגלאך, מען איז געלאפן פון די ווערקשטאטן און פון שטאלן. פון א גרויסער רויטער מויער האבן ארויסגעמאר־שירט אין פולער ארדנונג פיראונצוואנציק סאלדאטן. צו פיר אין א ריי. די סאלדאטן האבן געטראגן אויף זייערע אקסלען אנגעלאדענע ביקסן, מארשירדיק גרייט איבערצונעמען די דינסט פון יענע, וואס זיינען ביז איצט געשטאנען אויף דער וואך.

ווען אלע האבן זיך דערנאך א לאז געטאן אין דעם גרויסן „מעס־רום", האט זיך די נייע גרופע, זייענדיק הונגעריק

און אויסגעמאַטערט פון דעם גרויסן טאָג, אַלע, ווי איינער, אַ לאָז געטאָן נאָך די רענעלע סאָלדאַטן נאָך.

מען איז יאָ געשלאָפן, און מען איז ניט געשלאָפן — אויף מאָרגן פאַרטאָג, ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן צו טאָגן, זיינען שוין אַלע געווען פאַרזאַמלט אויף דעםברייטן גראָד־לינקן פּלאַץ אין דער פראָנט פון דער רויטער מויער.

איצט זיינען זיי שוין געווען אַ פּאָר טויזנט מענטשן. די וואָס זיינען צוגעקומען דורכן טאָג און די וואָס זיינען צו־געקומען דורך דער נאַכט. עס איז געווען אַ נעדיכטע פאַרמלאָזע מאַסע, אַ געדיכטע ווי אַ צענויפגעטריבענע משערעדע, אין פאַרשי־דענע קליידער, אין פאַרשידענע היט, און פון אַ פאַרשידענעם הויף. נעבן אַ געוואַלדיק הויכן מאַן, נאָך דייוו'ס מיינונג נאָך, אַ מאַן פון דייטשער אָפּשטאַמונג, איז געשטאַנען אַ קליינער, דאַרער אידישער בחור, מיט קליינע פּיסלאַך און זיבענער שיך, מיט אַ טונקל גרין־שוואַרצן פּנים, מיט אַ שוואַרצן פּאַס אויף דער אויבערשטער ליפּ, וואָס איז יאָ געווען אַ וואָנצע און ניט געווען קיין וואָנצע. דער קליינער אידישער בחור האָט די גאַנצע צייט אַרויפגעקוקט צום הויכן דייטש, אים געשטעלט האַלב אידישע, האַלב ענגלישע פראַגן, און עס האָט זיך געדוכט, ווי ער וואָלט זיך געטוליעט און געשטיצט אין דעם הויכן געזונטן.

— איז ווען וועט מען שוין פאַרשרייבן? — האָט דער קליינער געפרעגט.

— מ'עט פאַרשרייבן, מ'עט פאַרשרייבן — האָט דער גרוי־סער געענטפערט.

— איך וואָלט שוין געוואָלט וויסן וואו איך בין אין דער וועלט.

— וועסט וויסן, וועסט וויסן — ווען מען גיט נאָר עפּעס אָפּצועסן.

— און ווי וועלן מיר די נאַכט שלאָפן? נאָך אַזאַ נאַכט, ווי לעצטע איבערצולעבן איז גאָר ניט אַזאַ לייכטע זאַך. אפילו קיין מאַטראַץ ניט געהאַט.

— געוואוין זיך צו, בחור'ל, — זאָגט דער הויכער — א סאָלדאט דארף זיך צו אַלעם צופּאסן.

דער קליינער האָט א טאָפּ געטאָן זיין וועסט קעשענע. אַנטאָפּנדיק דאָס קליינע פלעשעלע וואָס איז דאָרטן געלעגן האָט ער געטראַכט — צי זאָל ער איצט אריינגיסן די טראָפּנס אין די אויגן צי זאָל ער נאָך וואַרטן.

— ווען וועלן מיר גיין צום דאָקטער? — האָט ער פּלוצלינג געפרעגט

— דו שטייסט דאָך פאַרן דאָקטערס הויז!

— דענקסטו אַזוי?

דער קליינער בחור איז שטיל געוואָרן. א ווייל האָט ער פאר זיך אַליין געטראַכט. אַלעם ארום אים איז געווען ווי א גרויסע גרויע מאסע. ער האָט ניט געהערט קיין רייד, און ער האָט ניט געזען קיין געשטאַלטן. פּלוצלינג האָט ער זיך געכאַפּט פאַר'ן בויך, זיין פּנים איז אים געוואָרן נאָך גרינער, מיט ביידע הענט אָוועקגעלעגט אויפן בויך גלייך ווי אים וואָלט אַנגעכאַפּט משונה'דיקע ווייטאָקן, האָט ער זיך געדרייט און געקאַרטשעט און געפרעגט:

— וואו איז ערגעץ דער „טוילעט"?

ווען ער איז אריינגעקומען אין דעם קליינעם נידריקן שטיבל, וואו עס האָט געשלאָגן א שטאַרקער ריח פון אַן אויסשפּריי־צאַכץ, האָט ער פאַרקייטלט דאָס טירל, ארונטער געצויגן די ראָלעטן, אויפשנעל ארויס גענומען דאָס פלעשעלע, פון פלעשעלע אראָפּגעריסן דאָס גרינע פּאַפּירל מיטן קאָרעקל, פאַרקאַטשעט די וויע פון דעם לינקן אויג, און מיט דער רעכטער האַנט אריינ־געגאָסן עטלאַכע טראָפּן אין דעם אויג אריין.

אַלעם איז פאַר אים געוואָרן פינצטער. שוואַרץ. פון די אויגן האָבן געראָנען טרערן. א שרעק האָט דורכגענומען זיין האַרץ. מיט פאַרביסענע ליפּן און אין גרויסער התמדה האָט ער שטיל געזאָגט:

— עס זאָל זיין אין א גוטער און מזל'דיקער שעה.

אין דרויסן האָט ער זיך געהאַלטן ביים בויך. זיין פּנים איז געווען פאַרקרימט. גרין און געל און רויט האָט זיך

געדרייט אין גרויסע רערער. אים האָט געשווינדלט דער קאָפּ. מען האָט אים באַדאַרפט אוועקנעמען.

— „פאָל אין!“ „פאָל אין!“ — הויכע געזונטע קולות האָבן זיך צעטראָגן ווי מעשענע קלאַנגען איבערן גאַנצן גרויסן פראָנט פון דער רויטער מויער.

סאָלדאַטן אין פולער אוניפאָרם האָבן אָנגעהויבן קאָמאַנ־דעווען מיט דער געדריקטער מאַסע. מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין רייען. מען האָט געשטויסן אהער און אהין. איינעם האָט מען אַרויסגעשלעפּט און אים פאַרטריבן גאָר אַרונטער. איינעם האָט מען געהייסן שטיין דער ערשטער. איבערן גאַנצן גרויסן פּלאַץ האָט געקלונגען דאָס קלינגענדיקע קלינגען — „נעקסט! נעקסט!“

עס איז געקומען צו דייוו'ס ריי. דייוו האָט אַראָפּגעכאַפּט זיין הוט. זיין קאָפּ איז געווען אַ גלאַט אָפּגעשוירענער. זיין פּנים אָפּגעגאָלט. די אויערן זיינע זיינען געווען דורכ־זיכטיק רויט און עס האָבן זיך אַנטקעגן דער זון אָנגעזען די דינע אָדערלאַך פון די אויערן. אַזאַ אויסגעצווינגענער איז ער געבליבן שטיין און געוואַרט.

— נאָמען און אַדרעס?

— דייוו עטינגער.

— ווי אַלט?

— איינאונצוואַנציק יאָר.

— וואו געבוירן?

— אין אַמעריקאַ.

דייוו האָט געענטפערט אַ גאַנצע ריי מיט פראַגן. דער שרייבער ביים טיש האָט געשריבן. אַלעם האָט זיך געטאָן מעכאַניש. אין דעם צימער איז אַלעס געווען היימיש. די ווענט זיינען געווען באַהאַנגען מיט בילדער, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט אַלערליי געשעפטן. אַ בילד פון דער פירמע „באַלדווין און באַלדווין“ וואו זיי האָבן דעמאָנסטרירט אַ נייעם סאָרט ראַזיר מעסער, אַ בילד פון דער „אינטערנייישיאָנעל טיילאָ־רינג קאָ.“ וואו זיי האָבן באַוויזן אַז אַ סאָלדאַט אין זייערער אַ אוניפאָרם זעט אויס אינגער און מונטערער. עס האָבן

דאַרטן אויך געהאַנגען בילדער פון אַ באַוואוסטן „פּייט“ אין צען „ראַונדס“, וועלכן דייוו האָט אַליין געזען אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן. עס האָבן דאָרטן געהאַנגען אַן אַ צאָל אילו־סטרירטע בילדער פון אַלערליי סחורות, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן אונטערוועגנס — צאָן־בערשטלאַך — זייף, קעמעלאַך א. ז. וו.

דייוו האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט היימיש. איז עס ניט אַן אָפּיס גלייך ווי אַלע אַנדערע אָפּיסעס? דייוו'ן האָט זיך געדוכט אַז ער איז ערגעץ אין אַ קאָמיסיאָנער'ס אַן אָפּיס, אַזאַ אָפּיס ווי ער איז געוואוינט צו זען, און מיט אַזאַ סיסטעם וואָס ער איז געוואוינט צו אַרבעטן. און מיט אַזאַ שפּראַך, וואָס ער רעדט אַלע טאָג.

דייוו האָט נעקוקט אויפן בילד פון דער „אינטערניישיאָנעל טיילאָרינג קאָ.“. ער האָט געטראַכט פון באַשטעלן דאָרטן פאַר זיך אַן אוניפאָרם. און ער האָט געקוקט אויפן נייעם סאָרט ראַזיר־מעסער, דער שרייבער האָט זיך מיטאַמאָל אָנגע־רופן:

— ביזטו דאָס דער זון פון מרדכי עטינגער?

דייוו איז געוואָרן צעטומלט. אים האָט נעגעבן אַ קלאַפּ אין הארצן. אָט האָט שוין עמיצער אים פאַר'מסר'ט.

— „יעס“ — האָט ער געענטפערט.

— עטינגער, דער וואָל סוחר?

— „יעס!“

דער שרייבער אין אוניפאָרם האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, אויף זיין פּנים האָט זיך צעליינט אַ ליבער געמאַכטער שמייכל, ער האָט ברייט אַריינגעלייגט זיינע הענט אין די הויזן־קעשענעס און אַזוי ציהענדיק זיך אויף די שפּיץ פינגער האָט ער געזאָגט:

— איז וואָס דענקסטו קענען מיר טאָן פאַר דיר?

דייוו האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו אים.

— איך מיין, אַלעס וואָס עס נאָר מעגלאַך, וועלען מיר טאָן — אפשר וואָלסטו געגליכן אין קאַנצעלאַריע? און אפשר אין איינקויפסדעפּאַרטמענט? צי אין דער קיך פאַרוואַלטונג?

דער שרייבער אָפּיציר האָט שוין מער ניט גערעדט. אַמ איז ער שוין ווידער אַמאָל ערנסט. ער קלאַפּט בלויז דייוו'ן אויפן פּלייצע — אָל־רייט, אָל־רייט, — זאָגט ער — מיר'ן שוין זען, וואָס צו טאָן. מיר'ן שוין זען — גיי אַריין צום דאָקטאָר.
— ער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ טיר, וואו עס איז געזעסן דער דאָקטער.

שוין זייענדיק אין דרויסן האָט דייוו געזוכט אויף דעם דאָקטער'ס קאָרט, די מיינונג וועגן זיין געזונט, אָבער אַלע ענטפּערס זיינען געווען ניט דערזאָגטע.

— פאַרהאַלטן פאַר ווייטערן עקזאַמען, — ניט פאַלקאָם געזונט, — דערווייל בלייבן דאָ

דייוו האָט שוין פאַרשטאַנען אַז דאָס האָט אים זיין טאַטע אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. ער איז געווען בייז און אָנגעכמורעט, און ער האָט באַשלאָסן גלייך שרייבן צו בעקי'ן.

5

דייוו אַ סאָלדאַט, אסתר אַט אזא אַ. בעקי אַט אזא אַ. יונג בלוט — מעשענע טרובעס אַנטקעגן דער זון — עטעל פילט ניט גוט — מרדכי עטינגער האָט שוין געהאַט אַ נייעם אַנפאַל — עפּעס גליטשט זיך ערגיץ עפּעס אַרוים — אַלעם גליטשט זיך ביסלאַכווייז אַרוים פון מרדכי עטינגערס הענט — אַ טייך אין פרילינג גיסט זיך אַרוים פון די אייגענע ברעגן — מאָנטאַנאַ — אַריזאָנאַ — טעקסאַס — אילינאָיז — אַלעס ווערט פאַרשמאָלצן אויפ'ן סקווער נעבן סיטי האָל אין ניו־יאָרק. אונטער די הענט גליטשן זיך די קינדער אַרוים פון מרדכי עטינגער'ס רשות. אין די אָפּגעשלאָסענע פליגלען, אונטער די שווערע טירן פון דער רייכער שטוב האָט זיך איצט צעוואַקסן אַ ברייט, רייך, פאַרשייט לעבן.

אין שטוב אַריין האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען דזשאָן אָפּענהיימער, אָדער ווי מען האָט אים גערופן — „ליטל דזשאָן“ און וואָלטער ראָזענצווייג, און דזשיראַרד מוירפי, און קאַלווין גויבווירגער, און ביטרים בוכבינדער און בלענדזש און לו, און דזשעק און וואָלאָס און דער „טייגער“. ווער האָט דען ניט

געהערט פון דעם „טייגער" און פון דעם „ליטל דזשאַן"? אפילו די ענגלישע צייטונגען האָבן שוין געשריבן פון דעם „טייגער". אין אַ לאָקאַלער „בייז באָל גיים" אין דער שטאַט מאונט ווערנאָן האָט דער טייגער" געמאַכט אַ „האָם־ראַן" און געוואונען די שפּיל. דער „טייגער" האָט אַן אייגענעם „סטאַץ". דער „טייגער" האָט מיט זיין סטאַץ" גענומען אַן אַנטייל אין אַ לאַנג־אייי־לענדער „אַטאָמאָביל־רייס". „ליטל דזשאַן" איז אַ הויכער צוויי הונדערט פונטיקער בחור. אַן אַטלעט. אַ סטודענט פון קאָ־לאַמביאַ. זיין טאַטע פאַרמאָגט אַ גאַנצע קייט פון אַפּטייק־קראָמען, און מען שאַצט אים אין די גאָר הויכע טויזנטער. זיין טאַטע קומט אַרויס פון די דייטשן. — ווער וואָלט זיך געריכט אויף אַזאַ גליק, אַז דזשאַן אָפּענהיימער זאָל אַריין קומען צו מרדכי עטינגער'ן?

אין דערפרי, אין בעט, מאַכט אסתר קאַזילקעס. זי איז משוגע פון פרייד. דזשאַן אָפּענהיימער קומט אַרויס פון די דייטשן.. דזשאַן איז שוין געגאַנגען דעם דריטן יאָר אין אוניווערסיטעט, און שוין צום דריטן מאָל האָט ער געביטן דעם קורס. ער האָט אָנגעהויבן מיט אינדזשינירינג, איז אַריבער אין דעם יורידישן פאַקולטעט, און איצט גייט ער שוין אויף די „ביזנעס קורסן". — מיט דעם וועסטו מיר כאָטש קענען אין מיינע געשעפטן העלפן — האָט זיין טאַטע, דער האַלב דייטשער טאַטע געזאָגט.

אָבער וואָס קימערט אים זיין טאַטע! דזשאַן גיט זיך אָפּ מיט די שפּילערייען אין זיין קלאַס. ער איז אַ מיטגליד אין דעם „בייז־באָל־טים", אין דעם „פוט־באָל־טים". ער איז דער בעסטער „באַקסער". — דזשעז — יונג־בלוט — היים־בלוט — דזשאַן ליגט גאַנצע טעג איבער אויפן שפּיל פּלאַץ. דאָס שפּילפּלאַץ איז צעשפּרייט איבער אַ ברייט פלאַך לאַנד, אונטערן שטאָט, פּונקט אַנטקעגן איבער דעם האָדסאָן. פון האָדסאָן בלאָזט אַ קיהלער ווינט. פרישער אָטעם. דזשאַנ'ס פּנים און זיין קאַרק ווערט אַלץ רויטער און קרעפטיקער. רויט בלוט שפּריצט פון זיינע באַקן. מיטן אַכטעקיג קאָלירנדיק היטעלע אויפן קאָפּ, איבער דער הויכער ברוסט איז אָנגעצויגן דאָס

געשטריקטע בלויע העמד מיטן בוכשטאב „סי“ פונקט אויף דער סאמע מיט פלייצע. אויף די פיס אויסגעבעטע וואטאווע הויזן, שיך אין וועלכע עס זיינען אריינגעשלאגן שארפע טשוועקעס — וואס קימערט דזשאנ׳ען, וואס זיין טאטע זאגט?

דזשאן איז דער שנעלסטער אטאמאביל טרייבער. מיט זיין „פעקארד“ יאגט ער אלעמען אויפ׳ן וועג אריבער. שטענדיק טראגט דזשאן אין זיין קעשענע א צענערל. א פינפאונצוואנציקער — און אונטער זיינע פלייצעס ווייסט ער, שטייט א רייכער טאטע — טו ווארום זאל דזשאן קריכן? וואס איז ער, זייער שכן מיסטער מאשקאוויץ? דזשאן פארט מיט חוצפה אריין אין יעדן איינעם, ווער עס שטייט אין זיין וועג. ער האט שוין צוויי מאל זיין מאשין איבערגעקערט, צוויי מאל האט ער שוין א צווייטן מאשין איבערגעקערט — אבער דזשאן טראגט צוואנציק טויזנט אינשורענס.

די ענערגיע זיינע שפארט ארויס פון אונטער דער הויט. זיין שטייף, גלאט לייב בענקט נאך אויפרעגונג. דזשאן שלאגט דעם ניגער, וואס וואשט זיין קאר.

— נא דיר א פינפערל — זאגט ער צום ניגער — לאז אראפ די הויזן און לאמיך דיך שמייסן.

א פינפערל איז געלט — א פינפערל איז פינף איינציקע דאלער —מינץ קען מען אפבייטן א פולן בייטל — דער ניגער ניט אונטערטעניק א גלאנץ מיט די קעלבערנע אויגן, לאזט אראפ די הויזן, ציט זיך אויס מיט׳ן פנים צו דער ערד — ער וויל שוין זען דאס פינפערל.

— ווארט דו ניגער, ניט אזוי לייכט קומט אן א פינפערל! דזשאן קלאפט מיט דעם לעדערנעם גארטל איבערן נאקעטן לייב.

— הייליקער יעזוס, — ס׳ארע קלעפ ער גיט! באס! א, באס! עס וועט דאך מיין הויט פלאצן!

דזשאן הערט נים. עס האט זיך שוין זיין בלוט צעווארעמט. מיטן גאנצן כח קלאפט ער און קלאפט.

אין אוונט בארימט ער זיך פאר זיינע חברים:

— איך האב א ניגער, קען ער איבערטראגן פינפאונצוואנציק שמיץ.

אסתר האָט געלאַכט. אסתר האָט זיך אויך געוואָלט באַרימען — זי האָט געוואָלט דערציילן, ווי אַזוי זי האָט אָפּגעגאָסן עמאַ'ן מיט שפּריצנדיק וואַסער. זי האָט עס אָבער ניט געזאָגט, אין אַנגעזיכט פון דזשאָנען האָט זי זיך פאַרלוירן און פאַרשעמט. זי האָט אַ שעמעוודיקע בעסער געהערט, וואָס ער האָט צו זאָגן.

— נישט קשה פון אַ פייגעלע ביזטו — האָט ער איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט.

— און דו ביזט אַ פייגל כאַפּער? — פרעגט זי.

— בעסער היט זיך פאַר מיר — זאָגט ער.

— איך בין נים קיין בייבי — ענטפערט זי.

— און דו ביזט נאָך אויף מיר ברוגז? — פרעגט ער.

— אַז דו ביזט נעבן מיר בין איך ניט ברוגז — ענטפערט זי.

— וועסטו גיין מיט מיר אין סטרענד? — האָט ער געפרעגט.

אסתר'ס ליפּן זיינען רויט אַנגעשמירטע, אין מיטן, ווי אַ וויינשל. מרדכי עטינגער האָט אַ סך געלט — און „וואָס די העל!“ — ווינציק שיינע מיידלאַך זיינען דאָ אויף דער וועלט?

— גייען מיר היינט אין סטרענד־רוף?!

דזשאָן קומט שוין אַ טאָג איבער אַ טאָג צו מרדכי עטינגער'ן אין שטוב אַריין, אסתר איז גליקלאַך — זי האָט טאַקי געוואוסט ווי אַזוי צו נעמען דעם בחור...

ווען ער האָט זי לעצטן מאָל אָפּגעפירט אַ היים, האָט ער זיך צוערשט פאַרקירעוועט אונטערן שטאָט, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פאַרלאָזענעם וועג. דזשאָן ווייסט אַלע פאַרלאָזענע וועגן. ער האָט אַראָפּגעצויגן די ראָלעטן פון זיין פאַרמאַכטן אָטאָמאָביל. אסתר'ן האָט וויי געטאָן.

— דאַנק דזשאָן! — האָט זי זיך געבעטן.

— „וואָס איז די דיפרענס?“ — ענטפערט ער. — מיר'ן דאָך ביידע חתונה האָבן...

זיי וועלן חתונה האָבן — אסתר האָט א רייכן טאַטן — וויפל ירושה פאַלט אוים אויף אסתר׳ם חלק? יאָ זיי וועלן ביידע חתונה האָבן. דזשאַנען געפעלט די וואָל־ביזנעס.

— „יו אַר עי בוירד“.

— און דו ביזט א פויגל־כאַפּער?

— בעסער היט זיך פאַר מיר.

— איך בין ניט קיין בייבי

אסתר האָט שוין איצט ניט קיין מורא פאַר עמאַ׳ן — זי לאַכט איר שוין גלייך אין פּנים אַריין. ווען זי וויל נאָר, קען זי איר אַלץ פראַנק און פריי זאָגן.

ווען דזשאַן איז איינמאָל אין אַן אָוונט אַריינגעקומען צו די עטינגערס, איז שוין דאָרטן געווען א פולע הויז מיט מענטשן. עס איז דאָרטן געווען וואָלטער און דזשיראַרד מוירפי, און קאַלווין נויבוירגער און ביטרים בוכבינדער און בלענדזש און לו און דזשעק און וואָלאָס. עס איז דאָרטן אויך געווען דער „טייגער“. דער פליגל אין וועלכן די קינדער האָבן געוואוינט האָט געגלאַנצט אין רייכקייט. אין דעם אויפנאַמס זאָל איז געלעגן צעלייגט א טיף־בלויער דיוואַן. אין דעם שיין פון דעם גלאַנציקן ליכט האָט דער דיוואַן אויסגעזען ווי בלוי וואַסער. אַרום און אַרום די ווענט איז געשטאַנען אויסגע־שטעלט שוואַרץ־יאַפּאַנעזישע מעבל אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקאַרבט לאַנג שוין פאַרשוואונדענע חיות און געטער׳ אין ווינקל איז געשטאַנען א קליינער בודאַה, מיט א יונג ליכ־טיק פּנים, מיט א פּאַטשיילע איינגעוויקלט דעם קאָפּ און פאַר־בונדן אונטער די אויערן. זיינע פים זיינען געווען אונטערגע־בויגן, און די צוויי הענט זיינען געווען פאַרלעגט איבערן בויך. אין אַלע ווינקלען האָבן געברענט רויטע לאָמפּן. פון דעם האָלבן אָפּן איז מען גלייך אַריין אין א צווייטן צימער, וואו עס איז געשטאַנען טיפע, ווייכע מעבל מיט דער קליינער בייבי־גרענד. מיט די שאַפעס ביכער.

דזשאָן איז געווען גערירט. ער האָט איצט אויף אַן אמת געוואָלט חתונה האָבן מיט אסתר'ן. ער האָט נאָך אַמאָל געוואָלט זיין מיט איר. ער האָט געזוכט איר פּנים צווישן גרויסן עולם. אים האָט זיך געדוכט אַז די אַלע בחורים זיינען געקומען זי צונעמען ביי אים. ער האָט אָנגעהויבן סאָפּען און בלאָזן פון דער נאָז, ווי אַ שווערער בופלאָקס.

איבער'ן שטוב איז געווען צעלייגט אַ פרייליכער שמועס; די מיידלאַך האָבן געשטיפט, און גערעט פון זייערע אָטאָמאָבילן, און פון די לעצטע מאָדעס. ביטרים בוכבינדער, אַ דין בלאַס מיידל, מיט יונג־קינדישע הענט, מיט אַ גרויסן בלאָנדן קאָפּ האָר האָט געלאַכט און דערצעלט וויפל שפּאַס זי האָט מיט איר שוואַרצער מערי'ן

— איך גיב איר אַ „פראַנקפורטער" עסן, לאָז עס ניט איינבייסן און איך שטופּ עס אין איר מויל אריין ביז זי הויבט זיך אָן ווערגן.

— כאַ, כאַ, כאַ —

— איינמאָל האָב איך זי געצוואונגען שלאָפן מיט מיין קליינעם פּודל — האָט זי ווייטער געזאָגט.

— און עמאַ'ן דערצייל איך פון מיינע ליבעס — האָט אסתר געלאַכט — איינמאָל ווען זי האָט געוואַשן מיין פּלייצע אין וואַנע, האָב איך איר אויף אָנגעשטעלט דעם שפּריצער און זי אינגאַנצן נאַס געמאַכט.

— כאַ, כאַ, כאַ —

דזשאָן איז צוגעקומען צו אסתר'ן. זי אַרומגענומען פאַר דער טאַליע און געדריקט אירע בריסט.

— וואָס שרייבט דייוו? — פרעגט ער.

— ער איז אַלרייט — ענטפערט אסתר.

— און ווי געפעלט אים דאָס שיילן קאַרטאָפל?

— ער האָט זיך געקענט לייכט אַרויסדרייען — האָט אסתר מיט גדלות געזאָגט, — „יו נאָו" — ער איז נאָך אַפילו קיין צוואַנציק יאָר ניט אַלט.

— איז וואָס צום טייוול האָט אים געצויגן אהין?

דער שמועס וועגן דייוו'ן האָט זיך צעליינט איבער דעם גאַנצן צימער.

דזשאַן האָט ארויסגענומען א זשמעניע סיגאַרן און צעטיילט צווישן די בחורים. וואָלקנס שמעקנדיקער רויך האָט זיך געהויבן צו דער סטעליע. שטייענדיק אזוי ארומגענומען מיט אסתר'ן האָבן זיי ביידע אָנגעהויבן טאַנצן. דזשאַן האָט זיך געהאָצקעט, צוגעקלאַפּט צום טאַקט פון א מאָטיוו זיינע פיס, אסתר האָט זיך געטרויסלט, זי האָט געדרייט מיט אירע פיס און מיט איר קערפּער. אונטער דעם דינעם קלייד האָט זיך געוואָרפן איר לייב, ווי דרעליעס אין א שיסל, זיי האָבן זיך צום סוף ביידע אריינגעזעצט אין איין שטול און דזשאַן האָט ארויפגעלייגט ביידע פיס אויף אסתר'ס שויס.

דער שמועס האָט זיך שוין יעצט צעליינגט איבער אַלע ווינקעלאַך. פון איין ווינקל האָט מען אריבערגעשריען צום צווייטן. בלענטש האָט פון איר ווייטן שטול אריבערגעשריען:

— און איך דענק אז אזוי דאַרף יעדער מאַן האַנדלען!

— דאָס הייסט, מיטן געזונטן קאָפּ אין דער ערד אריין — האָט דזשאַן צוריקגעשריען.

— אויב אפילו מיטן געזונטן קאָפּ אין דער ערד אריין...

בלענטש איז שוין געווען אינגאַנצן רויט זי איז געווען אויפגערעגט און מיט א ציטריק קול האָט זי פאַרענדיקט:

— איך קען דייוו'ן, איך ווייס זיין גוט האַרץ, וואָס ער טוט, טוט ער מיטן גאַנצן האַרצן.

— א מענטש קען זיך האָבן א גוט האַרץ, אָבער מען דאַרף דאָך ניט קריכן מיטן געזונטן קאָפּ אין דער ערד אריין.

ביי די דאָזיקע רייד האָט דזשאַן געגעבן א דריק אסתר'ס הענט, וואָס האָט געמיינט צו זאָגן — איך וואָלט שוין אזא נאַרישקייט ניט אָפּגעטאָן, און דו מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

— אָט נעמט מיך! — האָט מיטאַמאָל אויסגערופן וואָלטער ראָזענצווייג — אי דער וואָלף איז זאַט אי די ציג איז גאַנץ — דין דעם פּאַטערלאַנד, און וועל אין מיינע אויגן ניט אָנזען דעם שונא.

ביי די דזשיקע רייד וואָלטערס, איז מיטאַמאָל אויפגע־שפּרונגען בעקי. איר פּנים איז געוואָרן צונטער רויט, אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו גלאַנצן. ביין קוקנדיק אויף וואָל־טער׳ן, האָט זי געזאָגט:

— שעם זיך וואָלטער! איך האָב זיך ניט געריכט פון דיר צו הערן אַזוינע רייד.

— און וואָס האָב איך דען געזאָגט? — האָט ער גע־פרעגט.

— דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט איז ניט שיין. מעגסט זיך שעמען — אויף אַזאַ אונטערשטן וועג זיך ארויסדרייען, איז ניט מענלאך.

וואָלטער איז אינגאַנצן רויט געוואָרן. ער האָט ליב גע־האַט בעקי׳ן. יעדע זאַך, וואָס ער האָט געטאָן האָט ער געהאַט אין זינען בעקי׳ן. אַלע אַנדערע מיידלאַך זיינען אים לחלוטין ניט אָנגעגאַנגען. אירע ווערטער האָבן אים געשטאָכן ווי מיט אָנגעגליטע שפּיזן.

— איר אַלע זיינט שוואַכלינגע — דייוו איז אַ העלד. איר אַלע זוכט אַללערליי מיטלען ווי אַזוי זיך פון דינסט צו באַפרייען. איר ווילט נאָך אַזוי, אַז אי דער וואָלף זאָל זיין זאַט, אי די ציג זאָל זיין גאַנץ. עס איז אַ שאַנדע פאַר אונזער יוגנט. עס איז אַ פלעק אויף אונזער פאָלק. מעגסט זיך יעדנפאַלס היטן מיט אַזוינע רייד.

וואָלטער האָט זיך געלאָזט גיין צו איר.

— דין איך ניט דעם פאַטערלאַנד? — האָט ער געשריען.

— אַזאַ דינען דעם פאַטערלאַנד קענען מיר אויך.

וואָלטער׳ס רייד האָבן זיך שוין ניט געקלעפּט. ער איז געווען דערשלאָגן און נאַריש. בעקי׳ס פּנים האָט געפלאַמט. זי האָט שוין אויף אים אפילו זיך ניט אומגעקוקט. איר יונגער האַלדזש האָט נערוועז געצוקט. זי האָט זיך אריינגעזעצט צוזאַמען מיט בלענטש׳ן אין איין שטול. עס האָבן זיך עטוואָס ארויפגערוקט זייערע קליידער. ביידנ׳ס פיס האָבן זיך ארויסגעזען ביז צו די קני — אַזוינע יונגע שטאַרק אָנגעצויגענע פיס.

וואָלטער איז שוין געזעסן אַ שטיל דערשלאָגענער. דזשאַן

האָט זיך אויפגעהויבן פון נעבן אסתר'ן, ער האָט אויסגעגליכן זיין וועסט אין די הויזן, איז צוגעגאנגען צו בעקי'ן און מיט א שמייכל אויף די ליפּן, גלייך ער האָט זי פריער גאָר ניט באַמערקט, האָט ער צו איר געזאָגט: — „אַ, או דו יז דו, מיס עטינגער!" איך האָב גאָר ניט געוואוסט אז מיר האָבן דאָ אזא הייסן פּאַטריאָט!

— איך בין דאָס, וואָס יעדער מענטש דאַרף איצט זיין — האָט בעקי ברוגז געענטפערט.

— און ווי פיין דו רעדסט?!

— נעווער מיינד" מיין ריידן.

— און ס'אַרא שיין מיידל!

— נו, פּליז מיסטער אַפּענהיימער, איך וויל פון אייך ניט הערן אַזוינע רייד...

— ווען איך בין אַ מאַן, וואָלט איך זיך געשעמט דאָ ארומצודרייען — האָט בלענטש זיך אַנגערופן.

— זע נאָר, זע נאָר — האָבן עטלאָכע בחורים מיטאַמאָל זיך אַנגערופן.

— און דערצו זיינט איר נאָך אידן — האָט בעקי געזאָגט — אַזוינע אַ, ווי איר, שעדיקן דעם גאַנצן פאָלק.

דזשאָן האָט געשוויגן. ער האָט געקוקט אויף בעקי'ן. ער האָט געזען אירע שווארצע אויגן, די גלאַנציקע האָר, די לאַנגע ווייסע הענט, ביים עלנבויגן האָט זיך די האַנט אויסגעבויגן, ווי איין איינגעבויגענע ווירע — וואָס פאַר אַ שיין מיידל דאָס איז? — האָט ער אין זיך געטראַכט — ווי עס ברענען אירע אויגן? וואָרום האָב איך זי פריער אַזוי ניט געזען?

— און ווען איך זאָל זיך מאָרגן אַנשליסן אין דער אַרמיי, וואָלסטו מיך ליב געהאַט?

— איך דאַרף דיך ניט ליב האָבן, און דו דאַרפסט זיך צוליב מיר ניט אַנשליסן אין דער אַרמיי. דו אַליין דאַרפסט ווייסן, וואָס צו טאָן.

דזשאָן האָט מיטאַמאָל אינגאַנצן פאַרגעסן צוליב וואָס ער איז אַהער געקומען. בעקי האָט אים שוין אינגאַנצן באַצויבערט. דעם גאַנצן איבעריקן אָוונט איז ער שוין געזעסן

א שטילער. דער שמועס האָט זיך שוין געדרייט אַרום אַטאַ־מאָבילן און אַרום פאַרשידענע „גיימס“, וואָס גיין אָן איבער'ן לאַנד. דזשאָן האָט זיך אָוועקגעזעצט און אויפגעהויבן, ער האָט אַריינגעקוקט און געבלעטערט זשורנאַלן. ווען עמאַ האָט אַריינ־געבראַכט טיי האָט ער אי פאַר זיך אי פאַר בעקי'ן אַריינגע־שאָטן צוקער.

— וויפל לעפעלאַך אַריינשיטן — האָט ער געפרעגט.

— זי טרינקט ניט קיין זיסע — האָט אסתר פון ווייטן א שטאָך געטאָן — ווי מיין באָבע, טרינקט זי מיט שטיקלאַך צוקער.

קיינער האָט ניט באַמערקט אירע רייד.

אסתר האָט פּלוצלינג אַוואָרף געטאָן דזשאָנען אין פּנים אַריין א נוס, די נוס איז אָפּגעשפּרונגען און אַריינגעפאַלן אין גלאָז טיי אַריין.

— ווי קען זי טרינקען טיי מיט צוקער, ווי? — האָט זי נאָך אַמאָל געפרעגט.

ווען מען האָט אָפּגעטרונקען די טיי האָט מען אָנגעהויבן צו טאַנצן. די וויקטראָלאַ האָט געשפּילט, בחורים האָבן גע־זונגען, די מיידלאַך האָבן געפייפט, מען האָט זיך צופּאָרלט אַזוי, ווי עס האָט זיך געמאַכט. דזשאָן האָט גענומען בעקי'ן און זיך מיט איר אָנגעהויבן דרייען איבער'ן ווייכן דיוואַן.

— אָבער ווען מיין ברודער זאָלסטו זיך ניט דערוועגן א וואָרט צו ריידן, — האָט בעקי טאַנצנדיק צו אים געזאָגט.

— ניין, ניין — האָט ער שמייכלענדיק צוריקגעענטפערט

— קיינמאָל ניט. קיינמאָל ניט.

— און צו מיר דאַרפסטו אַנדערש ריידן.

— איך וועל ריידן פּונקט אַזוי ווי דו ווילסט.

— אינגאַנצן שווייגן — האָט זי געלאַכט.

— אפילו שווייגן — האָט ער געשמייכלט.

ווען אַלע פּאָרלאַך האָבן געהאַלטן אין אויסדרייען א געוויסע באַוועגונג, האָט זיך פּונקט דעמאָלט אָפּגעשטעלט די שפּילמאַשין, און אַלע זיינען געבליבן אַזוי שטיין מיט קרום־צעשפּרייטע פיס.

אַלע האָבן אַרויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

אסתר איז צוגעגאַנגען צו דער וויקטראָלע און זי געלאָזט ווייטער לויפן. אַלע האָבן אָנגעהויבן אויפסניי טאַנצן, נאָר אין אַ מינוט אַרום האָט זיך די שפּילמאַשין ווידער אָפּגעשטעלט. אסתר איז ווידעראַמאָל צוגעגאַנגען צו דער מאַשין, אָבער ווידער אין אַ מינוט אַרום, ווען אַלע האָבן שוין ווידער געטאַנצט, האָט זיך מיטאַמאָל, אינעווייניק, אין דער שפּיל־מאַשין געגעבן אַ ריים איבער די גאַנצע ספּרוזשינע, און דער „רעקאָרד" צוזאַמען מיט דער ספּרוזשינע האָבן געגעבן אַ פלי אַרויס מיט אַ שאָס איבער׳ן צימער.

עס איז געוואָרן אַ טומל. אסתר האָט זיך אָנגעבויגן און גענומען צעגויפקלייבן די צעבראָכענע שטיקער דראָט און שטיקלאַך פון דעם „רעקאָרד". ווען זי איז נעגאַנגען מיט די שטיקלאַך אין צווייטן צימער אַריין, איז זי פאַרבייגעגאַנגען בעקי׳ן און דזשאָנען, זי האָט זיך אַ ברייטן דריי געטאָן און איז אומגעפאַלן.

דזשאָן איז פלינק צוגעלאָפן צו איר, עס איז צוגעלאָפן בעקי און די איבעריקע בחורים. ווען בעקי איז שוין נאָענט געשטאַנען לעבן אסתרן, האָט אסתר שטילערהייט אַריינגע־שטאָכן דעם איבערגעבראָכענעם דראָט אין בעקי׳ס קלייד אַריין, אַזוי ביז צו איר לייב צו, און ווען דזשאָן האָט זי אַזוי פלינק געגעבן אַ הויב אויף פון דער ערד, האָט זי מיטגעריסן בעקי׳ס קלייד און אַ שטיק פון איר לייב.

אין צימער איז געוואָרן אַ גרויסער גערודער. בעקי איז געבליבן אַזוי שטיין מיט אַן אָפּן צעריסן קלייד, פון איר פוס האָט געררונען בלוט. איר פּנים איז געווען בלאַס. בלענטש און ביטרים האָבן מיט שפּילקעס געוואָלט פאַרשפּיליען דעם ריס, און ניט געקענט. צום סוף האָט מען געמאַכט אַ רעדל פון מיידלאַך, מען האָט אַריינגענומען בעקי׳ן אין מיטן, און אַזוי אין אַ רעדל, זיינען זיי פאַרשוואונדן צו בעקי׳ן אין צימער אַריין.

דזשאָן איז יענעם אָוונט שוין ניט אַהיים געפאָרן. ער האָט אַריינגענומען אין זיין אָטאָמאָביל אַפּולע כאָפּטע מיט

מיידלאַך און בחורים און זיי זיינען אַלע אַוועקגעפאָרן קיין קוני־איילאַנד. מען איז געזעסן צו צוויי און צו דריי אויף אַ זיץ, מען איז געזעסן איינער אויף צווייטנס שויס, דזשאָן איז געווען בייז. זיין אָטאָמאָביל איז געפלויגן, ווי אַ פייל פון בויגן. דער גאַנצער אוונט איז שוין פאַר אים געווען אַ צעשטערטער. בעקי האָט זיך מער ניט באַוויזן. אסתר איז אַ ברוגז׳ע אַנטלאָפן צו זיך אין צימער. אָבער צו וואָס דאַרף ער אסתר׳ן? זי איז קליין און נידעריק, אויף איר פּלייצע וועט אַמאָל אויסוואַקסן אַ האָרב, ווען אסתר וועט זיין אַלט, וועט זי אויסקוקן, ווי די פרוי, וואָס וואַשט די דילן ביים טאַטן אין די קלייטן. דזשאָן איז געווען צופרידן וואָס אסתר איז דאָ נישטאָ.

— היינט האָבן מיר אַ „גוד טיים“ באָים! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

— הוראַ! — האָבן אַלע געענטפערט.

ער האָט זיך פאַרנומען אַרונטער פינפטער עוועניו, איז אַריבער דעם מאַנהעטען בריק, עס איז שוין געווען שפּעט אין אוונט, דער וועג פריי, דער אַטאָמאָביל איז געפלויגן ווי אַ פייל פון בויגן, נעבן פּראָספּעקט פּאַרק האָט אים אָנגעיאָגט אַ פּאָ־ליסמאַן.

דזשאָן האָט פרעך אַריינגעשושקעט דעם פּאָליסמאַן אין אויער אַריין:

— אויף דער צוויי און פערציקסטער סטריט טרעפסטו מיך יעדן נאָכמיטאָג — מיין טאַטנס אָפּטייק קראָם אויפן ראָג קענסטו דאָך.

ער איז נאָך שנעלער ווי פריער געפלויגן, און זיך פאַרנומען מיט׳ן אָושען פּאַרקוויי אַרונטער צו קוני איילענד.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער קאַפע „אַטלאַנטיק“. איבער סוירף עוועניו האָבן נאָך געהוזשעט איינציק־צוואָרפענע הייזעריקע שטימען. קולות צעלייגטע אַריבער דער גאַס האָבן שוין כריפּענדיק און אָן כוחות גערופן אין זייערע געשעפטן. ווייסע, בלענדנדיקע ליכט האָבן זיך צעגאָסן ביז אַרונטער צום ים צו. די קאַפע איז שוין געווען האַלב אויסגעליידיקט,

איבער די טישן, ווי נאָך אַ שלאַכט, איז געווען אָנגעוואָרפן אַלערליי ברעקלאַך און שאָלעכץ און פּאַרטרוקענטע גאָפּל, מעסער איבער די רויט־געפּלעקטע טישטיכער. ליידיקע פלעשער זיינען געווען צעוואָרפן אונטער די טישן. דער מידער אָרקעסטער האָט נאָך פון צייט צו צייט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די האַלב גוסס'דיקע אינסטרומענטן, און ווי דרימלענדיק געפּרואווט אַרויס־שלעפּן עפּעס אַ טאָן. דזשאָן איז אַריין מיט אַ טומל. גלייך האָבן חברה זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ פריילאַכן טאַנץ איבער דעם גרויסן טאַנץ־פּלאַץ. מען האָט אָנגעהויבן באַשטעלן געטראַנקען. דזשאָן האָט געטרונקען בראַנפן און וויין, און ווי אויף צו להכעיס עמיצן האָט ער געמישט בראַנפן מיט וויין און געטרונקען אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז.

— העי, קעלנער! געבראָטענע טייבעלאַך דערלאַנג! —
האָט ער פּלוצלינג אָנגעהויבן שרייען מיט אַ ווילד רויט קול.

ווילד רויט זיינען שוין געווען זיינע אויגן און דאָס פּנים. זיין לייב האָט געשוויצט, ער האָט ווילד אַ צי געטאָן די קעל־נערין צו זיך אויפן שויס, אַלעמען איבערלאָזנדיק זיצן ביים טיש, איז ער אַריין מיט דער קעלנערין אין אַ באַזונדערן צימער.

— טאַנץ פאַר מיר אַ נאַקעטע — האָט ער אין ווילדקייט געשריען — הייסט דאָס, דאַרפסטו טאַנצן נאַקעט.

דאָס מיידל האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין ווילדקייט, געצי־טערט און איז געבליבן אַזוי שטיין — מיט אַ צועפּנט מויל.

— אין דער ליכטיגקייט ווילסטו? — האָט זי געפרעגט.

דזשאָנ'ס אויגן זיינען רויט פאַרגאָסענע. אין אים האָט זיך צעשפּילט עפּעס ווילד מירישעס. ער ווייסט ניט, וואָס ער וויל. ער פילט בלויז די געוואַלדיקע מאַכט, וואָס אין זיינע הענט. זיין צווייהונדערט פונטיקער קערפּער ברעכט זיך אין אַ ווילדער ליידנשאַפט. אַט קען ער נעמען און דערשטיקן דאָס אַנטקעגן שטייענדיקע מיידל, ער גיט זיך צו איר אַ לאָז מיט צוויי אָפענע הענט.

— איין מיידל האָט מיך אָפּגעשטויסן — רעוועט ער מיט אַ כריפּענדיק גרויי קול, — אָבער דו וועסט עס ניט טאָן.

אויב דו טוסט זיך ניט אויס א נאַקעטע וועל איך דיר גלייך אויפן אָרט א טויט מאַכן. נאַ דיר מיין גאַנץ געלט.

ער האָט אַרויסגענומען א פּאַק צענויפגעוויקלטע צען־דאָלאַר־דיקע און עס צו איר א שליידער געטאָן — נאַ, אָט האָסטו עס

דאָס מיידל איז צו אים ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז צוגעקומען. פריער האָט זי געגלעט זיינע האָר. דערנאָך האָט זי צע־שפּיליעט זיין קאָלנער. זי האָט זיך אַרויף געזעצט אויף זיין שויס און צעשפּיליעט זיינע קליידער.

— דער „באָי" איז אביסל אויפגערעגט — האָט זי שטיל געזאָגט — אביסל די מאָס איבערגעכאַפּט. זאָל זיך דער „באָי" בארויקן. מיר'ן צוזאַמען דאָ אין דעם צימער איבערשלאָפן. איך וועל דיך שוין באַרויקן. איין מאָל און צוויי מאָל, וועל איך דיך באַרויקן. אין דער פרי וועסטו זיין א נייער מענטש.

דזשאָן איז אַנטשוויגן געוואָרן. נידריקער און נידריקער האָט געזונקען זיין קאָפּ. מיט א צעבראָסקעטער ברוסט און צעשויבערטע האָר האָט ער זיך ווילנלאָז איבערגעגעבן צו דעם מיידל. דערנאָך האָט ער פון פּאַק געלט אַרויסגעשלעפּט א צענערל און עס איר צוגעוואָרפן, און איז אַרויס מיט דער אונ־טערשטער טיר צום ים.

א פרישער ווינט האָט געבלאָזן פון ים. אין דרויסן האָט געשפּילט דער אָנקומענדיקער טאָג. די שוואַרצע נאַכט האָט ביסלאַכווייז אָנגעהויבן צערינען. דזשאָנען האָט זיך געדרייט דער קאָפּ. זיינע אויגן זיינען געווען רויטע און געשוואָלענע. דער שניפּס איז געווען איבערגעדרייט און דאָס העמד אַרויסגע־שלעפּט פון די הויזן. שוואַרצע רעדער האָבן זיך געדרייט אין דער לופטן, און אַלע מאָל זיינען די רעדער געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. מיטאַמאָל האָט אים אַרומגענומען א פּאַרדראָס. הויך אויף א קול האָט ער אָנגעהויבן שילטן דאָס מיידל פון דער קאַפּע. ער האָט זיך אין מיטן גאַנג אָפּגעשטעלט.

— ער מוז זיך אומקערן און זי דערשטיקן.

ווען ער איז צוריקגעקומען איז שוין דער זאָל געווען אין גאַנצן א פּוסטער. אַלע זיינע אייגענע, האָבן אים איבערגעלאָזט

און זיינען אוועקגעפארן. ביי א איינציק טישל זיינען נאך גע־זעסן א פאר שיכור'ע מענער און הויך אויף א קול זיך גע־זידלט. די ליכט איז געווען האלב אויסגעלאשן. אין האלבן טונקל האט זיך אין דער לופטן געשפארט וואלקנס רויך. אין א פארשטופטן ווינקל, פארהאנגען מיט שווערע פארטירן, זיינען א גרופע מענער געשטאנען ארום א ווייך אויסגעבעטן טיש און געשפילט אין ביינדלאך. שיכור'ע־רייט האט ער דערזען די שפילער און מיט קולות און קללות האט ער זיך אהינ א לאז געטאן.

— „לעט מי שום איט" — האט ער געשריען — „דעם איט!" צען צו איינס וועל איך שפילן.

ער האט ארויסגעריסן די ביינדלאך פון א צווייטנס האנט. ארויסגעשלעפט דעם פאק מיט פאפיר געלט פון זיין קעשענע — „היר איז די ווייז דו איט" — האט ער געשריען.

עס איז געווארן א טומל ארום טיש. מ'עז האט געראפן דעם אויפזעער, דזשאן האט מיטן פויסט געקלאפט איבער'ן טיש — שא זאל זיין! איך וועל אייך אלעמען אויסהרגענען — מיין טאטע האט איינגענע צען קראמען — א גאנצן „בלאק" מיט הייזער — נאט אייך מיין געלט! צום טייוול איר שוואכלינגע.

די קולות האבן זיך געהויבן ביזן אונטער דער סטעליע. אפענע מיילער, ווי צעכראסקעטע בריסט האבן געשאטן מיט זידל ווערטער, צום סוף האבן זיך צוויי מענער צוזאמען מיט דזשאנען אפגעטיילט ביי א באזונדער טישל און די „גיים" האט זיך אנגעהויבן אויפ'סניי.

מטבעות זיינען געפלויגן פון האנט צו האנט. קיינער האט ניט ארויסגערעדט קיין איינציק ווארט. איבערן טיש האבן די ביינדלאך אפגעהילכט מיט א דומפן קניילן ווי שאסן פון א רויש־לאזן ביקס. דזשאן האט אראפגעריסן דעם קאלנער, אראפגע־ווארפן דעם ראק און פארקאטשעט די ארבל, זיינע האר זיינען געווען צעשויבערטע. פון זיין לייב האט געשלאגן א היץ, זיינע רויטע אויגן האבן געבליצט ווי א טליענדיק פייער, מיט א שוים

אויף זיינע ליפּן האָט ער צום סוף אראָפּגעשלעפּט דעם דימענ־טענעם רונג פון זיין פינגער און אַ געשריי געטאָן:

— „גאָד דעם איט — טייק איט".

גאַנץ פרי איז ער אין אַ זיגזאַג געפלוינן איבער די שטילע גאַסן. ער האָט קינסטלאַך אויסגעמיטן די טעלעפאָן סלופּעס, ווי אַ וויכער איז ער דורכגעפלויגן דעם פּראָספּעקט פּאַרק, די מאַנהעטן בריק און אַרויף מיט פינפטער עוועניו. אויפן הויף נעבן זיין הויז האָט ער פאַרגעסן אויפצועפענען די צוויי האַלבע טירן פון דעם „גאַראַדזש" און ער איז אַזוי, מיט אַ שרעקלאַכן קראַך אַריינגעפאָרן.

6

שוין אַפּאַר וואָכן אַז מען האָט זיך אין דעם קרייז פון די בחורים און מיידלאַך גערירכט אויפן באַל, וואָס דזשאָן גרייט צו.

— מען זאָגט אַז עפּעס אויסערגעוויינלאַכעס גרייט ער צו, — האָט געזאָגט וואָלטער.

— וואָס אים קען נאָך איינפאַלן — האָט געענטפערט קאַלווין ניובוירגער.

— מען זאָגט אַז ער אָרדנט איין אַ הונט און קאַץ „פּייט"

— האָט פאַרטגעזעצט וואָלטער.

— דו קענסט זיך אויף אים פאַרלאָזן — ענטפערט קאַל־ווין.

נאָכדעם, ווי דזשאָן איז יענעם אַוונט אַריינגעפאָרן מיט זיין מאַשין אין דעם פאַרמאַכטן טויער, איז ער געלעגן אַ גאַנצע וואָך אין בעט, די שטיקער גלאָז, וואָס זיינען אויף פּיצלאַך צעשאָטן געוואָרן האָבן צעשניטן זיין פּנים און דעם קאָפּ.

— ער איז נאָך אַרויס אַ גליקלאַכער — האָט מען צווישן זיך גערעדט.

— דער בחור האָט מזל.

— ער האָט געקענט אָפּגיין מיט בלוט.

— זיין גליק איז, וואָס ער איז אַזאַ שטאַרקער.

— זיין גליק, זיין גליק — דזשאָן האָט גליק — די מאַשין איז איננאַנצן אַ צעבויגענע. דער מאָטאָר איז צעבראָכן, זיין פּנים און דער קאָפּ אַ פאַרנייטער, זיין גליק, וואָס ער איז אַזאַ שטאַרקער. אָבער דזשאָן האָט שוין אַן אַלץ פאַרגעסן. ער איז שוין געווען צוויי מאָל בעטן בעקי'ן קומען צום באַל.

— זאָל ער נעמען אסתר'ן — זאָגט זי צו בלענטשן — וואָס האָב איך דען מיט אים צו טאָן.

אָבער דזשאָן קוקט שוין איצט ניט אַפילו אויף אסתר'ן. טאָג און נאַכט טראַכט ער נאָר פון בעקי'ן. ער איז שוין נאָך אַמאָל דאָ געווען.

— וואָס וויל ער האָבן פון מיין לעבן ? — זאָגט בעקי — נאָך אַזאַ אַנשיקעניש פעלט מיר — מיכ'ן אין דעם טאָג פון באַל בעסער צופאָרן צו דייוו'ן אין קעמפּ.

בלענטש איז אַזש רויט געוואָרן. זי האָט אַרומגעכאַפּט בעקי'ן און זי אָנגעהויבן צו קושן. פּלוצלינג האָט זי אַרויסגע־שאָסן און מיט איינמאָל אַנטפּלעקט פאַר בעקי'ן איר ליבע צו דייוו'ן.

— דו ווייסט גאָר ניט, וואָס איך צעלייד די לעצטע פאָר וואָכן. אויב מען וועט דייוו'ן אוועקשיקן קיין פראַנקרייך וועל איך אפשר משוגע ווערן — טייערע, ליבע, לאָמיר פאָרן.

אָבער ווען עס איז געקומען דער אָוונט פון באַל איז דזשאָן צוגעפאָרן מיט אַ גרויסער מאַשין, ער איז שוין געווען איננאַנצן אַ פאַרפּוצטער. מיט דער נוס צוגעשניטענער „טאַקסי־דאָ“, מיטן ווייסן גלאַטן העמד, לאַנגע, ווייסע מאַנזשעטן האָבן אַרויסגעשטעקט פון די שמאָלע אַרבל, ער האָט בעקי'ן אַפילו ניט געלאָזט ריידן, קיינע תירוצים וועט ער ניט אָננעמען — בעקי מוז מיט אים מיטגיין.

בעקי האָט זיך פאַרלוירן.

— כ'האָב זיך דאָך אַפילו ניט צוגעגרייט ! ווי קען איך אַזוי אַ, גיין צו אַ באַל ?

— אַזוי אַ, וועסטו זיין דאָס שענסטע מיידל. — האָט ער געזאָגט — אַזוי ווי דו שטייסט און גייסט ביזטו די בעסטע

טענצערין, און אז דו וועסט נאכאמאל אזוי ריידן, ווי דעמאלט וועל איך זיך אפשר דער'הרג'ענען.

דזשאן האט געערדט און גערעדט, אזוי ווי אין היץ.

— טו גיב מיר כאטש א געלעגנהייט זיך אנצוטאן! — האט בעקי געזאגט.

— איך וועל ווארטן ביז דו וועסט זיין פארטיק צו פארן.

דזשאן האט איר געהאלפן זיך אנטאן. ער האט געפוצט אירע שיך. מיט שטראליקע אויגן איז ער געשטאנען און גע־זען, ווען בעקי ווערט אלץ שענער, איר פנים פארפלאמטער, אט איז אויף איר לייב צוגעקומען דאס הימל־בלויע שיפאן קלייד. דאס קלייד איז געווען אין שניט פון דער „וויקטאריע" צייט. שמאל אין סטאן, מיט שמאלע, לאנגע ארבל, מיט א הויכן קאלנער, און וואס נידריקער פון די היפטן אלץ ברייטער איז עס געווארן, ווען זי האט ארויפגעלעגט אויפן קאפ די ברייטע הוט, האט די ברייטע קריסע פארשטעלט איר פנים. און געווארפן א טונקעלן שאטן אויף די רויטע באקן.

ווען זיי זיינען אנגעקומען צו די אפענהיימערס, איז שוין געווען עלף אזייגער. אין דעם גרויסן זאל איז שוין געשטאנען דער באלינגער רויש, דאס ליכט איז געווען פארטונקלט מיט שטארקע ריחות פון שמעקנדיקן וויין. ווי אין א ים אזוי האט זיך דארטן געכוואליעט אין דער לופטן א פאר'שיכור'טע שיטערקייט. בחורים פארפלאמטע, האבן מיט לײדיקע פלעשער געקילט די צעפלאמטע מיידלשע באקן. עס איז געווען אין מיטן דער פארשטעלונג, ווי א קליינער „בול־דאג" האט זיך געריסן צו א פעטער ריין־אויסגעוואשענער קאץ. די קאץ, אן אנגע־שטרענגטע, מיט שטייפע וואנצן, מיט א קליין הארבעלע אויף דער פלייצע, מיט שארפע נעגל אויף די פאדערשטע פיס איז געשטאנען גרייט אויסצורייסן די אויגן פון דעם קליינעם הונט.

אלעמענס נערוון זיינען געווען אנגעצויגן. ארום און ארום אין א ראד האט מען אפגעליידיקט דעם גרויסן פאלירטן דיל און מיט אויסגעשטארצטע אויגן געהיט די ווילדע חיות.

מיטאמאל האט זיך אויפגעהויבן א ווילד קוויטשען. צענדלי־

קער מיילער האָבן זיך אין ווייטאָק צעעפנט, עס האָבן זיך אָנגעהויבן טיקן די ליכט אין דעם צימער. דער הונט, ווילד און צערייצט האָט זיך פון א זייט געגעבן א וואָרף ארויף אויף דער קאַץ, זיך איינגעביסן מיט די שוואַרצע קרומע ציין אין איר פּליצע, און מיט אַלע זיינע כוחות האָט ער זי פאַרשליידערט אין דעם ווינקל, צו די פיס פון די מיידלאַך.

עס איז געוואָרן א גוואַלדיקער טומל. די מיידלאַך זיינען געוואָרן היסטעריש, די בחורים האָבן געשריען „הורא“.

— הורא! איצט וועלן מיר טרינקען אויפן חשבון פון זיג בוקבינדער — האָבן א צענדליק אָפענע מיילער געשריען.

אָבער די קאַץ האָט זיך נאָך אזוי גיך ניט אונטערגעגעבן. א מידע, און א אויסגעצויגענע, האָט די קאַץ ווידער געשטעלט זיך אויף די פיס און אָנגעהויבן פּאַרסקען און שפּריצן און גליען מיט אירע ווילדע גרינע אויגן.

— דער הונט האָט זיך ווידער א לאָז געטאָן.

— „סטאַפּ איט! סטאַפּ איט!“ — האָבן זיך צעקוויטשעט צענדליקע שטימען. די גרויל האָט זיך שוין צעלייגט איבער אַלעמענס הערצער, זייער ווילדקייט איז שוין דערגאַנגען ביז צו אייגענער משוגעת, משוגע האָט מען אָנגעהויבן קוויטשען און שרייען.

— „סטאַפּ איט, סטאַפּ איט!“

בעקי האָט מיטביידע הענט פאַרשטעלט איר פּנים. זי איז אָנגעקומען פּונקט צו דער סצענע, ווען דער הונט האָט זיך וואָרף געטאָן אויף דער קאַץ, די ווילדע געשרייען האָבן זיך צעלייגט איבערן צימער און ביז אַרויס אין דרויסן אַרויס, זי האָט אַרויסגעריסן די האַנט פון אונטער דזשאָן'ס אָרעם און זיך געלאָזט לויפן צוריק אַרונטער די טרעפּ.

דזשאָן איז איר נאָכגעלאָפן.

בעקי האָט אַהיימקומענדיק פון די אָפּענהיימערס א גאַנצע נאַכט געוויינט. צוערשט, ווען זי איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין איז זי געווען מיד, איר האַרץ איז געווען פאַרשטיינערט, אין אירע אויערן האָבן געקלונגען פרעכע און ווילדע משוגענע קולות, זי האָט זיך געוואָלט פאַרטויבן, זי האָט זיך געוואָלט אין

זיך אליין פארגעסן, זי האט זיך געפרייט מיט דער שטילקייט פון דעם צימער און מיט דער ריינקייט פון דעם בעט, זי איז טאקע גלייך איינגעשלאפן.

אבער ארום צוויי צי דריי אזייגער ביינאכט האט זי זיך אויפגעכאפט מיט א ווייטאק אין א פינגער. דער פינגער האט געשטאכן, פונקט ווי עמיצער וואלט אהין ארייגעזעצט טויזנט שפילקעס, דערנאך איז די ווייטאק איבערגעגאנגען איבער דער גאנצער האנט, און פון דער האנט איבערן גאנצן קערפער, זי איז שוין א גאנצע נאכט געלעגן מיט א פאר ברייט צעעפנטע אויגן און געטראכט און געוויינט.

— ווארום איז איר מיט אמאל געווארן איר לעבן אזוי שווער? ווארום קען זי איצט ניט פארטראגן קיינעם פון די פריערדיקע באקאנטע?

ביז וואנען בעקי האט ניט געקענט אלדד'ן האט זי ניט געוואוסט, וואס פאר א מענטש וואלטער ראזענצווייג איז. און וויל, און זיג בוכבינדער און קאלווין ניובוירגער. יעדער איינער פון זיי, האט זיך מיט עפעס אויסגעצייכנט. וואלטער איז געווען אן אטלעט, וויל דער בעסטער שווימער, וואלטער האט אויך געשפילט אויף דער פיאנע, פון האלץ האט ער געקענט אויסשניצן אלערליי פיגורן, ער האט איר געגעבן עצות, ווי אזוי אירע קליידער צו באפוצן. ווען וואלטער איז איינמאל ביי זיי אין הויז שפעט געזעסן און געשפילט אויף דער פיאנע, האט זי אים דעמאלט ליב באקומען. זיינע גלאטע האר זיינען געווען שווארץ און געדיכט. ער האט געקענט אפמאלן א מענטשן, אזוי אז מען האט אים א לעבעדיקן פאר די אויגן געזען.

ווארום האט זי מיטאמאל אנגעהויבן זוכן חסרונות אויף אים? ווארום בענקט איר הארץ ערגעץ, נאך עפעס אזוינס, וואס זי אליין ווייס ניט וואס דאס איז? ווארום האט זי מורא פאר אלדד'ן? איינע אליין דרייט זי זיך איצט ארום איבער די גרויסע רייכע צימערן — וואס גיבן איר די רייכע צימערן? וואו איז די פרייד וואס האט ביז איצט אנגעפילט איר הארץ? וואס מער דזשאן פארפאלגט זי מיט זיינע רייד, אלץ מער האט

זי אים פיינט. דזשאָן איז פּראָסט, אומוויסנד, און באַנאַל. ער איז וואולגאַר. בעקי האָט איצט צום ערשטן מאָל אַנגע־הויבן באַגרייפן באַנאַליטעט אין רייד. זי האָט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן באַגרייפן דעם ווערט פון אַ וואָרט. דאָס וואָרט, דאָס אַרויסגערעדטע — איז דער שפּיגל פון דער נשמה. דזשאָן׳ס קול איז הייזעריק. דזשאָן׳ס קול איז האַרט און קלינגט ווי אַ פאַלשע מטבעה. וואָס לאָזן איר צו הערן דזשאָן׳ס רייד? ווי אַ פּאַפּוגיי רעדט ער נאָך די רייד פון זיין טאַטן. שוין איצט, איז ער קאָנסערוואַטיוו. ווען דזשאָן רעדט צו איר פון ליבע, איז עס פּונקט ווי די רייד פון אַ קליין קינד. בעקי האָט אפילו פאַר צען מינוט ניט קיין נעדולד אויסצוהערן זיינע רייד. איר איז שוין טויזנט מאָל ליבער זיך אַרומצודרייען איבער די גרויסע גראַמע חדרים און זיין אַליין.

אַליין, אַליין — אַליין וויל בעקי איצט אַרומגיין איבער איר צימער אָן אומעטיקע און וויינען. אין וויינען איז דאָ טרויסט — עס איז גוט אַזוי ווען אין שטוב איז קיינער ניטאָ, די אונטערשטע ליפּ ברעכט זיך צום וויינען, און יעדעס מאָל ווען מען הערט טריט אונטערן טיר, גיט אַ קלאַפּ אין האַרצן.

בעקי ציילט די מינוטן. אָט איז שוין פיר, אָט איז שוין פינף, אָט איז שוין זעקס אַ זייגער — וואָס וועט זיין אַז עס וועט שוין זיין זיבן אַ זייגער? בעקי ווייסט אַז עס וועט גאָרניט זיין. זיבן און אַכט, מאָרגן און איבערמאָרגן — קען מען דען אַראָפּשלעפּן דעם הויכן באַרג טיף אין מאָל אַריין? און צי וועט זיך דען אין מיטן טאָג אָפּשטעלן די זון?

וואָרום האָט זי ניט קיין מוט צו זאָגן אַלדר׳ן וואָס זי וויל אים זאָגן? וואָרום שעמט זי זיך מיט איר שוועסטער און מיט אירע חבר׳טעס און מיט אַלעמען, מיט וועמען זי האָט ביז איצט זיך גע׳חבר׳ט? אָבער אַלדר איז צו ווייט פון איר... זי פאַרשטייט ניט זיין לשון... זי האָט מורא פאַר זיין גרויסקייט... זי האָט מורא פאַר זיין עקסצענטרישקייט. וואָרום האָט זי גאָט אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אַזוינע צוויי עקסטרי־מען???

זי האָט זיך אָוועקגעלייגט אויף דער כאַפּע זי איז איינ־

גאנצן ארײנגעפאַלן אין דער װײכער סאָפע. מיט בײדע הענט אװעקגעלײגט אױף אירע בריסט, האָט זי זיך געטוליעט אין זיך אַלײן. זי האָט אײנגענורעט דעם קאָפּ און איז געבליבן אַזױ ליגן אַ פּאַרטראַגענע אין װײט צעשפּרײטע װעלטן. זי האָט אָנגעהױבן זען אױסטערלישע חלומות. עס איז געװען אַ װינ־טערדיקער טאָג. פון הימל איז געפאַלן אַ שנײ, דער שנײ איז געװען אַ טרוקענער, זיך געלײגט שטיקער אױף שטיקער. פון דעם האָט ארױסגעבליצט פינפטע עװעניו, מיט בלױ גלאַנציקע שױ־פענסטער.. אין די פענסטער איז אױסגעלײגט אַלערלײ פּאַר יום טוב טױלעטס, רײכע פוטערנע מאַנטלען, גאָלדענע שיכ־לאַך, פּאַריזער היט, לאַנגע זײדענע זאָקן און אַלערלײ בלענדנדיקע קאָלירן, און אַלערלײ צירונגען. זי איז אַרײַן און אַרום אין פּאַר־שידענע קראָמען. איר מאַנטל איז אינגאַנצן באַדעקט מיט טרו־קענעם שנײ. זי האָט אָנגעמאָסטן קלײדער, שטילע און ראַשיקע, זי האָט זיך געדרײט אין שפּיגל, און איז צום סוף אַרױס פון קראָם און איז אַרײַן אין דער מאַשין, װאו עס האָט פאַר איהר געװאַרט אַלדר.

— װאָס האָסטו טײַערע אױסגעקליבן? — האָט ער מיט װײכקײט אין קול געפרעגט.

— איך האָב גאָרניט אױסגעקליבן — מיר איז גאָרניט געפעלן — קײן לײטיש קלײד האָבן זײ ניט — מירן פאָרן קײן פּאַריז — װעסטו פאָרן מיט מיר קײן פּאַריז? ביטרים װיל אױך פאָרן קײן פּאַריז זיך אױסקלײדן, צו דער חופּה דאַרף מען טראָגן די שענסטע קלײדער — װעסטו פאָרן מיט מיר קײן פּאַריז? װעסטו קלײבן מײנע קלײדער? דער שאָפער האָט זיך פאַרנומען מיט׳ן װעג קײן פּאַריז.

עס איז שױן געװען גרױסער טאָג אין דרױסן, װען מען האָט זי אױפגעװעקט. בעקי׳ן האָט פאַרדראָסן, װאָס מען האָט זי אױפגעװעקט, זי האָט ניט געװאָלט גײן עסן. זי האָט געװאָלט אַזױ ליגן אױף דער װײכער סאָפע מיט אירע הענט אױף די בריסט.

7

בעקי איז אײנמאָל אין אַן אװנט געגאַנגען מיט אַלדר׳ן

„דאון־טאון" — ער האָט זי אריינגעפירט אין דער קאפע „פראנס".

דאָס איז געווען אַ קאפע, וואו עס קומען זיך צענויף מערסטנס אייגענע. כמעט אַלע האָבן זיך געקאַנט ביי די נעמען. איבער'ן גאַנצן, גרויסן זאַל די צעשטעלטע טישלאַך, זיינען געווען באַזעצט מיט מענטשן פון כמעט איין משפחה. אַהער איז זיך צענויפגעקומען די אידישע אינטעליגענץ. דאָ האָבן זיך געטראָפן אידישע ליטעראטן, פירער פון אידישן לעבן, פאָרשטייער פון דער אידישער פרעסע, און אַקטיאָרן האָבן דאָ זייערע מיטינגען געהאַלטן. די אַקטיאָרן האָבן דאָ געשריבן זייערע קאָנטראַקטן. סודות'דיק, מיט פאַרזשמוריטע אויגן האָבן זיי זיך איבערגעוואונקען. איינער האָט ביים צווייטן געוואָלט אויסנאַרן זיין איבער־אַ־יאָריקן ענגאַנזשמענט. הויכע טשופּרי־נעס איבער בלייכע שטערנס האָבן זיך פאַרטראָגן פון ווינט. שטינקענדיגער קעז און ריחות פון פראַנצויזישן וויין האָבן זיך צעלייגט ביז'ן אָפּענעם דרויסן אַרויס. יונגע דיכטער, מיט קלאַפּ־קלאַפּנדיקע הערצער זיינען ביי זייטיקע טישלאַך געזעסן, און מיט סלינע איבערן מויל געגאַפּט און זיך געוואונדערט, ווי אַזוי, אַט יענער אַ, דער הויכער, ברייט־ביינערדיקער, מיטן קוריאָזן שניפּס, לאַכט מיט אַ קוויטשעדיק געלעכטערל יעדעס מאָל, ווען ער רעדט אַרויס אַ וואָרט. דער יונגער שוישפּילער אַראַנזאָן, האָט מיט זיינע דאַרע פינגער, ווי מיט אַ קעמל, אַלע מאָל פאַרקאַמט זיינע האָר אויף אַרויף. ער האָט איצט געשפּילט די ראָל פון דעם שמש ביי שבתי צבי. זיין קול האָט באַדאַרפט צו זיין, ווי דאָס קול פון בעריל חיה מינצעס פון סאַטאַנאָוו, ווען ער האָט געוועקט צו חצות (אַזוי האָט אים דער רעזשיסאָר געזאָגט, און דערציילט ווער בעריל חיה מינצעס איז געווען). זיין פּנים האָט באַדאַרפט צו זיין בלייך, זיין באָרד שפּיציק, ער האָט באַדאַרפט אַרויסצורייידן זיינע רייד באַסיק, טיפבּרוסטיק. די רייד, ווען אַרויסגעזאָגט, האָבן זיך ניט גע־טאָרט אָנרירן אין דעם הייטל פון האַלדז, און האָבן באַדאַרפט צו זיין איינגעשלייערט אין עפּעס אַזוינס וואָס עס איז אומ־באַגרייפליך און מורא־וואָרפנדיק. ער איז געווען אַן ערשט־

קלאַסיקער שוישפּילער דער אַראַנזאָן. ער האָט זיך אַזוי אַריינגעלעבט אין זיין ראָל, אַז זיצנדיק דאָ, אין קאַפע, האָט ער פּונקט אַזוי גערעדט מיט דעם פרעמדען קול, און זיין פּנים איז אים געווען בלייך. זיינע שטעקלדיקע פינגער האָבן געלויכטן אין זייער דורכזיכטיקייט — אַראַנזאָן האָט זיך אויסגעוויינליך גוט אַריינגעלעבט אין זיין ראָל — בעקי האָט אירע אויגן ניט אַראָפּגענומען פון דעם דורכזיכטיקן מענטשן, זי האָט נאָך אַזוינס ניט געזען — זי איז געווען אינגאַנצן אַ צעטומלטע.

— ווער איז יענער מאַן? — האָט זי געפרעגט.

— דאָס איז אַראַנזאָן, פון דער „פּירטער סטריט טעאַטער" — האָט אלדר געענטפערט.

אויף אַ סך פראַגן האָט אלדר באַדאַרפט צו ענטפערן, יעדעס מאָל איז בעקי געוואָרן פאַרגאַפט און פאַרוואונדערט פון אַ נייעם געשטאַלט.

— און ווער איז דער? און ווער איז די? און וואָרום שמעקט אַזוי דער קעז? איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געטרונקען אַזאַ געשמאַקן וויין.

אין דער שפּעטער שעה פון דעם אָוונט זיינען זיך אַלץ מער מענטשן צונויפגעקומען. אין דעם גרויס־באַלויכטענעם צימער איז געוואָרן אַלץ ענגער. טישלאַך האָבן זיך פון זיך אַליין גערוקט איינס צום צווייטן. ביז עס איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן איין לאַנגער גרויסער טיש, באַזעצט פון ביידע זייטן מיט מענטשן. איבער די קעפּ האָבן זיך געהויבן שטולן. קעלנערס אין שוואַרצע פראַקן האָבן זיך געשטופּט צווישן עולם און געבעטן זיך לאָזן דורכגיין. אָט איז אַריינגעקומען די ערשטע ליידי פון דעם הענריק איבסען טעאַטער. זי איז געווען הויך און דין און דורכזיכטיק. עס האָט זיך געדוכט, ווי אַ שטילער ווינט שפּילט זיך מיט איר צאַרטער הויט און איר פּנים קווועלט זיך, ווי די אויבערפלאַך פון אַ שטילן וואַסער. די ברייטע, גאָר ברייטע קריסע פון איר גרויסן הוט האָט אינגאַנצן פאַרשאָטנט איר פּנים. און שטאָנדיק, ווי מיט אַ נעבל פאַרצויגן, האָט זי געוואָרפן אירע ציטערנדיקע אויגן איבער אַלע טישלאַך.

האָט זי עמיצן געזוכט?

בעקי'ן האָט זיך געדוכט אַז זי זוכט עמיצן. ווען דער אַקטריסעס אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף זייער טישל, האָט בעקי אַ ציטער געטאָן.

— ווער איז די פרוי? האָט זי געפרעגט.

צו זייער טישל זיינען באַלד צוגעקומען אייניקע מענטשן און זיך אַוועקגעזעצט.

אַלדר האָט זיי אַלעמען פאָרגעשטעלט פאַר בעקי'ן — מיסטער אַראַנזאָן — דר. טירטעלבוים — דער מאַלער ווישניצקי. איינער איז געווען אַ ברייטער, מיטליאָריקער בחור. זיין קאָפּ איז געווען אַן אויסגעפליקטער, זיין נאָז — אַ מאָדעל פון אַ נאָז — שמאָל און דין מיט לויטערע נאָזלעכער, וועלכע האָבן זיך דורכגעלויכטן אַנטקעגן שיין פון דעם ליכט. אַלע דינקייטן, אַלע פאַרבאָרגענישן, וואָס ליגן געוויינלאַך פאַרדעקט מיט שווערע מענטשלאַכע קליידער, האָט ער געקענט לייכט אָנשמעקן מיט זיין געטאַקטער נאָז. דער בחור האָט געשריבן די ניי מאָדישע, אינטראָספעקטיווע לידער. דעקלאַמירנדיק זיינס אַ ליד, פלעגט ער זיך אַזש פאַרהיקען. עס האָט זיך באַלד צעוויקלט אַ ליידנ־שאַפטלאַכער שמועס. דער רוסישער צאַר איז שוין געווען אַנטלאָפן, קערענסקי האָט איבערגענומען די רעגירונג, דאָס חיל האָט בּיסלאַכווייז אָנגעהויבן דעזערטירן, און ווילסאָן האָט פּראָקלאַמירט די פערצן פונקטן.

— וואָס זאָל טאָן די אידישע אינטעליגענץ?

— זאָל מען לויפן צוריק אין רוסלאַנד?

בעקי האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער שיינער אַקטריסע. זי האָט ניט געהערט אפילו קיין איין וואָרט, וואָס מען האָט דאָ גערעדט. זי האָט געזען ווי רעדלאַך בחורים קלייבן זיך אַרום דער אַקטריסעס טיש, יעדער איינער פּרוּווט דער אַקטריסע מיט וואָס ניט איז באַדינען. מיט אירע פאַרזשמורעטע אויגן האָט זי געגלאַנצט איבער אַלע ווינקלען — אָט קוקט זי שוין ווידער צו זייער טישל — בעקי איז רויט געוואָרן.

— דאָס רוסישע פאָלק איז געגליכן צו אַ וואולקאַן — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר—צענדליקער יאָרן איז עס געשלאָפן און געטראָגן דעם יאָך דעם אַרויפגעצווונגענעם. אָבער דאָרטן האָבן

זיך אַנגעזאַמלט בלינדע צערייצטע כוחות — אין זיינע געדערים זידט און קאָכט אַ ברויזנדיקע לאַווע.

— ווארום קוקט אהער די אַקטריסע? זוכט זי אַלדר'ן? קוקט זי אויף בעקי'ן? בעקי האָט געזען, ווי די אַקטריסע לאָזט פאַלן אירע רווישלאָזע הענט אויף עמיצנס אַ פּלייצע. זי האָט געזען, ווי זי האַלט זיך מיט אַ קאַלטקייט פון אַ קעניגין. בעקי האָט דייטלאַך געהערט, ווי די אַקטריסע פרעגט זיך נאָך אויף איר.

— ווער איז די פרוי — האָט זי נאָך אַמאָל געפרעגט — איז עס דיינע אַ באַקאַנטע?

אַלעמענס פּנים'ער ארום דעם קליינעם טישל זיינען געוואָרן נייגעריק. מען האָט אָנגעהויבן צו דרייען די קעפּ אהער און אהין. דער פּאָעט אינטראָספּעקטיווויסט האָט געזאָגט — זי איז דורכגעפאַלן אין איר לעצטער ראָל אַלס עדאַ גאַבלער, אַ קאַלאָסאַלער דורכפאַל געווען. ווי קומט זי צו אייראָפּעאישע ראָלן?—האָט ער געגעבן אַ קלאַפּ איבער'ן טיש — אידיליעס גיט איר, אידיליעס... וואו האָט זי כח צו אייראָפּעאישע ראָלן? אידיליעס גיט איר... אידיליעס... האָט איר געזען מימי אַגוליאַ? מימי אַגוליאַ האָט איר געזען? איך האָב דאָך איר אַ ליד געווידמעט! און דונקאַן האָט איר געזען? — ער האָט אַציגעטאַן מיט די אַקסלען און פרום פאַרשנורעוועט דאָס מויל — זי איז דאָך אַ געטלאַכע! איך האָב נאָך אַזוינס ניט געזען — מען קען דאָך משוגע ווערן!!!

דעם גאַנצן איבעריקן אוונט האָט דער פּאָעט שוין ניט אָפּגעלאָזט בעקי'ן. ער האָט צו איר גערעדט פון זיינע לידער. ער האָט איר דערציילט פון אַלע נייע ריכטונגען אין דער אידישער פּאָעזיע. ער האָט פאַרטיידיקט דעם פרייען פערז — וואָס מיינט איר איז משיח? — האָט ער פּלוצלינג און אין סאַמע מיטן ריידן איבערגעדרייט דעם שמועס — איך מיינט טאַקי אַז עס איז פּונקט דאָס וואָס דער רבי האָט אונז אַמאָל געלערנט? עס קען אויך זיין אַזא משיח, וואָס אַ פּאָעט זאָל זיך אויסטראַכטן! עס פּאָדערט זיך בלויז אויפריכטיקייט. אַן אמת'ע באַציהונג. אַ פּאַרטיפּן זיך אין זיך אַליין. אַט דאָס אַ, מיסטי־

שע — דאָס ניט דערדערטע — דאָס וואָס מען קען אפילו מיטן שכל ניט מסיג זיין — משיח׳יזם — משיח׳יזם — דאָס איז אונ־זער משיח.

בעקי האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרגאַפּטע אויגן. זי האָט ניט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט, וואָס ער רעדט. און אינמיטן שמועס איז ער פּלוצלינג נעלם געוואָרן. אַזוי אינמיטן דערינען איז ער שוין געזעסן ביי פאַרשידענע טישלאַך, אָבער פון אַלע טיש־לאַך האָט ער אַלעמאָל צוריקגעקוקט אויף בעקי׳ן און ווען ער איז צום סוף צוריקגעקומען, איז ער געבליבן אַזוי זיצן אַז אומעטיק־שטילער. זיינע אויגן זיינען געווען פאַרצויגן מיט אַ דינעם טרויער, אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אויפן טיש, האָט ער מיט דער האַנט אונטערגעשפּאַרט זיין מאָרדע. זיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער דער רויכיקער קאַפּע, צום סוף האָט ער איר אונטערגעטראָגן זיין בוך, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין גרינעם פּאַפּיראָס פּאַפּיר.

דער שמועס ביים טיש האָט זיך צעוויקלט. בעקי איז געווען ווי איינגעוויקלט אין אַ פרעמד, ברייט קלייד. דאָס קלייד פּאַסט איר, דאָס קלייד גיט איר צו חן, אָבער דאָך איז עס פרעמד, זי האָט זיך מורא צו רירן, זי האָט מורא ארויס־צורייידן אַ וואָרט. מיט אַן אָפן מויל — ברייט און זשעדנע זיצט זי און שלינגט די, פאַר איר פרעמדע, ווערטער.

— אידייען וואַנדערן און זוכן און אַנטפּלעקן זיך ערשט דעמאָלט, ווען זיי געפינען דעם מענטש־עקשן, דעם מענטשן מיט אַ גלויבן, דעם מענטשן, וואָס קען זאָגן טויזנט מאָל — איך — איך — איך — האָט געזאָגט דער מאָלער ווישניצקי.

דער מאָלער האָט געהאַט אַ גרויסן קאָפּ, מיט געדיכט אָנ־געוואַקסענע שוואַרצע האָר, אַ פּאָר פראַנצויזישע פּיאות האָבן זיך אַריינגעשניטן ביז אין דער העלפט פון די באַקן, בעקי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ ליכטיק פּנים.

זי איז געווען באַצויבערט. עס האָט זיך פאַר איר אַנט־פּלעקט אַ נייע וועלט. זי האָט נערוועז געציפּט די בלעטלאַך פון בוך, וואָס איז איצט געלעגן אויף איר שוים, אויף איין

מינוט, אוים א סעקונדע, האָט זי א טראַכט געטאָן פון אירע פריערדיקע באַקאַנטע, זי האָט זיי אין גערדאַנק פאַרגליכן מיט די מענטשן פון דער קאַפע. זי האָט זיך אַליין פאַר זיך פאַרשעמט.

— ווי קומט זי אַהער? ווי אַזוי איז זי אַהער פאַרגאַנ־גען? ווי אַזוי וועט זי פון דאַנען אַרויסקריכן? זי וועט זיך דאָך דאַרפן אויפשטעלן, און דעמאָלט וועלן דאָך אַלע זי אינגאַנצן אַרויסזען, אינגאַנצן; איר פּנים, אירע הענט, איר נשמה, איר פריערדיק לעבן, אירע חברים און חבר׳טעס...

זי האָט זיך צוריק איינגעוויקלט אין שטול.

אלדד איז שוין געווען אויפגערעגט, מיט עפּעס האָט אים עמיצער אַנגערירט.

— מען דאַרף אַלץ אויספּרוואוון מיט א שווערן האַמער און א פלאַקערדיקן פייער — האָט ער אַן אויפגערעגטער גע־זאָגט — אַלץ וואָס איז שוואַך, וועט דעמאָלט אומקומען, אַלץ, וואָס איז ווערט צו פאַרבלייבן וועט פאַרבלייבן — ניט קיין רחמנות ווילן מיר, און ניט קיין איינזעהעניש מיט אונזער אומ־גליק — מיר ווילן זיג!

— זיג איבער וועמען? מיט וועמען פירסטו דען א קאַמף? האָט דער מאַלער געפרעגט.

— צוערשט איבער זיך אַליין — האָט אלדד געענטפערט — דערצי צוערשט זיך אַליין — געפינען דיין אייגענעם אומקום. ווייל א מענטש, אָדער א פאָלק, וואָס קומט אום, האָט אינגאַנצן ניט קיין פראָבלעמען.

— ביזטו דאָך טאַקי דער מענטש, וואָס איך זוך — האָט שוין דער מאַלער געלאַכט — איך זוך דאָך טאַקי אָט דעם עקשן, דעם אידייען טרעגער... א נו, נעם נאָר די ליולקע אין מויל אַריין, לאָמיר נאָר זען, ווי דו וועסט אויסזען...

דער מאַלער האָט געשטופּט זיין אייגענע ליולקע צו אלדד׳ן אין מויל אַריין. אלדד האָט אָפּגעשטופּט זיין האַנט.

— איך וויל דאָך דיך מאָלן, גולם איינער — האָט דער מאַלער געזאָגט.

— ענד וואָהט אבּאוּט יו, — האָט ער זיך אומגעקערט צו בעקי׳ן — האָסטו גאָר ניט, וואָס צו זאָגן?

בעקי איז רויט געוואָרען. זי האָט שוין גאָר וואָס צו זאָגען. איר געפעלט זיינע פראַנצויזישע פּיאות׳ן.

איז ער שוין אליין אויך רויט געוואָרן. בעקי׳ס קאָמפּלי־מענט האָט געוואַרעמט זיין פּנים. אַזוי זייטיק גיט ער איר אַ זאָג, אַז אַזוינע אַ אויגן וואָלט ער געוועזן אַ בעלן אָפּצומאָלן. ער זוכט שוין אייגנטלאַך לאַנג אַזוינע אויגן צו מאָלן. עס וואָלט געווען אַ פיינע אידייע אָפּצומאָלן בלויז צוויי אויגן — איבער׳ן גאַנצן שטיק לייוונט וועט זיין אַ וואַסער, אַ אַפּגרונט, צו דער הימל, און פון מיטן וועט אַרויסקוקן צוויי אויגן — מער ניט, ווי אַ פּאָר אויגן...

— הער, אלדר, ווי געפעלט דיר עפּעס אַזאַ מין אידייע?

— ביי די זייטן וועט אָבער מוזן אַראָפּהענגען אַ פּאָר פראַנצויזישע פּיאות ... שמייכלט בעקי.

— ווי קלוג זי איז. און אַזוי טרעפנד — וואו צום טייפל האָסטו געכאַפּט אַזאַ מיידל? דו, אלדר, האָסט מזל. אייגנטלאַך מער ניט, ווי מזל. ווען מען פּאָרט אויס אַ גאַנצע וועלט, טרעפט מען דען אַזאַ פּעטער!

בעקי איז שוין אינגאַנצן פרייליך. זי איז שוין איינגעזעסן אין דעם שטול, קוקט שוין פריי אין דעם ביכל און עס געפעלן איר ניט די לידער — ווערטער, ווערטער, וואָס לאָזן איר צו הערן די ווערטער? זי אליין האָט אַ פול מויל מיט קלוגערע ווערטער. זי וואַרט בלויז מען זאָל שוין אַרויסגיין אין דרויסן, זי וועט היינט אלדר׳ן אַ סך קלוגע ווערטער זאָגן... זי וועט אים אַלעם זאָגן...

זייענדיק שוין אין דרויסן איז אלדר, מיטאַמאָל, געוואָרן אומעטיק. ער איז געוועזן שוין אַן אומעטיקער נאָך זיצנדיק אין דער קאַפע.

אים האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט אַלץ געדוכט אַז די מענטשן אין קאַפע האָבן אַנגעוואָרן זייער פריערדיקן צוטרוי צו אים. אים האָט זיך געדוכט אַז ער ווערט אַן דעם באָדן אונטער די פיס. דער גאַנצער שמועס, האָט זיך אים געדוכט, איז זייערער —

ניט זיינער. דער טומל, וואָס איז געלעגן אין יענע ווענט איינגע־שלאָסן אין דער רויך אונטער דער סטעליע — אַלעס איז איצט גע־שטאַנען פאַר אים פּרעמד און ווייט און ניט זיינס. ער האָט קאַלט גענומען בעקי׳ן פאַרן אָרעם, צופוס זיינען ביידע געגאַנגען ביז צום סענטראַל פּאַרק.

עס איז שוין געווען אין פריען פאַרטאָג.

— לאָמיר אַזוי גיין ביז מיר וועלן אינגאַנצן פאַרמאַטערט ווערן — האָט ער געזאָגט.

בעקי האָט שוין אינגאַנצן אָנגעוואָרן איר מוט. דאָס וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן איז געבליבן שטעקן אין מויל. זיי האָבן איבערגעשניטן דעם פּאַרק, זיינען אַרויסגעקומען אויף דער „וועסט־סייד“, מיטן געדרייטן וועג, וואָס ציט זיך ביים שטיינ־ערדיקן פלויט אינעווייניק אין פּאַרק, זיינען זיי געגאַנגען און געגאַנגען. עס איז געווען שטיל. מען האָט ניט געזען קיין לעבעדיקן מענטשן.

— וואָרום שווייגסטו ? וואָרום רעדסטו צו מיר ניט ? — האָט בעקי מיטאַמאָל געזאָגט.

— ווייל רייד זיינען גאָרניט — האָט אַלדר געענטפערט — רייד פאַרשלייערן שטענדיק דעם אמת — ווי אויפריכטיק זאָלסט ניט וועלן זיין — ועסטו שטענדיק זאָגן דאָס קאַפּוירדיקע וואָרט. אַ מענטש זאָגט קיינמאָל ניט דאָס, וואָס ער וויל זאָגן.

עס איז געווען דאָס שטילקייט אין דעם גרויסן פּאַרק, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף אַלדר׳ס געדאַנק. מיט דעם פאַרבאָרגענעם שווייגן זיינען די דיקע בוימער געשטאַנען איינ־געוויקלט אין זייער אייגענער פינסטערקייט.

בעקי האָט אין שרעק זיך געטוליעט צו אַלדר׳ן.

— איך האָב קיינמאָל אַזוי ניט געטראַכט — האָט זי פּלוצלינג געזאָגט — דו האָסט איבערגעבראָכן מיין לעבן.

— און אפשר מיין לעבן אַליין אויך צעבראָכן — האָט ער שטיל געענטפערט.

— וואָרום בין איך מיטאַמאָל אַזוי געוואָרן גייציק ? — האָט ער ווייטער געזאָגט — מענטשן וועמען איך האָב ביז איצט געשימפּט זיינען געוואָרן מיינע קאַמעראַדן. ביזטו ניט שול־

דיק אין דעם אלעמען ? שטענדיק ווען איך טראכט פון דיר — איז שטענדיק מיין געדאנק פארבונדן מיט רייכקייט, מיט געלט, מיט לוקסעס — ווער ביזטו, מיידל, וואס האסט מיין דורשט נאך גאלד אויפגעוועקט ? ווארום האסטו ניט חתונה מיט דזשאנען ? מיט אים וועט דאך דיר זיין גוט. ער איז דיין מענטש דאך.

— איך וואלט אפשר פריער מיט אים געווען חתונה געהאט

— איצט קען איך ניט.

— ווארום קענסטו ניט ?

— ווייל איך קען דיך.

— וואס קענסטו דען אין מיר ?

— איך וויים ניט וואס איך קען אין דיר — אבער איך קען ניט קוקן אויף דזשאנען.

אלדר'ן האט מיטאמאל באשלאגן א פרייד. איבער זיין הארץ האט זיך מיטאמאל צעשפרייט א קינדישע לייכקייט. לייכט שפילעוודיק איז מיט אמאל געווארן זיין גאנג. ער האט טיפער אריינגעשטופט זיין האנט אונטער בעקי'ס ארעם, בעקי האט צוגעדריקט זיין האנט צו איר ברוסט, ער האט אנגעהויבן דערציילן שפאסיקע מעשיות.

בעקי האט געלאכט, זי האט זיך אינגאנצן אין אים אריינ־געגורעט, אלדר האט זי ארומגענומען. איר לייב האט גע־שמעקט, איר אטעם איז געווען ווי פריש אפגעשניטן היי.

— ווי אזוי וועט זיך בעקי פילן אין אלדר'ס קרייז ? ווי אזוי וועט אלדר'ס קרייז אויפנעמען בעקי'ן ?

זיי זיינען ארויס פון פארק, אלדר האט אפגעשטעלט א „טעקסי" און זיי זיינען ביידע אהיים געפארן.

8

— קלאפ־קלאפ־קלאפנדיק־קלאפ — — — — —

עטעל האט זיך אנגעטאן א שווארץ זיידן קלייד. מיטן שווארצן שטרויענעם היטעלע אויפ'ן קאפ, און זי איז אזוי ארונטער געפארן אויף דער „איסט־סייד".

א גאַנצן טאָג האָט זיך עטל אַלע מאָל אַנגעטאָן און אַלעמאָל אויסגעטאָן און זיך ניט געקענט באַשליסן אויף איר גאַנג. יעדעס מאָל ביים אָנטאָן דעם הוט, און יעדעס מאָל ביים אויסטאָן דעם הוט, האָט זי געוויינט, און וויינענדיק האָט זי מורא געהאַט עמיצער זאָל זי ניט זען. צום סוף האָט זי זיך שטילערהייט ארויסגעשארט פון איר שטוב, זיך פאַרנומען מיט א זייטיקער גאַס און איז אוועקגעפאָרן.

זי איז אַזוי שטילערהייט פאַרפאָרן אויף גרענד סטריט, און נאָך שטילער איז זי אריין צום שדכן. פון אַלע זייטן, ארומקוקנדיק זיך, האָט זי זיך, ווי אריינגע'גנב'עט צו דעם שדכן אין שטוב אריין, מיט א ציטריק קול, און מיט א פּנים פול מיט שאַנדע, האָט זי קוים געענטפערט אויף זיינע פראַגן און אָנגעגעבן איר אדרעס.

אַהיים קומענדיק האָט זי דעם גאַנצן אָוונט אויסגעמיטן די שטוביקע, מיט קיינעם קיין וואָרט ניט גערעט, זי איז אפילו ניט ארויסגעקומען צום אָוונטברויט.

און אין א וואָך ארום, א שבת צו נאַכט, איז צו די עטינגערס אין שטוב אריינגעקומען א יונגערמאַן.

ער איז געווען א נידריקער, מיט א געל ברייט פּנים, מיט אַן איינגעפלעטשטשעטער מאַנגאָלישער נאָז. זיינע האָר זיינען געווען גלאַטע, ברוינע, אין מיטן מיט א שרונט, און זיי האָבן גע־גלאַנצט מיט די פעטע שמיראַכצן, אין וואָס זיי זיינען געווען איינגעשמירט. מען האָט דעם מאַן גערופן מאָריס זובאָווסקי.

עטעל האָט אים אריינגעפירט אין דעם פליגעל, וואו עס האָבן געוואוינט די קינדער. זי האָט צוגערופן אסתר'ן און אים פאַרגעשטעלט פאַר איר, און איבערלאָזנדיק אים אין דעם אויפנאַמסצימער, איז זי אַליין צוריק אוועקגעגאַנגען.

מאָריס זובאָווסקי איז געווען א קליינער סוחר. עס איז געווען פּונקט א יאָר, זינט ער האָט אויפגעגעבן די שטעלע אין דער „אַמעריקען רעדי טו ווייהר קאָ.“. און אַליין, מיט די אָפּגעשפּאָרטע פאַר דאָלער געעפנט א קליינע שניט קראָם. נאָר גלייך ביים עפענען די קראָם, האָט אים שוין אויסגעפעלט געלט, ווייל גלייך נאָך די ערשטע פאַר חדשים, איז זיין קליינער קאַפּיטאַל

צערונען געוואָרן, און שוין באַלד אַ יאָר צייט, ווי דער מענטש מוטשעט זיך. איז ער איינמאָל אין אַ פּרימאָרגן אויפגעשטאַנען, גלאַט אָפּגעגאָלט זיין פּנים, איינגעשמירט זיינע האָר אין שמע־קעדיקע זאַלבן, אָנגעטאָן דעם זונטיקדיקן אַנצוג און איז אַוועק אין אַ שדכן׳ס בּיורא.

— איך דאַרף געלט — האָט ער געענטפערט דעם שדכן — דאָס מיידל מעג זיין ניט אַזוי שיין — דער עיקר אַבי זי האָט געלט . . . איך שטיי אין ביזנעס — און היינטיקע צייטן אויב מען פאַרמאָגט ניט צום ווייניגסטן איינגע צען טויזנט — קען מען גאָרניט טאָן . . .

— און פון דינסט זיינט איר פריי? — האָט געפרעגט דער שדכן.

— אַ, דאָס האָט מען שוין „געפיקסט" — האָט מאָריס זובאָווסקי מיט אַ מינע פון זעהר אַ קלוגן מענטשן געענטפערט — איך האָב אַלטע טאַטע־מאַמע צו „סופּאָרטן" — און מיט אַ פּאָר דאָלער „יו נאָו".

דער שדכן האָט אים געגעבן עטלאַכע רעקאָמענדאַציעס. דער שדכן האָט שוין געהאַט אין אַ קליין טישקעסטל אַנגעגרייט אַזעלכע געדרוקטע קאַרטלאַך, וואו ער האָט בלויז באַדאַרפט אַריינ־דרוקן דעם נאָמען, — „האָבע די הערע אינען פאָרצושטעלן מיסטער מאָריץ זובאָווסקי. איינער פוירסט קלעם געשעפטסמאַן — אַ מאַן מיט איינער גראָסער אָפּאָרטוניטי. פון פיינער פאַ־מיליע, און העכסט אַנשטענדיק. ביטע געפעליגסט אים אויפ־נעמען".

— גאָרניט קיין גרינגער — האָט מאָריס געטראַכט איבער־לייענענדיק דאָס קאַרטל — דער מענטש האָט אַ סיסטעם, פאַר־שטייט זיינע געשעפטן. מאָריס האָט באַטראַכט דאָס מעבל אין דעם צימער, ער האָט באַקומען דרך ארץ פאַר דעם מאַן — ביי אים קען מען קריגן די ריכטיקע סחורה — האָט ער גע־טראַכט.

ביי די עטינגער׳ס האָט שוין מאָריס זובאָווסקי אויסגעטיילט דאָס דריטע קאַרטל. ער איז שוין געווען אין צוויי הייזער. אין איין פּלאַץ איז געווען אַ שיין מיידל, אָבער זיי האָבן איינ־

גאַנצן פאַרמאַגט, אַרום און אַרום, צוויי טויזנט דאָלער. מאָריס איז געוואָרן אויפגערעגט אויפן שרכן. ער האָט זיך גלייך אויפגעהויבן און פאַר אַלעמען אין די אויגן, האָט ער גלייך, הויך אויף אַ קול פּראָטעסטירט — „סאָם נוירוו“ — האָט ער געזאָגט — אַ מענטש, ווען איך זאָג אויסדריקלאַך, וואָס איך וויל, נעמט און שיקט מיך אין אַ הויז וואו עס איז נישטאָ קיין גראָשן געלט — הפּנים מיין צייט קאָסט אים קיין געלט ניט.

אין דער צווייטער הויז איז געווען אַ מיידל אַ גאַנץ נישט־קשה׳דיקס, היינמאַדיש אָנגעטאָן, מיט רויטע שיכלאַך אויף די פיס, מיט פּוידער אויפן פּנים, און מיט געפאַרבטע ליפּן. די מאַמע איז נאָך געווען גאָר אַ יונגע. איר מאַמע איז געווען אַזוי יונג, אַז מאָריס האָט צוערשט ניט געוואוסט, ווער עס איז די מאַמע און ווער עס איז די כּלה, און מען האָט אים דאָרטן אויפגענומען מיט טיי און מיט איינגעמאַכטס.

— אפשר ווילן זי צובייסן — האָט די מוטער זייער איידל געפרעגט.

— דאַנקע שען, — האָט מאָריס געענטפערט — ערשט געגעסן אין „סיינט־רידזשעס“. כאָטש די מאַמע קריגט באַצאָלט פאַר׳ן עסן, גלייך איך פונדעסטוועגן צו עסן אין „סיינט־רידזשעס“ — פּיור אַמעריקאַן פוד, יו נאָו.“

ווען דאָס מיידל איז דערנאָך, אויף דער מאַמעס וואונק, אַרויס פון צימער, האָט מען אָנגעהויבן ריידן „ביזנעס“. די מוטער האָט ברייט, מיט אַן אָנגעבלאָזענעם דריי גאַרנדיקן גוידער, אים דערציילט אַז זיי זיינען גאָט צו דאַנקען, ניט צו פאַרזינדיקן — אָלרייט, — און ווען עס זאָל זיך נאָר מאַכן אַ גוטער „מעטש“ קענען זיי „רייזען“ אפילו אַזוי הויך ווי פינף טויזנט „קעש“ — גאָט זיי דאַנק, פון געלט רעדט מען ניט.

מאָריס האָט שוין איצט פאַרשטאַנען אַז צען טויזנט דאַרף ער זיך שוין אַרויסשלאָגן פון קאָפּ — קיין צענער טויזנטער וואַלגערן זיך ניט אין די גאַסן — האָט ער געטראַכט — בלויז אין שדכנ׳ס אַפּיס וואַרפט מען זיך מיט טויזנטער. און לעבן איז שווער אַזוינס צו באַקומען... ריידן איז לייכט —

אָבער טאָן איז שווער — מיט דער צונג — נאָ דיר צעָן, נאָ דיר צוואַנציק — אָבער אַ נו גיב נאָר אַהער, ברודערל!

מאָריסן איז געפעלן געוואָרן דאָס מיידל. אים איז געפעלן די מאַמע. זי האָט גערעדט מיט ווייכע, זיסע ריידלאַך — זי קען מאַכן פיש און טאָרט — האָט די מאַמע פאַרגעשטעלט די טאָכטער — אפשר ווילן זי פאַרזוכען אַ שטיקעל פיש? עס איז דאָך ניט קיין בייגל פאַר אַ גראָשן, וואָס מען קויפט איינס און צוויי, זי מעגן פאַרזוכן אַ שטיקל איינגן געמאַכטן טאָרט.

מאָרים איז געוואָרן פאַרכאַפּט. ער האָט שוין שיעור ניט אוועקגעגעבן דעם „דיימאָנד־רינג", טאַקי נישט מער, ווי אַז ערגעץ זיצט אַ גרויסער גאָט און פירט זיין וועלט. עס איז געווען פונקט, ווי עמיצער וואָלט אים פאַר דער האַנט אַ שלעפּגעטאָן — האַלט זיך נאָך איין אַביסל, מאָרים.

— מירן זיך איבערלייגן — האָט ער צום סוף זיך אויפגעהויבן — אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך אייַנע לאָזן וויסען.

טאַקי ממש, ווי עמיצער וואָלט אים פאַר דער פּאָלע אָפּגעטאָן — מען דאַרף דאָך ניט כאַפּן, און מען קען דאָך נאָך אַ פּאָר אָנקוקן — ווען אַ מענטשן איז באַשערט אַ גליק...

— קלאַרא! האָט די מאַמע אַרויסגעשריען פון צימער — דער „דזשענטלמען" גייט אוועק! זאָג דעם „דזשענטלמען גוד־ביי".

— „גוד־ביי דזשענטלמען, — האָט קלאַרע געזאָגט — „קאָל עגעין!"

— „עס וועריי פּליזט טו מיט יו". האָט מאָרים געענטפערט.

די מאַמע האָט געקוואָלן, זייער שטאַרק געקוואָלן פון דער טאָכטערס רייד. זייער זייער געקוואָלן.

ווען מאָרים איז נאָכער צוגעקומען צו עטינגערס הויז איז ער צעטומעלט געוואָרן. ער האָט זיך ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז די הויז. ער האָט נאָך אַמאָל אַרויסגענומען דעם אַדרעס און אויפ׳ס׳ניי איבערגעלייענט דעם נאָמען — עָס׳-איז פּאָרט געווען די הויז. נאָר פונדעסטוועגן האָט ער זיך פאַר אַ ווייַלע געדרייט אַראָפּ און אַרויף דער גאַס. די גאַס איז געווען אַ שטילע, אין דרויסן איז געווען פינסטער, פון דעם גרויסן אויפנאַמסצימער ביי די עטינגערס, האָט אַרויסגעשלאָגן

א ברייטע ליכטיקייט און באלויכטן ביז א העלפט פון דעם אריינ־גאנג. מאַרים האָט זיך צום סוף אָנגענומען מיט מוט, פאַר־שפּיליעט זיין ראָק, מיטן געפּיל פון א גוטן „סיילסמאַן“, און מיטן באַוואוסטן ווערטל דאָס „סיילסמאַנישע“ — אַז א גוטער פּאַרקוי־פער איז דער, וואָס קען אריין קומען אין יעדער שטוב אריין, און אַז אויב מען וואַרפט דיך אַרויס פון איין טיר, גיי אריין אין א צווייטער — איז ער צוגעגאַנגען, אַנגעקלונגען, איבער־געגעבן עטעל'ן דאָס קאַרטל, און עטעל האָט דערנאָך מיט איידל־קייט אויף איר פּנים, אים פאַרגעשטעלט פאַר אסתר'ן.

א גאַנצע שעה איז שוין מאַרים געזעסן ביי די עטינגערס אין שטוב, עס זיינען דערווייל צוגעקומען נאָך מענטשן, ביטרים און בלענדזש און וויל און וואַלטער. קיינער האָט מיט אים קיין וואָרט ניט גערעדט, און ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט קיין וואָרט. ער האָט בלויז גערויכערט דעם סיגאַר, וואָס ער האָט מיט זיך אין דער וועסט קעשענע געבראַכט. פון דעם סיגאַר האָט ער געפילט א זיסן טעם אין זיין מויל, און אים האָט זיך געדוכט אַז ער האָט נאָך קיינמאָל פריער ניט גערויכערט אַזאַ סיגאַר ער האָט געבלאָזן וואָלקנס רויך, און זיי צעלייגט איבערן גרויסן צימער. — די גאַנצע שעה אַזוי, האָט ער גערויכערט און געקוקט און נאָך אַלץ באַטראַכט דאָס מעבל און די ווענט, און די שווערע פּאַרטירן. אין פראָנט פון א ווייכ־פּלושענעם שטול, אויף וועלכן עס איז געזעסן ביטרים, איז געלעגן א פעל פון א ווייסן בער. מאַרים'ן האָט זיך געדוכט, אַז דער בער מיטן אָפענעם מויל, קען יעדע מינוט זיך געבן א וואָרף אויף אים, און אים אַזוי א לעבעדיקן איינשלינגען — און עס קען אים איינשלינגען דאָס ווייכע מעבל. ער האָט יעדעס מאָל אנגעטאַפּט דעם שטול, אויף וועלכן ער איז געזעסן, מיטביידע הענט, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן שטול, האָט ער זיך אַלעמאָל אביסל אויפגעהויבן, כדי צו פילן דעם אייגענעם לעבעדיקן גוף.

איבערן צימער איז אָנגעגאַנגען א לעבעדיקער שמועס. וואַלטער האָט היינט געשאָסן פון א קאַנאָן אויף דער שלאַכט שיף „מילטאַן דזשעקסאָן“. בלענדזש האָט געקראָגן א בריף פון דייוו'ן און ווער האָט דען ניט גערעדט אין יענעם טאָג

פון דער גרויסער געשעניש וואָס האָט געטראָפן מיט דער אמע־ריקאַנער אַרמיי אויף דעם פראַנצויזישן שלאַכטפעלד? אײן אַמעריקאַנער באַטאַליאָן האָט גאַנצע דריי טעג אָפּגעהאַלטן אַ דײַטשן רעגימענט, ביז וואַנען עס זײַנען אָנגעקומען דאָס פראַנ־צויזישע חיל.

— נאָך וואָס האָט מען מיך געשיקט אַהער? — האָט מאָרים געטראַכט — ווער קוקט זיך דען אום אויף מיר?

אים האָט נאָכאַמאָל פאַרדראָסן אויפן שרכן — אָדער ער שיקט אים אין אַ הויז וואו עס איז נישטאָ קיין סענט געלט, אָדער אין אַ מיליאָנער'ס אַ הויז — ווער וועט זיך דען אויף מיר אומקוקן דאָ?

מאָרים האָט זיך געוואונדערט און ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען פירט דאָס אָרדנונג אין אַזאַ גרויסער שטוב. ווי אַזוי ווייסט מען דאָ, אין דעם צימער, ווען עמיצער קומט אָן? אָט איז צוגעקומען נאָך אַ מענטש, און נאָך אַ מענטש — ער האָט ניט געהערט דאָס גלעקל קלינגען, ער האָט ניט געזען קיינעם די טיר עפענען. ווי אַזוי זענען אַלע אַרײַנגעקומען?

— וואָרום רוקט איר זיך ניט צו נענטער, מיסטער זובאָוו?

— האָט אסתּר צו אים געזאָגט, — באַקענט זיך!

— ווי אַזוי האָט אסתר אַזוי פלינק איבערגעלייגט זײַן נאָמען פון „זובאָווסקי" אויף „זובאָוו"? עס האָט געקלונגען קורץ און ענגליש־קלינגענדיק, דער נאָמען „זובאָוו". מאָרים האָט זיך געוואונדערט.

— אַ דאַנק, — האָט ער געזאָגט, — מען דאַרף שוין גיין. שוין צײַט צו גיין.

מאָרים האָט ניט באַדאַרפט צו גיין. צײַט האָט ער געהאַט גענוג. אָבער עפּעס האָט אים געגעבן אַ שפּאַר אין האַלדז אַרײַן. ער האָט געמוזט עפּעס זאָגן. ער וואָלט אפשר דערשטיקט גע־וואָרן, ווען ער רעדט ניט אַרויס קיין וואָרט, און ער וואָלט אפשר דערשטיקט געוואָרן, ווען ער בלײַבט נאָך דאָרטן זיצן — ער האָט זיך אויפגעהויבן.

— „אײַ האָפּ טו סי יו אַגעין" — האָט אסתר געזאָגט.

— „טענק יו" — האָט געענטפערט מאָרים.

— „יו אר וועלקאָם, אי עם שור“ — האָט געזאָגט אסתר.
— „גוד נייט“ — האָט געענטפערט מאָרים.

גייענדיק אהיים, האָט מאָרים זובאָווסקי דעם גאַנצן וועג געטראַכט פון דער הויז. יעדע מינוט האָט ער זיך דערמאָנט אָן עפּעס אַן אַנדער אַנטיקעל, און יעדע סעקונדע האָט ער געטראַכט פון די מיידלאַך און פון די בחורים. ער האָט געטראַכט ווי קלוג אסתר האָט זיין נאָמען איבערגעלייגט — פון היינט אָן און ווייטער, הייס איך שוין „זובאָוו“ — האָט ער באַשלאָסן, — „ריעל אַמעריקען“ — פון היינט אָן און ווייטער אויס „קייק“ — אויס גרינהאָרן — אויס זובאָווסקי — אויס מאָרים — וואָס אויס? אויס וואָס?
— קלאַפּ — קלאַפּ — קלאַפּנדיק־קלאַפּ — —

אריינקומענדיק אין זיין אייגענער שטוב, האָט מאָרים לאַנגזאַם און מיט ווירדע אַראָפּגעצויגן דעם ראָק, אויפגעהאַנגען דעם הוט, און נאָך אַלץ דרייענדיק דעם גראָבן סיגאַר צווישן די ציין, האָט ער אַזוי נאָכלעסיק, ווי פון צווישן די ציין, אַרויסגעצויגן זיינע ענטפערס אויף דער מאַמעס פראַגן:
— אודאי געוועזן. אודאי געזען. וואָס דען, כ׳האָב ניט געזען?

מאָריסן האָט זיך געדוכט, אַז שוין איצט שטייט ער מיט אַזוי פיל קעפּ העכער פון אַלע שטוביקע. ער קומט פון אַ מיליאָ־נערס אַ הויז. אַלעם איז דאָרטן מיט אַזוי פיל צערעמאָניעס, מיט אַזוינע געשליפנע רייד, ברייטע ליכט און הויכע סטעליעס. טיף ווייך מעבל און קלינגענדיק מיידלש געלעכטער. אָט קען ער נאָך חלילה איינשמוצן זיינע הענט אין דעם אָרימען הויז זיינעם — זיינע קליידער — — —
— פּאַוואָליע מאַמע — האָט ער נערוועז אויסגעשריען — זע, ווי דו גייסט! קענסט נאָך מיין ראָק אויסשמירן!

ער האָט ווידער געטראַכט פון דער הויז. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די ברייטע שטיינערדיקע טרעפּ, וואָס זיינען געווען באַדעקט אין סאַמע מיטן מיט ווייכן רויטן סאַמעט. אָן די צוויי לייבן, וואָס זיינען געלעגן ביים אַריינגאַנג — די

ליבן מוזן באַטרעפן אַ געוואַלד מיט געלט — אודאי טויזנט דאָלער אַ שטיק.

— האָסטו כאָטש עפּעס רעכטס אָנגעקוקט? — איז די מאַמע צוגעשטאַנען.

מאָרים האָט אויף איר אַ קוק געטאָן — ווען זי ווייסט, וואָס ביי אים אין האַרצן טוט זיך?

— מאַמע! ווען דו ווייסט כאָטש וואו איך בין געווען! אין אַ מיליאָנערס אַ שטוב! מיט גאָלד זיינען דאָרט די ווענט באַהאַנגען! אַזעלכע אַ, טיפּע „קאַרפּעטס" ליגן דאָרטן! — מאָרים האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אַ יאַרד די הויך — אַזוינע אַ, הויכע! ווי אויף אַן איבערבעט גייט מען דאָרטן!

— און ווי אַזוי האָט מען דיך דאָרטן אויפגענומען? מאָרים האָט אויסגעמיטן דעם ענטפער.

— ניט בלויז איינע האָב איך געזען — האָט ער געזאָגט — אין דריי הייזער בין איך געווען. אַ גרינהאָרן אַ שרכן נעמט, און שיקט מיך אין אַ הויז, וואו עס איז נישטאָ אפילו קיין איין סענט! — „סאָם נוירוו" האָב איך איר געזאָגט — זי מיינט אַז מיין צייט קאָסט קיין געלט ניט.

אינסטינקטיוו האָט מאָרים געזוכט עפּעס אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין אַריינגיין צו עטינגערן אין שטוב אַריין. און דערמיט וואָס ער האָט איצט גערעדט פון יענער אָרימער הויז, איז ער אין זיינע אייגענע אויגן אויסגעוואַקסן אַ סך רייכער, ווי ער איז אין אמת'ן געווען. ער האָט שוין מיט צופרידנקייט געטראַכט דערפון, מיט גדלות געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף זיין מאַמע'ן, אים האָט זיך שוין אויף אַן אמת געדוכט, אַז ער שטייט מיט אַזוי פיל קעפּ העכער פון אַלע שטוביקע מענטשן.

— דו האָסט באַדאַרפט זען, ווי זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר מיר, דאָרטן אין דער ערשטער הויז, די גאַנצע צייט, וואָס איך בין דאָרטן געזעסן, האָבן זיי אפילו קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. די כלה איז געזעסן, ווי אַ שטומע, זי האָט געקוקט אויף די ווענט און אויף דער סטעליע און אויף מיר — קיין איין וואָרט האָט זי ניט גערעדט.

— „איי האָפּ טו סי יו" — האָב איך געזאָגט.

— „טענק יו“ — האָט זי געענטפערט.
מאָרים האָט ניט געהערט, אַז דאָס חזר'ט ער גאָר איבער זיינע אייגענע רייד, און אסתר'ס רייד, ביים אַוועקגיין פון עטינגער'ס שטוב. ער האָט דאָס ניט געהערט, און ניט געוואָלט הערן. ער האָט אַלערליי חלומות גע'חלומ'ט. ער האָט שוין אויס־גערעכנט וואָס ער וועט טאָן מיטן געלט.
מאָרים האָט אַזוי גערעכנט וואָס ער וועט טאָן מיטן געלט, און זיך געפרייט מיטן קומענדיקן גליק, ביז ער האָט זיך אריינגעלייגט אין בעט אריין. נאָר קוים האָט ער נאָר פאַר־מאַכט זיינע אויגן, אַזוי איז פאַר אים ווידער אויסגעוואַקסן עטינגערס שטוב, און דער פריילאַכער זשום, וואָס האָט זיך אין זיינע אויערן אַנגעקליבן, און פון דעם גאַנצן בילד שיינקייט, וואָס ער האָט דאָרטן געזען. עס איז פאַר אים געוועזן אַ גאַנץ הארמאָניש בילד. קיין איינציילהייטן האָט ער ניט געדענקט, ער האָט אפילו ניט געדענקט אסתר'ס פנים, אָבער ווער דאַרף געדענקען אסתר'ס פנים און ווען עס גייט אָן ווי זי זעט אויס? געלט האָט זי, אַ רייכער טאַטע אין ווען זיך אָנצו־שפּאָרן וועט זיין, איז וואָס דאַרף מען מער?
— אָבער ווי אַזוי קומט מען אהין? ווי אַזוי וועט ער אַ צווייטן מאָל קענען באַטרעטן יענע שוועל? מיט וואָס פאַר אַן אויסרייד, וועט ער אהין קומען? זיי האָבן דאָך אפילו אויף אים זיך ניט אומגעקוקט?
אויף אַ מינוט האָט ער ווידער אָנגעהויבן טראַכטן פון די צוויי אָרימע הייזער, (ער האָט בלויז געטראַכט פון די הייזער, ניט פון די מיידלאַך) און ביי דעם געדאַנק איז אים ווידער גוט געוואָרן. ער האָט ווידער צוריקגעקראָגן זיין מוט, און אַ מוטיקער האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט:
— עס איז נישטאָ אַזאַ קונה, וועמען זאָלסט ניט קענען פאַרקויפן די סחורה. דארפסט בלויז האָבן געדולד און אויס־דויער — געדולד און אויסדויער — ביז ער איז איינגעשלאָפן, האָט ער שוין גע'חזר'ט די ווערטער — געדולד און אויסדויער.

9

בעקי האָט זיך געגרייט פאָרן צו דייוו'ן אין קעמפּ.

פון גאנץ פרי אַן האָט זיך שוין געטומלט ביי די עטינגערס אין שטוב, און פון גאנץ פרי אַן איז שוין געשטאַנען אַ נעגריי־טער טיש מיט אַלערליי געבעקסן. געבעקס און פרוכט זיינען אויך געשטאַנען גרייט איינגעפּאַקט אין שטרויענע קאַשיקלאַך: בלענטש איז געווען נערוועז. אַ גאַנצע נאַכט איז זי ניט געשלאָפן. איר פּנים איז געווען בלאַס, די אויגן־דעקלאַך האָבן אַראָפּגעהאַנגען מידע און קעמפּנדיקע. שוין אפשר צום צענטן מאָל האָט זי אַנגעמאָסטן אַלע מאָל אַן אַנדער קלייד און ניט געקענט באַשליסן, וועלכעס עס פּאַסט איר בעסער.

זי האָט צום סוף אָנגעטאָן בעקי׳ס ווייסע „געפּליטעטע סקוירט", אויף איר נאַקעטער פּלייצע האָט זי אַרויפגעוואָרפן אַ בלאַס־גרינעם „סוועטער", און דורך די קליינע לעכעלאַך פון דעם דאָזיקן מלבוש האָבן אַרויסגעבליצט, ווי קעפּלאַך פון שפּיל־קעס איר ראָזעווע הויט.

— מיין טייערע, מיין שיינע, דו ביזט ווי אַ „דאָל" — האָט בעקי זי פּלוצלינג אָנגעהויבן קושן.

— ווי אַ יונג, גרין בוימל, — איבערן צימער האָט זיך צע־לייגט אַ ריח פון שמעקעדיקע רויזן — זיי זיינען געווען ריין איינגעוואַשענע — אין צימער האָט אַריינגעשיינט די מאָרגן זון — הויכע ווייסע ווענט האָבן געבלענדט אין זייער קלאַרקייט — אַ קלינגענדיק, פרייליך, יונג קול האָט זיך צעלייגט איבערן גרויסן צימער:

O, where did I see my boy,
The Tall and Slender Khaki boy
It was not in the field,
And t'was not in the lane
O, where did I see my boy.

אין דרויסן האָט געוואַרט דער אָטאָמאָביל.

עס איז געווען דער גאָלדיג־ברוינער פּעקאַרד מיט די גרויס־אָנגעבלאָזענע רעדער, מיט אַ שמאָלן, חנ׳עוודיקן האַלדז. אין דער פראָנט, דאָרטן וואו עס האָט זיך פאַרענדיקט דער ניקעלנער ראַדיאַיטער, האָבן אַרויסגעקוקט צוויי בלים־טשענדיקע לאַנטערנס, ווי צוויי אויגן. די גלייכע לאַנגע ליניעס, מיט די אַרטיסטיש געבויגענע „פּענדערס" האָבן געגלאַנצט אין

זייער גאָלדן־ברוין אנטקעגן דער מאָרגן זון. עס האָט זיך געדוכט, ווי די מאַשין שטייט אַ זעלבסט באוואוסטזיניקע — אַט זאָל מען נאָר אַ דריק טאָן אויפן אייזערנעם קנאָפּ, און איר וועט זען מיין כח — וועלדער און פעלדער וועל איך, ווי אַ וויכער אריבערשפרייזן — זאָל נאָר בעקי ארונטערקומען!

בעקי איז אַרונטערגעקומען. מיט די טרעפּ אונטער'ן דעכל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ חופה, אי זי ארונטער געלאָפן, נאָך איר בלענדזש. די צוויי לייבן, וואָס זיינען געלעגן ביי ביידע זייטן טרעפּ, האָבן מיט איינגעהאַלטענער בייזקייט געקוקט איבערן וועג. עס האָט זיך געדוכט ווי געטרייע שומרים היטן די לייבן, דאָס הויז און דעם גאָרטן, און דאָס גאַנצע האָב און גוטס פון דעם אידן מרדכי עטינגער.

יונג־מיידלשדיק — פריש־זינגענדיק — מיט שיינענדיקע פּנים'ער, מיט גליהענדיקע אויגן — מיט אַ גלויבן אין דעם אייגענעם יונגן וועזן, זיינען די צוויי מיידלאַך ארונטערגעקומען.

זיי האָבן זיך אריינגעזעצט אין דער מאַשין, מיט אַ וויג פון דער האַנט האָבן זיי פארמאַכט די טירלאַך. בעקי האָט אַ קוועטש געטאָן מיט איר רעכטן פוס דעם שטאָלענעם קנאָפּ, די מאַשין האָט אַ שטילן פייף געטאָן, ווי ווען מען עפנט אויף אַ פלאַש סעלצער וואַסער, און לאַנגזאַם, שטופּענווייז האָט זיך אָנגעהויבן דרייען דער מאָטאָר. און ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז, ווי אַ געלערנט פערד, האָט זיך דער מאָטאָר צעוויקלט אין זיין גאַנג, דער מאָטאָר האָט אַלץ שנעלער און שנעלער אָנ־געהויבן צו ארבייטען, צום סוף האָט בעקי נאָך געלאָזט די טרעטערס. לייכט אָנגעטראָטן אויף דעם גאַזאָלין טרעטער, און די מאַשין האָט זיך לייכט און שטיל אַרויסגעקייקלט פון הויף.

דער וועג איז געווען אַ גלאַטער, אַ געפלאַסטערטער, און מיט פּעך גלאַנציקער. זיי זיינען דורכגעפאָרן די שטאָט, די „וועסט־ענד" עוועניו. אויף ביידע זייטן גאַס, האָבן געשיינט און זיך גע־שפּיגלט אַנטקעגן דער זון די גלאַנציקע פענסטער. עס זיינען געגאַנגען מענטשן. עס זיינען אנטקעגן, און אונטער זיי, געפאָרן אָטאָמאָבילן. בעקי איז געזעסן לייכט־שלאַנקיק ביים גרויסן ראָד. לייכט, מיט איין האַנט האָט זי פון צייט צו צייט אַ

לייכטן דריי געטאָן דעם ראָד. אין איר הארצן האָט געזונגען א פרייד. א געזאַנג פון יוגנט און פון חלומות. זי איז אריבער דעם הארלעם ריווער. איז ארויף אויף דעם גרענד קאָנ־קאָרס. דער וועג האָט זיך פאַר זיי מיטאמאָל אויפ־געעפנט מיט זיין גאַנצער ברייטער ברייט. די מאַשין האָט פון זיך אליין אָנגעהויבן גיין שנעלער. קאַטשענדיק זיך, האָט די מאַשין געשלונגען א גאַס נאָך א גאַס. 210 — 211 — 212 220 — שנעלער און שנעלער — יאַנקערס — טעריטאַון — אָסי־נינג — אַט איז שוין א ברייט פלאַך פעלד מיט צעוואָרפענע דאָ און דאָרט פאַרמשטיבלאַך, מיט שטיקלאַך וועלדער, מיט אונערוואַרטעט שמאָלע טייכלאַך און מיט שמאָלע הילצערנע בריקלאַך. אַזוי ווי א שטילער דונער, האָט יעדעס מאָל ביים אַריבערפליען א בריק, אָפּגעהילכט.

ווען זיי זיינען אַרויפגעקומען אויף דעם געפערלאַכן, צוויי מייליקן, האַלב רונדן בויג, וואָס האָט זיך געצויגן פאַזע דעם האָדסאָן, האָט זיך פאַר זיי מיטאמאָל אויפגעדעקט א פּאַנאָראַמע, אַזוי ווי אַן אַמפיטעאַטער. אַרום און אַרום האָבן זיך אויפגע־הויבן הויכע, ווילדע בערג, ביים ברעג טייך האָט זיך געדרייט, ווי א שלאַנג, און געגלאַנצט אַנטקעגן דער זון, דער שטאָלענער וועג פון דער „ניו יאָרק סענטראַל" און א ברייט, אומענדלאַך ברייט, גרין, בויגיק, שטיק פעלד איז געלעגן אין מיטן.

בעקי איז פאַרבלענדעט געוואָרן. אינסטינקטיוו האָט זי אָנגעהויבן פאָרן נאָך שנעלער, אָן איר באַוואוסטזיין, וואָס זי טוט, האָט זי נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן טרעטן אויף דעם גאַז־טרעטער. זי האָט ניט געוואוסט וואָס זי טוט. פאַר אירע אויגן האָט געשווינדלט און געבלענדט — בוימער, שטיבער, פלעקן, גרויסע און קליינע פלעקן האָבן אין אירע אויגן געפינטלט. זי האָט בלויז געהערט א לייכטן זשומען אין אירע אויערן — ז־ז־ז־ז־ז און אין צוויי מינוט איז זי פאַרבייגעפלויגן דעם געפערלאַכן האַלב רונדן בויג.

פאַר מיטאָג זיינען זיי געווען אין קעמפּ.

בעקי און בלענטש — אַכטצן יאָר — יונגע האָפנונגען — צאַפּלדיקע חלומות — וואָרום זיינען זיי מיטאמאָל געוואָרן אומע־

טיק ווען זיי זיינען אַנגעקומען אין קעמפּ? וואָס האָט געטראָפן מיט בלענטשן, וואָס זי ווײנט? בלענטש האָט זיך געשעמט פאַר בעקי'ן. זי האָט אַפּגעדרייט איר קאָפּ און שטיל פאַר זיך אליין געוויינט — זיי האָבן ניט געטראָפן דייוו'ן — זיי האָבן באַדאַרפט וואַרטן — דייוו איז אַוועק מיט אַ קאָמפּאַניע סאָל־דאַטן פאַר אַ צען־שעה'דיקן „הייק", די סאָלדאַטן זיינען אַוועק פיר אַ זייגער אין דער פרי און וועלן ערשט זיין צוריק צווײ נאָכמיטאָג.

— איז וואָס דאַרף מען וויינען? „הייקען" איז געזונט! עס אַנטוויקלט די לונגען, עס אַנטוויקלט די מוסקולן, עס פאַר־האַרטעוועט די הויט. אונזער רעגירונג וועט מאַכן פון די „באָיעס" שטאַרקע מענער, דיסציפּלינירטע מענער, מענער מיט אַ געפיל פון שטאָלץ פאַרן פאָטערלאַנד! איז וואָס דאַרף מען וויינען?

בעקי האָט שוין אויך געוויינט. זי האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, ווי דייוו שטייט אויף אַזוי פרי, ווי ער האָט דאָס כּח אַזוי ווייט צו גיין. ווי לעבט ער אין אַזאַ גרויסן טומל? און אין דער האַסטיגקייט? ווי אַזוי קוקט איצט אויס דייוו?

זיי האָבן געמוזט וואַרטן. זיי האָבן נאָך אַ גאַנצע שעה צו וואַרטן. בעקי און בלענטש האָבן בײדע אָנגעהויבן אַרומגיין און באַקוקן דעם קעמפּ.

— קלאַפּ־קלאַפּ — קלאַפּנדיק־קלאַפּ — — —

ביי אַ רייע אָפענע גריבער זיינען געשטאַנען אַ פּאָר צענדליק מענער אין פאַרשידענעם עלטער. די מענער. אונטער דער אויפ־זיכט פון אַ גלאַט אָפּגעראַזירטן אָפיציר, האָבן מיט לאָפּאַטעס און גראָבאייזנס נאָך טיפער געגראָבן די גריבער. זיי זיינען שוין געשטאַנען פאַרזונקענע ביז איבער די היפטען. אין דרויסן האָט געבראָטן די זון. זייערע פּנים'ער זיינען געווען באַגאָסן מיט שוויים, און אויסגעשמירט אין בלאָטע. די הענט, נאַסע, לײמיקע, האָבן זיי אַלע מאָל זיי באַדאַרפט איינרייבן אין טרוקע־נעם זאַמד, כדי די לאָפּעטע זאָל זיך פון זייערע הענט ניט גליטשן. די געלע „קעקי" העמדער, זיינען געווען ברודיק, צו־בראַסקעט, און מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, אַזוי אַז די מיידלאַך האָבן געקענט זען די באַוואַקסענע מענערישע ברוסט.

אביסל ווייטער איז געווען א קונציק נעמאכט טייכל. דאס טייכל איז געווען א שטייענדיקס. דאס וואסער געל און שמוציק. דארטן זיינען געווען פארזאמלט אפשר א פופציק סאלדאטן. די סאלדאטן זיינען געווען כמעט נאקעטע, בארוויסע אין די בלויזע הויזן, האבן געוואשן קליינינקייטן, זיך געשמיסן איינע די אנדערע מיט נאסע שטיקער, און זיך געזידלט מיט נראבע רייד.

בעקי און בלענטש האבן געהערט די גראבע רייד, און רויט לינדיג זיך זיינען זיי לאנגזאם, גלייך ווי זיי מיינט מען נים, אוועקגעגאנגען.

ווי אזוי קוקט אוים דייוו? ווי אזוי לעבט ער דא?ביידע זיינען זיי געווען אומגעדולדיק. ביידע האבן שטיל אין זייערע הערצער געשראקן זיך מיט דער זעלבער שרעק — טאמער איז דייוו אויך אזוי, ווי די מענער ביים טייכל, און ווי קען ער דען זיין אנדערש? ער מוז דאך לעבן זייער אלעמענס לעבן? ער עסט דאך זייערע מאכלים, און שלאפט דאך צוזאמען מיט זיי אין איין געצעלט? און פארברענגט דאך מיט זיי די פרייע צייט?

שרעק האט אנגעפילט די יונג־מיידלישע הערצער.

— אט גייט ער! — האט אויסגעשריען בלענטש.

שפרינגענדיק, מיט געציילטע, צום טאקט מיליטערישע שפרינג איז זיי אנטקעגן געלאפן דייוו. זיינע הענט, פארבויגן ביז די עלנבויגנס — האט ער געהאלטן נאענט פון זיין לייב, זיין קאפ איז געווען פאררידן, מיט אן ארויסגעשטעקטער ברוסט איז ער לייכט זיי אנטקעגן געלאפן.

— דייוו — האט בעקי אויסגעשריען — דייוו!

זיי זיינען ביידע אריינגעפאלן איינער אין דעם אנדערנס ארעמס — „מאי דיער באי" — האט זי נאך אמאל אים ארומ־גענומען.

בלענטש איז געווארן רויט, איר הארץ האט נעקלאפט, אירע אויגן זיינען געווארן גלאנציק און פייכט, מיט איר גאנצן כח האט זי זיך איינגעהאלטן פון וויינען.

— און וואס מאכסטו, בלענטש? — האט דייוו אויסגע־

שטרעקט זיין האַנט — אַ, איך בין אַזוי גליקלאַך אייך צו זען — „גאַש" — האָט ער געזאָגט — עס איז אַזאַ פרייד זיך נאָך אַמאָל צו זען....

און ווען עס זיינען אריבער די ערשטע פאָר מינוט, האָט ער אָנגעהויבן אויף אַלעמען זיך נאָכפרעגן.

— און וואָס הערט זיך אין שטאָט? און וואָס מאַכט די מאַמע, און וואָס מאַכט דער טאַטע? און אסתר וואָס מאַכט? און אלדד, און „אַל די באַיעס"?

פאַר אַ לאַנגער צייט האָט ער זיי פאַרוואָרפן מיט פראַגן. עס איז געווען, ווי אַ טייך, וועמענס זאַסטאַווקעס מען פאַרשטעלט, און שפּעטער גיט מען אַ לאָז ארויס דאָס גאַנצע פאַרהאַלטענע וואַסער.

— האָט דייוו די גאַנצע צייט געבענקט אַהיים? האָט איִם שוין באַנג געטאָן אויף דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן? האָט ער מורא געהאַט פאַר דעם, וואָס באַלד גייט אָפּ זיין רעגימענט קיין פראַנקרייך?

דייוו וועט די אַלע זאַכן ניט דערציילן. דייוו האָט פאַר־שלאָסן דאָס מויל און רעדט ניט דערפון. וואָס קען ער שוין איצט ריידן? אַלעס איז שוין פאַרפאַלן. בלויז איצט, ווען זיין פרייד האָט זיך מיטאַמאָל צעשפּרייט איבער'ן גאַנצן לייב — האָט ער דאָס גערעדט. ער האָט געוואָלט אַלעס, אַלעס — וואָס האָט זיך ביז איצט אָנגעקליבען אויף זיין נשמה — ארויסוואַרפן, זיך דערפון באַפרייען.

— און ווי גייען די „ביזנעס"? און די נייע הויז? און דיין „פּעקאַרד"? וויפל מייל ביזטו שוין אריינגעפאָרן מיט דיין פּעקאַרד?

זיי האָבן זיך ווידער ארומגעכאַפּט, און ווידער זיך גע־קושט.

— איך קען שוין שיסן פון אַ ביקס, איך קען שוין גראָבן „טרענטשעס", מיר האָבן געהערט אַז די דייטשן ציען זיך צוריק פון דעם גאַנצן פראָנט. אפשר וועט זיך באַלד אַלץ ענדיקן — „גאַש" — ווי איך וואָלט געוואָלט אָנקוקן דעם טאַטן מיט דער מאַמען — ווי איך וואָלט געוואָלט אָנקוקן די הויז — „גאַש" —

עס איז אזא פרייד זיך נאָמ אמאָל צו זען — וואו קויפסטו די טשאָקאָלאַד, וואָס דו שיקסט מיר? — „גאַש“ — „סאָם פיגס“.

רייד, רייד, לויזע, אָפּגעבונדענע, פריידיקע רייד.

עס ברענט די זון. דייוו׳ס פּנים איז רויט־פאַרהאַרטעוועט. די אַלטע הויט האָט זיך שוין אָפּגעשיילט, אַ נייע, פרישע, האַרטע הויט איז אויף זיין פּנים, גראָבע פאַרהאַרטעוועטע הענט. דייוו׳ס האַנט — אַ מאַנ׳ס האַנט, דייוו׳ס פּנים — אַ סאָלדאַט׳ס פּנים, עס שמעקט פון אים שווייס — געזונטער, הייסער, מענלאַכער שווייס — די האָר נידריק אָפּגעשוירן, אויף די פיס שווערע, סאָלדאַטסקע, מיט טשוועקעס שיך, די שיך זיינען פאַרשטויבטע, דייוו איז ערשט געקומען פון אַ צען שעה׳דיקן „הייק“.

— „גאַש“ ווי גוט! ווען זיינט איר אַהער אָנגעקומען! וואו איז די „קאַר“?

זיי זיינען אַלע צוזאַמען געגאַנגען באַקוקן די קאַר.

אַ שטיל שווייגן. גייענדיק זיינען זיי אַלע דריי געוואָרן אַלץ רואיקער און שטילער. פון איינעם צום אַנדערן האָט זיך איבערגעגאָסן אַ שטילע פרייד. איינער האָט געפילט די נאָענט־קייט פון דעם אַנדערן. ווערטער אָן „ח׳עס׳ן“ און אָן „כ׳ן“ — בלויז אַזוינע, וואָס גליטשן זיך שטיל אַראָפּ פון די ליפּן, האָבן זיך לייכט געגליטשט פון מויל צו מויל — שטילע, בלויע, און בלאַס־גרינע ווערטער.

דייוו האָט זיי שוין אַרומגעפירט און געוויזן דעם קעמפּ, דאָס גרויסע לעזצימער, דעם „מעסרום“. אין „מעסרום“ האָט בלענטש זיך אַוועקגעזעצט אויפן שטול, אויף וועלכן עס זיצט שטענדיק דייוו. דערנאָך זיינען זיי אַריין אין דער קליינער קראָם, וואָס געפינט זיך אונטער׳ן רשות פון דער — „יאַנג מעיס קריסטשען אַסס׳ן“. מען האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש און דייוו האָט באַשטעלט קאַפע, און פראַנקפורטערס און „דאָהו־נאַטס“.

מיטאַמאָל האָט זיך געביטן די שטימונג. אַלעס האָט זיך מיטאַמאָל געביטן אין די מיידלאַכס אויגן. אין דער אַנוועזנהייט פון דייוו׳ן, אין דער קליינער קאַפע, אין דעם גרויסן ברייט צע־לייגטן קעמפּ האָבן זיך די מיידלאַך מיטאַמאָל געפונען אין עפּעס

א כישופלאַנד. אַלעס האָט זיי אָנגעהויבן צו באַגייסטערן. יעדע זאַך האָט זיי אַנטציקט. מיט אָפענע מײַלער האָבן זיי זיך גע־האַלטן אין איין וואונדערן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קראָם? האָט בעקי געפרעגט.

— דאָס האַלט אויף די .Y. M. C. A, האָט דייוו גע־ענטפערט — אין אַלע קעמפּס האָבן זיי קראָמען, „לייבררים", שפּיל־צימערן, „סאָשעל רומס" א. ז. וו.

— און ווי אָפט קומסטו אַהער אַריין?

— אַזוי שנעל ווי מיר ווערן פריי, — האָט ער געזאָגט — — און ווער איז יענער? — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ צווייטן טישל — .זע, ווי ער קוקט אויף אונז!

— דאָס איז אַן אָפיציר, ערשט געקומען צוזאַמען מיט מיר פון דעם „הייק", ער עסט שטענדיק אין דעם רעסטאָראַן.

דער אָפיציר פון דעם אַנטקעגנאיבערדיקן טישל, האָט די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון די צוויי מיידלאַך, און איצט, ווען ער איז שוין געווען זיכער אַז מען רעדט פון אים, האָט ער פון דעם צווייטן טישל אַריבערגעשריען:

— „גאָ אַהעט דייוו, טעל דעם אָל די פאָן ווי העד!"

דייוו האָט זיך גלייך אויפגעהויבן, סאַלוטירט דעם אָפיציר און אים פאַרגעשלאָגן זיצן צוזאַמען.

דער אָפיציר איז צוגעקומען. ער האָט אַליין געשלעפּט מיט זיך דעם גאָפּל מיט'ן מעסער, דעם טעלער און די קאַפע.

מען האָט אויפ'ס נײַ באַשטעלט עסן. מען האָט צוזאַמען גערעדט. דער אָפיציר האָט געהאַלטן אין איין דערציילן מעשיות פון סאָלדאַטסקן לעבן.

— „אָוור דהעיר" — האָט ער געזאָגט — וועט מען ניט קענען אַזוי פיין פאַרברענגען, דאָרטן ברודערל, וועט זיין גאָר אַ נײַ לעבן.

דייוו האָט געשוויגן, ווי אַ אינגל, וואָס געפינט זיך אין דער געזעלשאַפט פון זייער חשוב'ע מענטשן, האָט ער געשוויגן.

— ווי, איר גייט דען „אָווערסיעס?" האָט בעקי זיך אַ כאַפּ געטאָן און זיך אומגעקוקט צו דייוו'ן?

— וואָרום האָסטו מיר ניט געשריבן?

— מיר האָבן ערשט נעכטן באַקומען דעם באַפעל — האָט דייוו געזאָגט.

— אַלעם ווערט דאָ מאָמענטאַל באַשלאָסן — האָט געזאָגט דער אָפיציר — דאָ לייגט מען זיך שלאָפן אין ניו יאָרק און מען שטייט אויף אין פראַנקרייך.

בעקי און בלענטש זיינען געוואָרן בלאַס. אויף בלענטש׳ס שטערן האָט זיך צעגאָסן אַ קאַלטער שווייס. זי האָט געפילט, ווי עס הייבט איר אָן צוערשט אָפּ׳חלש׳ן די הענט. דערנאָך די פיס.

דייוו האָט געלאַכט.

— רעכטס, לינקס, ארויף, אראָפּ — מאַרש און מען גייט... וואָס דאַרף דען אַ סאָלדאַט? דער פּאַק איז שטענדיק פאַרטיק.

— „יו סעד איט" — האָט געזאָגט דער אָפיציר — אַזוי דאַרף זיין. אַ סאָלדאַט מוז אין איין מינוט זיין גרייט אין וועג אריין. אַן ארמיי אין איין האַלבער שעה.

— איר געדענקט היינט אין דער פרי? — איז דייוו געוואָרן אַלץ ריידעוודיקער — שווער געווען ביים אָנפאַנג. נאָך פינסטער, אָבער אין פינף מינוט צייט זיינען אַלע געווען אין ליין — איינס, צוויי, איינס — צוויי — דעם ערשטן מאָל האָט מען אונז אונ־ערוואַרטעטערהייט היינט גענומען אויף אַ „הייק" — האָט ער זיך אומגעקערט צו בעקי׳ן — מיר האָבן נאָך ניט געוואוסט וואוהין מען פירט אונז.

— אַזוי דאַרף זיין — האָט געזאָגט דער אָפיציר.

— איך האָב ליב דאָס טופּען מיט די פיס — האָט גע־זאָגט דייוו — אַזוי ווי אַ געזאַנג. מען פילט אפילו ניט ווי מען הייבט די פיס אויף, ווי עמיצנס אַ האַנט וואָלט דיינע פיס גע־הויבן — דעם רעכטן, דעם לינקן — דעם רעכטן, דעם לינקן.

— ס׳אַרא בראַוון ברודער דו האָסט — האָט דער אָפיציר געזאָגט.

— אַלע עמינגערס זיינען בראַווע — האָט בעקי גע׳שמייכלט.

— און די מיידלאַך אויכעט?

— דאָס בלייבט איבער פאַר אייך אויסצוגעפינען.

— אינטערעסאנט — האט געזאגט דער אפיציר — א שאד, וואס אונזער פאלק גייט אוועק.

— ווען פארט איר אפ?

די מיידלאך זיינען נאך בלאסער געווארן. און זייערע אויגן האבן זיך געשטעלט טרערן, בלענטש האט אנגעהויבן הויך אויפן קול צו וויינען.

נאך וואס דאס וויינען — האט געזאגט דייוו — מיך ארט עס ניט, פארקערט, וואס גיכער, דעסטא בעסער.

— ער איז ניט דער איינציגער — האט געזאגט דער אפיציר — דייוו איז א בראווער יונג. ער וועט זיך גאר אינ־גיכן דערדינען א טיטל.

— ווערסטו כאטש א היים קומען זיך געזעגענען? — האט געפרעגט בעקי.

— איך ווייס ניט צו מען קען — האט געענטפערט דייוו.

— מען קען דאס דורכמאכן — האט געזאגט דער אפיציר. אלעמענס אויגן האבן אנגעהויבן גלאנצן.

— איך וועל אייך זייער דאנקבאר זיין — האט געזאגט בעקי.

— מיר'ן זען — האט געענטפערט דער אפיציר.

בעקי האט ניט געוואלט אפלאזן די געלעגנהייט. זי האט ווייטער געזאגט:

— זאל זיין שבת

— שבת קען מען ניט, שבת איז א שווערער טאג ארבעט, מען קען מאכן פאר זונטיק

— זאל זיין זונטיק. און אפשר וואלט איר אויך געקומען?

— האט זי געפרעגט דעם אפיציר.

ער האט א ווײַלע געשוויגן, ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן, צום סוף האט ער געזאגט.

— אבער מאנטיק פארטאג וועלן מיר מוזן זיין צוריק, פינף א זייגער, פאר דער ציילונג מוזן מיר זיין צוריק.

— אלרייט, — האט געזאגט בעקי, — מיר'ן פארברענגען דעם טאג און ביינאכט וועל איך אייך אפפירן.

מען האט אפגעמאכט זונטיק צו זיין אין שטאט.

ווען זיי זיינען ארוים אין דרויסן איז שוין געווען נאָך פינף. דייוו האָט שוין קיין סך צייט ניט געהאַט מיט זיי צו פאַרברענגען, ער האָט זיי צוגעפירט צו דער מאַשין און גע־וואַרט ביז זיי האָבן זיך ארייננגעזעצט. ער האָט געקושט בעקי'ן און ער האָט געקושט בלענטשן. די מאַשין האָט זיך ביסלאַכווייז אָנגעהויבן באַוועגן.

— וועלן מיר זיך זען זונטיק — האָט בעקי צוריקגע־שריען.

— זיכער זונטיק — האָט דייוו געענטפערט.

די מאַשין האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט, — דייוו איז געשטאַנען און זיי נאָכגעקוקט. ווי עמיצן אויף צו להכעיס האָט בעקי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געטראַכטן אויף דעם גאַז־טרעטער. די מאַשין האָט זיך צעוויקלט אין געלאַף, עס האָט זיך געדוכט, ווי זי וויל, וואָס גיכער אַנטלויפן פון דעם אָרט. די זון איז געשטאַנען פּונקט אַנטקעגן, אַ רויטע, און אַ פלאַמענדיקע. עס איז געווען שווער צו זען דעם וועג, און בעקי האָט געמוזט עטוואָס אָנבויגן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, אַזוי, אַז זי זאָל דעם וועג זען, און לאַנדיק אַזוי איר מאַשין לויפן אין פולן שנעל, איז זי געלאָפן, פּונקט אַנטקעגן דער זון.

צוקומענדיק צוריק צו דער הויז איז שוין דאָרט געווען פינ־סטער. אַלע זיינען שוין געשלאָפן. בלויז אין איין צימער — אין מרדכי עטינגערס צימער, איז געווען ליכטיק. בעקי'ן האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרץ:

— וואָס זיצט נאָך דער טאַטע אַזוי שפּעט?

זי האָט אַריינגעפירט אין שטאַל אַריין דעם אָטאָמאָביל, זי איז שטיל אַרויף די טרעפּ, מידע, און צופרידן מיטן וויזיט, וואָס דייוו וועט מאַכן אין שטאָט אַריין איז זי גלייך אַריין צו זיך אין צימער.

— אפשר זאָל זי אָנזאָגן דעם טאַטן אַז דייוו וועט זונטיק זיין אין שטאָט? אפשר זאָל זי אָנזאָגן דעם טאַטן אַז דייוו גייט אַוועק קיין פראַנקרייך?

זי קען ניט אָנזאָגן דעם טאַטן אַזאַ בשורה. זי האָט מורא. זי האָט אפילו מורא זיך צו באַווייזן פאַר אים. בעסער אַזוי,

זי וועט זיך שנעל אויסטאָן, זאָל ער אפילו ניט וויסן אַז זי איז שוין דאָ.

זי האָט צוריק אויסגעלאָשן דאָס ליכט, אויף דער גיך, און אין דער פינסטער האָט זי זיך אויסגעטאָן, נאָר ווען בעקי האָט שוין געוואָלט אַריינלייגן זיך אין בעט אַריין, האָט זיך מיטאָמאָל געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען מרדכי עטינגער. מיט אַ נערוועז קול האָט ער געזאָגט:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג געזאַמט? איך האָב דאָך געמיינט, ווער ווייס, וואָס עס האָט מיט דיר געטראָפן!

בעקי איז געוואָרן צוטומלט. אין דעם פינסטערן צימער, האָט זיך אַריינגעריסן אַ שמאָלער פּאַס ליכט פון דעם ברייטן קאָרידאָר, אין דער האַלב־פינסטער האָט איר טאַטע אַרויסגעזען, בלייך און אָפּגעצערט.

— פּאַפּאַ — האָט זי מיט אַ ציטריק קול געזאָגט — פּאַ!

עס איז שוין געווען מער ווי אַ וואָך זייט בעקי האָט געזען איר טאַטן, און עס איז אפשר געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער נייער הויז, וואָס דער טאַטע איז אַריינגעקומען אין איר צימער. זי האָט זיך נעשראָקן, זי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן — אָנטאָן זיך אָדער ניט. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ריידן. זי האָט אינגאַנצן אַרויפגעשלעפּט די קאָלדרע אויף זיך.

— איך בין געבליבן שטעקן אין מיטן וועג — האָט זי געבאַלבעט מיט אַ צושראָקענער צונג — איך האָב באַדאַרפט וואַרטן אויף אַ פּעררי — צוויי מאָל האָב איך געמוזט בייטן די „טיירס".

— און ווי קוקט ער אויס? — האָט ער שטיל געפרעגט.

מרדכי עטינגער האָט ניט געוואָרט אויף קיין ענטפער, ער האָט זי ממש ניט געלאָזט ענטפערן. איין פראַגע נאָך דער צווייטער, האָט ער געפרעגט און געפרעגט.

— איז ער געזונט? בענקט ער אַהיים? האָט ער ביי זיך געלט? געלט האָט ער גענוג? האַ! און ווי קוקט ער אויס?

מרדכי עטיננער האט קיין איין מאל ניט אנגערופן דייוו'ן ביים נאמען, זיין קול האט געציטערט, ער האט צונלעגט די האנט צום שטערן

— און אידישקייט ? פון אידישקייט ווייסט מען עפעס דארטן ? אזוי פיל אידישע סאלדאטן, איז כאמש דארטן פאראן א שול ? א פארברעכן, א שאנדע — זיי האבן אלעס — אלעס לייברערים — קלויסטערס — גלחים און „רעדקראסעס" — דער רוח ווייסט וואס — מיר קענען אפילו קיין שול ניט האבן . . נו, וואס זאגסטו ? וואס שווייגסטו ? ווי זעט ער אוים ?

בעקי האט שוין איצט געמוזט ריידן. זי האט שוין גאר ניט געקענט זיך העלפן. זי האט געשלונגען אירע רייד.

— ער האט א גוטע שטעלע — האט זי געזאגט — אין דער „אינטעלידזשענס ביורא". זונטיק וועט ער זיין אין שטאט.

און פונקט אזוי אומערווארטעט, ווי ער איז אריינגעקומען, איז ער אזוי אוועקגעגאנגען.

ווען מרדכי עטינגער איז שוין געווען אויף דער צווייטער זייט טיר, האט ער די טיר נאכאמאל אויפגעעפנט, זי געפרואווט א פאר מאל ווינגן אויף די זאוויעסעס, אים האט זיך גערוכט אז די טיר סקריפעט.

— קלאפ — קלאפ — קלאפנדיק — קלאפ — — —

— דער אפיציר — דער טאטע, ווי אן אויסגעטראכטע מעשה — דייוו אין פראנקרייך — ווי אזוי קוקט אוים פראנקרייך ? — זיינען אין פראנקרייך דא שטיבער ? מיט וואנעס און „פאמפקין פיי" ? — אידישקייט, אידישקייט — ווען עס גייט א זון קיין פראנקרייך — עס גייען מיזנטער אנדערע קיין פראנקרייך — איז אלעס וואס קימערט דעם טאטן — א שול אין קעמפ ? און טאמער וועט מען דער'הרג'ענען דייוו'ן ? טאמער וועט מען דער'הרג'ענען דייוו'ן ?

בעקי איז א גאנצע נאכט ניט געשלאפן. איר אייגענער לעבן איז איר אינגאנצן ניט אנגעגאנגען איצט. זי האט בלויז געטראכט פון דייוו'ן. פון דעם טאטן. פון פראנקרייך. ווי אזוי קוקט אוים פראנקרייך. בעקי'ן איז מיטאמאל געקומען

אויפן זינען פאַרן קיין פראַנקרייך. זי וועט באַגלייטן דייוו׳ן. זי וועט אויף אים אכטונג געבן. זי וועט זיך אַנשליסן אין דעם אַמעריקאַנעם רויטן קרייץ. וואָרום טראַכט זי אַזוי אַפּט פון דעם אָפיציר? בעקי וויל עפּעס אָפּמאַכן מיט׳ן אָפיציר. בעקי וויל דער אָפיציר זאָל ניט שיקען דייוו׳ן אין שלאַכטפעלד. ווי וועט דייוו קענען ליגן אין די טרענטשעס? און אַז עס וועט רעגענען? — טאָמער וועט מען אים דער׳הרג׳ענען?

— קלאַפּ — קלאַפּ — קלאַפּנדיק — קלאַפּ — — —

— און אַלדר? וואָס וועט זי טאָן מיט אַלדר׳ן? ווי קען זי איצט אָוועקפאָרן?

בעקי האָט יאָ זיך אין זינען געהאַט. אַלץ איז גאָר אין אמת׳ן אַרויסגעוואַקסן פון איר אייגענעם, זיך אין זינען האָבן — וואָס וועט זיין מיט אַלדר׳ן? זי האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלן אַז זי וועט אַמאָל זיין צוזאַמען מיט אַלדר׳ן, זי האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אַז זי וועט קענען לעבן אָן אַלדר׳ן...

— אַלדר! אַלדר!

בעקי האָט זיך געבראָכן אין פּיין. איר קיילעכדיק־פולער ווארעמער קערפּער, האָט זיך, ווי גומילאַסטיק, צעצויגן און איינגעשרומפּן — צעצויגן און איינגעשרומפּן. זי האָט געוואָלט דעם מאַן.

— נו, איז וואָב?

צוויי, דריי, פיר דינע ווענטלאַך. נו איז וואָס? ברעכן ווענטלאַך?

— קלאַפּ — קלאַפּ — קלאַפּנדיק — קלאַפּ — — —

— עס איז גוט צו שלאָפן אין אַ וואַרעמן בעט. דער מאַט־ראַץ איז ווייך. דאָס בעטגעוואַנט שמעקט — צוויי, דריי, פיר דינע ווענטלאַך — וועט דייוו האָבן אַ ווייך בעט? איז דאַ אין פראַנקרייך ווייכע בעטן? — פאַרשאַלטן וועלט, איר מענער פון מלחמה.

— פאַרשאַלטן — פאַרשאַלטן — פאַרשאַל — — — — בעקי האָט איינגעדרימלט.

זי האָט שוין אַזוי געדרימלט ביז עס איז געקומען דער זונטיק.

עס איז געקומען דער זונטיק.

ניין אזייגער אין דער פרי איז צו מרדכי עטינגער׳ס שטוב צוגעפאָרן דייוו און דער אַפּיציר.

ביידע זיינען געווען אָנגעטאָן אין זייערע יומטוב׳דיקע קליידער. דייוו האָט געטראָגן זיין נייעם, גוט אויסגעפּרעסטן „קאקי“ מונדיר. די פּיס איינגעוויקלט אין שמאָלע בענדער, האָבן אויסגעזען ווי דינע פּיס פון א הירש. דאָס היטעלע אויפן קאָפּ איז געלעגן אין א זייט. אזוי אויך דער אַפּיציר. שיינענדיק, פריש. ארום דעם קאָלנער — גאָלדענע טאשמעס, אויפן ארבל גאָלדענע בענדלאך. דריי גאָלדענע בענדלאך אויפן ארבל האָט שוין געטראָגן איינגענייט דער אַפּיציר.

אריינקומענדיק אין אויפנאַמסצימער, האָט זיך דייוו איינ־גאַנצן פארלוירן. ער האָט איבערגעלאָזט דעם אַפּיציר. אַזוי אַ אין מיטן דערינען אים איבערגעלאָזט, און איז אליין, שפּרינ־גענדיק איבער צוויי און דריי טרעפּן מיט אמאָל, ארויף אויף די טרעפּ. ער איז אריין צו בעקי׳ן, געכאַפּט א בליק אויף ז״ין איינענעם צימער, און זיך געלאָזט אריין צום טאטן און דער מאמען.

ער האָט נאָך ניט באוויזן אהין אריינצולויפן, ווי אנטקעגן אים איז שוין געלאָפן די מאמע. עטעל האָט שוין געהאַט פון פריער אָנגעגרייטע טרערן אין די אויגן. איצט האָט זי שוין הויך אויפ׳ן קול געוויינט.

דייוו האָט אויך געוויינט.

די מאמע האָט זיך זייער שטארק געביטן פאר די זעקס וואָכן. פּונקט זעקס וואָכן אז דייוו איז אוועק געפאָרן, און אירע האָר זיינען שוין געוואָרן שיטער. ערטערווייז גרוי. איר פּנים איז געוואָרן אַפּגעצערט און צעקנייטשט, פון איר בלאַסן מויל האָט אלעמאָל א בליץ געטאָן דער גאָלדענער צאָן.

— נאָך וואָס האָסטו עס באדארפט! נאָך וואָס האָסטו עס באדארפט!

זי האָט אים געדריקט צו זיך, טרערן זיינען גערונען איבער אירע באַקן. זי האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פּיס.

— עס זאָגט מיר מיין הארץ — האָט זי געזאָגט — אז

איצט הויבט זיך אָן דאָס אומגליק אין דער שטוב. פון איצט אָן. גיב אַ קוק אויף ׳מיין צובראָכן לעבן.

דייוו האָט אָפּגעקערט זיין פּנים. ער האָט נים געקענט צוזען די יסורים פון דעם צעבראָכענעם מענטשן.

— וואו איז דער טאַטע ? — האָט ער אַ פאַרשעמטער און שרעקעדיקער געפרעגט.

— עס איז דאָ דער טאַטע. אַ שיינער טאַטע. אַ צעבראָכענער מענטש. אַ שברי כלי. ער זאָל עס כאָטש אריבערטראָגן

— ווי שלאָפסטו דאָרטן ? ווער וואשט דיר אוים אַ העמד ?

זי האָט אָנגעהויבן ברעכן די הענט און יאָמערן אויף אַ קול — מיין זון ׳מיין איינציקער זון.

דייוו האָט זי געמוזט אינמיטן איבערלאָזן. פון זיינע אויגן האָבן גערונען טרערן. ער איז אריין צום טאַטן.

מרדכי עטינגער האָט פון זיין צימער ארוים געהערט עטעל׳ס וויינען. ער האָט געהערט דייוו׳ס געבראָכן קול. ער האָט מיטאמאָל אויסגעריסן צוויי באַזונדערע האָר פון זיין באָרד און זיי אוועקגעוואָרפן.

— פּאָפּאָ, פּאָ !

— קום אריין, קום אריין — האָט ער געזאָגט, און ווען דייוו איז שוין אַזוי אַ צעשראָקענער געשטאַנען אַ פּאָר מינוט, האָט מרדכי עטינגער אויף אים ארויפגעלייגט זיין האַנט. ער האָט אים געדרייט ארום און ארום, באַטראַכט זיינע קליידער, דאָס קליינע היטעלע אויפ׳ן קאָפּ.

— דאָס מעגסטו דאָך אויסטאָן ? — האָט ער אראָפּגענומען דייוו׳ס היטעלע — שוין געווג גוי, סיי ווי סיי.

ווען דייוו איז שפּעטער אביסל געקומען צו זיך, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געלאָזט אליין דעם אָפיציר, איז ער צוריק ארונטער פון די טרעפּ. בעקי און אסתר זיינען שוין געשטאַנען און גערעדט מיטן אָפיציר. אין דעם גרויסן עסצימער איז דער גאַנצער טרויער באַלד צערונען געוואָרן. ביידע מענער האָבן באַשטעלט אַ גרויסן פרישטיק, דער אָפיציר — אייער, „סטייק" און „באַקוויטקייקס". עס איז אָנגעקומען בלענטש. עס האָט געקלונגען און געקלונגען דער טעלעפאָן.

— לויטענאנט טרייסי ! לויטענאנט טרייסי ! — דייוו האָט געהאַלטן אין איין פאַרשטעלן דעם אָפיציר.

— „עם וועַרי פּליזט טו מיט יו“ — האָט לויטענאנט טרייסי געהאַלטן אין איין נויגן זיך — ענטשולדיקט ! מיר איז אביסל שווער צו כאַפּן די אידישע נעמען — אין אונזערע מקומות זיינען די נעמען אביסל אנדערש.

לויטענאנט טרייסי איז געקומען ערגעץ פון א פאַרוואָרפענעם שטעטל אין דעם סטייט מאָנטאַנאַ. אים איז געווען פרעמד די אידישע נעמען און די „איסטערנער“ אויסשפּראַך, ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן ברייט צעעפנט זיינע אויגן. מיט פאַר־וואונדערונג אויף אַלעם געקוקט.

— און ווי פירט זיך ביי אייך אין דער וועסט ? — האָט בעקי געפרעגט.

דער לויטענאנט האָט דערציילט פון דער וועסט. ער האָט שוין געדינט אין דער ארמיי פאַר די לעצטע פינף יאָר. גלייך פון דער הויכשול איז ער אריין אין א מיליטערישער אקאַדעמיע.

— מוז אייך דאָך שוין אַלעם ניט זיין פרעמד ? — האָט בעקי געפרעגט.

— ניין, — האָט ער געענטפערט — עס איז שוין בא מיר קיין נייעס ניט.

— און ווי לאַנג זענט איר פון דער היים ?

— פון דער היים בין איך שוין — לאָמיר זען — האָט ער אויף א קליינשטעטלדיקן אופן געפרואווט אויסרעכענען ביז צום טאָג — פיר, זעקס, אכט, צוועלף חדשים. יאָ, פונקט צוועלף חדשים, ווי איך בין פון דער היים.

— און איר פאַרט זיך גאָר ניט גזעגענען ?

— ווי קען איך פאָרן ? דער וועג אליין אהין און צוריק, נעמט מער ווי א וואָך, און דאָ ווערט אַלעם אזוי שנעל באשטימט — מיר'ן זיך שוין זען צוריקקומענדיק.

— אויב מען וועט צוריקקומען — האָט דייוו געשמייכלט.

— אָבער איך וועל טעלעגראַפירן אהיים.

די גאַנצע צייט פון דעם עסן און פון דעם ריידן האָט

דער אָפיציר געקוקט אויף בעקי'ן. ער האָט שוין אפילו אין דער שטיל געזאָגט צו דייוו'ן

— „באָי, יו העוו סאָם סיסטער".

דייוו האָט געהאַלטן אין איין טעלעפאָנירן. ער האָט טע־לעפאָנירט צו ווילי'ן. צו וואָלטער'ן, צו דזשאַנ'ען, צו ביטריס'ן, און צו וועמען האָט ער דער ניט טעלעפאָנירט? ער איז געווען ווילד פון פרייד.

— קומט צוגיין — האָט ער געזאָגט — „ווי'ל העוו עי ווײַלד טײַם"!

נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומפאָרן איבער דער שטאָט, און באַקוקנדיק די גאַסן און די פּאַרקן, זײַנען דייוו און דער אָפיציר, און בעקי און אסתר, און בלענטש, אַרײַנגעקומען צוריק אין הויז אַרײַן מיט אַ פרײלאַכן פּלאַפּלען.

— איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן — האָט דער לייטענאַנט טרייסי געזאָגט, אַרײַנפירנדיק בעקי'ן אונטערן האַנט — קיינמאָל אין מײַן לעבן.

— עס פֿרייט מיך זייער — האָט בעקי געענטפערט —

זי האָט זיך אומבאַקוועם באַפרייט פון אים. אַ פריי־לאַכע איז זי צוגעלאָפן צו די געסט. עס איז שוין געווען אַ פולע שטוב מיט געסט.

— „הוראַ!" „טהרי טשירס פאַר די הירא"! — האָבן אַלע מיטאַמאָל אַרויסגעשאָסן.

— און פאַר'ן לויטענאַנט טרייסי! — האָט בעקי גע־זאָגט.

זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, איז מיט אים אַרומ־געגאַנגען איבערן גרויסן זאַל, זי האָט אים פאַר אַלעמען פאָרגע־שטעלט.

— לויטענאַנט טרייסי! מײַן ברודערס אָפיציר!

— און פאַר אונזער געשעצטער ווירטין! — האָט ער צו־ריק געענטפערט.

דער טאַנצזאַל איז געווען העל בלאַויכטן. פאַרבאַרגן און די ווענט און אין דער סטעליע, די ליכט, האָבן זיי פון דאָרטן געוואָרפן זייער שײַן איבער'ן גאַנצן צימער, אויפן דיל, און

אויף די אפגעגילטע שטולן. דער דיל איז געווען גלאט געפאלירט און געגלאנצט, ווי א שפיגל.

דער עולם האט געטאנצט. ווען זיי האבן זיך דורכגע־דרייט אין ווינקל, וואו עס איז געזעסן בלענטש און דייוו האבן זיי אים ווידער סאלוטירט.

— בראווא! בראווא!

— ביזטו אליין כאטש צופרידן מיט דיין איצטיקן לעבן? — פרעגט בלענטש.

— איך ווייס ניט — ענטפערט דייוו.

דייוו ווייס ניט. אים איז איצט בלויז גוט. אין דער היים, נעבן דעם היימישן טיש, באלויכטן מיט ווייכע ליכט, איז אים גוט. דייוו איז שוין א מאן. און ווי א מאן רעדט ער ניט קיין סך. אפגעטאן — איז אפגעטאן. דער עיקר — עס זאל נאר די מאמע ניט וויינען. וואס ווייגט אזוי פיל די מאמע? ווי אזוי וועט ער אוועקפארן? און דער טאטע? ווי דער מענש האט זיך געעלטערט. דער טאטע רעדט ניט קיין סך. דער טאטע זאגט גאר ניט. אבער זיין שווייגן איז שוין אויך ניט דאס, וואס געווען—א געבראכן שווייגן—א געבראכענער מענש — אן אלטער צעבראכענער מענטש — ווען וועט מען זיך נאך אמאל זען? וועט ער זיי אלעמען נאך אמאל זען?

— צוליב מיר, דארפסטו בלייבן אין דער אינטעלידזשענס ביורא — זאגט בלענטש.

— איך האב דיך ליב — ענטפערט דייוו.

— בראווא — שרייט דער עולם נאכאמאל.

— אז איך וועל זיך אומקערן צוריק פון פראנקרייך, וועלן מירביידע אוועקפארן אין קיובא — זאגט דייוו.

בלענטש וויינט. א שטילשווייגן. ביידע ערווארטן עפעס. וואס'ער ערוואכטונג? וואס קען מען איצט ערווארטן? דייוו גייט אוועק — קיינעמס לעבן איז דארטן ניט זיכער — מען זאגט די דייטשן האבן זיך צוריקגעצויגן פון דעם גאנצן פראנט — ווילסאנ'ס פערצען פונקטן —

בלענטש און דייוו זיינען נאך אזוי לאנג געזעסן. נאכדעם ווי אלע זיינען שוין געווען אין עסצימער, זיינען נאך דייוו

און בלענטש געזעסן און גערעדט. ווען דייוו האָט זיך אויפגעהויבן האָט ער געזען ווי דזשאַן אַפּענהיימער, צוזאַמען מיט'ן ליו־טענאַנט טרייסי זיינען אַליין געבליבן אין צימער. ביידע זיינען זיי געשטאַנען, ווי צוויי אָנגעבלאָזענע הענער, איינער אַנטקעגן צווייטן. עס האָט זיך געדוכט אַז יעדע מינוט וועלן זיי זיך וואָרפּטאָן איינער אויפן אַנדערן.

— ווען דאָס טרעפט ניט אין מיין פריינד'ס הויז, וואָלסטו שוין געזען וואָס איך וואָלט מיט דיר געטאָן! — האָט גע־זאָגט ליוטענאַנט טרייטי, מיט אַ איינקעהאַלטענעם כעס — איך וואָלט דיר געוויזן, וואָס מען טוט מיט אַזאַ בחור.

— דו קענסט ווייזן — האָט דזשאַן אינגאַנצן צעפלאַמט אין דער הויך געשריען — וואָס דו ווילסט קענסטו ווייזן! אונז, ניו יאָרקער, ווערסטו ניט אָפּשרעקן.

— „דעם דזשו" — האָט זיך דער אָפיציר פאַרלוירן.

—„יו דעם דויירטי וועסטערנער" — האָט דזשאַן געענט־פערט —

דזשאַן האָט זיך צו אים אַ לאָז געטאָן מיט אַן אויפגעהוי־בענער האַנט. זיין פּנים האָט געפלאַמט פון כעס — דו ביזט אַ „סנייק" — האָט ער געשריען.

דייוו האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן דעם אָפיציר און דזשאַן'ען, ער האָט באַרואיקט דעם אָפיציר, און אָפּגעשטופּט דזשאַן'ען, ווען דער אָפיציר איז שוין געווען אין אַ צווייטן צימער האָט דייוו געזאָגט:

— וואָס צום טייוול, איז דער מער מיט דיר? וואָס האָט געטראָפן?

— דו בעסער היט דיין שוועסטער — האָט דזשאַן שוין איצט אינגאַנצן געציטערט. ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן און קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס, האָט ער געכאַפּט דעם הוט מיטן מאַנטל און אַן אַ „זיי געזונט" איז ער אַרונטער די טרעפּ.

מען האָט ניט געקענט דערגיין, וואָס צווישן די צוויי האָט פּאַסירט. אסתר האָט מיט אַ שטעכיג צעצויגן שמייכעלע געשיפּעט אַזוי ווי אַ שלאַנג, און דער גאַנצער איבעריקער אוונט

איז שוין געווען אַן אומעטיק פּאַרטראַכטער, אַזוי אומעטיק פאַרטראַכט איז זיך יעדער גזעעסן מיט זיינע מחשבות.

— דייוו פון פראַנקרייך? דער אָפּיציר פון דעם קליינעם שטעטל אין מאָנטאַנאַ? לויטענאַנט טרייסי פון בעקי'ן און פון דזשאָנ'ען און פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק?

זיי האָבן עס אליין ניט געוואוסט. מען האָט געטראַכט פון אַלעם און פון גאָר ניט. מיט אַמאָל, פון זיך אליין, איני־גאַנצן אַן טראַכטעניש, האָט זיך איבער דער שטוב צעלייגט אַ שווערע, שטיקענדיקע לופט. עס איז געווען ווי אַ בכיון'דיקע דע־קאָראַציע, דאָס שטיל פאַרטראַכטע אַ שעה פאַר דעם, ווי צוויי יונגע מענער גייען אָפּ אין אַ מלחמה. אין שטוב איז פּלוצלינג געוואָרן קאַלט, עפּעס האָט זיך אָנגעהויבן שאַרן אַרום די ווענט, אונזעבאַרע שאָטנס האָבן זיך צעלייגט אין די ווינקלען — האָט עמיצער פאַרהאַנגען די שפּיגלען? ווער האָט אויסגעגאָסן וואַסער פון אַ פאַס? מרדכי עטינגער איז ווי אַ פאַרשלאָסענער אין אַ שטייג אַרום געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ אין זיין צימער. זיין פּלייצע איז געווען געבויגן, די אויגן־דעקלאַך האָבן מידע אַראָפּגעהאַנגען, ער האָט געוואָלט אַראָפּגיין אונטן און ניט גע־קענט, ער האָט געוואָלט עפּעס שרייען און ניט געקענט, ער איז טאַקע אַזוי געבליבן שוין ביי זיך אין צימער, און דורך אַ שטיקל פאַרקאַטשעטן פאָרהאַנגל האָט ער פּאַוואָליע דורכן פענסטער נאָכגעקוקט דעם אַרויספאָרנדיקן אַטאָמאָביל.

10

מאָרים זובאָווסקי איז שוין צוויי מאָל געווען ביים שדכן, צוויי מאָל האָט ער אים צוגעזאָגט, אַ חוץ שדכנות געלט, אויך אַ גרויסע מתנה, און ביידע מאָל איז ער אַרויסגעגאַנגען אַ צופרידענער פון דעם שדכנ'ס הויז.

צופרידן איז ער געווען. ערשטנס דערמיט, וואָס ער האָט געזען אין דעם שדכנ'ס אויגן, און ער האָט געהערט אין דעם שדכנ'ס קול, אַז עפּעס שיילט זיך אַרויס פון ערגיץ אַ האָפענונג, און, אַז פון ערגיץ וואו שטראַלט אַרויס אַ ליכט, וואָס מאַכט דעם שדכנ'ס אויגן שטענדיק גלאַנצן, ווען נאָר ער רעדט מיט אים.

— איך גלויב, מיסטער זובאָוו — האָט ער צו אים געזאָגט — אַז מער ווי שדכנות געלט, וועט איר מיר קומען. דאָס, פאַר־שטייט איר מיך, איז ניט סתם אַ שדוך אויספירן, דאָס איז דיפּלאָמאַטיע, פאַרשטייט איר מיך — דיפּלאָמאַטיע.

און אין דעם טאָן פון זיינע רייד און אין דעם גלאַנץ פון די פּעטע, שפּיציקע אויגעלאַך, האָט מאָריס פאַרשטאַנען אַז דער איד שלאָפט ניט אין געשעפט, אַז דער שדכן איז פּונקט ווי ער, מאָריס אַליין, שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם ענין — עס איז דאָך גאָך אַלעמען ניט קיין קליינקייט — שפּילסט זיך מיט מרדכי עטינגער׳ס שטוב!

און צווייטנס איז מאָריס געווען צופרידן מיט זיין איינגע־נער האַלטונג.

אַ רואיקער, מיט אַ קאַלטן ישוב הדעת, האָט ער נאָכגע־פאָלגט די טעגלאַכע ענטוויקלונגען, און ער איז געווען דער מיט צופרידן. דער שדכן טוט פּינקטלאַך אַלעס אין צייט, פּונקט אַזוי ווי ער אַליין וואָלט געטאָן. צו דער באַשטימטער צייט קומט ער אַהין, אין דעם נויטיקן מאָמענט, ווען ער איז אַן איבעריקער, גייט ער אַוועק. דער שדכן לאָזט זיך בעטן, און וואַרפט זיך ניט אָן מיט זיין סחורה. און פּונקט אַזוי, האַלט זיך אויך מאָריס. פון צייט צו צייט גייט ער פאַרביי די שטוב. איינמאָל האָט ער באַמערקט אסתר׳ן, ביים פענסטער — אַ פאַר־ווייגטע, מאָריס האָט פאַרשטאַנען אַז עפּעס האָט דאָרטן גע־טראָפן, און ער האָט עס אויסגעלעגט פאַר אַ גוטן סימן. אַ צווייטן מאָל איז ער אָנגעקומען פּונקט דעמאָלט, ווען דזשאָן אָפּענהיימער איז ווי אַ משוגענער אַרונטערגעלאָפן די טרעפּ. דזשאָנ׳ס פּנים איז געווען צעפלאַמט, דער הוט איז אים געלעגן אויף אַ זייט, דער מאַנטל אַ צעשפּיליעטער, איז געפלויגן מיט די צוויי פּאָלעס, ווי צוויי פליגל פון אַן אונטערגעשאָסענעם פויגל. אויך דאָס האָט ער אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימן.

— דאָס איז גוט — דאָס איז גוט — האָט מאָריס צו זיך אַליין געזאָגט — אַזוי דאַרף זיין, ווינציקער מיט איינעם, טרייבט זיי דורך, אָט די פּוסט־און־פּאַסניקעס, די אומזיסטיקע

פּרעסער, און אַז זיי קענען שוין שפּילן באַל? און אַז זיי גייען שוין אין קאַלעדזש? און אַז זיי קענען שוין טאַנצן?

און דאָס וואָרט טאַנצן האָט אים אַרויפגעפירט אויף אַ צווייטן געדאַנק — ער, מאָרים, מאַכט גוטן פּראָגרעס אין טאַנצן — פאַר די פּאָר וואָכן, וואָס ער גייט אין טאַנץ־קלאַס, קען ער שוין אַ וואַלץ און אַ „פאָקס־טראָט“, און אַלעם וואָס אים איז געבליבן איצט צו טאָן, איז פּראַקטיצירן. אָבער דאָס קומט מיט דער צייט — האָט ער געטראַכט — אַזוי ווי אַלעם אין לעבן קומט מיט דער צייט. איז דען גימבעל בראָדערס געבוירן געוואָרן גימבעל בראָדערס? און וואַנאַמייקערס — וואַ־נאַמייקערס? אודאי קומט אַלעם מיט דער צייט. דו, מאָרים, נעם נאָר און קוק זיך צו ווי עס וואַקסט אַ קינד! וואַקסט עס דען אויס אין איין טאָג? און אַ פערד? ווערט עס דען גלייך אַ פערד? ווער קען עס דען וויסן צי פון דעם קליינעם מענטשע־לע — מאָרים זובאָוו, וועט אַמאָל ניט אויסוואַקסן אַ מאָרים זובאָוו עם קאָמפּאַני! אַזוי מיט אַ קנאַק.

— נו, און טרייבן אַ מאַשין? איז דאָס אויך אַ קונץ? דו גיב נאָר אַ הער די קאַר!

מיט אַזעלכע אַ פליגלדיקע געדאַנקען פלעגט מאָרים אַהיים קומען פון שדכן, איבערטאָן דעם זונטיקדיקן אַנצוג אויף אַ וואָכנ־דיקן און אַוועק צוריק אין זיין קראָם אַריין.

ווען מאָרים איז שוין איצט נאָכאַמאָל געקומען צו די עטינ־גערס אין שטוב אַריין, האָט ער זיך שוין דאָרטן געפילט אַביסל היימישער. צום סוף גאָר היימישער. דער שדכן האָט שוין דאָס איצטיקע קומען פון פריער צוגעגרייט. אַ סך אַרבעט האָט שוין דער־שדכן אָפּגעטאָן, און אַ סך זאַכן האָט מען שוין פון פריער אָפּגע־רעדט, און מאָרים איז געווען אינסטרואירט פּונקט, וואָס צו זאָגן, און פּונקט ווי אַזוי זיך צו האַלטן. ער האָט שוין איצט באַדאַרפט זיצן היימיש, אַזוי פיל און אַזוי פיל ריידן, און אַזוי פיל שווייגן. און אַז אויב ער וועט שטעלן עפּעס פאָדערונגען, זאָל עס זיין פון דער זייט, און ניט איבערציען דעם בויגן, און מאָרים האָט אויך געוואוסט אַז היינט וועט ער דאָרטן קיינעם ניט טרעפן. און נאָך מער ווי ער האָט געוואוסט, האָט אים

עטעל מיטגעהאָלפֿן. זי איז היינט געווען היימיש־גוט, נאָך מער ווי שטענדיק גאַסט־פריינטלאַך, און שטיל־דערשלאָגן. דאָס האָט מאָרים'ן צוגעגעבן מוט.

און עס איז איצט געווען דאָס קליינע עסצימער. וואו זיי זייַנען געזעסן. אַ ווייס, היימיש ציכטיק צימער, מיט ווייסע „ענאַמל“ ווענט, מיט אַ ליכטיקן, זאַמד־קאָליר דיוואַן, שאַפֿעס אַנגעפּיקעוועט מיט עסצייג און אַלערליי געשירן, און אַלעס איז געווען אַזוי היימיש און שטיל.

ביים טיש זייַנען געזעסן בלויז פֿרוי עטינגער און מאָרים, אסתר האָט זיך אַלע מאָל געדרייט אַריין און אַרויס.

— וואָס לויפֿסטו אַזוי אַרום? — האָט געזאָגט עטעל — קום אַהער. זעץ זיך אַנידער.

אסתר איז צוגעקומען.

עטעל איז אַפּגעגאַנגען.

אַ לאַנג שטיל שווייגן.

— כ'האָב געהערט אין היפּאָדראָם גיט מען אַ גוטע „שאָו“ — האָט געזאָגט מאָרים.

— אָ, — האָט געענטפֿערט אסתר.

— אַ גוטע „שאָו“ — האָט ער געזאָגט נאָכאַמאָל.

ווייטער שטיל.

— שוין לאַנג ניט געווען דאָרטן — זאָגט אסתר.

— איך אַליין גיי זעלטן אַהין — ענטפֿערט מאָרים.

עס איז צוגעקומען עטעל. איז דעמאָלט ווידער אַמאָל אַוועקגעגאַנגען אסתר.

— אַ חידוש מרדכי איז נאָך נישטאָ.

מאָרים'ן איז געוואָרן קאַלט. מאָרים האָט מורא פֿאַר עטינגער'ן.

— נאָר ער לויפֿט אַרום, און לויפֿט אַרום, דער מענטש וועט זיך אַזוי אַוועק'הרג'ענען — זאָגט ווייטער עטעל.

מאָרים האָט פֿרום אָפּגעזיפֿצט.

עס איז אַנגעקומען בעקי און אלדר. עס איז נאָכאַמאָל אַריינגעקומען אסתר, צוזאַמען האָט מען זיך געזעצט ביים טיש, מען האָט געטרונקען טיי און מען האָט געשמועסט.

ווען מען האָט אָפּגעטרונקען די טיי איז שוין מאַרים גע־ ווען נאָך היימישער. ער האָט שוין גערעדט פון ביזנעס, ער האָט גערעדט פון גרויסע אונטערנעמונגען, — ער, ווען ער האָט געלט! ער וואָלט שוין געוואוסט וואָס צו טאָן — ווען ער האָט געלט.

עס איז שוין געווען זייער שפּעט אין דער נאַכט, ווען עטעל איז נאָך אַמאָל אַריינגעקומען, זי האָט איצט פאַרנעשלאָגן אַ גע־ לעגער.

— עס פּאַסט ניט פאַר מיין מאַמען — האָט מאַרים געזאָגט

— זי וועט נאָך איבערטראַכטן.

— אפשר, טאַקי — — — האָט געענטפערט אסתר.

— מיר'ן שוין אונזערס אָפּנעמען — האָט געלאַכט מאַרים.

— ? ? ? — האָט אסתר אים אַרויסגעגליים.

מאַרים וועט טאַקי זיינס אָפּנעמען —

עס איז געווען אַ שטילע חתונה, ערגיץ אין אַ קליין שטעטל נעבן ניו יאָרק. אַ שטילע חתונה האָט מען געמאַכט ערשטנס צוליב דעם — ווייל אין דער משפחה איז געווען אַ סאָלדאַט אויפן שלאַכטפעלד, און מען האָט ניט געוואוסט צי ער לעבט צי ער איז טויט, און צווייטנס... צווייטנס... עס זיינען געקומען גע־ ציילטע מחותנים פון חתן'ס צד, און גאָר געציילטע מחותנים פון דער כלה'ס צד. אין מיטן דער וועטשערע האָט מרדכי עטינגער אויסגעשריבן אַ טשעק. דאָס יונגע פּאָרל איז אין מיטן דער וועט־ שערע אַוועק געגאַנגען און אויף מאָרגן זיינען זיי אַוועקגעפאָרן קיין בערמיודאַ אויף זייער „האָנימון".

דרום-פלעטבוש

נאָך דעם שטאַרקן אַנפאַל, וואָס מרדכי עטינגער האָט געהאַט נאָכדעם ווען ער האָט געקויפט די גרויסע הויז אויף בראָדוויי, האָט ער אין דריי חדשים אַרום געהאַט אַ צווייטן אַנפאַל און ווידער אין אַ חודש אַרום, אַ נייעם אַנפאַל, דאָס מאָל האָבן זיך שוין גע־וויזן סימנים פון אַ לייכטן פּאַראַליז. און איינמאָל, ווען ער איז געזעסן אין זיין נייעם אָפיס, אויף דער פינפטער עוועניו, האָט ער פּלוצלינג דערפילט, גלייך ווי אַ טויזנט־פּודיקע משא וואָלט אים געפאַלן אין קאָפּ אַריין. אים האָט זיך געדוכט, אַז עפּעס האָט זיך אינעווייניק, אין זיין מח איבערגעריסן און עס איז אים געוואָרן פינסטער אין די אויגן. ער האָט גע׳חלש׳ט, און מען האָט אים צוגענומען אין אַ האָספּיטאַל.

אַ גאַנצן חודש איז מרדכי עטינגער נאָכדעם געלעגן אין דער היים. דאָס איז געווען דער חודש פון פאַר פסח. מיט יעדן טאָג איז אַלץ פריער אויפגעגאַנגען די זון. אַלץ פריער האָט דאָס מאָרגן־ליכט זיך אַריינגעשפּאַרט דורך די שווער־באַהאַנגענע פענ־סטער. בלויער און טיפער איז מיט יעדן טאָג געוואָרן דער הימל. פון ערגעץ אַ נאָענטער ווייטקייט האָט געקלאַפּט אַ וואַ־סער־מיל.

פון וואַנען האָט זיך גענומען אין מיטן ניו יאָרק אַן אַלט־מאָדישע וואַסער־מיל? מרדכי עטינגער האָט געהערט קלאַפּן אַ וואַסער־מיל. אָפּגעלאָזטע זאַסטאַווקעס האָבן געקלאַפּט און געדרייט שווערע רעדער. פון דער ווייסער וואַסער־שוים האָט זיך יעדעס מאָל אַרויסגעוויזן אַ שטיקל מאַכיק ראָד. דאָס שטיקל מאַכיק ראָד איז געווען בלאָטיק־גרין, און זיך געדרייט כסדר, רעגלמעסיק, פּונקט צו יעדן אָטעם־צוג, וואָס מרדכי עטינגער האָט געטאָן, האָט זיך אומגעדרייט דאָס בלאָטיק־גרינע שטיק ראָד. איז דאָס אויכעט עפּעס אַ סימן? אַ ראָד דרייט זיך — וואַסער לעשט פייער — פייער איז אין גהנים — וועט מרדכי עטינגער

גיין אין גהנים אריין? אים האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, ווען מען האָט זיין בעטל צוזאַמען מיט אים, ארויסגעשטעלט אויף דער אָפענער וועראַנדע. זיינע פיס זיינען געווען איינ־גענייט אין ווייסער פלאַנעל. מיט דער קאָלדרע אונטערגעבויגן אונטער דעם מאַטראַץ און אונטער זיין אייגענעם גוף, האָט ער זיך קוים געקענט רירן. ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ אהער און אהין און, ווי אַ געפּענטעטע פערד, האט ער מיט אַ פּאָר צעשפּרייטע נאָזלעכער געזופּט די פרישע לופט. די פרישע לופט אין דעם גאָרטן האָט געשטאַרקט זיין האַרץ. דער גאָרטן איז געלעגן צעליינגט באַרג אַראָפּ. אַרונטערן באַרג איז געווען אַ גרויס שטיק גרין לאַנד. פון דעם גאָרטן באַרג אַרונטער האָבן זיך אַלע מאָל ארויסגע׳גנב׳עט פּוכיקע וועווערקעס. די ווע־ווערקעס זיינען אָפּגעלאָפן אַ שטיק וועג און צעשראָקענע זיך אומגעקערט. מרדכי עטינגער האָט איין וועווריקע נאָכגעקוקט און ער האָט געזען, ווי זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ צווייג און מיט די פאָדערשטע פיסלאַך געלייגט אַ קליינע נוס אין מויל אריין. ווען ער איז צום סוף אַרונטער פון בעט, האָט ער געפילט די פרייד פון אַ קינד זיך צעשפּרייטן איבער זיין האַרץ. און מיט קינדערשער איינגעשפּאַרטקייט האָט ער געטראַכט: — ער וועט נאָך אַלץ גובר זיין. אַרטעריע סקלעראָזע איז גאָר נישט. צען און פופצן און צוואַנציק יאָר קען ער אַזוי אָפּלעבן. מען דאַרף בלויז וויסן, ווי אַזוי זיך צו פירן. ווי אַזוי זיך אָפּצוהיטן, נישט אויפרעגן זיך. לעבן אַנדערש. אַנדערש. בלויז אַנדערש דאַרף ער איצט זיין לעבן פירן.

ער איז סיי ווי געוואָרן אַנדערש.

— אין וואָס באַשטייט דען דעם מענטשנס לעבן? איז עס דען בלויז דאָס פיזישע, וואָס מיר זעען און הערן, צי איז עס דאָס, וואָס מיר קענען נישט באַגרייפן? וואָס איז עס דאָס, וואָס מיר קענען נישט באַגרייפן? איז עס אַ יענע וועלט? ווי אַזוי קוקט אויס יענע וועלט?

מרדכי עטינגער האָט געוואוסט, ווי אַזוי עס קוקט אויס יענע וועלט. ער האָט דאָס געוואוסט פון די ספרים. ער האָט געוואוסט אַז דאָרטן, פּונקט ווי דאָ, פירט זיך אַ שטרענגע מלוכה. אַלע

מעשים ווערן פאַרשריבן אין אַ פייערדיקן בוך. מיט אַ פייער־דיקער פעדער. יעדן מענטשנס מעשים ווערן געוואויגן אויף אַ וואָג־שאָל. יעדן פרימאָרגן טוען שוועבדיקע מלאכים זינגען שירה פאַר גאָט ברוך הו. ווען אַ נשמה פליט אַרויף אויפן הימל, לויפן איר אַנטקעגן צוויי מלאכים — דער מלאך רע און דער מלאך טוב. עס געווענד זיך דעמאָלט וועלכע מעשים עס וועגן איבער, צי די שלעכטע מעשים, צי די גוטע מעשים. מרדכי עטינגער האָט דאָס אַלץ געוואוסט. ער האָט געוואוסט, אַז וואָס מער גוטע מעשים ער וועט ברענגען, אַלץ אַ העכערן אויבן־אָן וועט ער קריגן. ער האָט געהאַט אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם אַלעמען. ער האָט געוואוסט מיט וואָס אַ מענטש דאַרף קומען פאַר'ן כסא הכבוד. ער האָט די גאַנצע צייט ליגנדיק אין בעט זיך געגרייט דערצו, ער האָט גערייניקט זיינע מחשבות, געלויטערט זיינע רעיונות און ער האָט זיך אָנגעהויבן פירען מיט אַן אַנדער פירונג. ער איז געוואָרן עלטער. זיין שפּיציק צוגעשניצט בערדל איז געוואָרן שיטערער און גרויליך. זיין שטערן האָט זיך אַרויפגעשניטן נאָך העכער. איבער זיינע ברעמען, אויפן שטערן, האָט אויסגעוואַקסן צוויי הויכע ביינער, ווי קליינע הערנער, — משה רבינו'ס הערנער. און די פינגער פון די הענט זיינען ביי אים געוואָרן דין און בלייך, ווי די הענט פון אַ תלמוד־חכם. אין סאַמע מיטן מויל איז אים אַרויסגעפאַלן אַ מיטלסטער צאָן, און ווען ער האָט אויפ־געעפנט די ליפּן, האָט אַרויסגעקוקט פון דעם לאָך אַן אומהיימ־לאַכע טונקלקייט.

אַלץ, וואָס איז ביז איצט אין אים געווען פאַרשלייערט איז געוואָרן דורכזיכטיק. זיין מח איז געווען קלאָר. ער פלעגט אויפ־שטיין מיטן באַגינען.

אין די פענצטער האָט זיך געשפּילט אַ לייכטע בלויקייט, לייכט שפּילנדיק איז די מאָרגן־זון צוגעגאַנגען מיט'ן אָנקומען פון טאָג. מרדכי עטינגער איז אַרומגעגאַנגען אין זיין מאָרגנראָק. ווייך און שטיל געשפּאַנט איבער די ווייכע דיוואַנען. און געזען ווי עס ווערט צערונען די מאָרגן־בלוי. ווייסער שיין קומט שוין אַריין אין פענסטער. אַ פרישׂ אויסגעבאָדענע קומט אַרום די זון. ער האָט זיך אָנגעטאָן, זיך אַריינגעזעצט אין גרויסן אָטאָ־

מאַביל, מיטביידע הענט אַרויפגעלייגט אויף דער זילבערנער גאַלקע פון שטעקן, איז ער אַזוי געזעסן אין ווינקל פון אַטאָמאָביל ביז ער איז צוגעפאָרן צו זיין אָפּיס.

און דין, מיט אַ חוש פון אַ יאַסטרוויב, האָט ער, דעם גאַנצן וועג, פאַרנדיק, פאַרנומען דאָס שפּילן פון זיין נשמה און געהערט דאָס מינדסטע איבערפליסן פון זיין בלוט, און מיטאַמאָל האָט ער געהערט רופן אַ קול פון זיינע איינענע אברים:

— מרדכי עטינגער, מרדכי עטינגער! אַט־אַ־דאָ שטעל זיך אָפּ! אהער ניי אַרויף! אַט איז שוין געקומען דער טאָג פון אַרבעט!

און ער האָט זיך פּלוצלינג — ווען די מאַשין איז נאָך געפאָרן — זיך אויפגעשטעלט פון זיין ווינקל, איז צוריקגעפאַלן אויפן זיץ און זיך אַ צווייטן מאָל אויפגעשטעלט, זיך אָנגעהאַלטן מיט די שוואַכע הענט אין דעם מעשענעם האַלטער, און מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ איז ער ביים אָפּשטעלן פון דעם אַטאָמאָביל שוין געשטאַנען אַ גרייטער נאָך איידער דער שאָפער האָט אויפגעעפנט דאָס טירל.

עס האָט אים געקלאַפּט דאָס האַרץ. ער איז געשטאַנען און געוואַרט ביז דער אַטאָמאָביל האָט זיך צוריק אויסגעקירעוועט אי־בער דער ברייטער פינפטער עוועניו. ער האָט געהיט דעם גלאַנ־ציקן דאַשעק פון דעם שאָפערס קאַסטאַרן היטעל — ווער ווייס, וואָס פאַר אַן אומגליק עס קען חלילה טרעפן מיט דער מאַשין און מיט דעם שאָפער, אויב ער וועט ניט באַווייזן אין צוויי מינוט פאַרביילויפן דעם וויסן פּאַס, וואָס איז איבער דעם שוואַרצן אַס־פאַלט געמאָלן — נאָר, גאָט צו דאַנקען. ער האָט געקוקט אויפן זייגער. גוט אַזוי. ער וועט היינט האָבן אַ גוטן טאָג.

— אַ גוטער טאָג — אַ גוטער טאָג — גוט מאָרגן — גוט־מאָרגן — דעם פאָרטער, דעם עלעווייטער־מאַן, דעם מאַן, וואָס שטייט ביים „סיגאַר־סטענד" — אַ שיינער מאָרגן! אַ פיינער טאָג, גוט־מאָרגן!

מען האָט פאַר אים געעפנט טירן. מען האָט אים אונטערן אָרעם געפירט, אין עלעווייטאָר אַריינגעשטעלט.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ —

פאַר וואָס קומט עס מיר אַלץ? נאָך וואָס זיך מטריח זיין? אַ דאַנק.

מען האָט אים אַזוי אַריינגעפירט אין זיין אָפיס, וואָס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן צוועלפטן שטאָק פון דער גרויסער גע־ביידע אויף דער פינפטער עוועניו.

דער גאַנצער שטאָק איז געווען צעטיילט אין קליינע אָפּ־טיילונגען, אָפּגעצאַמט מיט נידעריקע שטאַכעטן. אין יעדער אָפּטיילונג זיינען געשטאַנען צו פיר טישן, און אויף יעדן פון די שרייב־טישן זיינען געשטאַנען קליינע, פון מעש־געמאַכטע שילדן מיטן נאָמען פון דעם מענטש — „מר. האַל" — „מר. בראַדי" — „מר. מאַק'קינלי" א. אז. וו. עס האָבן ווייט געגלאַנצט די שוואַרצע בוכשטאַבן אויף די מעשענע שילדן — ביז אַרויס צום „עלעוויטאַר" צו, אַזוי ריין אָפּגעפּוצט, מיט אַן אינערלאַכן גדלות — האָבן די שילדן אַראָפּגעקוקט פון די טישן. און די אָפּטיילונגען זיינען געווען אַלע אין אַ ריי, פון ביידע זייטן פון דעם גרויסן שטאָק, אָפּגעטיילט אין מיטן מיט אַ שמאָלן נידריקן קאָרידאָר, אַזוי אַז מען האָט געקענט לייכט צו יעדן צוקומען, און אַזוי, אַז מרדכי עטינגער האָט געקענט פון זיין פענסטער אַרויס דעם אָפיס זיינעם מיט איין בליק אַרומנעמען.

די דורכגאַנגען זיינען געווען אויסגעשפּרייט מיט גרינעם סאַמעט, און די מענטשן פלעגן אַזוי שטיל אַנטקעגנקומען, אַז עס האָט אין האַרצן אַ ריס געטאָן פון שרעק, ווען דער פּאָרטער איז אַ שטילער ווי אַ שאָטן אונטערגעקומען. און מיט אַ שווין אַנ־געגרייטן שמייכעלע אַ פרעג געטאָן:

— „הו איז איט יו וואָנט טו סי, סער?"

— „אָווער דהער" — האָט ער מיט דער ווייסער העניטשקע אויף זיין האַנט געוויזן, — גלייך אַרונטער צוואַנציק פוס, און דאָרט פאַרנעמט זיך רעכטס.

ביי איין זייט פון גרויסן צימער גלייך ביים אַריינגאַנג, איז געווען צו דער וואַנט צוגעפּיסטיקט אַ שמאָלער, לאַנגער טיש. אַזוי ווי אַ לאַנגער שטענדער, ביי דער וואַנט — העכער, דאָרט וואו די מענשן האָבן זיך מיט זייערע עלנבויגנס אָנגעלענט — נידריקער.

און אויף דעם שמאָלן לאַנגן טיש זײַנען געווען צעלייגט געדרוקטע קאָפּיעס און פאָטאָגראַפיעס פון אַלערליי הײַזער און מויערן. עס האָט זיך געדוכט אַז די גאַנצע שטאָט ניו יאָרק, מיט אַלע אירע מויערן, ליגן דאָרטן צו פאַרקויפן. און אַן אַ צאָל ציפערן. ציפערן, — 4־5־6־ציממערן צו דער פּראַנט — 2־3 און דאַבל זעקסיקע בײַ די זײַטן — זעקס שטאָק הויך — צוועלף קראַ־מען אויף מעדיסאָן עוועניו — זעקס קראָמען אויף הונדערט און צענטער גאַס — צוויי הונדערט מיט פופציק טויזנט ערשטער מאָרגעדזש, און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער — אַ לאַנגער, שמאָלער טיש אַביסל העכער בײַ דער וואַנט, וואו עס ליגט אַ גאַנצע שטאָט צום פאַרקויפן. און בײַ דעם שמאָלן, לאַנגן טיש שטייען מענטשן. די מענטשן קוקן אין די געדרוקטע קאָפּיעס, אויף די פאָטאָגראַפישע בילדער. איינער ווײַזט דעם צווייטן אַ בילד, איינער לייגט אַריין אין בוזעמקעשענע אַ קאָפּיע. מען קויפט, און מען פאַרקויפט הײַזער און מויערן בײַ מרדכי עטינגער'ן אין נײַעם אָפּיס אויף דער פינפטער עוועניו.

— וויפל פאַרדינט איצט מרדכי עטינגער אַ טאָג פון דעם נײַעם מסחור? מען טאָר ניט ציילן, מען טאָר ניט רעכענען יעדן טאָג דאָס פאַרמעגן. עס איז גענוג צוויי מאָל אַ יאָר, — יולי און יאַנואַר. מרדכי עטינגער צאָלט איצט זײַנע צאָלונגען אין יולי און יאַנואַר. צוויי מאָל אין יאָר. יולי און יאַנואַר זײַנען צוויי גרויסע טעג. יולי און יאַנואַר — ווען ער נאָך דערלעבן יולי און יאַנואַר?

צום שטאַרקסטן האָט זיך אין דעם נײַעם אָפּיס אויף דער פינפטער עוועניו געוואָרפן אין די אויגן די שטילקייט. אַזוי ווי אין אַ מקום קדוש. עמיצנס גייסט האָט דאָרטן אין דער לופט געפלאַטערט. די מענטשן בײַ די טישן, מיט זייערע אַנגעכמור־רעטע פּנים'ער, מיט די גלאַנציקע קעפּ און ווײַסע קראַגנס, האָבן אויסגעזען ווי פּריסטער אין אַ קירך. צו יעדער מינוט, האָט זיך געדוכט, וועלן זיי זיך אויפהויבן און מיט די פאַרשלאָסענע ליפּן אָנהויבן בעטן אַ שטיל געבעט.

מיטאַמאָל האָט זיך איבערן גרויסן אָפּיס צעטראָגן אַ טעמפּ קלאַפּן פון שרייב־מאַשינען. עפּעס ווי פון עמיצנס אַ באַפעל,

האט זיך מיטאמאל פארשפרייט א מורמלען פון צענדליקער גע־ראזירטע ליפן. פענער האבן געקריצט איבער גלאטע בויגנס פאפיר. עס האט זיך אנגעהויבן א שטילע באוועגונג. עס איז אריינגעקומען מרדכי עטינגער.

ער איז גלייך אריין אין זיין גרויסן צימער, מיט די פיר פענסטער. די וויגנדיקע טיר האט זיך שטיל פארמאכט אונטער אים. די גרויסע שויבן איבער די גאנץ־וואנטיקע פענצטער, האבן זיך געוויגט אין זייער ריינקייט. הויכע, ווייכע, סאמעטע־נע שטולן, אין וועמעס ליידיקייט עס האבן זיך געוויגט שאטנס פון גרויסע סוחרים, זיינען געשטאנען צעשטעלט ארום די ווענט. א טונקל גרינער טעפיך, ווי פריש געשוירן גראז, איז געלעגן איבערן שטיינערדיקן דיל. מרדכי עטינגער האט זיך גלייך אוועקגעזעצט ביי זיין שרייבטיש. פון פריער איז שוין געלעגן אנגעגרייט און געווארט אויף אים א פאק מיט בריף און באַ־שטעלונגען. ביי דער זייט איז געזעסן די סעקרעטארין. זי האט פאר אים געלייענט די בריף. מיטן קאפ אנגעבויגן עטוואס אין א זייט, מיט דער ליניקער האנט צובייגנדיק דאס לעפעלע פון אויער, האט ער ערנסט און פאוואליע זיך צוגעהערט צו יעדן ווארט.

— פאוואליע, נאכאמאל — האט ער געזאגט — צוויי טויזנט פונט נעמט ער. צוויי טויזנט, וועט ער נעמען דעם צוועלפטן; יא, ווייטער.

דאס מיידל האט ווייטער געלייענט. לאנגזאמער, שארפער. זי איז אליין געווארן אנגעשטעקט מיט זיין שארפקייט און רואיג־קייט. — פאוואליע — לאנגזאם—עפעס האט זיך איבערגעגאסן פון מרדכי עטינגערן צו זיין סעקרעטארין. זי האט געלייענט לאנגזאם, אויפמערקזאם. זיינען ביי איר אויפ׳ן שטערן אויסגעוואקסן צוויי קליינע הערנער? די סעקרעטארין האט שוין געארבעט ביי מרדכי עטינגער׳ן פאר יארן און יארן. זי איז צוזאמען מיטן געשעפט אויסגעוואקסן.

— אלרייט, אלרייט, — און וואס ווייטער? און וואס זאג־סטו? און וואס איז דיין מיינונג?

מרדכי עטינגער האט זיך שטענדיק נאכגעפרעגט אויפן צווייטנס מיינונג. ער האט שטענדיק געשעצט א צווייטנס

מיינונג. — זייער גוט. אַ גוטער איינפאַל. אַ פייגער געדאַנק. איך דאַנק דיר.

— איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר. — וועמען דאַנקט דען ניט מרדכי עטינגער? און ווי אַזוי זאָל ער ניט דאַנקען? אַלער־ליי בריף קומען דאָך שוין איצט אָן. באַשטעלונגען אויף וואָל. אָנבאָטן וועגן אַלערליי הייזער. אָנבאָטן וועגן אַלערליי לענדעריי־ען — אַ דאַנק, אַ דאַנק, — יולי — יאַנואַר — קלאַפּ־קלאַפּ, קלאַפּנדיק־קלאַפּ. — וואו איז אַלדד? אַלדד איז וואו? נאָר מען דאַרף אים זוכן.

מרדכי עטינגער האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ. ער האָט אויסגעטדרייט די העלפט פון דעם אויבערשטן קערפּער, און מיט אַ שטיִלן באַפעל אָנגעהויבן רופן: אַלדד! אַלדד! וואו איז אַלדד?

און מען האָט אין אַלע ווינקעלאַך אָנגעֶהויבן אַרומטאַפּטשען מיט מתים׳דיקע טריט, און מען האָט אין אַלע ווינקעלאַך אַריינ־געשושקעט: אַלדד! און אַלע פּנים׳ער זיינען געוואָרן ערנסט, און אַלעמענס אויגן זיינען געבליבן הענגען אין דער לופט פאַר־כמורעטע מיט דער גרויסער זאָרג: וואו איז אַלדד?

2

אַלדד איז דעמאָלט, ווען מען האָט אים אַרומגעזוכט, אַרומ־געגאַנגען צווישן די רייַ שרייבטישן. זיינע לייכטע טריט זיינען געזונקען אין דעם ווייכן סאַמעט. זיינע האָר זיינען געווען גלייך אויף אַרויף פאַרקעמט. ביי יעדן טיש באַזונדער האָט ער איינגע־בויגן זיין גלייכע פיגור. ביי יעדן טיש באַזונדער האָט ער עפּעס אַריינגעמורמלט אין יענעמס פּנים אַריין. מיט דעם אָנצייג־פינגער האָט ער יעדע ווײַלע אַפּירגעטאָן איבער זיין צונג, אויפ־געמישט אַ בויגן פון די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן און שטענדיק עפּעס קאָרעגירט.

אַלדד קאָריגירט שטענדיק עפּעס. עס דוכט זיך אויס אַז ער רעדט די ענגלישע ווערטער מיט דער „ריש:, כאָטש ער רעדט גאָר ניט אַזוי.

— פרוי און מיסטער אדרעסירט — זאָגט ער שטיל באַפעלנ־

דיק, —ביידע זאָלן זיי זיין אויף די וועקסלען נע׳חתמ׳ט. אדרע־סירט צו ביירן „פליז".

אלדר האָט זיך ביי איין טיש אָפּגעשטעלט אביסל לענגער.

— מאַך דעם קאָנטראַקט אזוי — האָט ער געזאָגט — „דאָס געלט ווערט אויסגעליען אויף דער פאַרזיכערונג פון אלע פּערזענ־לאַכע פאַרמעגנס. אַלץ איז ביי אונז פאַר׳משכנ׳ט. דיינס און דיין ווייבס, און דאָס פון דיין משפּחה. דו און דיין ווייב זיינען מחויב צו יעדער צייט און צו יעדן טאָג פון אונזער אויפפאָדערונג צוריקצוגעבן דעם גאַנצן סכום. און מיט אונזער געלט טאָרסטו ניט קויפן קיין זאַך פון צווייפלהאַפטן כאַראַקטער. מיט אונזער געלט — מיט אונזער געלט — עס איז געווען אָנגעפילט די לופט מיט׳ן קלונג פון געלט. אין דעם האַלבטונקעלן ליכט איבערן טיש וואו אלדר איז געשטאַנען, האָט מען געקענט זען דאָס קופּער־געלע פון נאַלד. אלדר האָט טיף און ערנסט געצויגן זיינע פראַזן. עס זיינען געווען, ווי אַ ליד, די ראַזיקע רייד זיינע.

ווען ער איז צום סוף אריינגעקומען אין עטינגערס אָפּגע־צאַמטן חדר, האָט מען אים שוין דאָרטן ניט געזוכט. מרדכי עטינגער איז געזעסן אין מיטן פון זיין טיש. מיט זיין ווייסער האַנט, די פינגער צעשפּרייט איבערן גרויסן שטערן איז ער געזעסן דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט. ער האָט געקוקט אין אַ פּאַפּיר. פּאַוואָליע געציילט די ענגלישע ווערטער, און זיי צו עטלאַכע מאָל איבערגערעדט. ווען ער האָט דערזען אלדר׳ן, האָט ער אים מיט אַ וואונק פון דער האַנט צוגערופן:

— נעם לעז איבער, אלדר, אַ יאָ ? — „מאַי קליענט איז פּוירפּעקטלי סעטעספּאַיד וויט דהי פּראָפּאָזישאָן — פּליעז אַפּאָינט אַן אינטערוויו".

מרדכי עטינגער האָט געציילט די ווערטער, דריבנע זיי אַרויסגעלייגט אויפן טיש, ער האָט באַטאַנט יעדע זילבע.

— איך ווייס ניט וואָס צו טאָן — זאָגט ער — דאָס הויז שטייט אין אַ גוטן געגנט. איך האָב זיך שוין דערמיט איינ־געלעבט.

אלדר האָט שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט צו ריידן מיטן

פעטער, איצט האָט ער אויסגענוצט דעם מאָמענט, ער האָט געזאָגט:

— איך פאַרשטיי אייך ניט, פעטער! מיר האָבן דאָך באַשטימט אַ פּאָליסי נאָך וועלעכר מיר דאַרפן האַנדלען!

— ס'איז אָבער אַ נסיון אלדד — הונדערט טויזנט אין איין „פּראָפּערטי"!

— און ווען איר זאָלט אויסרעכענען די הכנסה פון אַ יאָר, צוויי, פיר — צוואַנציק.

שפּיציקע פייערלאַך, ווי דריי עקן האָבן זיך געשפּאַרט פון אלדד'ס אויגן. ער איז געוועזן אויפגערעגט. אין זיין מח האָבן זיך געטוישט פּלענער. ער האָט שנעל גערעדט:

— ניט דאָס איז דער עיקר. עס איז אַ פּרינציפּיעלע פראַגע.

אלדד האָט צעשפּרייט זיינע פיס, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיטביידע הענט אריינגעלייגט אין די הויזן־קעשענעס, האָט ער אויך אויף אַ קול גערעדט:

— ווילט איר פירן אייערע געשעפטן אויף אייער אַלטמאָדישן וועג — ד. ה. קויפן, און ווען מען גיט פּראָפּיט — פאַרקויפן, און זיין שטענדיק אויפן מאַרק, צי ווילט איר פירן אַ געשעפט אויף מאָדערנע עקאָנאָמישע יסודות? דער געזעץ פון עקאָנאָמיע — איז „אַקיומילעישאָן" — ד. ה., ביז וואַנען איר דערגרייכט צו אַ מדרגה ווען דער אייגענער „סורפּלוס" איז דער קאַפּיטאַל־שאַפער.

— אָבער איך בין דאָך ניט קיין מיליאָנער! דו ווילסט זיך פאַרגלייכן מיט ראָקפעלערן?

— ערשטנס, מוז מען ניט זיין קיין ראָקפעלער; צווייטנס, איר זייט אַ מיליאָנער, איר, פעטער זייט אַ מיליאָנער. דאָס געשעפט: „די עניטגער וואולען קאָמפּאַני" טוט מסחר ביז פינף מיליאָן דאָלער אַ יאָר. די הייזער אויף בראָדוויי זיינען ביז צום ערשטן „מאָרטגיידזש" אויסגעצאָלט. די „פּראָפּערטי" אינם נידריקן טייל פון שטאָט איז אויסגעצאָלט. מיט דעם באַלאַנס וואָס איר האַלט אין די בענק, וואָלט איך געקויפט לאַנד פאַר אַ גאַנצן מיליאָן אין פּלעטבוש. איך וואָלט אָפּגעקויפט גאַנץ דרום־פּלעטבוש — דאָרט איז דער פּלאַץ פאַר דער צוקונפט.

ביידע זיינען זיי געבליבן ווי פאַר׳כשופ׳טע. אלדר׳ס איבער־צייגטע רייד, האָבן זיך געשאָטן, ווי פּערל פון מויל. זיין קול איז געווען שאַרף, ווי אַ זילבערנער גלאָק פון עפּעס אַ ווייט, זיין פּנים איז געווען צעפלאַמט, ארום זיין מויל זיינען געלעגן קנייטשן, פול אָנגעשטאָפּטע מיט אייזערנעם ווילן. ער איז געווען ווי אַ וואָלף, וואָס איז גרייט צו וואַרפן זיך אויף זיין קרבן.

מרדכי עטינגער האָט געציטערט. זיינע ליפּן האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט. מיט זיינע פינגער האָט ער געצופּט שטיקלאַך פון אַ פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. זיינע אויגן זיינען געווען מיט אַ נעבל פאַרצויגן. די גאַנצע צייט פון אלדר׳ס ריידן האָט ער בלויז געהערט, ווי אַ ווייט, ווייטן אָפּקלאַנג פון עמיצנס אַ קול. מיט אַן ארויסגעשפּאַרטן קאָפּ, מיט׳ן שפּיציקן בערדל ארויסגעשטאַרצט און מיט אַ שווער בלאָזן פון זיינע נאָזלעכער איז ער געבליבן אַזוי זיצן אַ פאַר־שטיינערטער.

אלדר האָט קיין סך ניט גערעדט פון זיינע פּלענער. מיטאָמאָל פּלעגט אים ווערן ענג איז דער שטוב, און ער פּלעגט דעמאָלט ארויס אויפן גאַס, אין דעם ריווערסייד פּאַרק, וואָס לויפט פאַזע דעם האָדסאָן. דער גאָרטן איז אַ שמאָלער. אין מיטן דערינען אַ שטיק אָפּגעהאַקטע גאַס, מיט געדרייטע טרעפּ צום אַראָפּגיין, ציט ער זיך אַזוי פאַזע דער לענג פון האָדסאָן. באַוואַקסן מיט געדיכטע בושעס און פאַרבאַהאַלטענע ווינקלען, און מיט גרינע אייזערנע בענק. אין אָוונט צעלייגט זיך די ליכט פון דעם ניו דזשוירזי ברעג ביז אין מיטן טייך. דער גאַנצער ברעג פון ניו דזשוירזי איז צעלייגט אין מיטן טייך. און אויף יענער זייט טייך דרייען זיך ווייסע וועגן ארויף די פּאַליסאַדן, טראַמווייען דרייען זיך אויף די געדרייטע וועגן. אַלע מאָל לייכטן אויף די עלעקטרישע לאָמפּן און אַלע מאָל פאַר־שווינדן זיי אונטער די הויכע שטיינער. אלדר האָט ליב דאָרטן שפּאַצירן און דאָרטן צו זיצן. דאָרטן קען ער טראַכטן אַלערליי חלומות. דאָרטן קען ער געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר אַלע זיינע מעשים. זיינער אַ חבר האָט אים אַמאָל געזאָגט: — „און וואָס, אַז דאָס ווייב הונגערט? און וואָס אַז דיר פעלט אויס אַ

מלבוש, צי א מאַלצייט? ווען א מענטש האָט א מיסיע אין לעבן — זיינען די אַלע זאַכן קליינינקייטן". אלדר האָט איצט א מיסיע אין לעבן. די אַלע זאַכן זיינען קליינינקייטן. א מענטש נאָך דרייסיק נעמט זיך ניט שרייבן קיין בוך. אלדר איז שוין איצט געווען איבער דרייסיק. שיכרות — שיכרות — ער איז פאַר'שיכור'ט אין זיינע אייגענע פּלענער. אלדר מוז איבער־ציינגן דעם פעטער אין זיין אמת. ער האָט זיך שוין איצט מיט זיין גאַנצער נשמה אריינגעוואָרפן אין דעם נייעם לעבן. ער האָט גע'חלומ'ט חלומות. ער האָט געזען קאָנקרעטע בילדער. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין אייגענעם איינפאַל — פון אָפּקויפן דרום־פּלעטבוש. און איינמאָל איז ער אין מיטן העלן טאָג נעלם געוואָרן. ער איז אוועקגעפאָרן קיין פּלעטבוש.

ברייטע, אומענדלאַך ברייטע זומפּן האָבן זיך געצויגן פאַר מיילן לאַנג. וואו ניט וואו זיינען געלעגן צעוואָרפן קליינע פאַרם־שטיבלאַך. נערטנער מיט פאַרשיידענע גרינוואַרג האָבן אין זייער פרישער גרינקייט זיך געקווענלט אַנטקעגן דער זון. פון ערגעץ האָט געבלאָזן א קילער ווינט. גאָר ווייט אין א שטח איז געלאָפן דער „על". דער טומלדיקער רויש פון דער גאַסן־באַן האָט זיך פון צייט צו צייט אָהער דערטראָגן מיט א פאַר־שטיקטן קלאַפּ. אלדר האָט ארומגעטאַפּטשעט איבער די זומפּי־קע וועגן. שנעלע, שטראַליקע פּלענער און איינפאַלן האָבן זיך געטומלט אין זיין מח. אַט האָט ער געטראַכט פון א גרויסער שטאָט ביים ברעג פון ים, מיט ברייטע פּאָרטן פאַר אויסלענ־דישע שיפן. און אַט האָט ער געטראַכט פון נידריקע שטיבלאַך, מיט גראָז־באַוואַקסענע פּליינען — א רעזידענץ־שטאָט. אין זיין צעהיצטן מח האָט ער זיך אוועקגעטראָגן אויף פייערדיקע פליגלען.

אין מיטן פון דער גרויסער נייער שטאָט וועט שטיין א רויט הויז. דאָס רויטע הויז וועט האָבן א גרינעם דאַך. אויפן גרינעם דאַך וועלן זיין טויבן־נעסטן. און אין דעם הויז — ער און בעקי. בעקי האָט גרויסע וואַסערדיקע אויגן. — בעקי בייסט מיט אירע ציין — ער וועט געבן בעקי'ן זיין ליבע און בעקי וועט אים געבן איר ליבע. בעקי האָט ברייטע היפּטן. אפשר צען

קינדער קען זי אויסטראָגן. טאָמער וועט דער רייכער מאַן אויסכאַפּן בעקין? בעקין קען מען נאָך אויסכאַפּן. אַלץ פאַרבלענדט נאָך אירע אויגן. זי האָט מורא פאַר אַלדר'ן. זי געטרויט אים ניט. פאַרוואָס האָט זי מורא פאַר אים?

אַלדר האָט מיט אַ קאַלטן ישוב הדעת אָנגעהויבן אויסרעכענען ביז דער קלענסטער מעגלאַכקייט די נייע אונטערנעמונג. מיט דעם, וואָס אין דעם געגנט לויפט דורך אַ גאַסן־באַן, וועט זיין לייכט צוציען אַ באַפעלקערונג. טראַנספּאָרטאַציע איז די ערשטע פּראָבלעם אין אַזאַ אונטערנעמונג. דער געגנט מוז זיין פאַרבונדן מיט ניו יאָרק. ניו יאָרק דאַרף אָנפילן דעם געגנט. אַלדר איז געווען זיכער, אַז ניו יאָרק מוז זיך צעשפּרייטן. די באַפעלקערונג מוז זיך אַליין אַריבערוואַקסן. אין פינף אָדער צען יאָר אַרום וועט ניט זיין קיין איינציק פריי ווינקל אין דער גרויסער שטאָט. מען וועט מוזן — אונטער אַלע אומשטענדן וועט מען מוזן זוכן אַ ניי ווינקל, וואו מען זאָל קענען די שטאָט אויסשפּרייטן — טראַנספּאָרטאַציע — קלאַפּ־קלאַפּ — עס לויפט פון ווייטן אַ גאַסן־באַן — ווער עס וועט דאָ הייזער בויען, פאַר דעם וועט זיך דאָ עפענען אַן אוצר. אַלדר האָט אָנגעהויבן ניין אין דער ריכטונג צום „על“ צו.

ער האָט שוין לאַנגזאַם, און מיט אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעקוקט צו יעדן שטיינדל. ער האָט באַמערקט יעדעס גרעזל. ער האָט געפילט די ווייכקייט פון דעם באָדן. גלייך ווי ער זאָל שוין איצט גיין קויפן דאָס לאַנד, אַזוי האָט ער יעדע זאַך רואיק באַטראַכט. די ברייטע ארומיקייט האָט ברייט צעשפּרייט זיינע אייגענע האַרזיאַנטן. אין דער שטיל זיינען געפלאָסן זיינע געדאַנקען. ער האָט געהערט דאָס פאַרבייפלאַטערן פון אַ פּאָר פלאַטערנדיקע פליגל. אַלדר מוז פאַרבויען דעם דאָזיקן געגנט. אפשר וועט דאָ אויסוואַקסן אַט אַ דאָס, וואָס וועט אים זיין נשמה אויספילן. ער ווייס ניט וואָס, און ער ווייס ניט ווען — אָבער עס קען דאָך זיין — עס קאָן דאָך זיין אַז בעקי זאָל אַן אַנדערע ווערן — עס קען דאָך זיין ער זאָל בויען אין מיטן דער נייער שטאָט אַ רויט הויז מיט אַ גרינעם דאַך. אַלץ קען זיין. אַלץ איז מעגלאַך. עס איז מעגלאַך אַז אין דער אַרבעט פון בויען אַ שטאָט, זאָל ער זיך אַליין געפינען;

עס איז מעגלאָך, אַז פון אַמעריקע זאָל אַרויסוואַקסן די גרויסע וועלטרעוואָלוציע; עס איז מעגלאָך אַז מיסטער קאַמבערלענד זאָל מוזן איבערגעבן זיין פאַרמעגן צו די אַרבעטער; עס איז מעג־לאָך, אַז אין די קומענדיקע צען יאָר, זאָל זיך ניו יאָרק אַזוי צעוואַקסן, אַז יעדעס שטיינדל זאָל זיין מיט גאָלד גלייך. עס איז מעגלאָך — עס איז מעגלאָך — טראַנספּאָרטאַציע איז די הויפּטזאַך אין אַזאַ אונטערנעמונג — — —

עס איז שוין געווען פינסטער אין דרויסן, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים. דעם גאַנצן אָוונט האָט ער ליידנשאַפטלאַך געראַכערט. ער איז געגאַנגען שפּאַצירן אין ריווערסייד פּאַרק. זיין הוט איז געווען אַביסל אַרויפגערוקט איבערן שטערן. שיפן האָבן נעקרייצט דעם האָדסאָן. גייענדיק האָט ער געקנאַקט די פינגער פון די הענט און אויסגעלייגט איין פּלאַן נאָכן אַנדערן. ווען ער האָט דערנאָך גערעדט מיטן פעטער האָט ער אין זיינע רייד אַריינ־געפלאָכטן אַלערליי טיפזיניקע און אַלערליי טיפנאַרישע געדאַנקען. ער האָט צום פעטער גערעדט פון דעם רויטן הויז, וואָס ער וועט פאַר זיך אויסבויען. אין עקסטאַז האָט ער אָנגעוואָרפן אַ בילד אויף אַ בילד. פּונקט ווי אַמאָל, ווען פאַר אים זיינען געשטאַנען טויזנטער מענטשן, האָט ער איצט אין אַ רעדנערס פּאָזע גערעדט פאַרן פעטער. ער האָט אויסגעמאָלט אַ בילד פון אַ ניי־אויפוואַקסנ־דיקער שטאָט. פון אלדד'ס אָפּגעמאָלט בילד, האָט מרדכי עטינ־גער געזען באַלויכטענע גאַסן, גראַד־ליניקע קוואַרטאַלן, קצבים און קרעמער און מעל־הענדלער האָבן זיך געדונגען און געריסן די קונים אין זייערע קראָמען. מרדכי עטינגער האָט געהערט דאָס פּלאַפּלען פון קליינע קינדער. דער הימל איז געווען באַ־לויכטן מיט בליציקע פייערן. קינעמאַטאָגראַפן און טעאַטערס האָבן געוואָרפן ברענענדיקע בליצן ביז אין מיטן גאַס אַריין — ער האָט געפילט ווי עס רירט זיך אים דער מח.

3

— עס איז מיר שווער, עס איז מיר שווער, — האָט געזאָגט מרדכי עטינגער צו אלדד'ן, ווען זיי זיינען אין אָוונט ביידע גע־זעסן אויף דער וועראַנדע. די וועראַנדע איז אַרויסגעקומען אין

סאַד אריין. די וועראנדע איז געווען אינגאַנצן באַוואַקסן מיט קריכנדיקן ווייַנריב. דורך דעם קריכנדיקן ווייַנריב האָבן אַריינגע־שטערנט, ווי קליינע בליצן, פינקלדיקע פייערלאַך, און באַשפּריצט די היימישע טונקלקייט אין וועלכער עס זיינען געווען איינגע־וויקלט אלדד און מרדכי עטינגער.

— עס איז מיר שווער. צופיל טראָג איך אויף מיין קאָפּ. דאָס געשעפט, און מיין הויז, און מיינע קינדער — אַלץ האָט מיך אַריבערגעוואַקסן.

אלדד האָט געשוויגן.

פאַר א ווײַלע האָט מרדכי עטינגער אויך געשוויגן.

אָבער, ווי לאַנג קען ער דען שווייגן?

— פאַרשטייסט? — זאָגט ער — ביז איצט איז אַלץ געווען אונטער מיין קאָנטראָל. איך האָב געזען וואָס איך טו. געקענט די מענטשן מיט וועמען איך האַנדל. געזען דאָס פּנים פון דעם קונה. איצט איז אַלץ, ווי א מאַשין, א טויטע זאַך, ציפערן, ציפערן.

אלדד שווייגט און שמייכלט.

— ציפערן, ציפערן, — זאָגט מרדכי עטינגער.

אלדד שמייכלט.

— עס איז בלויז א מעטאַד אַזאַ. אַן אַנדער מעטאָד, פּע־טער. די זעלבע זאַך, בלויז פאַרברייטערט, פאַרפּילפאַכט. איר דאַרפט זיך צו דעם צוגעוואוינען.

— צו וואָס זיך צוגעוואוינען? — זאָגט מרדכי עטינגער — נאָך וואָס דאַרף איך דאָס? פאַר וועמען? איך האָב שוין קיין כּוחות ניט.

אין אמת'ן האָט מרדכי עטינגער איצט נייע כּוחות. עס איז ניט קיין כּוחות, נאָר א נייער גייסט. צי עס איז גאָר קיין גייסט אויך ניט, -- עס איז עפּעס אַזאַ בלינדע אומבאַהאָלפנקייט אין וועלכער ער ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ מער אַריינגעשלעפּט און אָן כּוחות, שפּאַרט פון אים אַרויס עפּעס א בלינדער כּח, וואָס וועט זיך באַלד פאַרמעסטן מיט די ווינטן און מיט די איבער־וואַלקנס הויכקייטן. ערשט איצט האָט זיך אין אים צעברענט זיין גייציקייט. א גייציקייט ניט נאָך געלט, נאָר נאָך עפּעס

אזוינס, וועגן וואָס ער האָט מיט ווערטער גאָר ניט געקענט ריידן. עפּעס פויגלדיקס, איבערמענטשלאַכס, האָט אים אינגאַנצן באַהערשט. עס איז געווען אומבאַשטיכטע, גיגאַנטישע ליידנ־שאַפטן, וואָס האָבן זיין נשמה ארומגענומען. ער האָט געזען ציפערן אויסגעשטעלט אין אזא לאַנגער רייע, אַז עס האָט אים אזש געשווינדלט אין די אויגן. דאָס לאַנד אין דרום־פּלעטבום איז פאַר אים ווי אַן אויסטערלישער חלום געשטאַנען. דעם חלום האָט ער געזען אזוי, אַז פריער איז געווען אַ גרויס בלענדעניש אַן אויגנשניידיק ליכט, אַנגעוואָרפן מיט קרישטאָלן און גאָלדע־נע רענדלאַך. און באַלד איז פון דעם גרויסן ליכט געוואָרן גרויסע, פּייערדיקע רעדער. די רעדער האָבן געשווינדלט. אַלע מאָל זיינען זיי געוואָרן קלענער און גרעסער. גרעסער און קלענער. זיך געדרייט שנעלער און שנעלער, און צום סוף איז אַלץ געוואָרן פינסטער. און ווען אַלץ איז צום סוף פינסטער געוואָרן, האָבן זיך ערגעץ אויפגעעפנט שווערע ערדענע טירן. פון דער עפּע־נונג האָט אַ שלאָג געטאָן אַ טוכלער און אַ דומפּער ריח, און פון דער דאָזיקער טוכלעקייט האָט זיך באַלד ווידער אָנגעהויבן ארויס־שיילן פון אַ בלאָטיקער שאָלעכץ, צוערשט פאַרשמירטע שטיקער גאָלד, דערנאָך אַלץ ריינערע און העלערע. און די שטיקער גאָלד זיינען זיך אַלץ צעוואַקסן אין שורות און אין קופּעס — און צום סוף זיינען אויסגעוואַקסן גאַנצע בערג מיט גאָלדענע שטיקער.

נאָך אַזעלכע אילוזיעס איז מרדכי עטינגער געבליבן אינגאַנצן אַן אויסגעשעפּטער, פון זיך אַליין אַן אויסגעהוילטער. ער האָט ניט געהאַט קיין כח. אַ שוואַכקייט איז באַפאַלן זיינע הענט און זיינע פיס. אים האָט זיך אין אַזוינע מינוטן געדוכט, אַז עמיצער נעמט אַלץ פון זיין אינגעווייד ארויס, אַז ער פילט דאָס און זעט דאָס — און קען זיך ניט העלפן.

— ווען איך קען זיך אָפּרוען — האָט ער שטיל געזאָגט — אויף אַ שטיקל צייט זיך אָפּרוען, באַפרייען, כאָטש אַ שטיקל צייט.

אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. אַ פאַרדאַכט פון איינעם צום צווייטן. דער שווייגט און קוקט אויף דעם, און דער שווייגט און

קוקט אויף דעם. ווײל אײנער דעם צווייטן אויסנארן? ווײל אײנער דעם צווייטן מיט עפּעס איבערשפּיצלען?

— און וואָס וועט זײן, אז „ריעל עסטייט" וועט פּלוצלינג פאַלן? — זאָגט מרדכי עטינגער, שפּאַרט אָן דאָס שפּיציקע, שי־טערע בערדל אויף דער גאָלקע פון שטעקן, וואָס ער האַלט צווישן די פּיס, און אין דער פינסטער זעט מען, ווי זײנע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו גלאַנצן — איך שטעל דאָך מײן גאַנץ פאַרמעגן אין קאָן

אלדר האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם שטול. ער שטייט שוין גרייט, ווי אן אָנגעלאָדענע ביקס, פאַרקאַטשעט דאָס היטל איבערן שטערן. ער פאַרשליסט די צען פינגער פון די הענט און לייגט זיי אװעק אויפן בויך.

— „ריעל עסטייט" וועט אזוי גיך ניט פאַלן. יעדע אונטער־נעמונג איז גוט פאַר די קומענדיקע פינף יאָר עס איז גאָר קיין שפּעקולאַציע ניטאָ.

— מיט וואָס ביזטו אזוי זיכער?

— ווייל מיר האָבן איצט אַ מלחמה.

אלדר האָט זיך פאַר עמיצן פאַרשעמט. ער האָט אין דער שטיל ארויסגערעדט דאָס וואָרט „מלחמה". און נאָך שטליער האָט ער געזאָגט:

— די מלחמה וועט זיך נאָך ציען און ציען.

— איך געדענק נאָך גאַנץ גוט דעם קראַך פון יאָר 1907 — זאָגט עטינגער. ער איז שוין אינגאַנצן אויפגערעגט. ער וואַרפט שנעל ארוים די רייד פון מויל, — מענטשן זײנען רואינירט געוואָרן. מען האָט זיך דעם האַלז איבערגעשניטן.

מען שווייגט שוין ווידער. קלאַפּ־קלאַפּ, קלאַפּנדיק־קלאַפּ — אין ביידע מוחות. איין שטערן איז הויך, מיט אויסגעפּליקטע טיפע ווינקלען. איבער די ווינקלען געשוואָלענע אָדערן — אַ פאַרלאַנג פון שטילן אויסלעבן די לעצטע יאָרן, דרייט זיך אויף אן אַקס פון אויפגעיורטע ווייכקייטן — איין שטערן געדיכט באַוואַקסן מיט איינגעשפּאַרטער באַוואַקסנקייט — אַ פאַרלאַנג פון אויפהויבן אַ הויכן באַרג און אים אזוי אַ שליידער טאָן אין ים אריין — וואָס פאַר אַ גרויסן פּליעסק עס וועט דער ים טאָן?

ביידע מוחות מאַביליזירן — ביידע מוחות גרייטן זיך. — דער שווייגט און קוקט אויף דעם דער שווייגט און קוקט אויף דעם. אַ דור פאַרגייט און אַ דור קומט — הויכע בערג קען מען שליידערן אין ים אריין — אויסלעבן שטילע, לעצטע יאָרן פאַרט מען קיין ירושלים...

אלדד שרייט שוין מיט אַ הויך, קלאָר קול:

די מלחמה וועט זיך ציען און ציען. און ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט זיין אַ נייע מלחמה, אַן אַנדערע, שווערע יאָרן קומען.

מרדכי עטינגער האָט פאַרבויגן די אונטערשטע ליפּ צווישן די ציין און זי געביסן. עס איז אים געוואָרן היים איבערן לייב. היים אין די אויגן, נאָס צווישן די פינגער.

אלדד רעדט נאָך העכער:

— איבערן לאַנד וועט ווערן נאָך אַ גרעסערער דוחק. די גאַנצע באַפעלקערונג וועט מען אריינוואַרפן אין דער פּראָדוקציע פון געווער און פון שיפן. אַמעריקע וועט אויפבויען אַזוי פיל שיפן, אַז זי וועט קענען מאַכן אַ בריק איבער׳ן ים. יעדעס ווינקל פון לאַנד, וועט ווערן עקספּלאָאַטירט. עס וועט פעלן וואָל אויף צו מאַכן קליידער, עס וועט פעלן מאַטעריאַל אויף צו בויען הייזער, מען וועט ניט קענען קריגן די מענער אויף צו בויען די הייזער. אין איין דירה וועלן וואוינען צו צוויי און צו דריי משפּחות. מען וועט צאָלן פאַר אַ פּאָר שיך און פאַר אַ קלייד און פאַר אַ דירה אַזוי פיל, וויפל מען וועט נאָר בעטן. די וואָס וועלן זיך מיט די אַלע זאַכן אַנגרייטן, וועלן זיך אָנשיטן מיט גאָלד.

שוין שווייגנדיק קלינגט נאָך אלדד׳ס קול. ער איז שטאַרקער. ער איז יונג. מרדכי עטינגער האָט ניט קיין כח — אַן עלטערער מענטש פאַרגעסט לייכט וואָס ער האָט ערשט געטראַכט — אָנגעקליבענע ענערגיע ווערט שנעל צערונען. מרדכי עטינגער איז נאָך ניט עובר בטל. ער זיצט בלויז אַזוי ווי אַ תם, אָבער ער ווייס ניט וואָס צו ענטפערן. זיין צעהיצטער מח האָט זיך שוין אָפּגעקילט — איבערן סאַד און איבערן הויף קלאַנגט נאָך אלדד׳ס קול, ווי די רייד פון אַ נביא, וואָס לאָזן איבער אַ לאַנג־דויערנדיקן אָפּקלאַנג. עס האָט זיך גערוכט, אַז די ביימער

אין סאַד, די שטילע, בײנאַכטיקע לופט, די אַרומיקע פאַר׳חלומ׳־טע הײזער — אַלע האָבן אױפגעעפנט זײערע אױערן, כּדי צו פאַרנעמען אַלדר׳ס רײד.

אַלדר גײט זיך זײַן װעג — אַ מענש נאָך דרײַסיק, נעמט זיך ניט שרײַבן קײן בוך — בעקי האָט אַ װײַב. װאָרעם ליבּ — ער האָט זיך אַרומגעדרײט איבער דער גרױסער װעראַנדע. עס איז געװען שפּעט בײַנאַכט. די אַרומיקע פינסטערניש האָט זיך ביסלאַכװײַז צע־שיטערט און אָנגעהױבן אַרױסװײַזן דאָס, װאָס איז ביז איצט געװען אײַנגעהילט אין איר שװאַרצער דיקקײט. קוסטן מיט רױזן און כּרי־זאַנטעמען האָבן בלאָסע זיך געװיגט אין דער שטילער לופט. די אַרומגעשװירענע יונגע קוסטן האָבן זיך אָפּגעצײכנט מיט זײער געדיכטער שװאַרצקײט אין דער שיטערער פינסטערקײט. דער גוט אײַנגעקאָטשעטער „טענים קאָרט“ האָט אין זײַן װײַסער זאַמדיגקײט זיך געװיגט, װי אַ װײַסער טײַך.
אַלץ איז געװען שטיל, אײַנגעדרעמלט. אָבער אין אַלץ האָט געקלאַפּט דער פּולס פון אינערלאַכן לעבן. עס האָט זיך גע־דוכט, װי אַלץ אַרום איז בלױז אױף אַ װײַלע אײַנגעשלאָפן כּדי מאָרגן זיך אױפצוהױבן מיט אַ נײַעם שטאַרקן לעבן.
אַלדר האָט דאָס אַלץ פאַרנומען. ער האָט פאַרנומען דאָס שטילע אױפװאַכן אין זײַן נשמה. זײַנע אױגן זײַנען געװען גרױס אַרױסגעשטאַרצטע. עס האָט זיך געדוכט, װי ער זאָל עפּעס אין דעם לײדיק־װײַטן זוכן.
האָט ער טאַקע עפּעס געזוכט? האָט ער טאַקי עפּעס געזען?
אַלדר האָט געהערט דאָס שטילע װיגן זיך פון די בײמער, דאָס שטילע איבערקאָטשען זיך פון אַ זעמדל אױפן „טענים קאָרט“. ער האָט פאַר זיך, אין דער פינסטער, מיט אַמאָל דערזען גרױסע בױגנס. פּאַפּיר, באַשריבן מיט אַלערלײ חשבונות׳ן, אָנגעזעצט געדיכט מיט ציפערן. אױגן נעמען גלײַך אױף דאָס, װאָס דער מח מאַלט אָפּ — מחות טראַכטן באַלד אױס דאָס, װאָס אױגן װילן זען — ער איז אינגאַנצן געװען פאַרנומען מיטן געדאַנק װעגן דרום־פּלעטבוש. די אױגן האָבן געזוכט אױסגעשריבענע פּלענער. אין זײַן מח האָבן זיך אױסגעלײגט באַשריבענע פּלע־נער.

ער וועט שפּעקולירן. מיטן אָנבאַט פאַר מזומן, וועט ער דעם גאַנצן געגנט אָפּקויפן ביליק. ער וועט דאָס לאַנד קויפן ביים אַקער. ניט ביים „לאָט“. אויף „לאָטס“ וועט ער עס שוין אַליין צעשניידן. געהילץ וועט ער קויפן גלייך פון וואַלד. ער וועט אַריבערפאָרן אין די וועלדער פון די ניי־ענגלענדער שטאַטן און דאָרטן וועט ער אָפּקויפן אַקערס וואַלד. אַהין וועט ער אַרויספירן זעגמאַשינען. די גראָבע דעמבענע בוימער וועט ער לאָזן ווי זיי זיינען. דאָס איז גוט פאַר באַלטשאַסעס און איבערצולייגן איבער די סטריכעס. און די סאָסנעס וועט ער שניידן אויף ברעטער, און די בעריאָזעס — אויף דינע דיל־ברעטער. און אין די זומפּן פון ניו דזשוירזי וועט ער אוועקשטעלן אַ ציגל־פאַבריק — קלאַפּ־קלאַפּ, קלאַפּנדיק־קלאַפּ — טערע־קאַטאַ — אין ניו דזשוירזי אַ ציגל פאַבריק — ביים ברעג פון האַדסאָן וועט ער מאָלן פון הויכע סקאַלעס — זאַמד. און ווען דאָס אַלץ וועט זיין אָפּגעטאָן, וועט ער אַליין אויסבויען אַ גרויסע עלעקטרישע קראַפט סטאַנציע, וואָס וועט באַלייכטן דעם אייגענעם געגנט.

זיינע אויגן זיינען געווען גרויס־אַרויסגעשטאַרטע, אין זיין מח האָבן זיך אויסגעלייגט די באַשריבענע פּלענער. גלייך ביים אָנפאַנג, וועט אויסקומען צו בויען צום צוואַנציקסטן פינף הונדערט הייזער. דאָס וועט פאַרנעמען צום צוואַנציקסטן צען קוואַדראַטנע קוואַרטאַלן. און נאָכהער וועט מען דאַרפן בויען וועגן און אויסלייגן די וואַסער לייטונג. און ער האָט געטראַכט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען אַריבערצופאָרן אין דער סאַוט, אַריבערברענגען פון דאָרטן טויזנט ניגערס — מען וועט דאַך באַלד דאַרפן האָבן צום צוואַנציקסטנס טויזנט שוואַרצע אַרבעטער.

ער האָט שוין ניט געפילט זיינע אייגענע טריט. ער איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ דער וועראַנדע. זיין האַרץ האָט יאָ געקלאַפּט און ניט געקלאַפּט. ער האָט זיך אויפגעלייזט. ער איז געוואָרן אויפגעלייזט אין אַ ווייסער דורכזיכטיקייט. עס האָבן דורכזיכטיק געלויכטן די נעגל פון די פינגער. אַלדאָס פילט דאָס ניט. ער הערט ניט דאָס קרעכצן פון די ברעטער אונטער זיינע פיס. ער האָט בלויז געפילט, ווי ער וויגט זיך אויף אַ שיף, וואָס שניידט זיך דורך אַ גרויסן ים.

— און אַ נאָמען? — האָט ער זיך אין מיטן באַדאַכט. — מען דאַרף אַ נייעם נאָמען האָבן. אַ ניי געשעפט דאַרף דאָס זיין. מיט אַ באַזונדערער פאַרוואַלטונג, מיט אַ באַזונדערן אָפיס — „די פלעטבוש דעוועלאָפּמענט קאָמפּאַני" — וועט עס הייסן. יאַ, דאָס איז אַ גוטער נאָמען — „די פלעטבוש דעוועלאָפּינג קאָמפּאַני".

ווען אלדר האָט אַזוי אין באַגייסטערונג געטראַכט פון דעם נייעם נאָמען, האָט אין סאַד אַריין זיך געגעבן אַ בויג אַריין צוויי בלישטשענדיקע פייערן. די פייערן האָבן צוערשט באַלויכטן די ווייסע כריזאַנטעמען, מיט די רויטע רויזן, דערנאָך זיך אויסגעבויגן אויף דעם ווייסן שפּיל־פּלאַץ. צום סוף האָבן די צוויי פייערדיקע אויגן זיך אויסגעגליכן, באַלויכטן דעם גרוי־אָנגעשאָטענעם זאַמד־וועג, און ער האָט דערזען אַ מאַשין אַריינפאָרן.

עס איז געווען בעקי.

זי איז אַרויף אויף דער וועראַנדע. אין דער טונקעלער פאַרשטעלטקייט האָבן אַ בליץ געטאָן אירע צוויי אויגן. זי האָט זיך צוערשט דערשראָקן. דערנאָך האָט זי מיט פאַרוואונדערונג אויסגערופן:

— דאָס ביזטו, אלדר!

— וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט?

— גאָר נישט. איך קען ניט שלאָפן.

בעקי איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין.

וואָס זאָל טאָן אלדר, ווען בעקי איז אים איינע אַליין שפּעט אין דער נאַכט פאַרבייגעגאַנגען? זאָל ער איר נאָכגיין?

ער איז איר ניט נאָכגעגאַנגען. ער איז אַריינגעגאַנגען אין זיין איינענעם צימער. ווען בעקי איז אין אַ ווײַלע אַרום צוריק אַרויסגעקומען האָט זי שוין אים ניט געטראָפן. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער פאַרענטשע פון דער וועראַנדע, האָט אַריינגעקוקט אין זיין פענסטער. אלדר איז געזעסן אין ווינקל פון צימער אין דעם ווייכן שטול. בעקי'ן איז מיט אַמאָל געוואָרן גוט אויפן האַרצן. איבערן וואַנט וואוינט אלדר. ווען זי בויגט זיך אַריבער איבער דער פאַרענטשע פון דער וועראַנדע קען זי אים זען. זי האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן הויך אויפן קול צו לאַכן. מיט אירע געזונטע ווייסע ציין, האָט זי אָפּגעווייסט אַ קליינעם

שטח פינסטערניש לעבן איר מויל, און די פרייד שפּאַרט זיך פון איר האַרצן.

— וואָס נאָך קען בעקי טאָן?

זי האָט אַראָפּגעכאַפּט אַ שוך פון איר פוס; מיט אַ לאַנגן פייף פון איר מויל האָט זי פון דער ווערענדע פאַרוואָרפן דעם שוך טיף אין גאָרטן אַריין, און אַזוי אויף איין פוס זיך אַריינגעהאָצקעט אין שטוב אַריין.

איז פּונקט דעמאָלט צוריק אַרויסגעקומען אלדד.

אין דערזעלבער צייט איז מרדכי עטינגער געלעגן ביי זיך אין בעט און ניט געקענט איינשלאָפן. אין דער פינסטערניש פון צימער, האָט אַלע מאָל אויפגעבליצט אַ טליענדיק פייערל פון זיין דיקן סיגאַר און ער האָט אַריבערגערעדט צו זיין פרוי, עטעל, אין צווייטן בעט אַריין.

שוין לאַנג אַז מרדכי עטינגער שלאָפט אַליין אין אַ בעט. עס איז אים די ערשטע צייט געווען קאַלט. אפשר צוואַנציק יאָר האָבן זיך געפריעט צוויי לייבער אונטער איין קאָלדרע. זומער פלעגט זיין היים. איינער האָט זיך אָפּגערוקט פון צווייטן; ווינטער איז אַנגענעם צו ליגן אַ לייב לעבן אַ לייב. איצט שלאָפט שוין מרדכי עטינגער אַליין. סיי זומער, סיי ווינטער. ביינאַכט, ווען עס איז פינסטער, און ער קען ניט איינשלאָפן, רעדט ער אַריבער אין צווייטן בעט אַריין.

— כ׳ווייס גאָרניט, וואָס מיט מיר איז געוואָרן לעצטנס. כ׳קען מיט קיין אויג ניט צומאַכן.

— אַז אַ מענטש איז רק פּאַרנומען, פאַרגינט זיך ניט אַמאָל אַ שעה אָפּצורוען.

— דו דאַרפסט ערגעץ אַוועקפאָרן, — זאָגט זי אין אַ ווײַלע אַרום — טראַכט פון אַ מיל. נעם דיר אַריין אין זינען אַ מיל, מיט מאָלשטיינער, שטעל זיך פאָר, ווי עס דרייען זיך רעדער און עס מאָלט זיך מעל — וועסטו איינשלאָפן.

מרדכי עטינגער קרעכצט און שווייגט.

עטעל הויבט אַליין אָן טראַכטן פון אַ מיל. זי נעמט זיך אַריין אין זינען מאָלשטיינער, אַזוינע, ווי זי האָט געדענקט פון אַמאָל אין דעם קליינעם שטעטל. רעדער דרייען זיך. עס קלאַפּט

און עס ווערן צעריבן זערנעס קאָרן און ווייץ. אין קאָפּ הויבט זיך אָן עפּעס וויגן. עפּעס קלאַפּט מאָנאָטאָן. ביסלאַכווייז מאַכן זיך צו אירע אויגן.

מרדכי עטינגער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן. ער האָט געהערט דאָס שטילע פּייפן פון איר נאָז. ער האָט אין דער פינ־סטערניש געקוקט אויפן שוואַרצן פלעק, וואָס איז געלעגן אין צווייטן בעט. פּונקט, ווי אַלדר האָט ער אויך געטראַכט פון פלעטבוש. נאָר אים האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ. ער האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. ער האָט ניט געקענט באַשליסן, וואָס צו טאָן. ער האָט זיך צום סוף אָנגעטאָן און אין שטי־לערהייט אַרויס פון בעט. אויף זיין לייב האָט ער אַרויפגעוואָרפן דעם לאַנגן מאָרגנראָק. אויפן קאָפּ — די זיידענע יאַרמולקע. ער האָט פאַרמאַכט די טיר פון דעם שלאָפצימער, און דעמאָלט האָט ער אָנגעצונדן אין אַלע צימערן דאָס ליכט. ער האָט ליכטיק געמאַכט דאָס לעז־צימער, און דעם עסזאַל און דאָס גרויסע אופנאַמס צימער. ער איז אַזוי אַרומגעגאַנגען אַ שטי־לער, באַטראַכט דאָס מעבל. מיט די פיס טאַפּנדיק די דיוואַ־נען, האָט ער זיך צוגעהערט צו דער ווייכקייט פון זיין טראָט. צום סוף האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ ווייכן שטול און ער האָט אָנגעהויבן הויך אויפן קול צו קרעכצן.

ער האָט געפילט פיזישע ווייטאָקן. אָנגעשטרענגט אין זיין מח, איז נאָכער, דער ווייטאָק איבערגעגאַנגען אין אַלע זיינע אברים. ער האָט דערפילט אַ ווייטאָג אין זיינע קריזשעס. עס האָבן אים געבראָכן די פלייצעס. ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז האָבן די העמערלאַך אין זיין קאָפּ אָנגעהויבן צו קלאַפּן. צוערשט אין דער רעכטער זייט פון קאָפּ, ביי דער רעכטער שלייף, דערנאָך אין דער לינקער זייט, ביי דעם לינקן שלייף. די ביינער איבער די אויגן האָבן, ווי צעשאָסענע, געהאַמערט מיט ווייטאָק. ער האָט זיך דערשראָקן — איצט אין מיטן דער נאַכט מיט זיין קאָפּ־ווייטאָק. וואָס וועט ער טאָן? וואוהין וועט ער לויפן? און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַ פאַרבלאָנדזשעטער ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם געגנט. אויף אַ פאַרלאָזטן אינזל. עס זיינען נימאָ קיין מענטשן. ער פילט, ווי עס ווערט אים אַלץ

טרוקענער אין מויל. די צונג קלעפּט זיך צום גומען און ער האָט ניט קיין וואַסער. ער האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן, זיך געלאָזט לויפן איבער די ביינאַכטיק־באַלויכטענע צימערן. דאָס ליכט איז איצט געווען נאָך שאַרפער, ווי אַלעמאָל. איינער אַליין איז געהאַנגען דער גרויסער בליצלאָמפּ און געוואָרפן זיינע קריי־שטאָלענע בליצן איבער אַלע ווינקלען. אפשר אין דרויסן אַרויס־גיין? אפשר אינגאַנצן אַנטלויפן פון דאַנען? וואָס האָב איך דאָ צו טאָן? און נאָך וואָס דאַרף איך דאָס אַלץ? וועמענס הויז איז עס? אלדד! אלדד! וואו איז אלדד? וואוהין שלעפּסטו מיך, אלדד?

ער האָט אַזוי אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם שווערן מאַנטל און איז אַרויס אויף דער וועראַנדע.

א קילער ווינט האָט אים אַ בלאָז געטאָן גלייך אין פּנים אַריין. ער האָט זיך אָפּגעפרישט. איז געקומען צו זיך. און ווען ער איז צוריק אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, איז ער אַריין אין דעם לעז־צימער, אַרויסגענומען פון שראַנק אַ ספר און אָנגעהויבן אַהין אַריינצוקוקן.

עס איז געווען ליכטיק־שטיל. א פאַרהאַנגל האָט זיך לייכט געוויגט פון אַ שטילן ווינט. די ווערטער פון דעם בוך האָבן זיך בולט אַרויסגעשפּאַרט און גערעדט מיט רעדעוודיקע ווערטער. מרדכי עטינגער האָט זיך געשאָקלט און אָן באַוואוסטזיין נאָכגע־זאָגט די ווערטער. עס האָט זיך געדוכט, ווי ער נעמט אַריין די ווערטער אין מויל אַריין, האַלט זיי דאָרטן אַ ווײַלע, און רעדט זיי צוריק אַריין אין דעם אָפענעם ספר אַריין. דערנאָך האָט ער זיך אינגאַנצן צעגויפגעגאָסן מיטן געשריבענעם וואָרט, און אַנשטאָט פון דאָרט צו לעזן, האָט ער זיינע אייגענע ווערטער אַהין אַריינגערעדט.

— דעריבער דאַרפן מיר אַראָפּוואַרפן די משא פון אונזערע פּלייצעס. און די זינד. און זיך גרייטן צום הייליקן טאָג, ווען מיר וועלן שטיין פאַרן כסא הכבוד. און גרייטן זיך דאַרפן מיר יעדע מינוט. ווייל יעדע מינוט קען אונז ברענגען די דער־לייזונג. און גרייטן זיך מיינט — ניט פאַרגעסן הכנסת אורחים. ניט פאַרגעסן צדקה, ניט פאַרגעסן, אז עס איז דאָ אַ גרויסער

גאָט אויף דער וועלט, וואָס זעט אַלץ, און ווייסט אַלץ, און איז דער איינציקער הערשער איבער גאָר דער וועלט.

ווען פרוי עטינגער האָט זיך אין דער שפּעטער שעה פון דער נאַכט אויפגעכאַפּט, און געזען אַז דעם מאַנס בעט שטייט ליידיק, מיטן ליילאַך פאַרקאַטשעט ביזן העלפט פון געלעגער, ווי אַ צעפּראַלטע טיר — האָט זי אָנגעהויבן רופן:

— מרדכי, מרדכי!

נאָר מרדכי האָט אַזוי לאַנג געשוויגן און ניט געענטפערט, ביז עטעל איז אַ נאַקעטע, פון קעלט אַ ציטערדיקע, און מיט האָר צעפּאַטלטע, אַריינגעלאָפן, און אויסגעשאָסן אויף אים איר גאַנצע שרעק:

— פו, פו, צו מיינע שונאים׳ס קעפּ — דו האָסט מיר מיין נשמה אַרויסגענומען!

4

— ניט פאַרגעסן קיין צדקה — מרדכי עטינגער דאַרף זיך גרייטן צום הייליקן טאָג — אַלדך גרייט זיך צום נייעם טאָג — אַ דור פאַרגייט און אַ דור קומט — אויסצולעבן שטילע, לעצטע יאָרן פאַרט מען קיין ירושלים — אַלדך וויל נאָך ניט פאָרן קיין ירושלים — מען האָט דערווייל געטאָן אַזוי:

די גאַנצע סומע געלט, וואָס מרדכי עטינגער נעמט אַריין דורכן יאָר דירה־געלט, האָט מען פאַרקויפט צו אַן אַגענטור. מען האָט זיך אויסגעגליכן פאַר צוויי הונדערט מיט פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלער. מען האָט געמאַכט אַ קאָנטראַקט אויף צען יאָר. דער אַגענט האָט באַדאַרפט דאָס געלט איינצאָלן אין צוויי ראַטן. איין איינצאָלונג ביים שליסן דעם קאָנטראַקט און איין איינצאָלונג אין זעקס חדשים אַרום. און מען האָט אפילו ניט געוואַרט ביז צום סוף פון די זעקס חדשים, מען האָט גענומען בויען הייזער אין דעם דרום זייט פון פלעטבוש.

עס איז שוין דאָס גאַנצע לאַנד אויפגעריסן. די ברייטע פלאַכן זיינען שוין צעשניטן אויף קוואַדראַטנע סקווערן. איבעראַל, אין אַלע מיטנס, זיינען צעלייגט גלייכע ליניעס שטריק. פון אַלע

יונגע וועלדלאַך איז געבליבן שוואַרצע פּעניעס נידעריק צו דער ערד. פון אַלע נידעריקע בערגלאַך איז געוואָרן איין גלייך שטיק. צעוואָרפענע, איבער אַלע ווייטן, קריכן אַרום קליינע מענטשלאַך, ווי פליגן, און מעסטן דעם באָדן. ערגעץ ווייט הורזשעט שוין אַ דאַמפּמאַשין. קליינע שטיקלאַך האָלץ מיט ווייסע שילדן צעטיילן שוין די צוקונפטיקע גאַסן. אויף די ראָגן בויט מען שוין. פון טיפע גריבער, אין וועלכע עס ליגן פאַרבלאַטיקטע נעגערס און איטאַליענער, האַלט מען אין איין אַרויסשיטן פרישע ערד. די ערד שיט זיך אָן אַלץ העכער און העכער, און באַלד ווערט שוין פאַרשאָטן דער גאַנצער מיטלסטער וועג. מען קען נאָך איצט מיט די וועגענער צו די גריבער צוקומען. אָבער באַלד — היינט אָדער מאָרגן — היינט אָדער מאָרגן, וועט מען שוין מוזן צופאָרן מיטן זייטיקן וועג. דער זייטיקער וועג ציט זיך אַרום און אַרום. דאָרטן גיסט זיך פון אָפענע רערן וואַסער. דאָס וואַסער מישט זיך צענויף מיט דער ערד, און עס ווערט אַ בלאָטע. היינט אָדער מאָרגן וועלן שוין די נעגערס און די איטאַליענער אָנטאָן די גרויסע „ראָבער־בוטס“. הו־האַ — די גרויסע „ראָבער־בוטס“ פאַרדעקן ביז אַריבער די ליטקעס — עס רייבט צווישן די פיס. דער פוילער נעגער קען גיט פאַרטראָגן, ווען עס רייבט אים צווישן די פיס. ער לייגט אַרויס דעם ריסקל, שלעפּט אַראָפּ דעם שטיוול, פון שטיוול זעצט אַרויס אַ פּאַרע. זיין נאָז האָט ליב דעם ריח פון הייסער פּאַרע. אַלדר מוז אַלעמאָל צולויפן היטן די נעגערס. נעגערס זיינען פוילע. נעגערס קענען אפילו אַ מינוט צו׳גנב׳ענען. און עס קומען די וועגענער, מען דאַרף זיי אָנלאָדן. זאָל רייבן צווישן די פיס. מען דאַרף זיי אָנלאָדן, די וועגענער. די וועגענער זיינען געשפּאַנט מיט שווערע פערד. די פערדישע פיס זינקען איין אין דעם ווייכן באָדן. שנעלער, גיכער. אינזשינירן מיט אַפּאַראַטן, ווי פאָטאָגראַפערס, מעסטן שוין ווייטער דעם באָדן. אָט ווערט פאַרטיק נאָך אַ שטיק לאַנד. שטעל אָן די וואַסער־רער אַהער, לאָז דאָס וואַסער אַהין. גרויסע אינדזשינס האָבן געקאָכט מיט זודיקן וואַסער. געבלאָזן פון זיך מיט פּאַרע און פאַרטויבט דעם געגנט מיטן הוזשעריי און פייפעריי. די מענטשן לויפן אַרום פאַרשמירטע אין בלאָטע. מיט די הויכע „ראָבער־בוטס“, מיט

פארקאטשערטע ארבל, מיט צעכראסטעטע בריסט, און איבער דעם פייפן פון די מאשינען און איבער דעם הודזשען פון די אינ־דזשינס שרייען זיי און ליארעמען און פארטויבן די לופט.

מרדכי עטינגער און אלדה, ביידע זיינען גאנצע טעג אין דעם געגענט איבערגעליגען. זיי זיינען ארומגעגאנגען פאר־שמירטע. מיט די שיך איינגעקלעפּט אין ליים. מיט פארשפריצ־טע מאנטלען. מיט פארשטויבטע היט. מרדכי עטינגער איז ארומגעקראָכן איבער'ן ליימיקן באָדן. צווישן קופּעס שטיינער און ציגל און צעמענט. מיטן שטעקן אין האנט האָט ער אלע־מאָל אָנגעקלאַפּט אין א ציגל אויף דער ערד. אלעמאָל געפּרואווט דעם ציגל צי איז ער הארט גענוג. מרדכי עטינגער איז אן ער־לאבער מאן. אלעמאָל נעמט ער אָן אַ זשמעניע מיט זאמד, רייבט דאָס זאמד מיט צוויי פינגער און פּרואווט אין זיין געדאנק באַ־שטימען ווי פיין און דין דאָס זאמד איז.

— עס זאָל כאָטש דער וועג שטיין א גוטער — זאָגט ער.

— עס זאָל דאָס האָליץ פון וואלד ניט פאַרשפּעטיקן — ענטפערט אלדה.

און דער וועג איז געשטאנען גוט. א הויכע ברענענדיקע זון האָט געוואָרפן היציקע שטראלן איבער אלע פּנים'ער. מען קען זיך פון דער זון ניט באהאלטן. זי וואַרימט און ברענט אָפּ דאָס פּנים, און דעם קארק און די אויבערשטע זייט פון די הענט. אינזויניק, אויף דער דאלאָניע, זיינען די הענט נאָך ווייס און צאַרט, אָבער פון אויבן זיינען די הענט פארברענטע, רויט־האַר־טע. אלעמאָל וויל אלדד עסן. אלעמאָל וויל מרדכי עטינגער טרינ־קען. ציגארעטן זיינען צו גרינג, אלדד רויכערט א ליולקע. בעקי האָט אים געקויפט א ליולקע. זי האָט אים געקויפט דעם טאבאק. די קריסע פון זיין הוט איז פון אלע זייטן אראָפּגעבויגן. דאָס פּנים און דער קארק פארברענט. ער טראָגט גרויע „ניקערס“ און א גרויען „נאַרפאָלק זשאקעט“, אין ענגלישן שניט. הויכע, וואָלענע זאָקן, און א ליולקע אין מויל.

איז דאָס אלדד'ס וועג?

בעקי זאָגט, אים פּאסט דער ספּאָרטישער אָנצוג. ער קוקט אויס, ווי א געבאָרענער ענגלענדער. די שארפע „ריש'ן“ גיבן

צו חן צו זיין ענגלישער אויסשפּראַך. פורן און פירן מיט באַל־טשאַסעם און דרענגער און סלופּעס האָבן זיך געצויגן, ווי אַ לאַנגער קאַראַוואַן אין דעם שוין־איצט טומלדיקן פלעטבוש. די וועגענער בלייבן שטעקן אין דער ווייכער, בלאָטיקער ערד. מען האַלט אָנגעגרייט אַן עקסטראַ פערד, אַ ווייס, מיט ברייטע פליי־צעס, איינגעשפּאַנט אין אַן איינציקן שפּאַן, וועלכער העלפט אַלעמאָל אַרויס, ווען איינער פון די וועגענער בלייבט שטעקן אין דער ווייכער בלאָטע. מרדכי עטינגער קען ניט צוזען, ווי די פערד, אין זייער אנשטרענגונג, ציהען אויס די לאַנגע בייכער און שפּאַרן זיך איין מיט די גראָבע פיס אין דעם ווייכן באָדן — ער שפּאַרט אונטער זיין אַקסל אונטערן וואָגן, צוזאַמען מיט די גוים שמאַטשקעט ער מיט די ליפּן, פּאַכט מיטן שטעקן אין דער לופטן און שרייט „געט־אַפּ״ !

און מיט יעדן טאָג זיינען געוואַקסן די קולות. און מיט יעדן טאָג האָבן זיך פאַרמערט די מענער ביי דער אַרבעט. און עס איז געוואַקסן דאָס קלאַפּן פון די מאַשינען. אויסגעמישטע געשרייען פון איטאַליענער און פּאָליאַקן און נעגערס האָבן זיך געהויבן ביז׳ן הימל, ווי בינען אין אַ בינשטאָק, זיינען זיי אַרומגעלאָפן, געזשומעט און געטראָגן האָלץ און ציגל און ליים ; און אַט טראָגט מען שוין אין דער ערשטער הויז וואָס שטייט אויפ׳ן ראַנג שינדלען פאַר׳ן דאַך. די שינדלען זיינען רוי. דאָס בינטל איז אַרומגענומען מיט דיקן דראָט. עס איז שווער צו טראָגן אַ בינטל שינדלען צוויי שטאָק אַרויף. שוויים גיסט זיך איבער׳ן פּנים. שוויים רינט אריין דורכן קאָלנער איבערן הייסן לייב. אָבער אַ דאַך דאַרף מען צודעקן. אויב מען דעקט ניט צו דעם דאַך קוקט אויס אַ הויז, ווי אַ גרויס אָפן מויל פון אַ ווילדער חיה. דאָס גרויסע מויל קען איינשלינגען אַלע רעגנס. ווער דאַרף האָבן רעגן אינעווייניק אין שטוב פון מרדכי עטינגערס הייזער אין דרום־פלעטבוש ?

מען טראָגט בינטן שינדלען. מען טראָגט לאַנגע ברעטער. פאַרטיק געמאַכטע פענסטער, „סטים ראַדיאַייטאָרס״, סינקס״ און „בעט־טאָפּס״. וויפיל פאַרשיידענע אַרטיקלען מען דאַרף דאָס

אַלץ האָבן צו בויען הייזער? און שלעסער, און טירן, און פאַרב, און שפּאַליר־פּאַפּיר, און וואָס ניט?

מרדכי עטינגער איז מיד. אין אָוונט קומט ער אַהיים אינ־גאַנצן אַן אויסגעשעפּטער. אַרום זיינע אויגן האָבן זיך אויס־געלייגט שוואַרצע רעדער. ער האָט אָנגעוואָרן דעם אַפּעטיט. אַ גלאָז טיי מיט אַ שטיקל געטריקנט ברויט איז געווען פאַר׳ן מאָלצייט.

— איז דאָס באמת אַ מענטשלאַך טועכץ? גראָבט אַ מענטש אַליין זיין אייגענעם קבר? האָט קיין מענטש ניט קיין כח זיך באַפרייען פון דעם, וואָס ער דאַרף זיך באַפרייען?

מרדכי עטינגער האָט קלאָר געזען זיין סוף. ער האָט די אַלע גערעדנקען געטראַכט און געזען, ווי ער ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ שוואַכער און מידער. מען האָט אים שוין איצט אין דער הייסער וואַנע געמוזט אַריינזעצן. עטעל האָט אים געמוזט יעדן טאָג היטן. עפּעס מאָדנע איינפאַלן האָט ער לעצטנס. ער האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אין די נעכט. אַ האַלב נאַקעטער, מיט אַ תּמ׳עוואַטן פּנים דרייט ער זיך אַרום איבער די גרויסע חדרים און רעדט נאָך אויף אויסווייניק פּסוקים פון אַלערליי ספרים. מידערהייט זיצט ער ביז שפּעט אין דער נאַכט און קוקט אַריין אין די פּלענער. חזר׳ט אויס אויף אויסווייניק די בלוי געצייכנטע פּאַפּירן — דאָ וועט זיין דאָס עס־צימער — רעדט ער צו זיך אַליין, ווי אַ חסר־דעה. — רעכטס פון דעם אָפּגעשפּאַרטן ווינקל וועט מען מאַכן אַן איינגעמויערטע שאַפע פאַר קליידער. אויפן צווייטן שטאָק, איבער די אונטערשטע טרעפּ, וועט צוקומען אַן איבעריקער שלאָפצימער.

מרדכי עטינגער פּרוּווט קאָרעגירן דעם פּלאַן. ער זאָגט צו אַלדד׳ן:

— ווען מען פאָלגט מיך, וואָלט מען די „וועסטיביול" אינ־גאַנצן אַרויסגעוואָרפן. מען וואָלט דעם שטיק פּלאַץ בעסער צע־טיילט צווישן דעם עסצימער און דער קיך. מענטשן האָבן ליב גרויסע עסצימערן. אַ גוטע באַלעבאָסטע קוקט צוערשט אויף דער קיך.

אַלדד שלאָגט אים גלייך איבער:

— פאַר דעם פּרייז, וואָס מיר שטעלן אַוועק דאַרף מען געבן אַ „וועסטיביול".

מרדכי עטינגער שווייגט שוין. ער האָט מורא פאַר אלדד'ן. ער דרייט זיך אָפּ פון אים מיט אַ פּנים פון אַן אונטערטעניקן, ווי אַ קינד, וואָס האָט מורא פאַר אַן עלטערן. בלויז אונטער די פּלייצעס שטעלט ער אַרויס אַ צונג, מאַכט אַ פּאַרקרימטע גרי־מאַסע, פאַררוקט די יאַרמולקע איבערן שטערן, ווי אלדד טראָגט זיין הוט, און שטעלט אים אויף גיך אַרויס די צונג.

און אָט איז אויסגעוואַקסן אַ שטאָט — אַ טייל פון אַ שטאָט. וואָס וועט זיך נאָך צעשפּרייטן און פאַרצווייגן ביז אַרונטער צום ים צו.

אַלץ איז געווען פּונקט אַזוי, ווי אלדד האָט פאַרטראַכט. אויף די נייע גאַסן זיינען געשטאַנען נייע הייזער. צוויי־פאַמיליענ־דיקע. אַלע מיט דעם זעלבן אויסזען און אַלע פון דער זעלבער גרויס. גרויע „סטאַקאָ" מיט גרינע דעכער, מיט האַלב רונדע פענ־סטער, מיט באַלקאָנען צום אַרויסגיין. אין דער פראָנט זיינען די אויבערשטע עטאַזשן, אין סאַמע מיטן, געווען עטוואָס אַרויסגע־רוקטע, אַזוי ווי אין דער לופטן הענגענדיקע, און פון ביידע זייטן האָבן געשיינט מיט זייערע גלאַנציקע שויבן, אַנטקעגן דער זון די צוויי „זון־פּאַרלאָרס". פּאַזע דער גאַנצער לענג פון דער גאַס, זיינען געלאָפן אויסגעפּלאַסטערטע טראָטואַרן, איינגעוויקלט אין פריש פאַרזעצטן גרינעם גראָז. דער אַריינגאַנג צו די הייזער איז געווען מיט ברייטע רויט אָפּגעפאַרבטע טרעפּ. מיט געשניצטע פּעדעסטאַלן, מיט שמאָל־לאַנגע טירן, מיט קליינע אַכט־עקיגע שויבן, וועלכע זיינען געווען פאַרצויגן מיט זאַמד־קאָלירנדיקע שטאָרן. אַרונטער די גאַסן, דאָרט, וואו עס איז געווען נעענטער צום „על", זיינען געווען די קראָמען, ווייסע, גראַמע, הויכע ווענט מיט הויכע סטעליעס, מיט גרויסע גלעזערנע פענסטער און טירן. די פענסטער זיינען געווען איינגעשמירט אין קאַלך, די טירן — אין פרישן פאַרב. די טראָטואַרן זיינען דאָרט געווען ברייט געפּלאַסטערט, ביז אין מיטן וועג אַריין. — מען האָט געוואוסט, אַז ווען עס וועט קומען דער טאָג פון שפע, וועט מען דאַרפן האָבן פּלאַץ וואו זיך אַהינצוטאָן.

אַלץ איז שוין געשטאַנען און געשיינט אַנטקעגן דער זון. מיטן ריח פון פרישער פאַרב, און מיטן ריח פון פּייכטן האַלץ

און פון קאַלך און פענסטער איז געוועז אַנגעפילט די לופט. מרדכי עטינגער האָט זיינע אויגן ניט געגלויבט, ווען ער האָט דאָס בילד געזען. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז אַ חלום. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער גייט אַרום אויף אַ וועלט, אַ ניט־דאַאיקע. פאַרביי זיינע אויגן זיינען אַרומגעפלויגן פלעדערמייז און יאַסטרויבן און פייערדיקע רעדער. ער האָט געזען אַ וועלט, וואָס שטייט אויף פיר הויכע דרענגער. אונטער די דרענגער איז געווען אַ טיפע פינסטערניש. ער האָט אָנגעשטרענגט זיין גאַנצן כח אַהין אַריינצוקוקן. אָבער ער האָט גאָר ניט געזען. ווען ער זאָל איצט זיין אינגער! ווען זיין ראיה זאָל זיין אַ ווייטע! מרדכי עטינגער האָט געוואָלט קוקן ערגעץ אין אַ ווייטער ווייט. ער איז געוואָרן, ווי אָפּגעטיילט פון אַלץ עקזיסטירנדיקס. דאָס נאָענטע פון אים האָט ער ניט געזען. ער האָט עס ניט געוואָלט זען. זיין מח האָט זיך אין אים איבערגעקערט. אַלץ איז געוואָרן שפּיציק. יעדע זאַך איז געווען פּונקט פאַרקערט. דערפאַר, וואָס אַלע מענטשן האַלטן דעם צונג צווישן די ציין, האָט ער דווקא געוואָלט זיין צונג אַרויסשטופּן. אַלע מענטשן שטייען אויף די פיס, האָט זיך אים דווקא געוואָלט שטיין אויפן קאָפּ. ער האָט דאָס ניט געטאָן. ער האָט בלויז אויף איין קליינער ווײַלע אַרויסגעשטעקט די צונג און געגעבן אַ שפּרונג אונטער, ווי איינער וואָס וויל פליען — אָבער בלויז אויף אַ ווייַלע. באַלד האָט ער געגעבן אַ בייזן מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער, וואָס וויל עפּעס אָפּשטופּן — גלייך, ווי ער זאָל וועלן די פינסטערניש צע־טרייבן. אָבער אין זיינע אויגן איז נאָך פינסטערער געוואָרן. ער האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן צו שרייען:

— אלדד! וואו ביזטו! וואוהין האָסטו מיך פאַרפירט! אלדד! אלדד!

ווען מרדכי עטינגער איז געקומען צו זיך האָט ער זיך פאַר־שעמט. ער איז געבליבן אַזוי שטיין און געקוקט מיט צוויי תמ'ע־וואַטע אויגן אויף די לאַנגע ציילן הייזער. ער האָט געהאַט אַ פּנים ווי אַ חולה נופל, ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. ער האָט זיך אַרומגעקוקט צי עמיצער האָט אים געזען. ווי אַ גנב האָט ער זיך פאַרקליבן צו איינער פון די פאַרמאַטבע קראָמען.

— גאָט מיינער, גאָט מיינער — האָט ער אין דער שטיל אָנגעהויבן צו וויינען — צו וואָס טויג מיר דאָס אַלץ? פאַר וועמען וועל איך דאָס איבערלאָזן? זאָל קומען עמיצער און דאָס אַלץ פון מיינע הענט אַרויסרייסן. זאָל קומען אַ פייער און דאָס אַלץ פאַרברענען. זאָל קומען עמיצער און מיך פון דער משא באַפרייען — איך וועל דאָך משוגע ווערן.

ער איז ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ הינער פּלעט. שטייענדיק אין דעם חלל פון די פאַרשלאָסענע טירן, לעבן דער ליידיקער קראָם, האָט מרדכי עטינגערן זיך מיט אַמאָל געדוכט, אַז ער שטייט פאַר'ן כסא הכבוד. פלאַמענדיקע מלאכים, יעדער מיט זעקס פליגלען, שוועבן אַרום און אַ פייערדיקן זייל. פון אַ טיפער אומענדלאַכקייט האָט שוואַך אַפּגעהילכט אַ דומפּ קול: ביזטו געווען אַזוי ערלאַך ווי אברהם? האָסטו אויסגעטיילט גערעכטיקייט צו דיינע שכנים? און מיט וואָס האָסטו מכפּר געווען דיינע זינד? דיינע קינדער זיינען אַוועק אין שלעכטע וועגן, האָסטו געבראַכט אַ קרבן פאַר אַ כפּרה? און מיט אַמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו פליען אין אַן אויסגעהיילטן רוים. גרינגער פון פעדערן זיינען געוואָרן זיינע פּיס. זיין קאָפּ האָט פון שנעלקייט געשווינדלט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. אָבער מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער געזען — ווי פייערדיקע רייטער יאָגן זיך נאָך אים. ער האָט אָנגעהויבן פילן די ברענענדיקע היץ, וואָס עס האָט פון זיי געשלאָגן. אַ העליש פייער האָט אַרומגענומען זיין קאָפּ, ער איז אַנידערגעפאַלן אויפן ברוק.

דערמאָלט האָט זיין ווייב עטעל זיך באַשוואוירן, אַז אָן זיין וויסן, וועט זי רופן אַ גרויסן פּראָפעסאָר.

5

ווען אַלדר איז אויף מאָרגן אַריינגעקומען צו מרדכי עטינגער'ן אין צימער אַריין, האָט ער אים געטראָפן, האַלב ליגנדיק אין בעט. ער איז געווען אַרומגעלייגט מיט קישנס, זיין פּנים איז געווען בלייך, אַרום די אויגן האָבן זיך שאַרף אָפּגעטיילט די שוואַרצע רעדער, און אויפן האַלדז האָט אַרויסגעשפּאַרט דער גאָרגל, ווי אַ שפּיציקער קנאָפּ.

— גוט, גוט וואָס ביזט געקומען — האָט מרדכי עטינ־גער געזאָגט — איך האָב טאַקי געוואָלט מיט דיר ריידן.

מרדכי עטינגער האָט געהאַלטן אין איין ריידן. ער האָט גערעדט צו זיין ווייב עטעל, ער האָט גערעדט צו דער דינסט עמאַ, ווען קיינער איז אין צימער ניט געווען, האָט ער גערעדט צו די ווענט, צו זיך אַליין.

אלדד האָט געוואָלט אויסמיידן די רייד, ער האָט ניט גע־וואָלט מרדכי עטינגער זאָל זיך אויפרעגן.

— עס איז בעסער פאַר אייך צו שווייגן, פעטער — האָט ער געזאָגט — דער דאָקטער זאָגט איר זאָלט שווייגן. איר דאַרפט רו.

— רו, רו, — האָט עטינגער געבורטשעט — איצט בין איך שוין רואיק. נעכטן — פאַראיאָרן — בין איך געווען קראַנק — איצט בין איך שוין רואיק. וואָס טאַקי איז מיר געווען נעכטן?

ריידנדיק איז ער געוואָרן אַלץ אומרואיקער. ער האָט זיך געהויבן פון בעט, ווי איינער, וואָס וויל שפּרינגען. זיינע באַקן האָבן זיך גערויטלט, זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט, איין האָר, איבער'ן גלאַט אויסגעקראָכענעם קאָפּ, האָט זיך אויפגעשטעלט און איז געשטאַנען איינע אַליין אין מיטן הויכן שטערן.

ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ שטול נעבן בעט.

— זעץ זיך — האָט ער געזאָגט — הער מיך אויס. איך דאַרף מיט דיר אַ וויכטיקן ענין איבעררריידן. איך וויל מיין גאַנצן פאַרמעגן צעטיילן אויף צדקה.

אלדד איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער און אים אַנגע־קוקט מיט פאַרוואונדערונג.

— גאָט האָט זיך צו מיר באַוויזן אין חלום — האָט ער געזאָגט — גאָט האָט מיר געזאָגט אַז איך בין אַ גילגול פון די אבות. אין מיינע אָדערן טריפט דאָס בלוט פון די הייליקע אבות. איך האָב דאָ אויף דער וועלט אַ שליחות. מיט מיין שיקן וואָל קיין אויסלאַנד איז געווען אַ כונה. עס איז דאָ אַ כונה אין מיין בויען הייזער. פאַרשטייסט! אַ כונה — וואָל איז וויים — דערמיט האָב איך אויסגעלייזט דאָס אידישע

פאַלק פון זיינע זינד. ווען משיח וועט קומען, דאַרף גאָט'ס פאָלק זיין קלאָר, ווי א ווייסע שאָף. ברענג מיר מיין טלית און תפילין און איך וועל דיר מיין נביאות זאָגן. גאָט'ס רייד, וועל איך דיר איבערגעבן. און אויב דו וועסט גלויבן אין זיין גרויסן נאָמען וועסטו מצליח זיין. דורך גלויבן זיינען געפאַלן די ווענט פון יריחו. דורך גלויבן זיינען די אידן אריבערגעגאַנגען דעם ים־סוף, ווי איבער א טרוקן שטיק ערד. און וואָס זאָל איך דיר נאָך זאָגן? שאַ! שטיל. עס איז די צייט איצט צו קורץ פאר מיר צו ריידן. קום צוגיין מאָרגן. מאָרגן. מיט'ן באַגינען. שאַ, שטיל. — ער האָט זיך איינגעבויגן. צו אים א וואונק געטאָן מיט ארויסגעשטאַרצטע אויגן, און שטיל אים איינגערוימט א סוד — מאָרגן. קום מאָרגן, ווען עס בלויט אין די פענסטער — איך האָב דיר עפּעס צו זאָגן.

אלדר איז געבליבן זיצן א פארשטיינערטער. די הענט און די פיס זיינען אים געוואָרן ווי פּאַראַליזירט. ער האָט ניט געקענט עפענען דאָס מויל, און ניט געקענט זען מיט די אויגן. ער איז געבליבן אַזוי זיצן און געפינטלט מיט די אויגן.

מרדכי עטינגער האָט זיך אויסגעצויגן אויפ'ן בעט, זיינע ליפּן האָבן געציטערט, אים האָט געוואָרפן א צאָן אָן א צאָן. טראָפּנס שווייס זיינען געשטאַנען אויפן שטערן. ווי מאַכטלאָז האָט ער שטיל געמורמלט:

— עס איז מיר היים. אפשר קען מען עפענען א פענסטער.

ווען ער איז אַזוי אַפּגעלעגן א שטיקל צייט, און עס האָט זיך געדוכט, ווי ער האַלט ביים איינשלאָפן, האָט אלדר זיך שטיל אויפגעהויבן.

— וואַרט, — האָט מרדכי עטינגער שטיל געזאָגט — גיי נאָך ניט. וואָס הערט זיך עפּעס אין דער אַרבעט.

— אַלץ גייט אין אָרדנונג — האָט אלדר געענטפערט.

— פארקויפט עפּעס?

— שוין באַלד אַלץ פארקויפט.

— דאַנקען גאָט. דאַנקען גאָט. אַזאַ משא אויף מיין קאָפּ געווען.

— און איצט בלייבט מיר שוין גאָרניט איבער, וואָס צו טאָן — שמייכלט שוין עטינגער.

— וואָס נאָך דאַרפט איר טאָן ? — פרעגט אלדד.

— גענוג, גענוג — שטופּט עטינגער אַראָפּ די קאָלדרע. אלדד העלפט אים.

— מאַך מיר העכער דעם צוקאָפּנס — זאָגט עטינגער. אלדד העלפט אים.

— און איצט וועל איך שוין קענען מיין פּלאַן אויספירן — הויבט ווידער אָן מרדכי עטינגער.

— וואָסער פּלאַן ? — פרעגט ווידער אלדד.

— פון צעטיילן מיין פאַרמעגן.

מרדכי עטינגער איז שוין ווידער צעהיצט.

— דו ווייסט גאָר ניט פון מיינע פּלענער — זאָגט ער לייכט שמייכלענדיק — ווען איך האָב אין מיין יוגנט דעם ערשטן אַרויסשפּאַן געמאַכט, האָב איך זיך אַ נדר געגעבן אַ האַלב פון מיין פאַרמעגן אויף צדקה צו צעטיילן. וויפל גאָט וועט מיר באַשערן זאָל איך אַ האַלב דערפון צוריקגעבן. צי עס וועט זיין אַ שטיקל ברויט, צי וועט עס זיין אַ סך טויזנטער, און איצט איז שוין די צייט געקומען.

— צדקה איז אַ שיינע מדה — טרייסט אים אלדד.

— איך בין עס שולדיק. אין דעם זכות האָט מיר גאָט געהאָלפן.

אלדד איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ דערשלאָגענער. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן, און ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ריידן. ער האָט געוואָלט אויסמיידן רייד. רייד רעגן אויף דעם פעטער. דער דאָקטער האָט געהייסן אים לאָזן רוען.

מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן האָט אלדד שטיל געזאָגט:

— איך וועל אייך בעסער לאָזן אַליין, פעטער, איר זיינט אַזוי מיד.

— יאָ, איך בין מיד.

מרדכי עטינגער האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו דער וואַנט.

— אַ גוטע נאַכט, פעטער.

— אַ גוטע נאַכט — האָט ער געזאָגט.
אַלדר איז אַ דערשלאָגענער אַרויס פון צימער.

מרדכי עטינגער איז שוין געבליבן אַזוי ליגן פּאָר אַ לענגערע צייט אין הויז. עס איז אַוועק אַ חודש און צוויי. עס איז אָנגעקומען דער ווינטער. אַ מילדער, ליכטיגער ניו יאָרקער ווינטער. די זון האָט גאָלדיג געשיינט איבער אַ טיפן בלויען הימל. דער פליגל־זייט אין וועלכן עס האָט געוואוינט מרדכי עטינגער איז געווען אַ גאַנצן טאָג באַגאָסן מיט דער גאָלדענער זון. אין אָוונט האָט געגומען אַ פרעסטל. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער אָוונט־פראָסט קומט בכיון, כדי אויסצולופּטערן די גרויסע שטאָט פון דער טעגלאַכער ענגשאַפט.

אין שטוב האָט זיך איצט צעלייגט אַן אָנגענעמע וואַרימקייט. די לאָמפּן האָבן ליכטיק געברענט. פון די טיפע דיוואַנען האָט געשלאָגן מיט ווייכקייט. פון די ווינקלען איז געפאַלן אַ רויטע וואַרימקייט. רויט און וואַרים און שטיל האָט אַרומגענומען די גאַנצע שטוב. און דאָס מעבל אין ווייכן סאַמעט האָט זיך נעטונקלט אין אַלערליי שטילע קאָלירן.

— וועט דאָס זיין אַ ווינטער, ווי אַלע ווינטערן אין דער דאָזיקער הויז? עמיצן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ — עמיצער האָט זיך געטראַכט טראַכטונגען — בעקי וואַרט אויפן פרילינג. זי ווייסט ניט וואָס און זי ווייסט ניט ווען, אָבער מיטן פרילינג וועט עפּעס געשען... זי האָט זיך אַזוינס אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין. בעקי איז אַ יונג מיידל. בעקי האָט ניט קיין ערפאַרונג. זי ווייסט ניט אַז אויב עפּעס טאָן — דאַרפסטו טאָן היינט. אָבער זי איז געזונט און שטאַרק — זי קען וואַרטן — וואַרטן. אירע מאָרגנס זיינען גאָלדענע — זי שפּילט זיך מיט די מאָרגנס — מאָרגן — איבערמאָרגן. איבעראיבערמאָרגן. — און פרילינג... וואָס וועט זיין אין פרילינג???

מרדכי עטינגער ליגט אין הויז. אַ טאָג פילט ער גוט און אַ טאָג פילט ער שלעכט. אין די שלעכטע טעג האַלט ער אין איין לייענען אין די אַלטע ספרים. גאַנצע פּסוקים מורמלט ער אויף אויסווייניק. אין די שלעכטע טעג, גרייט ער זיך צום

יום־הדין. ער שיקט רופן אהרן בוכבינדער און אשר ראָזענצווייגן און האַלט אין איין בעטן מחילה.

— זייט מיר מוחל מיינע עולות — זייט מיר מוחל מיינע מעשים. הן במזיד והן בשוגג.

און אין די גוטע טעג רייסט ער זיך אין געשעפט אריין. ער שיקט רופן אלדד'ן. גיט אים פארשידענע עצות. פרעגט זיך נאָך אויף אַלערליי קלייניקייטן, און צוויי מאָל דורך דער צייט, האָט מען אים געמוזט מיטן אַטאָמאָביל אין אָפיס אריין פירן.

דער אָפיס האָט אים איצט אויסגעזען פרעמד. די אָנגע־שטרענגטע פנים'ער ביי די טישן זיינען אים געפעלן געוואָרן. ער האָט באַוואונדערט די שטארקע האַנט פון דעם מענטשן, וואָס האָט דאָרט אַזאַ אָרדנונג איינגעפירט. ער האָט זיך גע־וואונדערט אויף דער דאָרטיקער שטילקייט. מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אַט די טישן ביי וועלכע די מענטשן זיצן, וואָלטן באַדאַרפט שטיין אין דער לענג, אַנשטאָט, ווי איצט אין דער ברייט. ער האָט געשיקט רופן אלדד'ן, ער האָט זיך מיט אים פארשפּאַרט אונטער פארשלאָסענע טירן און צו אים אַזוי געזאָגט:

— מיינע כוחות פאַרלאָזן מיך שוין. איך זע שוין דעם טאָג פון דעם סוף. אָבער איך מוז נאָך אַ סך ארבעט טאָן. איך האָב נאָך אַ גרויסן פּלאַן דורכצופירן. נעם דו איבער אַלע געשעפטן אין די הענט אריין, און איך וועל איבערשטעלן די טישן.

אלדד האָט אים אָנגעהויבן טרויסטן. וואָס דען האָט אלדד געזאָלט טאָן?

— באַרוהיגט זיך פעטער — האָט ער געזאָגט — מיר וועלן נאָך ריידן דערפון.

— אָבער אַז דו וועסט גלייך ניט איבערשטעלן די טישן, וועסטו פארשפּעטיקן... דאָס וואָס ווערט ניט אָפּגעטאָן היינט איז שוין מאָרגן פארפאַלן.

אלדד האָט ניט ווילנדיק אָנגעהויבן ריידן אויף אַ הויך קול:

— פעטער, וואס איז מיט אייך? איר מוזט זיך נעמען אין די הענט אריין? שעמט זיך!

מרדכי עטינגער האט זיך דערשראקן. ער האט מורא פאר אלדד'ן. ער האט געווארט אויפן מאמענט, ווען אלדד האט זיך אומגעקערט צו אים מיט דער פלייצע, און ער האט אים ארויסגעשטעלט א צונג.

— נא, אט האסטו!

אלדד האט אים גענומען פירן איבערן אפים. ער האט אים געוואלט ארויסנארן אין דרויסן ארויס. ער האט אים געפירט אונטערן ארעם, און אים ערקלערט אלערליי קלייניקייטן. די מענטשן ביי די טישן האבן אויפגעהויבן זייערע אויגן. זיי האבן צו אים אונטערטעניג געשמייכלט און אים באגריסט. דער אל־טער פארטער איז צוגעלאפן, מיט דער ווייסער הענטשקע אויף זיין גרויסער האנט האט ער אים געכאפט אונטערן ארעם און אים געהאלפן דורכגיין.

— א דאנק, מעטיום, א דאנק — האט עטינגער געשמייכלט — איך קען נאך אליין אויף מיינע פיס שטיין.

— און ווי אזוי קומען אריין די צאלונגען? — האט ער געפרעגט אלדד'ן.

— זייער גוט.

— און וועגן די הייזער?

— די הייזער זיינען שוין כמעט אלע פארקויפט. די צא־לונגען קומען אריין פינקטלאך מאנאטליך.

— זייער גוט. זייער גוט. און דו קענסט זיך באגיין אן מיר? — האט ער פלוצלינג געפרעגט.

— איר דארפט זיך ניט זארגן פעטער. אלץ גייט צו פונקט, ווי ווען איר וואלט דא געווען.

— זייער גוט. זייער גוט.

ווען מרדכי עטינגער איז אהיים געקומען, האט ער זיך אן אנגעטאנענער צוגעלייגט אויף דער סאפע.

— עמא! — האט ער געזאגט — זיי אזוי גוט און העלף מיר. שטעל אוועק דעם שטול אונטער מיינע פיס. ניין, ניט דעם — יענעם.

עמא האָט אונטערגעטראָגן יענעם שטול.

— אַ דאַנק. אַ דאַנק. גיי — גיי.

ווען עמא איז אוועקגעגאַנגען האָט ער געטראַכט פון איר. ער האָט געטראַכט פון איר גוטסקייט. ער האָט געטראַכט, און עס האָט אים ווײ געטאָן דאָס האַרץ, וואָרום זי האָט ניט חתונה — אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס זי בלייבט אַ פאַרזעסענע. איך זאָל זי חאָטש אין מיין צוואה נט פארגעסן.

ער איז שווער אַראָפּגעקראָכן פון דער סאָפע. קרעכצנדיק איז ער צוגעגאַנגען צו דעם שראַנק, פון שראַנק אַרויס־גענומען אַ ביכעלע, און דערנאָך האָט ער פּאַוואָליע און מיט דריבנע ריינע אותיות אַריינגעשריבן אין דעם ביכעלע.

„צען טויזנט דאָלער פאַר עמא׳ן, אויב זי וועט נאָך ביז דעמאָלט זיין אַ בתולה. אויב זי וועט ביז דעמאָלט חתונה האָבן, דאַרף מען איר אַ חוץ דעם געבן אַ שיינעם דרשה געשאַנק — אַזא, וואָס עס פּאַסט פאַר אַ באַלעבאַטישן מענטשן צו געבן.

6

מען איז שוין פאַרטיק מיט דער אַרבעט. די הייזער אין פּלעטבוש זיינען שוין אַלע אויספאַרקויפט. צענדליקער ווענע־נער מיט מעבל ציען אין יענעם געגענד. קינדער פאַרהילכן די לופט מיט קלינגענדיקע קולות. אַרויסגעלאָזט פון די ענגע גאַסן איבער דער שטאָט ניו יאָרק, און אַריינגעבראַכט אין אַ שטאָט פון בוימער און מיט אַ הימל, האָבן זיך די קינדער צע־לייגט איבער דער גאַנצער גאַס. גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן באַלייכטן די שטיל־באַבוימטע גאַסן ביז׳ן פריען טאָג אַריין. קינדער שפּילן מיט פּילקעס. פון איין עק גאַס ביז דער צווייי־טער, און אַריבער די דעכער, פליען די האַרטע פּילקעס. מרדכי עטינגער קוועלט פון פרייד. מרדכי עטינגער פאָרט אַהער צו מיטן גרויסן אָטאָמאָביל און פאַר שעה׳ען לאַנג קען ער אַזוי שטיין און קוקן און קוועלן פון דעם נייעם ישוב — איצט איז געקומען די צייט פון פאַרווירקלאַכן זיין חלום — פון אויס־פירן דאָס וואָרט — עס איז געקומען די צייט פון מקים זיין די שבועה, וואָס ער האָט זיך אַמאָל אין דער יוגנט געגעבן, אין די טעג ווען ער איז אַ גרינער איבער די גאַסן פון דער פרעמדער שטאָט אַרומגעגאַנגען.

— וואָס פאַר א חלום איז עס געווען? און וואָס פאַר א שבועה האָט ער זיך געגעבן? מרדכי עטינגער האָט זיך געגעבן א שבועה — מרדכי עטינגער איז געבוירן געוואָרן אין א קליין שטעטל, ביי א גרעניץ, וואָס האָט אָפּגעטיילט צוויי לענדער. פאַרן אויג איז גאָר קיין חילוק ניט געווען צווישן די צוויי לענדער ביים גרעניץ. דאָ אויף דער זייט גרעניץ, און דאָרט, אויף יענער זייט גרעניץ, האָבן געוואַקסן ביים „זברוטש" די זעלבע ווערבעס. פון טייך האָבן זיך אויףביידע זייטן גרעניץ, אויף דער זייט און אויף יענער זייט, אויפגעהויבן עטוואָס אויפגעהויבענע פלאַכן פון א ליימיקן באָדן באַוואַקסן מיט הויכן ווילדן גראָז. איבער דער לענג פון טייך, אָפּגעטיילט מיט א שטך פון א טויזנט פיס און צווישן, זיינען געלעגן איבערגעלעגטע שמאָלע ברעטער, אַזוי אַז די גוים (בלויז גוים און ניט קיין אידן) פלעגן אומגעשטערט אריבערגיין פון איין זייט אויף דער צווייטער. גוים פון רוסלאַנד האָבן געהאַט שטיקלאַך פעלד אויף דער גאַליציאַנער זייט, און זיי פלעגן דאָרטן גיין זייער לאַנד באַאַרבעטן. פון ביידע זייטן טייך, ביים סאַמע ברעג, זיינען געשטאַנען ביידע בעדער. די באָד פון קליין־ירושלים אויף רוסלאַנד'ס זייט, און די באָד פון קייזערסוואָד אויף דער גאַליציאַנער זייט. אביסל העכער, אויפגעהויבן אויף א קליינעם בערגל איז געשטאַנען אין א ריי די טשאָרטקאָווער קלויז, די הוסיאַטינער קלויז, די שניידער שול און די אַלטע שול. אין דער טשאָרטקאָווער קלויז פלעגט דאָס מרדכי עטינגער, פון זינט ער איז אַלט געוואָרן אכט יאָר, און איז אַרויס פון גמרא־מלמד, גיין אַלע פאַרטאָג לערנען. און אַלע פאַרטאָג האָט דער זעלבער זעלנער געפרעגט — „קטאָ אידאָט", און מרדכי פלעגט אַלע פאַרטאָג ענטפערן — „סוואָי", און זאָגנדיק דאָס וואָרט „סוואָי" האָט ער געהאַט א געפיל, אַז ער איז איינער פון א גרויסער משפּחה וועמענס מיטגלידער עס ציילן זיך אין די טויזנטער.

קליין־ירושלים האָט געלעבט מיט די נעכט. בייטאָג האָבן זיך אַרומגעדרייט ציגן אין די גאַסן. די ציגן האָבן צוגעבאָמקעט מיט די ציגענע בערדלאַך זייער גרויס צופרידנקייט מיט די שיסלען באָב און קלייען, און זיי זיינען ווילד פון זאַטקייט

ארומגעשפרונגען איבער די שטעלן פון הויבס, וואָס זיינען געווען צעשטעלט איבערן מארק. פארשלאָפענע ווייבער, אין וואטאָווע לייבלאך, זיינען געזעסן אויף די שוועלן פון די מיט לאָדנס צוגעמאכטע קלייטן, זיך געבראָטן אנטקעגן דער תמוז־זון, און געהיט די קינדער, פון די גוישע חזירים וואָס האָבן זיך אריינגעכאפט אין די אידישע גאסן.

וואו ניט וואו האָט זיך באוויזן א גוישע פורל אויפן מארק. די צוויי קליינע דארע פערדלאך זיינען אראָפגעלאָפן דעם מיט רו־דיעס בארג. דאָס וועגעלע האָט אויפגעהויבן א שטויב. דאָס וועגעלע צוזאמען מיטן שטויב האָט זיך אזוי אָפגעשטעלט אין סאמע מיטן מארק. פונקט אין דער פראָנט פון הינדע פון דער יאמקעס קלייט, און דער גוי האָט פון דער פור אראָפגעשריען:

— „רזשינדראָברע פאני הינדע“!

און הינדע האָט פון דער שוועל אראָפ צוריקגעשאָקלט מיטן קאָפ

— „דאי וואָס באָזשע סטשאסטיע, קומא וואיטעק“.

אלע קלייטן האָבן געענטפערט דעם גוי. אלע ווייבער האָבן אָגעהויבן רייבן די פארשלאָפענע אויגן. ציגן האָבן פון שרעק אָנגעהויבן שפרינגען. די ווייבערשע אויגן האָבן אָנ־געהויבן גלאנצן פון קנאה. הינדע פון דער יאמקעס האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שוועל. אַן אויסגעפּארעטע אין איר וואַ־טאָוון לייבל, האָט זי פאריקט די פאטשיילע אונטער ביידע אויערן, אראָפגעטרייסלט דאָס געפאלדעוועטע פארטוך, מיט ביידע הענט צו די זייטן צו, און צוקומענדיק צו דער פור, האָט זי אָנגעהויבן אראָפנעמען דעם שאָק אייער, דאָס ביסל רעטשקע, א בינטל פאוואטינקעס אין דעם, ווי א וואָליאק אויסגעפלאָכטענעם שטיק פלאקס.

זי האָט דאָס אריינגעטראָגן אין קלייט אריין. און דער־פאר האָט זי אָנגעלעגט דעם גוי א פולע פאזוכע מיט געדרייטע בייגל, צוקערקעלאך, א באנקעלע מיט נאפט, א פאָר דארע טשאכאָניעס און א פערציגער אין מזומן.

קיין מאנסבילן האָט מען אין קליינירושלים אין די וואָכעדי־קע טעג ניט געזען.

זייער וועלט האָט זיך אָנגעהויבן מיט חצות.

מיט חצות גלייך, זיינען שוין געשטאַנען די דריי בתי־מדרשים (אַ חוץ די אַלטע שול, אין וועלכער עס האָבן זיך גע־האַלטן שדים) באַלויכטענע. מיט די בליצלאָמפּן צעלייגט איבער אַלע ווינקעלאַך, האָט זיך דאָס ליכט צעלייגט ווייט אַריבער דעם גרעניץ — אַריבער דעם גרעניץ, וואו עס צעשניידן זיך געהיימניספולע וועגן, וועלכע פירן אַוועק אין ווייטע אומבאַ־וואוסטע לענדער. מרדכי'ן האָט געצויגן אין די ווייטע אומ־באַוואוסטע לענדער. פאַר אַלע אינגלאַך איז יענע זייט גרעניץ געווען דאָס לאַנד פון אייביקן בענקען. דאָרטן טראָגן די זעלנער קאַמאַשן, מיט הויכע קירישע היט, מיט פעדערן אין די היט. די זעלנער קענען ריידן אַלערליי שפּראַכן. זיי קענען אפילו ריידן דייטש. מיטן ביכעלע אין בוזעם קעשענע קען קירי'ס זעלנער אָנשרייבן דעם גרעסטן פּראָטאָקאָל, אפילו ביז צו פראַנץ־יאָזעפ'ן און אַלע פאַרטאָג, אבי מרדכי האָט זיך געקענט אַוועק'גנב'ענען פון טאַטן, פלעגט ער שטיין און קוקן אין דער ווייטער פינסטערניש, און וואַרטן פאַר אַ נס — טאָמער וועט אים עמיצער אַכאַפּ טאָן און אַוועקטראָגן אין יענע ווייטע לענדער. אבער אַ כאַפּ געטאָן האָט אים דאָס אויסטערלישע ליכט פון דער טשאָרטקאָווער קלויז, פּונקט ווי עס האָט פאַרכאַפּט און אויפגענומען אַלע אַנדערע אידן און אינגלאַך, וואָס האָבן זיך געצויגן פון אַלע עקן שטאָט.

די אידן זיינען געקומען שטילע, אונטערגעגאַרטלטע, מיט אויסגעפלאָכטענע פּיאות און לאַנגע בערד. מיט די הענט פאַר־שטעקט אין די ברייטע אַרבל, האָבן די אידן מיט די זייטן פון זייערע אַקסלען, און מיט די עלנבויגנס צעעפנט די צוויי האַלבע טירן פון דעם פּאָליש, און דערנאָך פון דער קלויז, און אַזוי שטומשווייגנדיקע זיינען זיי פאַרשוואונדן אין דעם מקום קדוש אַריין.

— הם, הם, אמר רב אביא — שרעקנדיקע זיפצן — קולות פון מסירת הנפש, קריכן אַרויף ביז צו דער סטעליע. עס טוקט דער בליץ לאָמפּ. עס גלאַנצט דער כיור. עס ווערט צעריסן דאָס האַרץ פון בענקעניש. גאָט שוועבט אַרום איבער

יעדן ווינקל פון זיין מקום קדוש. אידישע הערצער באהעפטן זיך מיט גאָט. מען שאָקלט זיך פריי און חקירה׳ש. מען פּלפּול׳ט זיך איבער א שווערע הלכה — אמר רב פּפּא — מען פלעכט פּיאות — מען בייסט בערד.

און אזוי די אינגלאַך. פּונקט ווי די טאַטעס, קומען זיי שטילע און בלאַסע מיט צער אויפן פּנים, מיט ניט אויסגע־שלאָפענע פּנימער, מיט פון קעלט, טרייסלענדיקע ציין, און פּונקט ווי די טאַטעס שטופּן זיי אריין די קליינע הענט אין די ברייטע ארבל, פּילן מיט די פינגער די ווארימע הויט פון די הענט און גייענדיק, שאָקלען זיי זיך און טרויסלען מיט די אויסגעפלאָכ־טענע פּיאות.

מרדכי פלעגט יעדן פאַרטאָג אויפשטיין צוזאמען מיטן טאַטן צו חצות. גיין אין דער טשאַרטקאָווער קלויז אריין און אזוי ביז שחרות לערנען תורה.

בלויז איין טאָג אין דער וואָך — מיטוואָך, האָבן זיך די אידן פון קליין ירושלים אָפּגעריסן פון דער תורה און זיינען געגאַנגען אין מאַרק אריין האַנדלען.

אין קליינירושלים איז מיטוואָך געווען דער מאַרק טאָג. דעמאָלט זיינען זיך צענויפגעקומען די גוים פון די ארומיקע דערפער. די גוים האָבן זיך אויסגעשטעלט מיט די פלאַכע, נידריקע וועגלאַך, ווי האַלבע אויפגעעפנטע צוויי טאָוולען, אויסגעשפּאַנט די פערד און זיי אומגעקערט מיטן פּנים צו דער קאָרעטע פון וואָגן. די קליינע פערד האָבן געקייט דאָס פאַרדאַרטע שטרוי, און מיט א פאַרמאַכט, דרעמלענדיק אויג, שטייענדיק אויף דריי פיס, האָבן די פערד געהיט די לעבעדיקע סחורה, וואָס איז אין וועגעלע געלעגן.

אויף דעם וועגעלע איז געווען א גאַנצע קראָם. דאָרט איז געלעגן א געפענטעט קעלבל, א חזיר, וואָס איז געווען צוגע־בונדן מיט איין פוס צו דער אונטערשטער אקס, בינטלאַך מיט פלאַקס, א זווינעדיק קינד, און א פולער אונטערשטער וואָגן אָנגע־שיט מיט סיטשקע אין וועלכן עס איז געלעגן אייער.

איבערן גאַנצן מאַרק, און פון דעם מאַרק איבערן גאַנצן שטעטל, האָבן זיך צעטראָגן די געוואַלדיקע קולות פון די לע־בעדיקע באַשעפענישן. קעלבלאַך האָבן געמעקעט, חזירים האָבן

גקוויטשעט, צוויי פערד האָבן זיך געביסן אין די העלזער. און מיט אַ לאַנגן, דינעם פייף געגרילצט אין דעם טומלדיקן לופטן, און איבער דעם אַלעמען איז געשטאַנען דאָס שרייען און שווערן זיך, און שילטן זיך פון די גוים מיט די אידן.

מיטוואָך פלעגט מרדכי, צוזאַמען מיטן טאַטן, שטיין אין קלייט, מרדכי האָט געהאָלפן אַריינשלעפן די קונים. ער האָט געבראַכט דאָס טעפּל מיטן אָנבייסן, געבראַכט פון דעם מאַרק'ס ברונעם אַ פלאַש מיט קוואַל וואַסער, און פלינק, ווי אַ הירש, האָט ער נאָכן טאַטנס וואונק נאָך, אונטערגעלעגט דאָס שטיק מאַראַזאָוו'ס לייוונט, אויפן אָרט פון זאַכאַראָווס.

— דער ערל איז מבין כל דבר — האָט דער טאַטע שנעל צווישן די ציין, געזאָגט. דער טאַטע האָט זיך געמאַכט גלייך ווי ער זוכט עפּעס אין שאַפע. זוכנדיק האָט ער שנעל גערעדט צו מרדכי'ן.

— דער ערל איז מבין כל דבר — זאָל ער ניט זען, וואָס דו טוסט.

און מרדכי האָט שוין, ווי אַן אויסגעלערנטער הונט, אויסגע־זוכט דעם אַלטן אַרשין, וועלכער איז געווען דין און איינגעשרומפּן און מיט אָפּגעמעקטע ווערשקעס און אים אונטערגעלייגט אונ־טער דער לייוונט.

ווען מרדכי איז אונטערגעוואַקסן און ער איז געוואָרן בר־מצוה, האָט מען אים אַריינגענומען אין קראָם אַריין.

דאָס ערשטע יאָר איז ער בלויז געשטאַנען פאַר דער טיר און ער האָט זיך געלערנט דעם סדר פון די עלטערע פּריקאַז־טשיקעס. ער האָט געגעסן בייגל אַלע אין דער פרי, וואָס ער האָט אַליין, פאַר זיין אייגן געלט, צוזאַמען מיט אַנדערע משרתים געקויפט. מיט די הענט פאַרלעגט אויף הינטן, איז ער אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען פּוסט און פּאַס איבער דער שמאָלער „אוליצע", געקנאַקט טרוקענע רויזנקערלאַך, און פלינק, פון צווישן די ציין, אַרויסגעשפּיגן די שאָלעכץ. ער האָט זיך שנעל אויס־געלערנט אויסלייגן די קלייט. די שאַפעס סחורה, אונטער זיינע הענט, האָבן געבלאַנקט מיט זייער קאָליר. ער האָט נאָך זיין גוסט נאָך, איבערגעדרייט די גאַנצע קראָם. ער האָט געמוזט,

אזוי ווי ער האָט געוואָלט, אויסלייגן די קאָלירן. גלייך ביים אריינגאַנג זיינען געלעגן די רויטע און די גרינע און די געלע בייקעס. אַ שטיק איבער אַ שטיק, אַזוי, אַז די פאַרבן האָבן זיך געמיניעט אין זייער קאָליר. טיפער אין קראָם אריין זיינען געווען אויסגעלייגט די ציצ'ן. ראַשע, גוי'עשע קאָלירן, האָבן זיי אַרויסגעשריען פון די אינעווייניגסטע שאַפעס און זיך צע־לייגט ביז איבער דער גאַנצער קלייט. שוין ביים אריינקומען, האָט די קלייט מיט די קאָלירן פאַרכאַפּט דאָס אויג, און די שיקסע מיינענדיק אַז דאָס גלאַנצן אַזוי אַרויס זייער טייערע אַרטיקלען, האָט זי זיך געבעטן כאָטש ווייזן דאָס שטיק ציץ, זי וויל דאָס כאָטש אָנטאַפּן.

— ווייזט מיר איך בעט אייך, דאָס גרינע שטיק ציץ — ווי די בלעטער, וואָס וואַקסן אין פריץ'ס הויף קוקט עס אויס.

מרדכי האָט זיך געריסן אונטער דער סטאַיקע, ער האָט ניט מורא געהאַט פאַר די גוים. מיט זיין קליינער האַנט, האָט ער אריינגענומען די לאַפּע פון אַ געזונטן גוי און אין איר אריינגעקלאַפּט:

— „אַ דרוויטציאַט דאַיש! אַ וואַסיעמנאַטצאַט דאַיעש!"

ער האָט זיך אַזוי לאַנג געדונגען, ביז ער האָט זיינס אויס־געפירט. פּונקט ווי די גרויסע משרתים האָט ער אָפּגענאַרט די גוים. ער האָט זיי ניט בלויז אין קלייט אָפּגענאַרט. ער האָט זיי אָפּגענאַרט אין גאַס. ווען ער האָט געכאַפּט אַ גוי, וואָס האָט געזוכט אַ ראַזירער, האָט ער אים אריינגעפירט צו משה מינצעס אין נאַפּט געשעפט, דעם גוי געזאָגט אַז דאָס איז אַ ראַזי־רער, און משה מינצעס, מיט דער גרויס אויסגעקעמטער באָרד, האָט זיך אָנגעהויבן אַרום דעם גוי מסעסק זיין. משה מינצעס האָט אַני־דערגעזעצט דעם גוי אויף אַ באַנק, איינגעריבן זיין מאָרדע מיט צעפירטן וואַפּנע, און ווען דער גוי איז שוין אַזוי געזעסן אַן איינגעשמירטער, מיט אַ בייסיקן ווייטאָק איבערן פּנים, איז דעמאָלט מיטאַמאָל אריינגעלאָפן מרדכי, אָנגעהויבן רופן משה מינצעס אין דרויסן אַרויס, אוןביידע האָבן זיי אַזוי איבערגע־לאָזט דעם איינגעשמירטן גוי.

מרדכי האָט אַמאָל אריינגעפירט אַ גוי צו שלום דעם

אייזן־קרעמער, אַז שלום זאָל אים שטעלן באַנקעס. און ווען עס איז געקומען אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט אין דער „אוליצע“ פּאַרקויפן זיינע לאַקיראָוונע שטיוול, האָט איינער פון די פּרי־קאַזטשיקעס די דאָזיקע שטיוול אָנגעמאָסטן. די שטיוול זיינען אים ניט געפעלן געוואָרן און ער האָט זיי געוואָלט צוריק אויסטאָן און אוועקגעבן דעם סאָלדאַט, אָבער דער פּריקאַזטשיק האָט ניט געקענט אַראָפּשלעפּן די שטיוול — כאָטש נעם און צעריים זיי.

עס איז געוואָרן אַ טומל. דער פּריקאַזטשיק האָט זיך גע־בייזערט, און דער סאָלדאַט איז געבליבן שטיין אַזוי אינגאַנצן אַ פאַרצווייפלטער און מיט אַלע זיינע כוחות האָט ער געפּרוּווט אַראָפּשלעפּן דעם שטיוול פון פוס. דער פּריקאַזטשיק האָט פאַרבויגן די פינגער פון פוס און דער שטיוול האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, און אַזוי, לפנים איז ער אויך געבליבן זיצן מיט אַ געמאַכט פאַרזאָגט פּנים — און זיך נעפרעגט — נו, און וואָס זאָל ער איצט טאָן?

— מען וועט מוזן אויפשניידן דעם נאָט — האָט דער סאָל־דאַט צום סוף אינגאַנצן פאַרצווייפלט געזאָגט.

און ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין שאַרף מעסערל און פאַ־וואָלינקע, ער זאָל ניט צעשניידן חלילה די לעדער, האָט ער פּונקט אויפן נאָט צעשניטן דעם שטיוול.

אין דרויסן פאַר דער טיר איז געווען אַ געוויסער גרעניץ ביז וואַנען מרדכי האָט געמעגט די קונים נאָכלויפן. ביז צען שפּאַן רעכטס, און ביז צען שפּאַן לינקס, האָט ער געמעגט גיין. אַריבער דעם שטח רעכטס האָט שוין באַלאַנגט צו מאיר אשר׳ס און אַריבער דעם שטח לינקס, האָט שוין באַלאַנגט צו פּיני באָבע ריוועס. אָבער גלייך ביים ערשטן אַרויסגיין פאַר דער טיר, האָט אים זיין טאַטע צוגערופן, געקניפּן איבער דער באַק. צוערשט אים אָנגעהויבן זידלען פאַר וואָס עס זיצט זיין קאַש־קעט קרום אויפן קאָפּ, און פאַר וואָס דאָס קאַפּאָטקעלע איז שמוציק, און ערשט נאָך די אַלע הכנות האָט דער טאַטע גע־זאָגט:

— דו וועסט איצט, מיין זון, אַ מענטש פאַר זיך. עס

קען זיין אַז זאָלסט אפשר קריגן באַצאָלט פאַר דיין אַרבעט. און אַז דו וועסט אײַנשלעפן גענוג קונים, וועסטו בײַ מיר שטיין אונטער דער סטאַיקע.

בײַ מרדכי'ן האָבן געגעבן אַ בליץ זײַנע אויגן. אונטער דער סטאַיקע לייזט מען געלט. דאָרט שטייט דאָס טישקעסטל. סימע אשר'ס האָט ליב די געצוקערטע בייגעלאַך. מרדכי איז שוין אַ בחור'ל פון פערצן יאָר. ער גייט צו צו טולע'ס קלייט. טולע'ס קלייט איז פונקט אַנטקעגן װעלװל אשר'ס קלייט. טולע'ס קלייט איז נידריק, מיט טרעפּ אַראָפּצוגיין, ווי אין אַ קעלער אַריין. װעלװל אשר'ס קלייט שטייט הויך, מיט טרעפּ אַרויף צו גיין. װעלװל אשר'ס קויפט סחורה אין קישענעוו און אין לאָדז. איינמאָל איז ער שוין אפילו געווען אין וואַרשע. סימע איז װעלװל אשר'ס עלטסטע מיידל. פונקט אין זײַנע יאָרן. ווען מרדכי זיצט בײַ טולע'ן אויף די טרעפּ, וואָס גייען אַראָפּ ווי אין אַ קעלער, קען ער זען סימע'ן זיצן אויף די טרעפּ פון איר טאַטנ'ס קראָם. ער האָט איינמאָל אין זומער, געזען פון טולע'ס קלייט סימע'ן זיצן אויף די טרעפּ. דאָס קורצע קליידל איז געווען פאַררוקט ביז איבער די קני. די פיס זײַנען געווען צעשפּרייט. מרדכי'ן האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ, ער איז אַראָפּגעפאַלן פון אַלע טרעפּ צו טולע'ן אין קלייט אַריין. ער האָט דערנאָך אַ גאַנצע נאַכט געוויינט, און זיך געשלאָגן סליחות און אַ גאַנצן טאָג געפאַסט.

— הינטער דער סטאַיקע לייזט מען געלט — דאָרט שטייט דאָס טישקעסטל — סימע האָט ליב געצוקערטע בייגעלאַך — מרדכי האָט בײַ זיך אין האַרצן געטראַכט — צי מאיר אשר'ס (אַ גאַנצע משפחה אשר'ס אין קליינירושלים) שוועל, וועט ער ניט איבערגיין, פאַר מיכאל'ן דעם גרויסן משרת האָט ער מורא, אָבער פון פינע באָבע ריוועס וועט ער שלעפּן. אַלע זײַנע קונים וועט ער אָוועקשלעפּן.

מרדכי פלעגט אַנטקעגן לויפן די גוים. מיט ביידע הענט, צעשפּרייט האָט ער זיי פאַרשטעלט דעם וועג. דערנאָך האָט ער מיט אַלע פינגער זיך אײַנגעקלעמט אין די גוימס אַרבל. ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט מיט ביידע פיס, די צעשפּרייטע

אין דער ערד. די גויעס געקניפּן און געריסן זייער מאַנטל, ביז ער האָט זיי אַריינגעשלעפּט אין קלייט אַריין.

— דו מעגסט אַביסל ווייטער אויך צוגיין — האָט דער טאַטע געזאָגט — נישט קשה נישט, מאיר אשר׳ס וועט דערפון ניט ברלות ווערן. וויפל קונים ער האָט ביי מיר צוגענומען, רבונו של עולם, זאָל איך אַזוי פיל טויזנטער האָבן.

ביזקל וואַנען מען האָט אים פאַררוקט צו דער שוועל פון מאיר אשר׳ס קראָם.

מאיר אשר׳ס האָט אים איינמאָל געוואָרנט און אַ צווייטן מאָל. אָבער מרדכי איז געווען פלינק. איידער יענער האָט נאָך זיין האַנט אויסגעשטרעקט אים אַ כאַפּצוטאָן, איז שוין מרדכי געווען אין מיטן מאַרק. ווי אַ ציג איז ער געשפּרונגען איבער די פאַרלאָזענע שטעלן. געשאָקלט מיט די אויסגעפלאָכטענע פּיאות געטרייסלט מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע, און אַרויסגעשטעלט פון איבער דער שטעל זיין לאַנגן צונג.

נאָר איינמאָל האָט ער זיך אויף זיין אייגענער שוועל איינ־געקלאַמערט מיט די דינע פינגער אין אַ גוי׳ס אַרבל. דער גוי האָט ניט געוואָלט אַריינגיין צו אים אין קראָם אַריין. מרדכי האָט אים געריסן. מרדכי האָט אים אָנגעהויבן קנייפּן. דער פויער האָט זיך אויף אים פאַרמאָסטן מיטן פויסט. מרדכי האָט זיך אויף אים אָנגעהאָנגען מיט בײדע הענט אויפן האַלדז. דער גוי איז אַזוי, שלעפּנדיק מרדכי׳ן מיט זיך, אַריינגעגאַנגען צו מאיר אשר׳ס אין קלייט אַריין.

מאיר האָט זיך אויף אים אַ וואָרף געטאָן. זאַהיקענדיק זיך אַזש פון כעס, האָט ער אָנגעהויבן שרייען. ער האָט אָנגעהויבן אַראָפּשלעפּן מרדכי׳ס הויזן, און ווי אַ האָגל אַזוי האָבן זיך אויף אים אָנגעהויבן שיטן קלעפּ.

מרדכי האָט זיך געוואָרט. ער האָט געשריען, געבריקעט מיט די פיס, און געביסן מיט די ציין. מיט זיין רעכטער האַנט האָט ער זיך געריסן צו מאיר אשר׳ס באָרד. ער האָט די באָרד אָנגע־כאַפּט. ווי אַ פלעדערמויז האָט ער זיך אַריינפלאָנטערט מיט זיינע פינגער אין דער באָרד. מיט זיין געזונטן, אינגלשן קול, האָט ער אַרויסגעשריען אין דרויסן אַרויס.

עס זיינען אַנגעלאָפן מענטשן. עס זיינען אָנגעקומען מרדכי׳ס טאַטע מיט זיין מאַמע. די מאַמע האָט געקוויטשעט. ביידע ווייבער האָבן געקוויטשעט און זיך געשאָלטן. מיט די הענט אוועקגעלייגט אויף די פּאַכוועס, די טיכלאַך פאַרלעגט אונטער די אויערן, זיינען זיי געשטאַנען ווי צוויי הענער, וואָס ווען באַלד איינער אויפן צווייטן אַ שפּרונג טאָן. מרדכי׳ס טאַטע האָט געכאַפּט דעם אייזערנעם אַרשין. מאיר אשר׳ס האָט געכאַפּט די שער. איינער האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם צווייטנס באָרד אַריין. עס זיינען געפלויגן קאַשקעטן אָנגעצויגענע מיט סטאַלקעס. זשמעניעס מיט אויסגעריסענע האַר. פינגער האָבן זיך געקלעפּט אין בלוט. מרדכי האָט זיך שטילערהייט אַרויסגעכאַפּט פון קראָם. ער איז אַרויס אין דרויסן און איז באַלד צוריקגעקומען. אין זיין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטיין. ער איז צוגעקומען גאָר נאָענט צו מאיר אשר׳ס און מיט זיין גאַנצן כח האָט ער געגעבן אַ שאָס אַריין דעם שטיין, גלייך אין מאיר אשר׳ס קאָפּ אַריין.

פון דעמאָלט אָן האָט מען מרדכי׳ן אַריינגענומען הינטער דער סטאָיקע.

הינטער דער סטאָיקע האָט מען אים אויסגעלערנט איבערן דעם אַרשין איבער דער סחורה אַזוי, אַז ער האָט געקענט מאַכן פון דריי פּערטל, זאָל ווערן פיר. געבנדיק אויסגאָב, האָט מרדכי געציילט די גילדנס — איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף — און נאָכער קונציק דעם פינפטן צוריק געכאַפּט.

אַ גאַנצע וואָך איז דער טאַטע ניט געקומען אין קלייט אַריין. אַלע טאָג צו מיטאָג צו איז די מאַמע הענדום פּענדום אַהיימגעלאָפן — דער טאַטע מיט דער שיין אויסגעכאַוועטער באָרד דאַרף קומען. ווען דער טאַטע איז שוין געקומען, איז שויז אויפן טיש געווען אויסגעשטעלט דאָס געקעכץ, און די מאַמע האָט אונטערטעניק געוואַרט ביז איר מאַן האָט די המוצא געמאַכט. ערשט דעמאָלט האָט זי מאַנסביליש איינגעטונקט דאָס שטיקל ברויט אין זאַלץ, פּונקט אַזוי לאַנג, ווי דער טאַטע זיך געשאָקלט, און מיט שעפּטשענדיקע ליפּן געמאַכט די ברכה.

מרדכי איז געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס איבער די וואַ־

בעדיקע טעג. אין די וואָכעדיקע טעג האָט ער זיך גע'חבר'ט מיט די גרויסע משרתים, גערויכערט סיגאַרעטלאַך, אויסגעגעבן געלט אויף נאַשערייען, און זיך געדרייט פאַר סימע, וועלוול אשר'ס קלייט.

— מרדכי, מרדכי, קיין לייט וועט שוין פון דיר ניט ווערן — האָט זיין טאַטע אים געמוסרט — נעמסט צומאָל קיין ספר ניט אין האַנט אריין.

עס איז פון אים יאָ געוואָרן אַ לייט. ער האָט יאָ גענומען אַ ספר אין האַנט. ער איז געוואַקסן דאָס, וואָס יעדער טאַטע־מאַמע אין קליינירושלים וואָלט זיך געוואונטשן זייער זון זאָל וואַקסן. ער איז געווען אַ גוטער סוחר. ער האָט געהאַט אַ גוט קעפּל. אַ בלאַט גמרא מיט תוספות האָט ער אָפּגעשאָסן אויף איין פוס. נאָך מער ווי דאָס — אין דער שטיל, ביי זיך אין הארצן, איז ער געווען אַ שטאַרק גלוביקער. ער האָט זיך געגריבלט אין אַלערליי רמזים. ער האָט געוואוסט ווען די וועלט וועט אונטערגיין, און ווען דער קץ וועט קומען. און שוין פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן גלויבן אין אַלערליי איבער־נאַטירלאַכע זאַכן, ווען ער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער בלויז מיט גרוים כונה, באַדאַרפט זאָגן „רפאונו" בשעת ער איז געשטאַנען שמונה עשרה, און ער זאָל גלייך אַ רפואה באַקומען. ער האָט זיך אויסגעלייגט אַלערליי טרעפנונגען. ער האָט אויס־געמיטן צו גיין אַרום קאַסטשאָל. ווען אַ גלח איז אים פאַרביי געגאַנגען האָט ער דריי מאָל אויסגעשפּיגן און געזאָגט שקץ תשקצנו. מרדכי האָט זיך שטענדיק אומגעקערט פון זיין שליחות ווען פאַרביי אים איז דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ.

ער האָט געגלויבט אין אַ פּאַטשאַטאַק. ווען מען האָט אַ פריען פּאַטשאַטאָק, איז אַ טאָג פון פדיון.

עס איז געווען איינמאָל אין אַ מיטוואָך, אין די טעג פון ערב חגא. אין דרויסן האָט געברענט אַ פראָסט. די „אוליצע" איז געווען פאַרלייגט מיט טיפן שניי. אין מיטן האָט מען אָפּגעשאַרט אַ סטעזשקע, און פון ביידע זייטן זיינען געווען צוויי הויכע שנייאיקע ווענט. מרדכי האָט געטראָגן אויף זיינע פיס פוסטן. די פוסטן האָבע געוואַרמט, ווי אַן איבערבעט.

ארום מויל איז געפרוירן דער ווארימער אָטעם. זיינע אויערן זיינען געווען רויט אָנגעסמאַליעטע. מרדכי'ן האָט זיך געוואָלט מאכן א מענטש פון שניי. אים האָט זיך געוואָלט מאכן אַן „אוצר". אים האָט זיך געוואָלט אונטערן שניי בויען אונטער־ערדישע קאַנאַלן, וואָס זאָלן זיך ציען ביז קיין ארץ־ישראל. נאָך מען האָט זיך געריכט אויף א גרויסן יריד. אין דרויסן האָט געברענט א פראָסט. מרדכי צוזאמען מיט זיין טאַטן און מיט זיין מאַמען, זיינען שוין פון פאַרטאָג אן ביי דער טיר גע־שטאַנען. זייערע הענט זיינען געווען פאַרפרוירענע. מען האָט געקלאַפּט א פוס איבער א פוס. צו דעם פייערטאָפּ האָבן זיך די מאַנסבילן ניט צוגערירט. איבער אים איז געזעסן די מאַמע. א מאַמע זיצט און ווארימט זיך איבער א פייער טאָפּ. מענער פאַרקלאַפּן די הענט איבער דער פּלייצע און רייבן זיי אין שניי. מען האָט פאַרקלאַפּט די הענט איבער דער פּלייצע. מען האָט געבעטן פאַר א גוטער שפע. איז דעמאָלט אריינגעקומען א הויכער, ברייטער גוי, מיט א פאָר לאַנגע פיס, און געוואָלט קויפן סחורה אויף א פאָר הויזן.

דער גוי האָט זיך געדונגען. ער האָט ארויסגענומען די נשמה, אלע אין קלייט, האָבן זיך שוין מיט אים געדונגען. אלע אין קלייט, דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן געקלאַפּט אין זיינע הענט

— „א דוואַטצאַט דאיעש?"

— „נו, נידאַם."

— וויסימנאַדצאַט דאיעש?"

— „נידאַם".

— „א סקילקי זשע!"

— „יאַ וואַם סקאַזאַל."

דער גוי האָט, פּונקט ווי אַן איינגעשפּאַרט פערד, זיך גע־האַלטן ביי דאָס זייניקע.

ער האָט געגעבן נאָך מיט א קאָפּיקע ביליגער, ווי עס האָט זיך אליין געקאָסט.

מרדכי'ס טאַטע מאַמע זיינען געווען פאַרצווייפלט. זיי האָבן אויך געוואוסט, אז אויב מען וועט ניט האָבן קיין גוטן

פּאַטשאַטאַק, וועט דער גאַנצער טאָג זיין אַ שלעכטער. דעם ערשטן קונה טאָר מען ניט אַרוים לאָזן. ביי מרדכי'ס מאַמע זיינען געשטאַנען טרערן אין די אויגן.

— קום אַריין, ווען דו ווילסט — האָט זי ביים גוי גע־בעטן — און נעם וואָס דיין האַרץ גלוסט. אָבער איצט דינג זיך ניט. דו ביזט מיין ערשטער קונה. איך זאָל אַזוי דער־לעבן צו פירן מיין קינד צו דער חופּה, ווי איך קען ניט.

מרדכי'ן האָבן זיך אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער איז רויט געוואָרן. דאָס גאַנצע בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין.

— לאָז מיך, מאַמע — איז ער צוגעשפּרונגען — איך וועל ביי אים לייזן.

ער האָט אָנגענומען דעם גוי'ס האַנט אין זיינער און אָנגעהויבן קלאַפּן:

— „וויסימנאַדצאַט דאַיעש?“

— „אַ סימנאַדצאַט?“

— „ניע.“

— „אַ שעסטנאַדצאַט?“

— „ניע!“

— גוט — האָט ער געזאָגט — איך וועל דיר פּאַרקויפן.

זיין האַרץ האָט געקלאַפּט. זיינע ליפּן האָבן געציטערט. ער האָט אָנגעהויבן מעסטן. מיט זיינע קליינע הענט האָט ער אָנ־געהויבן אַרבעטן מיט דעם אַרשין איבער דער סחורה. ער האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער. אַרויסגעשטופּט דעם צונג. און צום סוף האָט ער פאַרלעגט צוויי פינגער איבער'ן ברעג סחורה. געגעבן אַ פּיק איין, און אָפּגעריסן.

— טראָג געזונט — האָט ער צוגעווינשעוועט.

— אַ דאַנק, — האָט דער גוי געענטפערט.

דער גוי האָט באַצאָלט און איז אַוועקגעגאַנגען.

אָבער עס האָט ניט גענומען קיין צען מינוט, ווי דער גוי צוזאַמען מיט דריי אַנדערע גוים זיינען צוריקגעקומען. דאָס פּעקל אונטערן אָרעם איז געווען צעוואָרפן. צעקנייטשט און אָנגעצונדן אין זיין רציחה האָט דער גוי אָנגעהויבן שרייען:

— וואו איז דער זשידאָק ! ?
מרדכי'ס טאַטע האָט שוין געזען, וואָס דאָ וועט זיין. ער האָט שנעל מרדכי'ן אַרונטערגעשטופּט אונטער'ן טיש.
דער גוי האָט אים באַמערקט:
— שטופּ אים ניט אונטערן טיש — האָט ער געשריען אין ווילדן צאָרן — איך וויל דעם זשידאָק!
דער גוי האָט מיט איין קלאַפּ איבערגעקערט דעם טיש. ער איז אַריין צווישן די שאַפעס. ער האָט אָנגעכאַפּט מרדכי'ן פאַר די האָר, און אים אָנגעהויבן שלעפּן איבערן קראָם.
— איך מוז אים דער'הרג'ענען — האָט דער גוי, אינגאַנצן רויט מיט ווילד־בלוט, געשריען — אויפן אָרט וועל איך אים אַ טויט מאַכן.
און מיט זיינע שווערע הענט האָט ער אָנגעהויבן קלאַפּן איבער מרדכי'ס פּנים און קאָפּ.
עס איז געוואָרן אַ טומל. מענטשן פון דעם גאַנצן מאַרק האָבן אָנגעהויבן לויפן אין קלייט אַריין. די קולות האָבן זיך געהויבן ביזן אונטערן הימל. רייסנדיק אירע האָר, איז מרדכי'ס מאַמע געשטאַנען אין מיטן קלייט, און ווי אַ משוגענע האָט זי געשריען מיט באַנומענע קולות. מרדכי איז געבליבן ליגן פּאַרטאַיעט. פון זיין נאָז און פון זיין מויל און פון די אויגן האָט גערונען בלוט. דער גוי האָט אים געטראָטן מיט די פיס. מיט די אייזערנע פּאָדקאָוועס האָט ער אים געקלאַפּט איבערן בויך. מרדכי האָט זיך שוין אינגאַנצן מיאש געווען. נאָר אין זיין יאוש האָט ער זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ הויב אויף. זיינע צעשויבערטע האָר זיינען געווען איינגעקלעפּט אין שוואַרץ־רויטע קאָלטענעס, די אויגן זיינען ביי אים געווען איבערגעקערטע. פלינק, ווי אַ קאַץ, האָט ער געגעבן אַ שפּרונג צו דער שאַפע. אָפּגעריסן די שער פון שטריקל. אויפגעעפנט די שער, און אונטערשפּרינגענדיק האָט ער מיט זיין גאַנצן כח אַריינגעשטופּט די שער אין דעם גוי'ס האַרץ אַריין.
דער גוי האָט אים אָפּגעלאָזט. ער האָט צעשפּרייט די גרויסע צוויי הענט אין דער ברייט. מיט די געזונטע, ווייסע ציין, האָט ער איינגעביסן די אונטערשטע ליפּ. ער האָט אויפגעהויבן

און גלייך צוריק ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, און שטיל זאָגנדיק — „אַ מאטקא באָסקאָ“ — איז דער גוי, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים אַנידערגעפאַלן.

מרדכי איז אַ וואָך צייט געלעגן באַהאַלטן ביי מאיר אשר'ס אין קעלער. דערנאָך האָט מען אים אינמיטן נאַכט איבערגעפירט צו אַ פעטער קיין פּילשטין. און פון דאָרטן איז ער צום סוף אַנט־לאָפן קיין אַמעריקע.

צוערשט אין קעלער ליגנדיק, און נאָכהער אין פּילשטין האָט מרדכי בלויז געלעבט אין אַ הינערפּלעט. ער האָט גאָר ניט געוואוסט, וואָס מיט אים טוט זיך. ער האָט ניט פאַר־שטאַנען, וואָס מען באַהאַלט אים אַזוי. די גאַנצע צייט האָט ער בלויז געטראַכט פון דער ווילדער רציחה מיט וועלכער דער גוי האָט אים געשלאָגן. די גאַנצע צייט איז פאַר זיינע אויגן גע־שטאַנען די ווילדע רויטע אויגן פון דעם געזונטן גוי. ער האָט נאָך איצט געפילט די שטאַרקע קלעפּ, וואָס דער גוי האָט אים געגעבן. זיין פּנים איז נאָך געווען געשוואָלן. נאָר וואָס ווייטער ער האָט זיך דערווייטערט פון דער היים, און ווען ער איז אַריבער דעם גרעניץ, און ווען ער האָט זיך געזעצט אויף דער שיף, האָט ער ערשט דעמאָלט, אונטערן באַוואוסטזיין פון דער שווין באַשטימטער שטראָף — די שטראָף פון אייגענע טאַטע־מאַמע צו זיין נע ונד, און אויף אייביק פאַרשיקט ערגעץ אין פרעמדע לענדער האָט ער ערשט דעמאָלט, אונטער דעם דאָזיקן איינדרוק דערפילט אַז ער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, אַז ער האָט דער'הרג'עט אַ מענטשן. און ער האָט אָנגעהויבן פון זיך טראַכטן, ווי פון אַ מערדער. און אַ מערדער — איז ער אַ דערשלאָגענער און אָפּגעזונדערטער געזעסן איינער אַליין אויף דער שיף. די גרויסע ווייסע און שוואַרצע כוואַליעס, האָט זיך אים געדוכט, זיינען אַ מחנה פון וועכטער, וואָס יאָגן זיך נאָך אים. דער פייף פון שיף האָט אין אים געוועקט שרעק. יעדער הויכער וואָרט, וואָס ער האָט געהערט אונטער זיינע פּלייצעס, האָט ער אָנגענומען, ווי אַן אָנדייטונג אויף אים דעם מערדער. דאָס לשון אויף דער שיף איז געווען אַ פרעמדס. מרדכי האָט ניט פאַר־שטאַנען, וואָס מען רעדט — האָט ער אָנגענומען אַלע רייד פאַר

שלעכטע. און אלע מענטשן פאר שפּיאָנען, וואָס לויערן נאָך אים. ער האָט די גאַנצע צווײלף טעג אויפן שיף ניט געגעסן. און די גאַנצע צווײלף נעכט איז ער ניט געשלאָפן. און ווען די שיף איז אַרײַנגעקומען אין דעם האַפן. און ווען מען האָט אַלע פּאַסאַזשירן, ווי אַ גרופּע אַרעסטאַנטן געצײלט און איבערגענומען, און אַרײַנגעזעצט אין אַ קלײן שיפל, און אַרײַנגעבראַכט אין דעם אָפּגעשלאָסענעם אינזל „קעסיל־גאַרדן" — האָט מרדכי דעמאָלט שוין זיכער געטראַכט אַז דאָס איז זײַן סוף.

און דעמאָלט, אין די געצײלטע טעג פון זײַן לעבן, האָט ער אויפ'ס'נײַ אָנגעהויבן צו פאַסטן. דרײַ טעג איז ער געלעגן אין „קעסל־גאַרדן" און קײן לעפל וואַסער אין מויל ניט גענומען. און דעמאָלט האָט ער זיך אַ נדר געטאָן און באַשוואָרן — אַז אויב גאָט אין הימל, וועט אים העלפן אין זײַן איצטיקער צרה, און וועט אים אַרויספירן בשלום פון זײַן אומגליק, און וועט אים אין דעם נײַעם לאַנד פירן בדרך הישר — וועט ער זײַן...

מרדכי עטינגער האָט אַלײן ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ שבועה ער האָט זיך געגעבן. און ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער וועט זײַן. און ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן, כדי אָפּצוואַשן דעם פלעק פון זײַנע הענט. און ווען ער האָט זיך אַ נדר גענומען צו זײַן — האָט ער געמײנט עהרלאַך און פרום און גוט, און זיך פּײַניקן, און רײַסן שטיקער פון זײַן הויט — אַלעס, אַלעס וועט ער טאָן.

ווען ער איז אויפגעשטאַנען דעם ערשטן אין דער פרי אין דעם אָרימען הויז, וואו ער האָט געוואוינט, און ווען ער האָט געזען דעם דלות אין שטוב און אַז בײַ די מענטשן און זײערע קינדער, איז אַ קרן אַ שטיקל ברויט, האָט ער דעמאָלט אַ נדר געטאָן, אַז ווען ער וועט ווערן רײַך, וועט ער זײַן אַ בעל צדקה... אַז ער האָט שפּעטער אין דער זעלבער הויז געזען, ווי דער מאַן, אַ פּראָסטער מענטש, באַלעסטיקט זײַן ווײַב, און רעדט צו איר גראָבע רײד, האָט ער זיך פאַרשוואָרן אַז ווען ער וועט חתונה האָבן, וועט ער זײַן אַ גוטער מאַן צו זײַן ווײַב. ער וועט זײַן אַ גוטער מאַן, ער וועט זײַן אַ גוטער טאַטע, אַ בעל

צדקה. — ער וועט זיין — מרדכי עטינגער האָט לינגדיק אויף א האַרט בעטל ערגעץ אין אַ פינצטערן צימער אויף דער איסט־סייד, געטראַכט פון זיין היים, פון דעם קליינעם שטעטל, פון טאַטע מאַמע, פון די בתי מדרשים, ביים גרעניץ. און פון דער גרעניץ. אַלעם איז ביי אים אויסגעקומען — איז ניט ריכטיק איינגעשטעלט — דאָס גאַנצע לעבן, דעם מענטשנס, איז ניט גוט. איבעראַל עולות. וואָרום האָט אים זיין טאַטע געלערנט שלעפן קונים פון מאיר אשר'ס? וואָרום גנב'עט מען פון דער מאַם? וואָרום פאַרגעסט מען אין דער גאַנצער תורה, ווען מען גייט אַרויס מיטוואָך אויפן מאַרק? צי האָט דען עמיצער, אפילו איין מענטש, מיטוואָך אויפן מאַרק אָפּגעהיט אַט די אַלע געבאָטן וואָס מען האָט אַ גאַנצע וואָך געלערנט אין קלויז? און פאַרוואָס האָט ער קיינמאָל ניט געטאָרט אַריבערגיין דעם גרעניץ. וואָרום האָבן גוים יאָ געמעגט אַריבערגיין דעם גרעניץ? איז דען גאָט'ס ערד ניט איבעראַל די זעלבע? איז דען אויף יענער זייט גרעניץ נישטאָ דער זעלבער גאָט?

און אַט דאָס אַלעס, די אַלע רעטענישן און אומפאַרשטענד־לאַכקייטן האָט מרדכי געהאַט אין זינען אין יענעם טאָג ווען ער האָט זיך געגעבן די שבועה. ער האָט דאָס מיט ווערטער ניט געקענט אַרויסריידן. און ער האָט קיין באַשטימטע זאַך ניט געזאָגט. נאָר ער האָט געמיינט מיט דעם, אַז ער וועט זיין ערלאַך, אַז ער וועט זיין גוט, אַז ער וועט זיין פרום, ער וועט פירן זיין לעבן אויפן וועג פון די צדיקים — אַז ער וועט ווערן רייך, וועט ער זיין אַ בעל צדקה — אַז ער וועט האָבן קינדער, וועט ער זיי לערנען גיין בדרך הישר — די גאַנצע צייט פון זיין לעבן ביז'ן היינטיקן טאָג האָט ער געוואַריכט און איינגעהילט מיט דער ריינקייט פון זיין נשמה אַט דעם גע־דאַנק. ער האָט דערפון קיינמאָל ניט גערעדט. ער האָט מורא געהאַט מיט ווערטער אָנצורירן אַט די הייליקייט זיינע, שטענ־דיק אַ פאַרשלאָסענער און אינזיכיקער, האָט ער בלויז מיט בטחון און אינערלאַכער האָפנונג געוואַרט אויף דעם מאָמענט

און איצט, ווען מען איז שוין געווען פאַרטיק מיט דער אַרבעט אין פלעטבוש, די הייזער זיינען געשטאַנען באַלויכטענע,

און מיט מענטשן באַלעבטע, און פאַרהילכט מיט די קולות פון קליינע קינדער, האָט זיך מרדכי עטינגער גענומען בויען די שול — אהבת ציון.

— עס איז אַגוטער איינפאַל — האָט אלדד אַ צופרי־דענער צוגעשטימט — דאָס וועט נאָך מער פאַרמערן די באַפעל־קערונג.

מרדכי עטינגער'ן האָבן די ווערטער געשטאָכן.

— רעד ניט אַזוי — האָט ער געזאָגט.

— איך מיין באמת — האָט אלדד גאָר ניט מיינענדיק ווייטער געזאָגט — עס איז אַ וואונדערבאַרער איינפאַל. אַ שול וועט צוציען אַ אידישע באַפעלקערונג דעמאָלט ווערט עס אַ ישוב, זייער אַ גוטער איינפאַל.

מרדכי עטינגער'ן האָט אָנגעהויבן צו בייסן אין די אויגן.

— איז ער שוין אויף אַזוי פיל אַ פאַרלאָרענער, אַז קיין איין גוטע מידה זיינע וויל מען ניט אָננעמען, אַזוי ווי די מידה איז? מיינט ער דען געשעפט? וועט ער שוין קיינמאָל ניט קענען מכפּר זיין אויף זיינע זינד?

— איך בעט דיך, רעד ניט אַזוי — האָט ער זיך געבעטן ביי אלדד'ן — מאַך ניט פון דעם מקום קדוש קיין געשעפט, איך וויל בויען אַ שול, ווייל איך בין אַ איד. ווייל אידן דאַרפן האָבן אַ שול — ווייל איך בין שולדיק צדקה — ווייל איך מוז...

7

מרדכי עטינגער האָט געמוזט... אַלץ האָט ער איצט געמוזט טאָן איילענדיק. אַן אינעווייניקסטער אימפּעט האָט אים געשטויסן. ער האָט מורא געהאַט פאַר יעדן קומענדיקן טאָג. ער האָט מורא געהאַט פאַר יעדער שעה. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין אייגענעם שאָטן. אים האָט איצט אָנגעהויבן פאַרפאַלגן אַ משוגעת פון גרויסקייט. ער איז גרויס. גאָט איז דער ערשטער — דער אַלטער טשאַרטקאָווער דער צווייטער — ער, דער דרי־טער. ער איז גאַנצע טעג געווען איינגעהילט אין טלית. ער האָט גאַנצע טעג געזאָגט תפילות — גאָט איז דער ערשטער —

גאָט איז אַלמעכטיק — גאָט קען נעמען נקמה — מיט וואָס וועט ער קומען פאַר גאָט דעם בעל נוקם ?

נאָך איידער מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער שול, האָט געטראָפן איינמאָל אין אַ פּראַנאַכט, ווען מרדכי עטינגער איז געשטאַנען פאַר דעם נייעם בנין, נעבן אים איז געשטאַנען אלדד. די אַרבעטער זיינען זיך שוין געווען צעגאַנגען. איבער אַ קופּע אויסגעמישטע זאַמד מיט וואַפּנע איז געלעגן אַן איבער־געקערט וועגעלע מיט די רעדלאַך אויף אַרויף. ריסקעלעס מיט די שאַרפן אין דער ערד האָבן געגלאַנצט מיט די אויסגעאַרבע־טע הענטלאַך. דער וועכטער האָט אונטערגעשיט האָבער, דעם איינציק געבליבענעם פערד, און אים איינגעדעקט מיט אַ װרעטע די פּלייצעס. ביידע, מרדכי עטינגער מיט אלדד'ן, האָבן גערעט פון דער ליכטיק־גרויער „סטאָקאַ". מרדכי עטינגער האָט מיט זיין שטעקן אָנגעוויזן אויף די געקאַרבטע רויטע טשערעפּעס, וועלכע זיינען געלעגן אויסגעלייגט איבער'ן דאַך, ווי איבערגע־קערטע האַלבע רערן. מיט זיין שטעקן האָט עטינגער אָנגעוויזן אויף אַ טעות פון דעם בויער.

— אַזעלכע טשערעפּעס זיינען צו שווער פאַר אַזאַ בנין — האָט ער געזאָגט — — מען וואָלט געווען באַדאַרפט דעקן דעם דאַך מיט שינדלען.

האָט געטראָפן פּונקט דעמאָלט, אין מיטן ריידן, אַז מרדכי עטינגער האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן צו שאָקלען, ווי אַ פרו־מער איד שאָקלט זיך ביים דאַווענען, זיין קערפּער האָט זיך צע־וויקלט אין פאָרכטיקן התלהבות, זיינע אויגן זיינען געוואָרן רויט און גרויס־אַרויסשטאַרצענדיק. ער האָט מיטאַמאָל געגעבן אַ לויף צו דעם פערד, אַרויסגעריסן פון פערד'ס עק אַ האָר, און אָנגעהויבן ריידן צו דער האָר.

— „מיינע ליבע ברידער — האָט ער געזאָגט —

מרדכי עטינגער האָט אָנגעהויבן מאַכן ווילדע גרימאַסן. גלייך ווי ער וואָלט אַריינגענומען אַ שרץ אין זיינע הענט, אַזוי האָט ער אָנגעהויבן טרייסלען, און אָפּטרייסלען עפּעס פון די פינגער — אונטער מיינע נעגל קריכן אַרום ווערים — האָט ער געשריען — מיינע האָר זיינען שוין פון יאָרן ניט קיין געוואַ־

שענע — אָבער עס איז מיר גוט אַזוי — גוט אַזוי — פון גאַנצן פרי און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין...

גאַנצע פּסוקים פון אַלערליי ספרים האָט ער אויף אויסנווייניג נאָך געזאָגט, זיין פּנים איז שטאַרק בלאַס געוואָרן, די הענט האָבן אים געציטערט, פון זיין מויל האָט געזעצט אַ ווייסע שוים, אין זיין קול אוז געווען, ווי אונטער־ערדיש, ווי אַ קול, וואָס קומט פון אַ ליידיקן פאַס.

אלדד איז צו אים צוגעלאָפן, ער האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און אים אָנגעהויבן אויפמונטערן.

— קומט אהיים, פעטער, — האָט ער געזאָגט, — איר זענט מיד. עס איז שוין שפּעט.

— פיר מיך אהיים, — האָט ער געענטפערט, .. איך בין מיד.

ווען מרדכי עטינגער איז געקומען צו זיך, האָט ער ניט געוואוסט וואָס מיט אים האָט געטראָפן. ער האָט יאָ געפילט אַז עפּעס האָט מיט אים געטראָפן, אָבער ער האָט ניט געוואוסט וואָס, און ער האָט זיך געשעמט און מורא געהאַט פאַר אלדד'ן.

— דאָס חלומ'ט זיך מיר עפּעס אַזוינע זאַכן — האָט ער געזאָגט — אין מיטן העלן טאָג חלומ'ט זיך מיר חלומות — דו ביזט דאָך עפּעס אַ געלערנטער מענטש אלדד! קען זיך אין מיטן טאָג חלומ'ען חלומות?

אין זיין הויז האָט שוין אויף אים געוואַרט דער דאָקטאָר. מרדכי עטינגער האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי דער דאָקטער האָט געוואוסט איצט צו קומען. ער האָט זיך געבייזערט:

— וואָס איז מיר דען? גאָט מיינער! וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט צו מיר? איך בין בלויז אביסל מיד.

דער דאָקטער האָט אים געמוזט מיט געוואַלד אונטערזוכן. דער דאָקטער האָט פאַרשריבן מעדיצינען.

— רו, רו, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — איר מוזט אַ סך רוען.

עטעל האָט זיך צעוויינט.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז זאָלסט זיך ניט אַרומשלעפּן אַזוי שפּעט איבער די גאַסן. אַז דו וועסט אַזוי אויסגיין אין גאַס.

מרדכי עטינגער האָט געלאַכט. ער האָט געטרויסט זיין ווייב עטעל.

— אַרטעריע סקלעראָזע איז גאָר ניט — האָט ער געזאָגט — מען קען אַזוי אויסלעבן די יאָרן, מען דאַרף בלויז וויסן, ווי אַזוי זיך צו פירן, — און אפשר וועט ער שטאַרבן?

— און אפשר וועט ער שטאַרבן? היינט, מאָרגן, שטאַרבן?

מרדכי עטינגערן איז איצט מער ווי אַלע מאָל באַפאַלן דאָס געפיל פון טויט. ער האָט בפועל ממש געפילט דעם טויט. אָט איז שוין אָפּגעשטאָרבן דער מינדסטער פינגער פון דעם לינקן פוס. דער פינגער איז קאַלט. ווייס, אָן בלוט. פון מינדסטן פינגער אויפן לינקן פוס, צעשפּרייט זיך אַ גלאַטע קאַלטקייט, ווי דאָס קריכן פון אַ שלאַנג, אַריבער דעם גאַנצן פוס. צו זיין דיך. אַלע גלידער זיינען ווייך און נאָכגעביק און קאַלט. עס איז קאַלט די הויט איבערן בויך. די הויט איבערן קאַרק און איבערן שטערן איז קאַלט און גלאַנציק, ווי די הויט פון אַ פיש.

— און ער האָט נאָך אַזוי פיל אַרבעט צו טאָן? און ער דאַרף נאָך אַזוי פיל אָנזאַמלען? און ער דאַרף נאָך לויפן צום טשאַרטקאָווער נפטר? און ווייסע תכריכים אין וועלכע צו קו־מען פאַר גאָט ברוך הו!

אים איז באַפאַלן אַ האַסטיגקייט. דער טאָג איז פאַר אים געווען צו קליין. ער האָט גערן געשלונגען די מעדיצינען, מיינענדיק אַז ער נאַרט דערמיט אָפּ דעם דאָקטער — אָט נאַרט ער ביי אים אויס נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג. פונקט ווי אין יענעם יאָר, ווען איבערן לאַנד איז געקומען די מלחמה, און ער האָט אָנגעהויבן שפּאָרן יעדעס זעמדעלע, יעדע פּרוטה, אַזוי האָט מרדכי עטינגער איצט אָנגעהויבן שפּאָרן זיינע כוחות. שפּאָרן די טעג, די מינוטן.

— אפשר קומט מאָרגן די שעה? אפשר קומט היינט די שעה?

ער האָט נאָך מער אָנגעהויבן זיצן איבער די ספרים. מיט אַ שטיל וויינענדיק קול, האָט ער אָפּגעקלונגען איבער די גראַמע חדרים. אהער, איבערן גרויסן ים, האָט עמיצער אַריבערגעבראַכט דעם טרויעריקן ניגון פון דער טשאָרטקאָווער קלויז. נישטאָ

דער אמאַליקער בליץ לאָמפּ — אָבער עס טוקט דער בליצלאָמפּ. נישטאָ דער אמאַליקער כיור — אָבער עס גלאַנצט דער כיור. מרדכי עטינגער האָט אריבערגעבראַכט אהער דעם ניגון פון דער טשאָרטקאָווער קלויז, וואָס שטייט אויף אַ בערגל ביים ברעג פון זברוטש. מרדכי עטינגער האָט אויפגעמישט אַ ניי בלעטל, און נאָך אמאָל אַ בלעטל, געזוכט קאַפּיטלאַך און ניט געוואוסט וואו זיך אָפּ־צושטעלן, און צום סוף האָט ער אויפגעמישט אַ בלעטל מיטן פּסוק

— האספסוף אשר בקרבו —

אָבער ער האָט דאָס אויך ניט געלייענט. ער איז געווען מיד. אים האָט געשווינדלט פאַר די אויגן. ער האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין זיינע פיס. איבער זיין מח האָט זיך צע־לייגט אַ שווערע טעמפּקייט. ער האָט פון גאָרניט, ניט געקענט טראַכטן. אים איז באַפאַלן אַ שלאָף. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן.

אָבער, ווי נאָר ער האָט איינגעדרימלט, אזוי איז באַלד די טעמפּקייט פון זיין מח צערונען. אַ ווייסער מאָרגנשיין איז אויפגעגאַנגען איבער אַ קלאָרן בלויען הימל. פון ערגעץ האָט געפלאָסן אַ שטילער, בלויער טייך, איבער דער אויבערפלאַך פון טייך זיינען ארומגעשוואומען קליינע פיש. די פיש־לאַך האָבן שפּילעוודיק זיך געיאָגט איינס נאָכן צווייטן. איבער דער גאַנצער וועלט איז מיט אמאָל געוואָרן צעשפּרייט אַ שטילע רואיקייט. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע טראַמוואַיען און גאַסן־באַנען און אָטאָמאָבילן. פון אַלע מענטשן איז געוואָרן שטילע, שאָרנדיקע שאָטנס. אַלע קי און פערד און אַלערליי באַשעפע־נישן זיינען געבליבן ליגן צעלייגטע — שטילע פלעקן איבער דער גאַנצער אויבערפלאַך פון דעם ערד קוגל. מרדכי עטינגער האָט מיט זיינע אייגענע חושים געפילט אָט דעם איבערגאַנג. ער אַליין איז ביסלאַכווייז איבערגעגאַנגען און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פעדערדיקער לייכטקייט. דער קאָפּ האָט זיך געווינגט פון אַ שטילן ווינט. די האָר אויפן קאָפּ זיינען געוואָרן נאָך דינער, און זיינען שטיל געלעגן איבער דעם שטערן און איבער דער פאַטילניצע. כאָטש פאַרמאַכטע, זיינען דאָך זיינע אויגן געווען זעענדיקע. שאַרפע. ער האָט געזען בילדער. ער

האָט פאַרנומען געדאַנקען. ליגנדיק אַזוי, שוין איצט, אַן אויס־געצויגענער, איבער דער ווייכער סאָפע; די אויגן פאַרמאַכט, די יאַרמולקע פאַררוקט איבערן קאַרק, די רעכטע פוס עטוואָס אויסגעבויגן, ווי אַ קראַקווע, און מיט האַלב־אָפענע ליפּן, ווי אַ געחלש׳טער, האָט ער איצט שטיל און שאַרף אויף אויסנ־ווייניק, נאָכגעזאָגט די ווערטער, וועלכע ער האָט ערשט מיט אַ מינוט פריער ניט פאַרשטאַנען.

ער האָט געזאָגט:

— פרייט אייך און טאַנצט אויף דעם גרויסן חסד, וואָס גאָט טוט מיט אייך.

שטילער און שטילער איז געוואָרן זיין קול. עס באַוועגן זיך שוין בלויז די ליפּן. דער פוס ציט זיך ביסלאַכווייז אויס, און שלעפּט מיט דעם זיידענעם צודעק פון דער ווייכער סאָפע.

— האָט עמיצער זיך באַוויזן אין טיר? ווער שטייט אַ באַוועגלאָזער איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצן טוך? אויגן־גריבער — איינציקע, אָפּגעטיילטע ריפּנביינער — לאַנגע, שמאָ־לע ביינער, אנשטאָט פיס — מרדכי עטינגער האָט שטיל אָנגעהויבן כאָרכלען. ער איז איינגעשלאָפן.

8

מיט יעדן טאָג איז איצט מרדכי עטינגער געוואָרן שוואַ־כער. זיין קאָפּווייטאָג איז איצט געווען כמעט אַ טעגלאַכע זאַך. אַלע טאָג, אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר אויפגעעפנט זיינע אויגן, האָבן זיך די שוואַרצע רערער געדרייט פאַר זיינע אויגן, ער האָט זיך אָנגעטאָן. געלייגט טלית און תפילין, און בלויז פון יוצא וועגן האָט ער גענומען אַ ביסן אין מויל אַריין.

דער דאָקטאָר איז רעגלמעסיק יעדען טאָג געקומען. אַלע טאָג האָט דער דאָקטער פאַרשריבן נייע רעצעפּטן. אלדד קומט יעדן אוונט מיט אַ באַריכט פון טאָג. אַ קרעכצנדיקער האָט מרדכי עטינגער אָנגעטאָן זיינע ברילן. ער מוז יעדע זאַך מיט די אייגענע אויגן זען. ער מוז איבערקוקן די חשבונות. זיין הויכער שטערן איז בלאָס. די צוויי קליינע הערנער איבערן שטערן, האָבן איצט בולט אַרויסגעשפּאַרט. מיט אלדד׳ן וויל

ער זיך נאָך אַלץ שפּאַרן. ער וויל אים נאָך אַלץ דיקטירן, מרדכי עטנגער וויל זיך ניט אונטערגעבן.

— דער דאָקטער האָט געראָטן זיך אַריבערקלייבן אין די בערג — זאָגט אַלדר. — בייטנדיק דעם קלימאַט, וועט עס אייך אַ סך גוטס טאָן.

— איז וואָס זאָגסטו — ענטפערט עטינגער — די צאָלונ־גען קומען אַריין מאָנאַטליך?

— יאָ, זיי קומען מאָנאַטליך — זאָגט אַלדר.

— און די שול איז שוין אינגאַנצן פאַרטיק?

— פאַרטיק — ענטפערט אַלדר.

— איז דאַרפן מיר איצט ווייטער אַרבעטן — זאָגט עטינ־גער — איצט וויל איך אויסבויען אַזאַ מקום קדוש, וואָס מען האָט נאָך דאָ פון אַזוינס ניט געהערט — איך וועל אויסבויען אַ בית ספר — וואו אידן זאָלן זיצן און לערנען תורה.

ער האָט זיך אין מיטן שמועס געכאַפּט פאַרן קאָפּ. די קליי־נע העמערלאַך אין ביידע זייטן שלייפן האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן, ווי נאָגענדיקע פּיאַווקעס. פון גרויסן ווייטאָק האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. זיינע ציין זיינען גע־וואָרן טערפּקע, ווי מען בייסט איין אַ זויערן עפּל.

— מירן בויען — באַרואיקט אים אַלדר — אַ בית ספר. אידן וועלן לערנען תורה.

— גיב מיר אַביסל וואַסער — זאָגט עטינגער — מיר איז טרוקן אין מויל. דו ביזט אַ גוטער, אַלדר. אַ גוטער. דו ביזט מיין מליץ יושר. איך בין דיין מליץ יושר. זעסט, איך האָב דיך אויסגעהיט. עטעל האָט דיך געוואָלט פאַר׳קנס׳ן. איך האָב פאַרשטאַנען אַז עס טויג ניט. אָבער זאָרג זיך ניט. סיי ווי וועסטו קריגן דיין חלק. אויף בעקי׳ן פאַרדריסט מיך. זי איז אַ וואויל קינד. מיט אַ פיינעם מאַן, וואָלט זי אויסגעוואַקסן אַ אידישע מאַכטער.

אַלדר׳ן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. די צעבראָכנקייט פון דעם אַנטקעגנדיקן מענטשן האָט אים אַליין נעבראָכן.

— איז ער שולדיק אין דעם אַלעמען?

— זאָל ער אים זאָגן אַז ער האָט ליב בעקי׳ן? זאָל ער אים זאָגן, אַז ער איז אפילו גרייט מיט איר חתונה צו האָבן?
ווען אלדר איז אַרויס פון מרדכי עטינגער׳ס צימער, איז ער געבליבן שטיין מיט פרוי עטינגער אין עס־זאַל.
— מען מוז אים פון דאַנען צונעמען — האָט אלדר געזאָגט — מען מוז בייטן דעם קלימאַט. מען דאַרף זען קריגן אַ וואוינונג אין די בערג.

די געשעפטן — „די עטינגער וואולן קאָ.", די „עטינגער ריעלטי קאָרפּאָריישאָן", און די „פּלעטבויש דעוועלאָפּינג קאָ." זיינען זיך דערוויייל געוואַקסן מיטן נאַטירלאַכן וואוקס. הונדערטער און הונדערטער פּעק מיט וואָל זיינען רעגלמעסיק, יערע וואָך, און יעדן טאָג אַרויסגעשיקט געוואָרן, און אַריינגענומען געוואָרן. מען האָט שוין איצט פאַרצווייגט נייע מערק. מען האָט געהאַנדלט מיט ענגלאַנד און מיט פראַנקרייך. מען האָט געשיקט סחורה נאָך בעלגיען און אין די פּאַרוואָרפענע באַלקאַנען. מיט אַ רויטן זיגל, פאַרזיגלט, האָט מען אויף די גרויסע פּעק בלויז צוגעשריבן — „מיט דער ראָיאַל מייל קיין ענגלאַנד" — עקסטרא ספּעשעל קיין פראַנקרייך. די הייזער אויף בראָדוויי און אין דעם אונטערשטן טייל פון שטאָט זיינען געווען אַלע באַוואוינטע. אַלע פענסטער שטייען באַלויכטן. הונדערטער און הונדערטער מענטשן לויפן אַריין און אַרויס דורך די פון זיך אַליין דרייענדיקע טירן. די הייזער „דאַון טאַון" זיינען אַלע פריש געפאַרבטע, צו דער מינוט רעמאָנטירטע. גאַנץ דרום פּלעטבויש איז שוין פאַרקויפט. די ערשטע „מאַרטגעדזשעס" ליגן זיכער פאַרשלאָסענע אין די הויכע פייער־קאַסעס. די שול אויף סאַנסייט עוועניו גלאַנצט אַנטקעגן דער פריי צעלייגטער זון. אַ נידריקע, אָבער ברייטע געביידע, האָט די שול פאַרנומען כמעט אַ פערטל פון דעם גאַנצן קוואַרטאַל. מיט האַלבקייַלעכדיקע, הויכע סלופּעס אונטערגעשפּאַרט, איז דער אַריינגאַנג געווען, ווי אין אַ סקלעפּ, אַ געהיימניספולער. ווען מען האָט אויפגעעפנט די האַלבע, שווערע טירן, האָט פון דער שול געגעבן אַ שלאָג אין פּנים אַריין אַן איינגענעמע קילע לופט. שמאָלע, הויכע פענסטער, פאַרענדיקט אין אַ האַלב־רונד, האָבן מיט זייערע קאָלירן זיך

נעמיניעט אין גאס ארויס. אין פראנט איז געווען א ברייטער, ביז צום וועג פארצוימטער גרינער גראז, ווי א פריש אויסגע־קערטער גרינער דיוואן. און אונטער דער שול איז געווען דאס גרויסע שפיל פלאץ פאר דער יוגנט.

א ניי־מאדישע שול איז עס געווען. ווי עס איז ניי דאס גאנצע אידישע לעבן אין אמעריקא. מיט קליינע חדרים׳לאך פאר די וואכעדיקע מנינים. מיט א גרויסן אונטערגרונט פאר שפילערייען, מיט א גימנאסטיק פלאץ פאר דעם „יאנג־דזשודרא", מיט א גרויסן זאל פאר אידישע אסיפה׳ס.

אין דעם דאזיקן גרויסן זאל האט מען דאס פאררופן די ערשטע אסיפה, כדי אנצוטאן כבוד דעם אידן, וואס האט געבויט די שול.

מרדכי עטינגער איז געקומען יענעם שבת צו נאכט אין שול ארײן. עס איז געווען דאס ערשטע מאל, וואס ער איז באטראכטן די שוועל פון זיין מקום קדוש. דאס הארץ האט אין אים געקלאפט. אויף זיין שטערן זיינען געשטאנען טראפנס שוויים. זיינע ליפן האבן געציטערט און עס האבן אים גע־קלאפט די ציין אין מויל. ער איז פארכאפט געווארן פון דעם גרויסן אידישן ישוב. ער האט שוין דארטן געטראפן א פולע שול מיט מענטשן. די צוויי גרויסע עלעקטרישע לאמפן, אונ־טערגעשפארט מיט צוויי לייבן, האבן באלויכטן דעם גאנצן ברייטן ארײנגאנג. די טירן זיינען געשטאנען צעפראלטע. מע־נער און פרויען זיינען ארײן און ארויס. מען האט זיך גע־וואונטשן „גוט־וואך". מען האט זיך געדריקט הענט. אלטע און יונגע זיינען פארשלונגען געווארן אין דער בלענדנדיקער ליכט. אין ציונ׳ס פאן איז געווען באדעקט דער אויבנאניקער באלעמער. אין אמעריקאנישע פאנען זיינען געווען איינגעוויקלט די פארענ־טשעס, וואס האבן אפגעטיילט די ווייבערשע שול. עס האט גע־שפילט מוזיק. קינדער זיינען ארומגעלאפן און געווייעט מיט אלערליי דגל׳ס — דגל מחנה יהודא — דגל מחנה זבולן — דגל מחנה גד. מענער אין הויבע, זיידענע היט, און פרויען אין שור־שענדיקן זייד, האבן זיך אויסגעמישט מיטן ארימן פאלק. עס איז געווען אן אמת׳ער פאלקס יום־טוב. עס איז געווען א בילד

פון שרייענדיקע קאָלירן אויף קנאַקעדיק זייד אויסגעמישט מיטן טונקעלן פאַרב פון די אָרימע מאַסן. שמעקעדיק זייף, ריחות פון פאַרפיום האָבן זיך אויסגעמישט מיטן ריח פון מעל און טוכלער ערד. מען איז געגאַנגען הקפות. מען האָט געטאַנצט מיט דער תורה. מענטשן האָבן זיך געקושט. מרדכי עטינגער האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ ווינקל און אָנגעהויבן וויינען.

אים האָט זיך דעמאָלט געדוכט, אַז ער איז אויסגעהוילט פון אַלע אירדישע חושים. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער איז עמיצער אַ ווייט אַנקומענדיקער, צי עמיצנס אַ חתונה. — נאָט איז דער ערשטער — דער טשאָרטקאָווער דער צווייטער — איז מרדכי עטינגער דער דריטער? איז ער ניט משה רבינו, וואָס האָט זיך פאַרזאַמט פערציק טעג אויפן באַרג סיני? האַלט ער ניט אין זיינע הענט די לוחות? ער האָט געהאַלטן אין זיינע הענט אַ ספר תורה. מענטשן האָבן אים, צוזאַמען מיטן ספר תורה אויף די הענט, געטראָגן, און מען האָט זיך מיט אים, ווי מיט אַ ספר תורה אין אַ ראָד געדרייט. מרדכי עטינגער איז געוואָרן היסטעריש.

מען האָט געבראַכט דעם דאָקטער. מען האָט אים באַרואיקט. ער איז געזעסן אויבנאָן. קיינער איז שוין נאָענט צו אים ניט צו־געקומען. עטעל האָט יעדע ווײַלע אָפּגעווישט זיין שטערן. זי האָט אים אונטערגעשטעלט אַ בענקעלע אונטער די פיס — שטעל אַרויף די פיס — האָט זי געזאָגט — זע ווי מיד דו ביזט?

— אידענע, אידענע — האָט ער שטיל געמורמעלט — און ווען איך זאָל אַפילו היינטיגע נאַכט שטאַרבן, קומט מיר דען אַזא כבוד?

מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל. איבער דער גרוים באַלויכ־טענער שול האָט זיך דורכגעטראָגן אַ פיינלאַכע שטילקייט. עמיצער האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן צו ריידן. דאָס קול פון דעם מענטשן האָט געציטערט. דער מענטש איז געווען אויפגערעגט. ער האָט שטיל געזאָגט:

— רבותי! מיר האָבן פאַררופן די היינטיקע אסיפה לכבוד החכם המפורסים, והנגיד רב' מרדכי עטינגער. פריער צו גאָט און דער נאָך דעם אידן דאַרפן מיר דאַנקען פאַר דעם מקום קדוש

אין וועלכן מיר שטיין איצט. דאָ, אין דעם געשטאַלט פון דעם אידן קענען מיר זען ישראל׳ס השגה. ניט אַפּשאַצן איז אַ אידנ׳ס האַרץ. נאָך אַזוי פיל יאָרן פון גלות הויבט ווידער אויף אויפצוּלעבן דעם אידנס גרויסקייט. מיר זעען פאַר זיך אויפגיין אַ נײַ פאָלק, מיט דער אַלטער אמונה. מיט די אַלטע מנהגים. אָבער אין אונזער גרויסער פרייד, טאָרן מיר ניט פאַרגעסן אונזע־רע ברידער אויף יענער זייט ים. און די צווייטע העלפט פון אונזער אסיפה דאַרף איצט זיין צו באַטראַכטן מיטלען, ווי אַזוי אונזערע ברידער דאָרטן צו העלפן. רב איטשע האָט געקראָגן אַ בריף פון דעם רב. רב איטשע וועט אייך דעם בריף איבער־לייענען.

רב איטשע, אַ איד מיט אַ שיטערע, לאַנגער, געלער באָרד, מיט אַ פֿויגלדיקער נאָז, אַן אָרעמאָנגעטאָנענער און אַ זאַהיקע, האָט זיך דורך געשטופּט פון צווישן דעם עולם. אַ שעמעוו־דיקער איז ער צוגעגאַנגען צום באַלעמער. אין זײַן באָרד איז נאָך געווען אײַנגעקלעפּט שטויב און שטיקלאַך פּאַוואָטינע פון דעם וואָכעדיקן מסחר. ער האָט פאַרשפּיליעט זיין ראָק, און מיט אַ שווער לשון האָט ער אָנגעהויבן

— איך... איך... קען.. קען... נישט ר־ר־ר־רעדן. איך... בין אַ כבד פה. מיך־מיך־מיך האָט גאָט געשטראָפט. דער־ר־ר־ר־ריבער וועל איך אייך אַליין געבן דעם בריף צו לייע־נען.

שוין איצט, ביי די רייד די אומפאַרשטענדלאַכע, האָט איינע אַ אידענע אָנגעהויבן צו וויינען. פריער שטיל, אין זיך. נאָר וואָס ווייטער האָט זיך איר קול צעוויקלט. דאָס קול איז גע־וואָרן ווי דאָס וואָיען פון אַ היימלאָזן הונט. דאָס קול האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע ווינקעלאַך.

אַלע אין שול זיינען געוואָרן פאַרציטערטע. דער אידע־נעס קול האָט זיך צעליגט, ווי אַ כישוף איבער אַלעמענס הער־צער. אין אַלע ווינקעלאַך האָבן מענטשן אָנגעהויבן הוסטן. שלוכצן.

דער ערשטער מאַן האָט גענומען דעם בריף פון רב איטשען און אָנגעהויבן לייענען.

אלע זיינען געבליבן ווי צוגעשמידטע צו זייערע פּלעצער. דער מאַן, וואָס האָט געלייענט דעם בריוו, איז געבליבן אַזוי שטיין אין דער זעלבער פּאָזע, ווי בשעת׳ן לעזן. ער איז געשטאַנען אַזוי באַלויכטן פון דער שאַרפער ליכט, ווי איינער, פון וואקס אָן אויסגעגאָסענער.

און פּלוצלינג איז די לופט דורכגעגרילצט געוואָרן פון אַ משונה׳דיקן גרילץ. פון אַ ניט־מענטשלאַכן קוויטש. די אידענע, וואָס האָט פריער געוויינט אין דער שטיל האָט זיך איצט היסטעריש צעקוויטשעט — מיינע טעכטער — מיינע צוויי טעכטער — נעמט צו מיין קלייד, נעמט צו מיין מאַנטל!

די פרוי האָט אָנגעהויבן פון זיך רייסן אירע קליידער. זי האָט זיך געריסן פאַר די האָר. זי האָט געקוויטשעט אַלץ העכער. אירע אויגן זיינען געווען רויט־פאַרלאָפן. זי האָט זיך געריסן צום באַלעמער. זי איז אוועקגעפאַלן אַ פאַר׳חלש׳טע.

און עס איז געווען, ווי אַן אומזעבאַרע האַנט וואָלט זיך מיטאַמאָל איבער דעם מקום קדוש פאַרשפּרייט, און אויף אַלעמען אַ שרעק אָנגעוואָרפן. די אַט ערשטיקע פרייד, איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ ים פון טרערן. אויף דער אידענע קוקנדיק האָבן אַלע אָנגעהויבן צו וויינען. מיט צעפלאַמטע פּנימער, און מיט רויטע אויגן, האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן שטופּן צום באַלעמער צו. זיי האָבן אָנגעהויבן שלעפּן דאָס געלט פון די קעשענעס. אייניקע האָבן אויסגעטאָן זייער צירונג. עס האָט זיך געדוכט, אַז די מענטשן ווילן מיט זייער לעצט העמד זיך אויסקויפן פון עפּעס אַ שרעק, וואָס עס איז זיי אַלעמען באַפאַלן.

מרדכי עטינגער האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין ווייב׳ס הענט. מיט ציטערדיקע פיס האָט ער זיך דורכגעשפּאַרט דורך דעם ענגן עולם. ער איז אַרויף אויפן באַלעמער. זיין פּנים איז געווען פאַרקרימט. זיין נאָז אויסגעצויגן און פויגלדיק שפּיציק. דער קנאָפּ אין זיין האַלדז איז געשפּרונגען אַרויף און אַראָפּ, גלייך, ווי ער זאָל עפּעס שנעל שלינגען. מיט אַ הייזעריק כריפּענדיקן קול האָט ער געזאָגט

— רבותי...

אבער מער ווי דאָס וואָרט האָט ער ניט געקענט אַרויס־ריידן. ער איז אומגעפאַלן אין חלשות.

אַ נאַכט פון ווילדע חלומות. קעץ האָבן זיך געריסן און געפּורסקעט פון צווישן די וואַנצן. די אויערן זיינען פאַרלעגט מיט בלאָטע. פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזוי פיל בלאָטע אין מרדכי עטינגערס אויערן? ער קען גאָר ניט הערן.

אויף מאָרגן איז ער שוין אויפגעשטאַנען אינגאַנצן אַ קראַנקער.

זיין גומען איז אים געווען טרוקן. זיין צונג ווייס. עס האָט אים געשטיקט אין האַלדז. אַ שאַרפע ווייטאָק האָט זיך צעליינגט איבער די קרייזשעס. אים האָט געוואָרפן אין קעלט.

— דעקט מיך צו, דעקט מיך צו — האָט ער זיך געבעטן — מיינע פיס. עס איז מיר קאַלט אין די פיס.

עס איז געקומען דער דאָקטער. דער דאָקטער איז שוין ניט אַוועקגעגאַנגען. אונטערגעשפּאַרט אַרום און אַרום מיט קישנס איז ער אַזוי געזעסן אין בעט, און מיט אַ שוואַכער שטימע גערעדט צום דאָקטער.

— וואָס וואָלט איר געטאָן אויף מיין אָרט? איך ווייס מיינע טעג זיינען געציילטע. זיך אַליין אַוועק גע׳הרג׳עט. אין מיין אייגענעם גאָלד וועל איך דערטרונקען. נאָך וואָס האָב איך דאָס אַלץ באַדאַרפט? נאָך וואָס האָב איך דאָס אַלץ געטאָן? איך האָב אַליין גאָט געבעטן ער זאָל מיר צושיקן אַלדד׳ן — ער זאָל מיר געבן נאָך מער רייכקייט — איצט וועל איך אין גאָלד דערשטיקט.

— איר וועט נאָך געזונט ווערן. איר וועט געזונט ווערן! וואָרום האָט איר מיך נעכטן ניט געפאָלגט און געגאַנגען איז שול אַריין?

— אין שול אַריין? — מרדכי עטינגער האָט שווער געשמייכלט — און ווען איך ווייס איך שטאַרב גלייך אויפן אָרט, גיי איך דען ניט? מיין גאַנץ לעבן איז עס איצט — וואָס נאָך איז מיר אין לעבן געבליבן?

ער איז ווידער אַמאָל געוואָרן אויפגערעגט, אָנגעהויבן צו

שרייען הויך אויפן קול, זיך גריסן פון בעט און ער האָט אָנ־געהויבן טרויסלען מיט די הענט.

דער דאָקטער האָט אים איינגעשפריצט אַ שפּריצאַכץ. עטינ־גער האָט ביסלאַכווייז אַראָפּגעלאָזט צו ערשט דעם קאָפּ, דער־נאָך די הענט. דער דאָקטער האָט אים אינגאַנצן אויסגעצויגן. ער איז איינגעשלאָפן.

אלדר און דער דאקטער און עטעל האבן זיך פארקליבן אין אַ צווייטן חדר, און אויסגעארבעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי אים אריבערצופירן אין די בערג. מען האָט באַשטימט ארויסצופאָרן און קויפן אַ הויז.

— ווען איך זאָל שוין דערלעבן אים זען אוועקפאָרן — האָט עטעל געוויינט.

עס האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ שטיל וואָיען, ווי פון אַ פאַר'חלש'טן הונט. פון צימער, וואו עטינגער איז געלעגן האָט זיך דערטראָגן אַ קול, ווי איינער וואָס רעדט מיט אַ פאַרבונדן מויל. דאָס קול האָט זיך שווער, ווי דורך עפּעס דורכגעריסן, און מיט אַ שרעקנדיקן, בלעכבענעם ווידערקול זיך פאַרטראָגן צו די דריי דאָ זיצנדיקע:

— און אַז איך וועל שוין אויסטיילן מיין פאַרמעגן? וועט דאָס דען זיין מיין כפרה? כדי קומען צו דער מדרגה פון טשאַרטקאָווער דאַרף איך אָפּשינדן מיין הויט. דאַרף איך פאַרברענען אַלעס וואָס איך פאַרמאָג. אידן! גייט אין די גאַסן און שרייט געוואַלד. איך וויל אַלעס צעטיילן! עס איז ניט מיינס. עס איז גזלה. זאָגט אַלעמען אָן גלייך אַהער צו קומען. אַלע ארבעטער מיינע. צווישן זיי וויל איך מיין פאַר־מעגן צעטיילן — ברוך אתה אדוני — אלהנו מלך מלכי המלכים...

דער דאָקטער איז צו אים צוגעלאָפן. עטעל האָט אָנגע־הויבן הויך אויף אַ קול צו וויינען. מרדכי עטינגער האָט לאַנג־זאַם געעפנט די אויגן. עס איז געווען צוויי גלעזערנע אויגן — פרעמד אַריינגעשטעלטע.

9

מיטן פרילינג איז מרדכי עטינגער'ן געוואָרן בעסער. מען האָט זיך געגרייט ארויספאָרן אויפן לאַנד. די טעג זיינען

געוועזן מילדע. לופטיקע, די בלעטער אויף די בוימער זיינען געוועזן, ווי פריש אָפּגעוואשענע. עס איז געוועזן אַ בלויער הימל, און טעג פול מיט האָפנונגען פאַר אַלע באַשעפענישן.

מרדכי עטינגער איז אַראָפּ פון בעט. ער איז אַרויס אין גאַס. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן גאָרטן. ער האָט באַטראַכט די ביימער מיט די פרישע איינגעזעצטע בלומען. ער האָט גע־הערט ווי די קליינע, גרויע שטיינדלאַך אונטער זיינע פיס סקרי־פּען, ווי ווען מען טוט אָן אַ פּאָר נייע שיך. ער איז געווען מאָגער. זיינע פּלייצעס סטילעוואַטע. נידריק צווישן די אַקס־לען האָט אַריינגעזונקען דער קאָפּ. אַרום די אויגן איז געווען לויז די הויט, ווי איינגענייטע קישעלאַך. מרדכי עטינגער איז צוגעגאַנגען צום דרויסנדיקן וואַסער־קראַן און מיט איין מאָל אויסגעטרונקען אַ פול גלאָז וואַסער.

— אַ, ווי גוט — האָט ער זיך מחיה געווען — דו פילסט ווי עס שווענקט דיר אויס די קישקעס.

אין אַ וואָך אַרום איז ער אַרויסגעפאָרן מיט דער מאַשין. ער איז געזעסן אין ווינקל פון מאַשין, און פון דאָרט אַרויס באַטראַכט גאָט׳ס וועלט.

ער האָט געזעגנט צו זיך אַליין:

— ווי שיין גאָט׳ס וועלט איז. ווי שיין. וועלכער מאָלער וואָלט דען געקענט אויסמאָלן אַזאַ פּאַנאָראַמע! און וועלכער אַרכיטעקטאָר וואָלט געקענט אויפבויען אַזאַ וועלט! אַפּיקורסים בלויז מיינען אַז מען קען נאָכטאָן גאָט׳ס מעשים. אַפּיקורסים.

ער איז אַליין צוגעפאָרן צו זיין דאָקטער. פון דער מאַשין אַראָפּ האָט ער צום דאָקטער אַריבערגעשריען:

— גוט־מאָרגן, הער דאָקטער! אָט נאָט אייך אייער חולה! וואָס, אפשר אַ ניי פלעשעלע?

דער דאָקטער האָט זיך מיט אים דערפרייט:

— קומט אַריין! קומט אַריין! —

דער דאָקטער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, גענומען עטינגער׳ן אונטערן אָרעם און אים אַריינגעפירט אין זיין אָפיס.

מרדכי עטינגער האָט געשמייכלט. ער האָט באַטראַכט דעם דאָקטערס אינסטרומענטן. זיך אויסגעשטרעקט אויפן לאַנגן עק־

זאמינירונגס טיש, גענומען אין די הענט אריין די שערלאך און די מעסערלאך, און צוגעלייגט צו די אויערן די רערלאך, וואס מען הערט מיט זיי אויס די לונגען. אים האט אנגעהויבן זשור־מען אין די אויערן.

— ווי עס פייפט דארטן — האט ער געשמייכלט.

ער האט זיך אוועקגעשטעלט ואיף דער וואג. עס האט אים געגעבן א קלאפ אין הארצן. ער האט געוואויגן הונדערט מיט צוויי און צוואנציק פונט.

— עס מאכט ניט, עס מאכט ניט — האט ער פארקרימט דאס מויל און קרום געשמייכלט — נים אזוי, דאקטער? דער דאקטער וועט שוין אן עצה געבן! כא, כא, כא — ניט אזוי דאקטער?

ער האט זיך געזעגנט מיטן דאקטער. זיך ארייגגעזעצט אין אטאמאביל.

— פאר אין פלעטבוש — האט ער צום שאפער געזאגט.

די מאשין האט זיך שטיל אוועקגעקאמשעט.

— הייסט עס, אז איך האב אנגעווארן דריי און פופציק פונט? — האט ער אנגעהויבן טראכטן — לאמיר נאר זען. איך האב געוואויגן הונדערט פינף און זיבעציק, אז איך וועג איצטער הונדערט צוויי און צוואנציק — האב איך אנגעווארן דריי און פופציק פונט.

ער האט ארויסגענומען א בליישטיפט מיט א שטיקל פא־פיר, אנגעשריבן הונדערט פינף און זיבעציק, אונטן — הונדערט צוויי און צוואנציק און אונטערגעצויגן. די מאשין האט זיך א וויג געטאן, מיט דעם בליישטיפט אין האנט, האט ער גע־געבן א פארמעק דאס אנגעשריבענע — עס האט זיך בלויז אפגעשטעלט דער ציפער — 2 —

— הייסט עס צוויי?

— וואס צוויי?

— יא. ס'איז צוויי.

— אבער וואס איז צוויי?

עס איז אים געווארן קאלט. די ציין האבן אים אנגעהויבן

צו קלאפּן. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט נאָך לעבן בלויז צוויי —

— וואָס צוויי?

— צוויי יאָר? צוויי חדשים? און אפשר בלויז צוויי וואָכן? צוויי טעג? צי אפשר גאָר צוויי שעה?

— שנעלער פאָר אהיים! — האָט ער פּלוצלינג אָנגע־הויבן שרייען.

ער האָט ניט געקענט איינזיצן אויפן אָרט. פון דעם ווייכן זיץ אין דעם אָטאָמאָביל האָבן זיך אויפגעהויבן שטעכיקע שפּיז־לאַך. ער האָט געוואָלט אַזוי פון אונטן אַרום אָנכאַפּן דעם שאָפער׳ס טשאַפּרינגע און אים אויסרייסן די האָר. ער האָט כמעט ווי געשריען:

— שנעלער אהיים!

ווען דער שאָפער האָט ביים סוף גאַס, אויפן ראָג, אויס־געקירעוועט דעם אָטאָמאָביל איז מרדכי עטינגער׳ן געוואָרן גרינגער. ער האָט געהאַט אַ געפיל פון איינעם, וואָס האָט אויס־געמיטן אַ גרויס געפאַר, און איצט איז אים גוט אויפן הארצן. און מיט אַזאַ געפיל אין זיין הארצן האָט ער שוין וואויל־יונגע־ריש געקענט אָפּשפּעטן און פאַוואָלינקע איבערטראַכטן די פריער־דיקע שרעק.

— הייסט עס, אַז אין צוויי יאָר אַרום וועט פון דיר ווערן אַ מת? אַ נבלה? הייסט עס אַז פון היינט איבער צוויי יאָר וועט אויף דיר ליגן אַ בארג מיט אַש? מיט אַ שווערער מצבה — פּ. נ.? און אַלע דיינע מיליאָנען וועלן ניט העלפן? און דיין גוטער נאָמען וועט ניט העלפן? און די קרעדיט הייזער?

— דו, מרדכי עטינגער, דאַרפסט שטאַרבן.

דער טויט איז איצט געשטאַנען קלאָר פאַר זיינע אויגן. ער האָט געזען דעם מלאך המות — אַ סקעלעט מיט ביינערדי־קע ריפּן, מיט צוויי לעכער אָנשטאָט אויגן. דער מלאך המות האָט געהאַלטן אין זיין האַנט עפּעס אַזאַ לאַנגע זאַך, אַ בייטש צי אַ שווערד, צי אַ קאָסע. דער מלאך המות האָט געוויינט.

מרדכי עטינגער האָט גאָר ניט געזאָגט. ער האָט אין דעם מאָמענט אפילו ניט געטראַכט. ער האָט זיך אינגאַנצן אונטער־

געגעבן. פארקערט, ער האָט געהאַט אַ געפּיל, ווי ער וואָלט עמיצן אויסגענאַרט, עמיצן איבערגעשפּיצלט. ער האָט געהאַט דאָס געפיל פון אַ מענטשן, וואָס כאַפּט זיך אַרויס פון אַ גרויסער געפאַר.

— פאַר אַהיים — האָט ער געזאָגט — וואָס האָב איך שוין דאָ צו טאָן. איך האָב שוין אַלעס אָפּגעטאָן

ער האָט זיך פאַררוקט טיף אין ווינקל פון דער מאַשין.

אָבער פונדעסטוועגן איז אים געווען קאַלט, און אין האַרצן האָט אים עפּעס געשראָקן. און וואָס קעלטער עס איז אים געוואָרן אַלץ שרעקעדיקער איז ער געוואָרן, און וואָס שרעקעדיקער, אַלץ קעלטער איז אים געוואָרן. ער האָט צום סוף אָנגעהויבן שרייען אויפן שאָפער:

— ווי פאָרט מען דאָס אַרויס אַן אַ צודעק! אין וועלכע אַנשטענדיגע הייזער האָסטו עס געאַרבעט? ווי ערלויבסטו זיך נעמען און אַוועק׳הרג׳ענען אַ מענטשן? אַרעסטירן דאַרף מען דיך!

מרדכי עטינגער איז געוואָרן אַלץ אויפגערעגטער. פון אויפרעגונג איז אים געוואָרן נאָך קעלטער. אים האָבן שוין געוואָרפן די ציין אין מויל. ער האָט געהאַלטן אין איין זידלען דעם שאָפער.

— נעמט אייך מיין ראָק — האָט דער שאָפער געזאָגט — ווער וואָלט געקענט וויסן, אַז אייך וועט זיין קאַלט אין אַזאַ וואַרימען טאָג.

— וואַרימער טאָג, וואַרימער טאָג — האָט עטינגער אים איבערגעקרימט — וואַרים איז אים. איך בין אַ קראַנקער מענטש. אפשר וועל איך מאָרגן שטאַרבן. גיב אַהער דיין ראָק.

דער שאָפער האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין. ער האָט אַראָפּגעשלעפּט זיין ראָק, מיט דעם ראָק איינגעדעקט מרדכי עטינגער׳ס פיס. דערנאָך האָט ער זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים ראָד, און ער איז שוין אַזוי ביז׳ן הויז אַריינגעפאָרן מיט אַ וועסט און אַ פּאָר ווייסע אַרבל.

10

סוף מאַי האָט מען זיך געגרייט אין דער שטוב צום

ארויספאַרן. דורך די צענומענע גאַרדינען פון די גרויסע פענ־
סטער האָט אַריינגעשטראָמט פאַסן זון. פון די צעבליטע בוימער
האָט זיך געטראָגן אַ שמעקעדיקער ריח. אַלעס אין שטוב איז
שוין געווען פּאַרפּאַקט אין גרויסע קאַמאָדן. איבער'ן דיל האָבן
זיך געוואַלגערט שטיקלאַך שטריק און אַלטע צייטונגען. עמאַ
איז אַרומגעלאָפן אַ צעטומלטע, אַלע מאָל האָט זי זיך דערמאָנט
אַן עפּעס אַן אַנדער זאַך און זי איז צוריקגעלאָפן אַהין, פון
וואַנען זי איז ערשט געקומען. די אַלטע קעכין איז שוין גע־
ווען גרייט פּאַרפּאַקט מיט איר געשיר. צי אַן אָפענעם קאַמאָד,
וואָס איז נאָך געשטאַנען אין מיטן צימער, האָט עטעל אַלע
מאָל צוגעלייגט קליינינקייטן. עטעל איז געווען צעטראָגן. זי האָט
געוויינט. זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם טאָג ווען זי האָט זיך
געפּאַקט פאָרן קיין אַמעריקע.

— ווי לאַנג איז שוין אין דעם?

דעמאָלט. מען האָט זי אַהער מיט אַ מומע אַריבערגעשיקט.
וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך די פיר, פינף און דרייסיק יאָר?
פּאַקנדיק דעם אָפענעם קאַמאָד, איז עטעל'ן פאַר די אויגן דורכ־
גענאַנגען איר גאַנץ לעבן. אַלע אירע זאָרג און פרייד. אַלע
ערשטע, שווערע יאָרן אין דעם נייעם לאַנד, און איצט... איצט
אַז גאָט האָט שוין געהאָלפן... וואָס טויג איר איצט דאָס רייכ־
קייט איר'ס און דאָס גאַנץ לעבן איר'ס... דייוו איז טויט,
אסתר ערגיץ אין אַ ווייטער שטאָט, מרדכי אַזאַ געפערלאַכער
חולה... ווער ווייסט וואָס מיט אים קען טרעפן... אַזאַ
געפערלאַכער חולה — זי האָט אָנגעהויבן הויך אויפן קול צו
שלוכצן, זי האָט איבערגעלאָזט די אַרבעט און איז אינמיטן
אוועקגעגאַנגען.

אין זיין צימער איז געלעגן מרדכי עטינגער, ער איז געלעגן
אָנגעלענט, אָרום געלייגט אָרום און אָרום מיט קישנס. פון זיין
פּנים האָט געראָנען שווייס. ער האָט אַלעמאָל שוואַך און נער־
וועז געריבן מיט אַ פינגער די באָרד. דער נאַסער שווייס האָט
געקיצלט זיין הויט, דאָס האָט אים דענערווירט, אָבער ער האָט
שוין ניט געהאַט קיין כח זיך אַנטקעגן צו שטעלן.

מרדכי עטינגער האָט שוין ניט געהאַט קיין כח זיך אַנט־

קענגצושטעלן דער מינדסטער זאַך. אַז ווערטער, אין זיין אונ־טערבאוואוסטזיין, האָט ער שוין מיט עמיצן געשלאָסן אַ שלום. עמיצער האָט אַלעם פון זיינע פּלייצעס אַראָפּגענומען, און אַ בעפרייטער האָט ער שוין איצט רואיק געקענט זיך צוהערן צו דעם רינען פון שוויס איבער זיין הויט, און דערמיט זיך איינגאַנצן איצט אָפּגעבן. ער האָט געהערט, ווי אַ טראָפּן שוויס קייקלט זיך אַרונטער פון זיין פּאַטילניצע און לויפט אַרונטער אין האַלדז אַריין — ספּריטנע איז ער דעם טראָפּן שוויס פאַרלאָפן דעם וועג, און מיט אַ פינגער דעם טראָפּן געגעבן אַ וויש אָפּ, פּונקט דעמאָלט, ווען ער איז שוין נעווען נידריק אין קאַרק. ווי אַ קינד האָט ער זיך דערנאָך געפרייט אויף דעם גרויסן אויפטו זיינעם. ער האָט נאָכאַמאָל געטאָן די זעלבע זאַך. ער האָט אַלע מאָל אַריינגעשטופּט צוויי פינגער אין דער שיטערער, פּייכטער באָרד, זיך דאָרטן מיט די צוויי פינגער פאַר אַ סעקונדע גע־ראַיעט, און עפּעס פון דאָרטן אַרויסגענומען, גלייך, ווי ער זאָל דאָרטן קלייבן לייז. און ער האָט געטאָן די אַרבעט בשלומות. פּאַוואָליע. מיט אַ רואיקן געמיט זיך צוגעהערט צום אָנקומען פון אַ פרישן טראָפּן, און פּונקט אַזוי האָט ער מיט אַ רואיקן געמיט זיך צוגעהערט און געענטפערט אַלדד'ן.

— אָלרייט, זאָל זיין אָוועקפאָרן.

אָבער דאָס ריידן זיינס איז שוין איצט געווען אַ ביי־זאַך. דער עיקר האָט ער געהאַט אין זינען זיך. ער האָט זיך געקראַצט. עפּעס געקליבן פון דער באָרד, עפּעס געזוכט אין בוזעם, ריידנדיק צו אַלדד'ן האָט ער אפילו אויף אים ניט גע־קוקט. עס איז אויסגעקומען אַזוי ווי איינער, וואָס טוט עפּעס זייער אַ וויכטיקע אַרבעט, און ווען עמיצער זיצט נעבן אים, וואַרפט ער סתם אַזוי אַרויס ווערטער, וועלכע גייען אים גאָר ניט אָן.

— איך וויים, — האָט ער געזאָגט — אַז איך קען שוין אָוועקפאָרן — דו וועסט פירן די געשעפטן — — — געשעפטן —

אַלדד איז אַרויסגעגאַנגען. צוזאַמען מיט בעקי'ן איז ער פאַרגאַנגען אין דעם לעזצימער. זיי האָבן זיך ביידע אַריינגע־זעצט אין אַ ווייכער סאַמעטענער סאָפע. בעקי האָט איינגע־

נורעט איר קאָפּ אויף אלדד'ס קני. אלדד האָט געקושט אירע הענט. שווייגנדיק האָבן זיי ביידע איצט גערעדט פון זייער ווייטערדיקן לעבן. אלדד האָט געטראַכט פון זיין מאָרגן, און פון זיין איבערמאָרגן; ער מיט בעקי'ן וועלן וואוינען אין א באַזונדער שטוב, אין אן אייגענער היים. ביידע צוזאַמען, וועלן זיי אויפבויען א ניי לעבן, א נייעם דור, אזא בלאָנדן, שטאַרקן, אלדד'ישן דור — אין אלדד'ן רינט רויט בלוט — אין אלדד'ן פּליסט א דורות'דיקער יחוס — אלדד איז ערשט איצט אינגאַנצן צוויי און דרייסיק יאָר אלט, פאַר אים שטייט איצט די וועלט א פרייע און א ברייטע — ער פילט ווי פון אים שפּראָצט ארויס א נייער וואָרצל, פון אים גייט אויף א נייע זון — בעקי! בעקי! זע מיין לייב! טאַפּ אָן מיין איידל פּנים! הער ווי עס קלאַפּט מיין האַרץ מיט דער פריילאכער בשורה! זע...

פלוצלינג האָט זיך דערהערט עטעל'ס משונה'דיק קול. אלע האָבן זיך א לאָז געטאָן צו מרדכי עטינגער'ן אין צימער. אָבער אין צימער איז געווען פּונקט ווי פריער שטיל.

— איך ווייס ניט — האָט עטעל געזאָגט — עפּעס האָט מיר מיטאַמאָל געגעבן אזא קלאַפּ אין האַרצן — — — מיר האָט זיך געדוכט אז דער טאַטע איז טויט...

זיי זיינען שוין זאָלבעדריט פאַרבליבן אין עטינגערס צימער. אלע האָבן געשוויגן. מיט אַמאָל האָט עמיצער זיך אָנגעהויבן שאַרן ארום די וועט. און כאָטש קיינער האָט קיינעם ניט געזען און קיינער האָט קיינעם ניט געהערט, האָט מען אָבער פאָרט געהערט ווי עמיצער שאַרט זיך ארום די ווענט און ארום מרדכי עטינגערס בעט. מרדכי עטינגער איז פלוצלינג געוואָרן אומרויִק, ער האָט אָנגעהויבן אראָפּוואַרפן פון זיך די קישנס, ער האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן, און איז צוריקגעפאַלן. ער איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך. ער האָט גאָר נישט ניט געזאָגט, אָבער מען האָט געזען, ווי עס צוקן די אָדערן איבער זיינע באַקן, ווי עס שפּילן זיך — גרויס און קליין — גרויס און קליין זיינע אויגן, און כאָטש שווייגנדיק, שרייט ער — ראַטעוועט! ראַטעוועט! איך שטאַרב.

— האָט זיך עמיצער באַוויזן אין צימער? איז עמיצער

אריינגעפלויגן דורך דער סטעליע און געטריבן ווינטן אין דעם רוים?

קיינער האָט קיינעם ניט געזען, און קיינער האָט קיינעם ניט געהערט — אָבער עמיצער שאַרט זיך פאַרט אַרום די ווענט. מרדכי עטינגער פּרובט זיך נאָך אַמאָל אויפשטעלן. עס דוכט זיך אויס, ווי ער איילט זיך. אינעווייניק אין אים, זעט מען, טרייבט עפּעס אַן איבערנאַטירלאַכע קראַפט. ער צעשפּרייט זיין לייב און קאָרטשעט זיך באַלד צענויף, ער עפנט זיין מויל און פאַרמאַכט עס, זיינע אויגן עפענען זיך און פאַרמאַכן זיך — ער האָט אַנגעהויבן הייזעריק כאָרכלען.

מען האָט געבראַכט דעם דאָקטער. מען האָט אים איבערגע־טראָגן אין אַ צווייטן בעט אריין. דער דאָקטער האָט אים גע־מאַכט אַן איינשפּריצונג. מרדכי עטינגער האָט פאַרגלאָצט מיט די אויגן, מיט די ליפּן צעעפנט, ווי איינער מיט געשוואָלענע יאָס־לעס האָט ער עפּעס שטיל און אומפאַרשטענדלאַך געררעדט.

דערנאָך איז שוין זיין קול געווען קלאָר. אויף אויסווייניק האָט ער געזאָגט קאַפּיטלאַך תהילים. גערעדט פון די קינדער, גערעדט פון זיין ווייב עטעל, ער האָט אַזוי גערעדט ביז אין גרויען פאַרטאָג אריין.

אין דער פרי, ווען עס האָט אָנגעהויבן בלויען אויף טאָג, האָט ער אויפגעעפנט די אויגן. די אויגן זיינען געווען בלויע און קלאָרע. זיין שטערן איז געווען קלוג פאַרקאַטשעט. זיינע ליפּן זיינען געווען ברייט צעעפנטע, ווי עמיצער ווען עס איז הייס אין מויל, און ער וויל דאָס מויל אָפּקילן. ער האָט קלאָר און שטיל געזאָגט:

— דאַנקען גאָט, איבערגעקומען. זאָגט נאָך מיר קדיש. דאַנקען גאָט — שמע — ישראל — שמע — שמע — שמע —

ער האָט זיך שטיל אויסגעצויגן. עטוואָס אַז אַ זייט האָט ער פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. די פּיס האָבן זיך ביסלאַכווייז אויס־געשטרעקט. די הענט אויף ביידע זייטן בעט זיינען געבליבן ליגן איינגעקרעמפּטע. ער האָט שפּיציק אַרויסגעשטופּט דאָס קליין צוגעשניצט בערדל, און ער איז געוואָרן אַלץ געלער און קאַלטער.

ברוך דיין אמת.

ניו יאָרק, 1923-1926

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

933

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT
21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

אידישע פאלקס ביבליאטעק
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

#933
F.